שיחות קודש
תשמ״ט
— ב —

ח״י כסלו – שבת פ׳ תזריע, ג׳ ניסן

•

מאת
כבוד קדושת
אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
שניאורסהאן
מליובאוויטש

הנחת הת׳ בלתי מוגה



שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושש לבריאה

להערות:
SifreiSichosKodesh@gmail.com

פתח דבר

לתועלת הרבים מוצאים אנו בזה ליקוט מקונטרסי השיחות של כ"ק אדמו"ר זי"ע - ההנחות ד"ועד הנחות התמימים" שיצאו לאור בשעתם. השיחות הם רשימות השומעים בלבד - ולא הוגהו ע"י כ"ק אדמו"ר (מלבד אלו שמצויין אחרת).

*

הוצאה זו היא צילום מההנחות כפי שיצאו לאור בפעם הראשונה, ולא עלה בידינו לתקן טעויות הדפוס וכיו"ב שנפלו בהקונטרסים. ועוד, שלע"ע עדיין לא מצאנו העתק מכל החוברות שהתפרסמו בשעתו, ובקשתינו שטוחה, מכל מי שיש ברשותו הנחה שלא הגיע לידיינו - שימציאה לידינו בהקדם, ע"מ לזכות את הרבים.

*

במפתח שבראש הספר רשמנו כל השיחות שנאמרו בתקופה הנכללת בספר (כמצויין בדף השער). השיחות המצויות בספר זה רשומות **במדוגש**, ואלו שלע"ע חסרות רשומות בכתב רגיל. בשיחות המוגהות שהתפרסמו בשעתם ציינו כוכב לצידם, ובכמה מהם לא נכללו כ"א חלק מהבלתי מוגה - ההשמטה או ההשלמה - בלבד (היות שחלק המוגה נדפס במקומו - בספר השיחות, בההוספות ללקו"ש, בסדרת תורת מנחם, ועוד). בעריכת המפתח סמכנו ע"פ רוב בספר "מפתח מאמרים ושיחות" בעריכת הרה"ת ר' יוסף יצחק הלוי שגלוב.

* * *

ויהי רצון, שע"י "חידוש הישנות" בתורת כ"ק אדמו"ר, נזכה לשמוע עוד שיחות ומאמרים, בקרוב ממש.

המוצאים לאור

ז' אדר ראשון*, ה'תשע"ו

* ראה לקו"ש חכ"א ע' 317.

מפתח



שיחות קודש
תשמ"ט
— ב —

שיחות
י"ח-י"ט כסלו
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס״ד. שיחת יום א׳ פ׳ וישב, ח״י כסלו ה׳תשמ״ט
- אחרי תפלת שחרית -

הנחת התי בלתי מוגה

א. היינט איז ח״י כסלו, און ער קומט בהמשך צו שבת (וואס מיני׳ מתברכין כולי׳ יומין״[1]), וועלכע איז געווען טו״ב כסלו, וכמדובר שבת אז ח״י און טו״ב כסלו זיינען נאכמער מעורר אויף צו טאן די אלע ענינים פארבונדן מיט הפצת המעינות חוצה - מיוסד אויף הפצת היהדות חוצה.

און דאס ווערט אויך א הכנה צו ימי החנוכה וועלכע קומען גלייך בסמיכות לימים אלו.

ב. ויה״ר אז די פעולות אין הפצת המעינות חוצה און די הכנות לימי החנוכה זאלן זיין א הכנה קרובה צו חנוכת בית המקדש השלישי.

ובפרט אז מ׳וועט איצטער טיילן געלט אויף צדקה, וואס ״גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה״[2], ובמיוחד אז צוזאמען מיט די צדקה איז מען מוסיף אין הפצת המעינות חוצה צוזאמען מיט (ומיוסד אויף) הפצת היהדות חוצה, זאל דאס נאכמער צואיילן די גאולה, אינגיכן ממש ביז אז ״לא עיכבן אפילו כהרף עין״[3].

ווי דער רמב״ם פסקנ׳ט[4] אז ״לעולם יראה האדם עצמו שקול וכל העולם כולו שקול וכל מעשה ואפילו דיבור או מחשבה מכריע עצמו וכל העולם כולו ומביא ישועה והצלה״.

ביז צו דער ישועה האמיתית והעיקרית, ואדרבא דאס זאל זיין דער אנהויבס, ולא עיכבן אפילו כהרף עין, און עס קומט גלייך די ישועה והצלה כללית ופרטית, גאולה האמיתית והשלימה על ידי משיח
צדקנו.

[כ״ק אדמו״ר שליט״א חילק שטרות של דולר לכאו״א לתת אותו (או חילופו) לצדקה ובהוספה מדילי׳].

——— * ———

1) זח״ב סג, ב. פח, א. 2) ב״ב י, א. 3) מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 4) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ג ה״ד.

בס״ד. שיחת יום א׳ פ׳ וישב, אור לי״ט כסלו תשמ״ט
אחרי תפלת מנחה ומעריב

הנחת התי׳ בלתי מוגה

א. עס הויבט זיך איצט אן י״ט כסלו. איז לכל לראש פאראן דברי הרב[1] אז יעדערער זאל זאגן צו יעדערן: ״לשנה טובה בתורת החסידות ובדרכי החסידות תכתב ותחתם״ (- מיטן דיוק בלשון יחיד).

ויהי רצון אז נאך דער וואונטש זאל יעדערער טאן כל התלוי בו אז דאס זאל אזוי אראפקומען בפועל, בדוגמא ווי מ׳זאגט בנוגע ראש השנה בכלל, אז אלע ענינים שטייען דעמולט בכללות, און דערנאך במשך השנה נעמט מען פאנאנדער בכל יום ויום די ענינים פרטיים וועלכע זיינען שייך ליום זה.

ועד״ז ווען עס קומט ראש השנה לתורת החסידות ודרכי החסידות דארף מען דערנאך אראפברענגען די ענינים פון תורת החסידות ודרכי החסידות בכל יום ויום במשך השנה.

און וואס איז דער תוכן פון תורת החסידות ודרכי החסידות - זיינען אין דעם פאראן א ריבוי ביאורים וענינים פון כ״ק מו״ח נשיא דורנו, וועלכע זיינען אויך איבערגעזעצט בכמה מקומות, און עס איז בהישג יד של כל אחד ואחד.

ובפרט אז זינט דעמולט האט מען זיכער געלערנט כו״כ ענינים וואו עס ווערן נתבאר אויך פרטים פון די ענינים, איז עס נאך לייכטער אז יעדערער זאל טאן אין תורת החסידות ודרכי החסידות.

ב. ובכללות איז פאראן די הוראה אין דרכי החסידות - אז עס זאל זיין הפצת המעינות חוצה: אויף יעדער איד ליגט א חוב קדוש פון ״איש את רעהו יעזרו״[2], צו ארויסהעלפן א צווייטן און ביי אים מוסיף זיין (אויב אים ווייזט זיך אויס אז ער קען מוסיף זיין ביים צווייטן) הבנה והשגה אין חכמה בינה ודעת בכל הענינים, ועד״ז בכל עניני י״ט כסלו.

ולאידך, אויב איינער פילט אז ער קען נוצן א תוספת הסברה אין א געוויסע ענין, זאל ער זיך ניט שעמען ווארום ״לא הבישן למד״[3], און ער זאל פרעגען ביי וועמען ס׳איז נאר מעגלעך צו

---

1) ״היום יום״ (ח״י כסלו) בסופו. 2) ישעי׳ מא, ו. 3) אבות פ״ב מ״ה.

באקומען אט דער תוספת ביאור און אלץ אין אן אופן אז דאס זאל אראפקומען אין מעשה בפועל.

ג. בשעת מ'טראכט פון וואס קען מען אנהויבן דעם לערנען אין י"ט כסלו, קומט לכל לראש אן ענין שהזמן גרמא, וואס דאס איז די הלכה פון דעם טאג, אין וועלכן עס ווערט נתבאר דעם ענין פון דעם טאג אין אן אופן פון "תן לחכם ויחכם עוד"[4] נוסף אויף דברי הרב - וואס דאס איז דער "לוח היום יום" [וועלכע איז געדרוקט געווארן בחיי כ"ק מו"ח נשיא דורנו, וואס אויך פרטי פרטים פון דעם ספר'ל זיינען געווען לנגד עיניו] וואו מ'האט א פתגם וועלכע איז מתאים אויף יעדער טאג פון כל השנה כולה.

ובפרט אז בהשגחה פרטית איז דער "היום יום" אויך אויסגעשטעלט אויף א שנה מעוברת, כבשנה זו.

[אע"פ אז בימי השבוע איז די קביעות פון הייגטיקן יאר אנדערש ווי דער יאר ווען מ'האט געדרוקט דעם "היום יום" (ה'תש"ג), קען מען אבער בכל אופן געפינען א התאמה אדער שייכות צווישן די פתגמים שבכל יום במשך השנה], און אויך די פתגמים ווי זיי זיינען פארבונדן מיט דעם טאג המתאים לו זיינען געווען לעיני כ"ק מו"ח נשיא דורנו.

ועאכו"כ די התחלה און אריינפיר פון "היום יום" וואס דאס איז דער פתגם הידוע אין צוזאמענהאנג מיט י"ט כסלו וואס כ"ק מו"ח נשיא דורנו האט פארשריבן און איבערגעגעבן בשם אביו דעם רבי'ן נ"ע (וואס ער איז געווען זיין בן יחיד וממלא מקומו)[5]:

אז י"ט כסלו איז מען ממשיך "מבחי' פנימיות ועצמות אוא"ס ב"ה שיאיר בפנימיות נפשנו אשר כל עצמותינו (ר"ל כל מציאותינו, העצם וההתפשטות כו') יהיו אליו ית' לבד".

וואס דא האט מען גלייך (בהתחלתה פון "היום יום") א פארטיגע התחלה והוראה וועלכע איז געדרוקט און איז בהישג יד של כל אחד ואחת, אנשים נשים וטף.

ד. נאכמער: זינט עס האט זיך אפגעדרוקט די הוראה איז שוין דורכגעגאנגען א ריבוי שנים אין וועלכע מ'האט ממלא געווען הוראות פון כ"ק מו"ח נשיא דורנו, וואס אין די הוראות האט ער כולל געווען הוראות פון אביו כ"ק אדמו"ר נ"ע, וואס ער איז

---

4) משלי ט, ט. 5) ממכתבו דיום ט"ז כסלו תרס"ב.

געוועז זיין ממלא מקום (כנ״ל) - וואס דער לשון ״ממלא מקום״ איז בדיוק, אז ער האט אנגעפילט דעם גאנצן ארט פון כ״ק אדמו״ר נ״ע, און וויבאלד אז דאס איז אן ענין של קדושה, איז דערביי אויך געוועז א הוספה, ביז צו א הוספה שלא בערך.

ויהי רצון אז מ׳זאל זיך אין דעם אריינלייגן, וועט דאס אנקומען א סאך לייכטער ווי מ׳שטעלט זיך פאר.

ביז אז ביי כאו״א וועט זיין ״היום יום״, ווי כ״ק מו״ח נשיא דורנו האט דאס מסביר געווען[6], אז יעדער טאג זאל זיין א טאג ווי א טאג דארף זיין (בשלימות), ביז אז בא יעדער איד און אלע אידן וועט זיין ״בא בימים״[7], אז זיי וועלן שטיין און קומען גאנצערהייט מיט אלע זייערע טעג בתכלית השלימות.

כולל אויך די טעג וואס זיינען שוין דורכגעגאנגען, ווייל דורך ענין התשובה האט מען זיי שוין זיכער משלים געווען (אויך מלשון שלימות), אין אן אופן פון ״היום יום״, עאכו״כ דעם טאג פון ראש השנה לתורת החסידות ודרכי החסידות - י״ט כסלו, ומוסיף והולך ואור.

און דער אויבערשטער וועט זיכער ממלא זיין התלוי בו, מדה כנגד מדה[8], אז מ׳דארף גאר ניט אנקומען צו א הוספה, ווייל ס׳איז גענוג אז ער וועט געבן ״מדה כנגד מדה״,

ביז - די גאולה האמיתית והשלימה, ווייל ס׳איז שוין דורכגעגאנגען א ריבוי ימים פון ״עמדו הכן כולכם״[9] מיט אלע ענינים וואס מ׳האט אויפגעטאן בינתיים, וועט דער אויבערשטער זיכער געבן אז י״ט כסלו זאל זיין דער טאג וואס מ׳גייט ארויס פון מאסר און מ׳גייט אריין אין גאולה האמיתית והשלימה.

און ס׳איז א זיכערע זאך אז ס׳איז ״היום יום״, אנהויבנדיק פון דעם י״ט כסלו שנת תשמט ידיך, זאל שוין זיין ״תשמט ידיך״ - ״דאלאי גלות״, אז עס הויבט זיך גלייך אן די גאולה האמיתית והשלימה, ומוסיף והולך ואור מיום ליום.

---

6) אג״ק שלו ח״ז ע׳ רלא. 7) ראה חיי שרה כד, א. מלכים א׳ א, א. 8) שבת קה, ב. ובכ״מ. 9) מכתב כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ מכ״ו אד״ר תרח״ץ - נדפס בהקדמה לקונטרס לו בתחלתו - סה״מ קונטרסים ח״ב שצז, ב. אג״ק שלו ח״ד ע׳ רעט.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ביז אז נאך אין דעם טאג פון י"ט כסלו! געפינט מען זיך אלע צוזאמען אין דער גאולה האמיתית והשלימה בפשטות, און תיכף ומיד האט מען כל השלימות פון דער גאולה, צוזאמען מיטן בית המקדש השלישי.

ה. מ'וועט מסיים זיין מיטן ענין הצדקה און אין אן אופן פון שלשה פעמים, בדוגמא פון "פדה בשלום נפשי"[10], וואו ער רעכנט אויס דריי ענינים, "פדה בשלום נפשי, מקרב לי, כי ברבים היו עמדי", און ווי אויך אפגעטייטשט אין מס' ברכות[11] (וואס דאס איז אויך די התחלה פון א ריבוי מאמרים פארבונדן מיט י"ט כסלו) אז "כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים ומתפלל עם הציבור מעלה אני עליו כאילו פדאני וכו'".

און די צדקה משולשת וואס מ'וועט איצטער טיילן בשליחות, כדי יעדערער זאל מוסיף זיין בזה כל חד וחד לפום שיעורא דילי' - זאל נאכמער צואיילן אז עס זאל זיין בפשטות "פדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי", תיכף ומיד ממש, ביי יעדערן פון אנשים נשים וטף, דורך דער גאולה האמיתית והשלימה,

ובפשטות ובדיוק - לא עכבן המקום כהרף עין[12], נאר תיכף ומיד גאולה האמיתית והשלימה, מיטן ביהמ"ק השלישי, און כ"ק מו"ח נשיא דורנו בראשינו,

בפשטות למטה מעשרה טפחים, נשמות בגופים, צוזאמען מיט אלע נשמות פון כל הדורות, ובפשטות, בשמחה ובטוב לבב.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א ג' שטרות של דולר, לתת אותם או חילופם לצדקה בהוספה מדילי'].

טרם צאתו התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן פדה בשלום.

*

---

10) תהלים נה, יט. 11) ח, א. 12) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

בס"ד. שיחת י"ט כסלו בלילה, ה'תשמ"ט

הנחת התי' בלתי מוגה

א. בשנים קדמוניות איז געווען דער סדר אז דער עיקר פארברענגען פון י"ט כסלו פלעגט מען אנהויבן לאחרי חצות היום - נאך תפלת מנחה פון י"ט כסלו.

דערנאך האט מען דאס געמאכט (מפני כמה סיבות) נאך מעריב פון י"ט כסלו, אין דער נאכט וואס האט א שייכות צו כ' כסלו.

און מ'האט דאס פארבונדן דערמיט וואס דער עיקר הגאולה איז געווען לאחרי תפלת מנחה סמוך לתפלת ערבית (לפנות ערב)[1], ויש אומרים אז מצד די סיבה וואס די גאולה האט זיך פארהאלטן דריי שעה מצד דעם טעות אין דער כתובת וכו'[2], איז דער גאולה אויסגעקומען גאר ביינאכט (ליל כ' כסלו).

ובנוגע לפועל: דער גאנצער עולם וואס געפינט זיך דא בא דער תפלה האט זיך לכאורה געדארפט איצטער געפינען ביי א פארברענגען[1] פון י"ט כסלו מיטן סאמען ברען.

בכל אופן פרעגט מען ניט קיין קשיות אויף א מעשה: וויבאלד אז דער גאנצער עולם געפינט זיך דא בא דער תפלה, דארף מען זיך דערמיט רעכענען.

ס'איז אבער א זיכערע זאך, ודאי וגם פשוט, אז מ'וועט דערנאך פארברענגען מיטן גאנצן שטורעם ווי ס'פאסט פאר "ראש השנה לתורת החסידות ולדרכי'". וכדלקמן (ס"ג ואילך).

ב. ובפרט אז בשנה זו קומט צו אן ענין מיוחד אין י"ט כסלו - וכרגיל אז מ'זוכט אלעמאל אן ענין מיוחד פארבונדן מיט דעם מאורע, וואס חזר'ט זיך איבער מדי שנה בשנה וכמה פעמים בשנה, ווי ער איז אויסגעטיילט פון אלע מאורעות הדומות לו.

י"ט כסלו היינטיקער יאר ווערט הונדערט און ניינציק יאר זינט י"ט כסלו בפעם הראשונה (תקנ"ט-תשמ"ט).

בשעת מ'זוכט אין חסידות אן ענין פון הונדערט און ניינציק, געפינט מען א דבר הכי גלוי.

י"ט כסלו איז פארבונדן מיט (י"ט) ניינצן (כמובן וגם פשוט),

---

1) ראה "היום יום" י"ט כסלו. 2) ראה לקו"ד ח"א (כט, א).

[ובפרט אז עס זיינען דא כמה וואס זוכן אין דעם רמזים ופירושים, ובעיקר לימודים וואס מ׳לערנט דערפון אפ בנוגע מעשה בפועל].

און צען מאל ניינצן איז הונדערט און ניינציק.

וואס צען בכלל באווייזט אויף ענין השלימות[3] (ווי ס׳מבואר אין חסידות בכ״מ),

און ווי עס שטייט אויך אין משנה הידועה (אין פרקי אבות)[4], וואו ער טיילט חיי האדם אין תקופות פון עשר שנים - ״בן עשרים לרדוף, בן שלשים לכח, בן ארבעים לבינה וכו׳״, יעדער עשר שנים באשטייט פון דער שלימות און פולקאמהייט פון איין תקופה, און דעם אריינגאנג אין א צווייטע תקופה פון עשר שנים א.א.וו.

[אחוץ גאר בהתחלת חיי האדם ווען די חלוקות אין משנה באשטייען פון ווייניקערע יארן, ווייל דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל אנהויבן טאן וואס פריער בכל הענינים פארבונדן מיט דעת וכו׳, האט ער ניט געוואַרט א משך פון עשר שנים ביי די ענינים פון ״מקרא״, ״משנה״, ״גמרא״ און חיוב במצוות, נאר די תקופות קומען שנעלער, און ערשט לאחרי עשרים שנה הויבט זיך אן די חלוקה פון די תקופות של עשר שנים].

ובנוגע לפועל: די שלימות וואס קומט צו יעדער עשר שנים איז דערפאר וואס יעדער עשר שנים הויבט זיך אן א נייע עלי׳ אין א נייע ענין של עבודה, ביז צו אן עבודה חדשה לגבי כל העבודה שלפנ״ז, כמובן וגם פשוט.

ועד״ז איז פארשטאנדיק בשעת עס ווערט הונדערט און ניינציק יאר (צען מאל י״ט) זינט י״ט כסלו בפעם הראשונה.

ג. בהמשך לזה איז א זיכערע זאך, אז מ׳דארף גאר ניט מעורר זיין אז מ׳זאל אויסנוצן די נאכט (וואס איז בהמשך צום טאג פון י״ט כסלו), אויף מאכן א שטורעמדיקן פארברענגען בכל מקום האפשרי, מיטן גאנצן שטורעם ווי ס׳פאסט פאר ראש השנה לתורת החסידות ולדרכי׳.

וכל המרבה הרי זה משובח, סיי בכמות, עאכו״כ אין איכות.

ועד״ז זאל מען אויסנוצן די נאכט באופן כך אויך אין די אלע ערטער וואו מ׳הערט די איצטיקע רייד אדער וואו מ׳וועט איבערגעבן די רייד.

---

3) ראה ראב״ע לשמות ג, טו. פרדס שער ב. 4) סוף פרק ה.

ד. ובנוגע לפועל: די שטורעמדיקע פארברענגענישן וואס מ׳וועט איינפירן כנ״ל זאלן זיין פארבונדן מיט די ענינים פון "תורה", "תפלה (מתפלל עם הציבור)" און "גמילות חסדים"[5], צוזאמען מיט החלטות טובות.

ובפרטיות יותר: בשעת דעם פארברענגן וועט מען זיכער חזר׳ן ענינים פון רבותינו נשיאינו, כולל אויך די דרושים חדשים אין פנימיות התורה וואס מ׳האט ערשט אפגעדרוקט במשך די לעצטע טעג, וועט מען האבן דעם ענין התורה.

און בשעת מ׳חזר׳ט אן ענין אין חסידות בכלל, איז ברובא דרובא דארטן אויך פאראן ענינים של תפלה ותחנונים, האט דאס אין זיך אויך אן ענין פון קו התפלה.

ובפרט אז דערנאך איז מען מתפלל און מ׳ווינטשט-אן אלע תפלות טובות וברכות טובות לכל המסובים - און אויך צו די וואס געפינען זיך ניט ביי דער מסיבה (בגשמיות) טראכט מען וועגן זיי און מ׳פארבינדט זיך מיט זיי במחשבה וכיו״ב, האט מען דערביי אויך דעם ענין פון תפלה בגלוי.

און אז מ׳וועט מאכען החלטות טובות צו געבן צדקה בשעת מעשה, אדער מ׳איז זיך מתנדב לצדקה לאחרי זה, האט מען אויך דעם ענין פון צדקה (גמילות חסדים).

כולל אויך די צדקה וואס מ׳גיט בשעת מעשה, כולל דורך זאגן א גוטן ווארט, אדער א צדקה ע״י ענין של עזר לרעהו באיזה אופן שיהי׳, ביז צו א צדקה - והוא העיקר, צו מְעורר זיין "איש את רעהו", "ולאחיו יאמר חזק"[6], כמדובר כמ״פ.

ה. נוסף לזה, זאלן די פארברענגענישן פון י״ט כסלו נמשך ווערן, ווי ס׳איז געווען דער מנהג בא חסידים גאר ניט לאנג צוריק, עאכו״כ אין די פריערדיקע דורות, אז די פארברענגענס פון י״ט כסלו פלעגט מען ממשיך זיין, ביז אז מ׳פלעגט אריינפארבריינגן אין די ימי החנוכה.

און אפילו אז ס׳איז געווען א שבת אין מיטן וכיו״ב, איז דאך אדרבא - שבת מיט א פארברענגן גייען גאר צוזאמען, ווארום "וביום שמחתכם - אלו השבתות"[7].

נוסף על זה אז צו מאכען א חסידיש׳ן פארברענגן דארף מען ניט

---

5) ראה ברכות ח, א. שיחת אור לי״ט כסלו ש.ז. ס״ה (נדפסה לעיל ע׳ 4).
6) ראה ישעי׳ מא, ו. 7) בהעלותך י, י. ובספרי שם.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

זוכן קיינע טעמים, בשעת מ׳ווייס דער פתגם פון דעם אלטן רבי׳ן (וואס כ״ק מו״ח נשיא דורנו האט מפרסם געווען)[8], אז דאס וואס א חסידישער פארברענגען טוט אויף קען אפילו מלאך מיכאל ניט אויפטאן.

און בפרט ווי מ׳האט גערעדט[9] און מ׳האלט אין איין רעדן, וועגן דעם שטורעם פון חודש כסלו בכלל (ובפרט אז אין חודש כסלו גופא זיינען שוין אדורך צוויי שבתות), עאכו״כ אז אין חודש כסלו זיינען פאראן צוויי ימי הגאולה, יו״ד כסלו און י״ט כסלו, און פון התחלת י״ט כסלו איז שוין דורכגעגאנגען כ״ד שעות.

איז א זיכערע זאך אז מ׳דארף ניט האבן קיין הסברות, וכל המרבה הרי זה משובח (בכמות ועאכו״כ באיכות כנ״ל).

ו. אלס א השתתפות בזה וועט מען אויך איצטער געבן א שליחות אויף צדקה (ווי מ׳טוט אלעמאל).

און צדקה אין אן אופן פון חוט המשולש, ע״ד ווי די גאולה פון ״פדה בשלום נפשי״[10] איז פארבונדן מיט דריי ענינים[5], ובפרט אז די גאולה פון י״ט כסלו בפעם הראשונה (מיט הונדערט ניינציק יאר צוריק) איז געווען ביום השלישי [ווי דער אלטער רבי איז מדגיש אין זיין אגרת הקודש הידועה פארבונדן מיט דער גאולה][11].

און אויך בשנה זו, ווען די קביעות פון י״ט כסלו איז ביום השני, האט מען לאחרי תפלת ערבית אויך דעם אויפטו און שטורעם פון יום השלישי שהוכפל בו כי טוב[12], צוזאמען מיט דעם עילוי און שטורעם פון דעם המשך פון י״ט כסלו.

וואס תפלת ערבית האט אן עילוי מיוחד (כמדובר כמ״פ)[13], וואס זי איז כולל צוויי ענינים: דאס איז דער תשלום און שלימות פון די ״אברים ופדרים״ פארבונדן מיט עבודת היום שלפני זה[14], און דאס איז אויך די התחלה און תרומת הדשן פון דעם יום הבא לאחרי זה[15].

---

8) קובץ מכתבים לתהלים אהל יוסף יצחק ע׳ 199. אגרות קודש אדמו״ר מוהריי״ץ ח״ג מכ׳ תשפד (ע׳ תיג). 9) קונטרס משיחות ר״ח כסלו וש״פ תולדות ש.ז. ס״ט. ש״פ ויצא, יו״ד כסלו ש.ז. ס״ח. 10) תהלים נה, יט. 11) נדפס ב״אגרות קודש״ אדה״ז סי׳ לח. וש״נ. וראה לקו״ש ח״כ ע׳ 180 ואילך. 12) פרש״י בראשית א, ז. וראה פסחים נד, א. 13) ראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 156 ואילך. וש״נ. 14) שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס פט - מברכות כו, ב. וראה רמב״ם הל׳ תפלה פ״א ה״ו. 15) ראה בהנסמן בלקו״ש שם.

ו"תן לחכם ויחכם עוד"[16], ס'איז א שאד די צייט צו רעדן, בעסער פארנעמען זיך מיט המעשה הוא העיקר[17], און גלייך אנהויבן, סיי דא און סיי בכל מקום שהוא, א שטורעמדיקן פארברענגן,

און די פארברענגן זאל זיין פארבונדן (כנ"ל) מיט די נקודות וואס שטייען אין די דרושים פון רבותינו נשיאינו בקשר מיט י"ט כסלו (כנ"ל ס"ד).

ז. ויהי רצון, אז תיכף ומיד זאל זיין דער תשלום שכר בזה מדה כנגד מדה[18]: אזוי ווי בא אידן איז דא זריזות אין זייערע פעולות במעשה בפועל ממש אין ענינים של גאולה, ביז צו דער גאולה פון יפוצו מעינותיך חוצה, פארבונדן מיט ביאת משיח צדקנו - אתי מר דא מלכא משיחא -

זאל אזוי אויך דער אויבערשטער (מדה כנגד מדה) גלייך אראפברענגען די גאולה האמיתית והשלימה, מיטן בית המקדש השלישי (וועלכע איז פארבונדן מיט יום השלישי און כל הענינים של שלישי),

ובשמחה וטוב לבב, ותיכף ומיד ממש.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכאו"א מהנוכחים שיחיו ג' שטרות של דולר לתת אותם (או חילופם) לצדקה, ובהוספה מדילהם].

* * *

16) משלי ט, ט. 17) ראה אבות פ"א מי"ז. 18) ראה סוטה ח, ב. ט, ב. וש"נ. תוספתא סוטה רפ"ד. מדרש לקח טוב שמות ג, ו. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

הכתובת לחשיג ח"תנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-9606887-0

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ וישב, כ"ד כסלו
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ וישב, כ"ד כסלו, ערב חנוכה ה'תשמ"ט.

א. ס'איז פאראן א דיעה אין ראשונים[1] - און אזוי ברענגט זיך בכמה מקומות אין מאמרי חסידות (פון דעם אלטן רבי'ן[2], ועוד)[3] - אז דער גמר נצחון המלחמה בנס חנוכה איז געווען **בכ"ד** כסלו (ניט כדעת הרמב"ם[4] אז דאס איז געווען בכ"ה כסלו).

והימים האלה נזכרים ונעשים[5], כ"ד כסלו מדי שנה בשנה חזר'ט זיך איבער דער ענין פון דעם נצחון במלחמת היהודים מיט אלע די ("יוונים" און "מתייוונים") וואס ווילן "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך"[6] ר"ל.

ובשנה זו קומט צו, אז די קביעות פון כ"ד כסלו איז ביום השבת. ויש לומר, אז אין דעם איז פאראן א חידוש ולימוד אין עבודת האדם.

ב. לויט דער דיעה אז דער נצחון המלחמה איז געווען בכ"ד כסלו, דארף מען זאגן, אז דער טעם וואס מען האט קובע געווען יו"ט חנוכה בכ"ה בכסלו (און ניט בכ"ד) - אע"פ אז דעם יו"ט חנוכה האט מען קובע געווען ניט נאר צוליב דעם נס שהי' בפך השמן נאר אויך צוליב דעם נס פון נצחון המלחמה[7] - איז[8], ווייל בכ"ה בכסלו איז געווען

---

1) מאירי שבת כא, ב.

2) שיום שבת זה הוא לאחרי חג הגאולה שלו בי"ט כסלו, שבו עולים כל הענינים די"ט כסלו באופן של "ויכולו". ובפרט בשבת ערב חנוכה - שבימי החנוכה נשלמה גאולת אדה"ז (ראה לקו"ד ח"א יב, א). ומזה מובן שבשבת זה יש הדגשה מיוחדת בלימוד ה"חסיד"ישע פרשה" בתו"א, כהובא לקמן.

3) מאמרי אדה"ז תקס"ג ע' נז. שערי אורה ד"ה בכ"ה בכסלו פנ"ג. סהמ"צ להצ"צ מצות נ"ח (עא, א). ועוד. וכן מוכח בתו"א סוף פרשתנו. לקו"ת צו טז, א.

4) הל' חנוכה פ"ג ה"ב.

5) אסתר ט, כח. וראה רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם, הובא ונת' בס' לב דוד להחיד"א פכ"ט.

6) נוסח ועל הנסים.

7) ראה רמב"ם ריש הל' חנוכה, שבהלכה א' מבאר ישועת ישראל והצלתם מידי היוונים, ובה"ב הנס דפך השמן. ולאח"ז ממשיך בה"ג "ומפני זה התקינו חכמים..שמונת ימים כו'". שפשוט דכוונתו ב"ומפני זה" הוא על __שני__ הענינים. כי באם הכוונה היא רק להנס דפך השמן שבה"ב - הרי סיפור המאורע שבה"א מיותר.

8) לכאורה הי' אפ"ל, שלפי דיעה זו - קביעת היו"ט בחנוכה הוא רק מפני נס הנרות. ומ"ש ברמב"ם שהיו"ט נקבע גם בשביל ישועת ישראל והצלתם הוא רק לדעתו שנצחון המלחמה הי' בכ"ה בכסלו.

אבל: (א) מכיון שאפושי פלוגתא לא מפשינן - אין הכרח __לחדש__ עוד פלוגתא. (ב) השקו"ט אם ראוי לקבוע יו"ט בשביל הצלה הגופנית (מכיון שעיקר מלחמת היוונים הי' גזירה על הדת) - אינו תלוי בהזמן דהנצחון. (ג) מהקושיא בלקו"ת (צו טז, א) מדוע נקבע חנוכה ביום המנוחה ולא ביום שנעשה בו הנס - מוכח שגם להדיעה שנצחון המלחמה הי' בכ"ד, הקביעות דחנוכה היא (גם) בגלל הנס דנצחון המלחמה (אלא שנקבע בכ"ה להיותו יום המנוחה).

דער יום המנוחה. וכמרומז אין דעם נאמען פון ״חנוכה״ - ״חנו כ״ה״[9].

וע״ד ווי מ׳געפינט בא פורים, אז דער יו״ט פורים איז נקבע געווארן ניט ביום הנצחון, נאר ביום המנוחה. כמפורש בקרא[10] ״ונוח בארבע עשר..בחמשה עשר בו ועשה אותו יום משתה ושמחה״.

און דער טעם לזה איז בפשטות - ווייל ביום גמר הנצחון איז נאך דא דער רושם פון דער מלחמה וואס איז א דבר בלתי רצוי, און דערפאר איז נקבע געווארן דער יום טוב אין דעם יום המנוחה.

מ׳דארף נאך אבער פארשטיין פארוואס חנוכה (און פורים) איז אנדערש פון חג הפסח, וואס דארטן איז דער קביעת היו״ט אים דעם זעלבן טאג ווען ס׳איז געווען דער נס ונצחון איבער די מצריים.

איז דער אלטער רבי מבאר (אין לקוטי תורה[11]) אז דאס וואס בא חנוכה (וכן בפורים) ״הי׳ תחלה מלחמה (ביום כ״ד ואח״כ הנס ביום מנוחה (כ״ה כסלו)״[12], איז - ווייל אזוי איז דער געווינלעכער סדר אין עבודה (מצד בחי׳ ממלא כל עלמין), מן הקל אל הכבד:

פריער דארף מען מבטל און מנצח זיין דעם צד שכנגד, און <u>דער־נאך</u> קען זיין דער גילוי פון קדושת יום טוב.

משא״כ בחג הפסח איז געווען א גילוי שלא בסדר והדרגה (פסח ודלג[13]), (מצד בחי׳ סובב כל עלמין) שלמעלה מחילוקי דרגות, דערפאר קענען זייןביידע זאכן בנושא אחד - ״נגף למצרים (מכת בכורות) ורפוא (התגלות הקדושה) לישראל״.

ויש לומר, אז דאס איז פאר־בונדן דערמיט וואס די מלחמה ונצחון בא חנוכה (און פורים) איז געקומען דורך א מלחמה המלובשת בטבע[13*] (מלחמת <u>בני אדם</u>), ועד״ז קביעת ימי חנוכה (וימי פורים) איז א תקנה <u>מדברי סופרים</u>[14] - וואס דאס איז אן עבודה מלמטה למעלה. און דעריבער איז דער סדר העבודה בימי חנוכה בסדר והדרגה מלמטה למעלה, אז פריער דארף זיין דער ביטול ונצחון האויב, און דערנאך (למחרתו) קומט גילוי פון קדושת יום טוב; משא״כ דער ״נגוף למצרים״

---

9) תקו״ז ת״ג (כט, א). שבלי הלקט סקפ״ט. ר״ן לרי״ף שבת פ״ב. כל בו סמ״ד. טאו״ח סעת״ר. ובכ״מ.

10) אסתר ט, יז-יח.

11) שבהערה 3.

12) ל׳ התו״א סוף פרשתנו.

13) ראה פרש״י יב, יא. יג.

13*) ראה השלמה לשו״ע אדה״ז (לר״נ מדובראוונא) או״ח סי׳ עתר ס״ב שהצלה ״לא הי׳ ע״ד נס גלוי״. וראה שער האמונה פט״ו (ל, א). וראה ט״ז או״ח שם סק״ג. מהר״ץ חיות לשבת כא, ב.

14) ראה סהמ״צ להצ״צ שבהערה 3 (עג, ריש ע״ב) ״ההפרש שבין חנוכה ופורים לכל היו״ט שהם מן התורה״, ומהמשך הענין משמע שזה שייך גם למש״ש בתחילת המאמר שהיו״ט דחנוכה ופורים הוא ביום שאחר נצוח המלחמה. וראה הערה הבאה.

בחג הפסח איז געקומען ע״י הקב״ה בכבודו ובעצמו, און אויך קביעת חג הפסח איז א יום טוב מן התורה - מן השמים[14*].

לאידך גיסא איז דא א מעלה אין ימי חנוכה, אז דאס קומט דוקא דורך עבודת האדם (סיי די מלחמה על ידו, און סיי קביעת היום טוב - מדברי סופרים), וואס דאס האט די שלימות אז דאס איז ניט קיין נהמא דכסופא[15], און אויך - אז דאס טוט אויף דער בירור וזיכוך התחתון מצד מציאותו (ממכ״ע), משא״כ בחג הפסח איז א גילוי מלמעלה (ניט ע״י עבודת האדם), וואס האט טאקע ניט דער חסרון פון די ירידה וצער וטירחא וואס ווערט דורך מלחמה מיט דעם אויב, וכל המתאבק כו׳[16], אבער דאס נעמט ניט דורך דער תחתון בפנימיות.

ג. עפ״ז וועט מען פארשטיין דעם חידוש וואס קומט צו בשעת כ״ד כסלו קומט אויס אום שבת, ווי בקביעות שנה זו:

ביום השבת איז דער דין אז ״כל מלאכתך עשוי׳״[17]. א איד האט (טאר) דעמולט ניט קיינע דאגות וטרדות הלב פון זיינע עסקים, נאר ער דארף וויסן אז ״כל מלאכתך עשוי׳״[18].

וואס דער אויפטו אין דעם איז, ניט אז דאס ווערט אויס ״מלאכתך״ און במקום זה ווערט עס מלאכת שמים, נאר דאס בלייבט, מלאכה של **האדם**, נאר די מלאכה גופא איז (״כאילו״ ווי) עשוי׳.

ועפ״ז איז מובן דער דיוק אין דעם דין אין שו״ע[19], אז דער רגש פון ״כל מלאכתו עשוי׳״ איז אן ענין פון עונג שבת, ביז אז ״אין לך עונג גדול מזה״. דלכאורה: שלימות עונג האדם איז בשעת ער באקומט א זאך דורך זיין הארעוואניע, און ניט באופן פון ״נהמא דכסופא״[20]. איז ווי קען מען זאגן אז ״אין לך עונג גדול

---

*14) ראה תו״א מקץ לד, ב: חג הסוכות הוא דאורייתא..ונמשך הגילוי מצד עצמו..ולכן גם ההארה היותר גבוה יכול לבוא ולימשך בתחילה..משא״כ בחנוכה שהוא מדרבנן..כיון שממשיכים זה מלמטה א״א להגיע ולהמשיך הגילוי הגדול בתחילה כ״א מעט מעט.

15) ירושלמי ערלה פ״א ה״ג. לקו״ת צו ז, רע״ד.

16) ראה תניא ספכ״ח.

17) טושו״ע או״ח סש״ו ס״ח. שו״ע אדה״ז שם סכ״א. ממכילתא (הובא בפרש״י) יתרו כ, ט.

18) ואף שנאמר שם ״יהא בעיניו כאילו כל מלאכתו עשוי׳״ - הרי זה פסק דין בתורת אמת, ובודאי שכן הוא האמת. אלא שדיני תורה נאמרו לכל ישראל, ולכן ה״ז כולל כל האפשריות, גם מי שנמצא בתחלת העבודה, ועדיין לא הגיע לשלימות הידיעה והרגש ש״כל מלאכתו עשוי׳״ (ואצלו שייך לע״ע רק ש״יהא בעיניו כאילו כו׳״), ואח״כ עולה מן הקל אל הכבד לדרגת העבודה ש״כל מלאכתו עשוי׳״ ממש [ע״ד משנ״ת במ״א בנוגע לב׳ הלשונות בענין תורה ומצוות, ״כל יום יהיו בעיניך כחדשים״, או ״חדשים״].

ועוד י״ל, ש״כאילו״ הוא למעליותא, שהרי יש בזה המעלה ד״מלאכתו״ שנקראת על שמו (ולא מלאכת שמים), ורק ״כאילו״ שמלאכה זו כבר ״עשוי׳״, אבל באמת ה״ז מלאכה שלו, כדלקמן בפנים.

19) טור ושו״ע אדה״ז שם.

20) כמאחז״ל (ב״מ לח, א) אדם רוצה בקב שלו יותר מתשעה קבים של חבירו.

מזה" וואס "כל מלאכתו עשוי'"?! אפילו בנוגע צו דעם עונג פון אכילת שבת, וואס קומט ניט אן מיט קיין טירחא ביום השבת, ווארום מ'האט צו-געגרייט די מאכלים דורך "טרח בערב שבת"[21] - קען מען לכאורה ניט זאגן, אז דאס איז שלימות העונג, ווארום די טירחא און עבודת האדם איז געווען מיט א טאג פריער, בערב שבת, משא״כ היינט, בשבת, טוט ער ניט קיין עבודה. ובמילא קומט דאך אויס אז די אכילת שבת [וואס בנוגע ליום זה, איז זי ניט פארבונדן מיט עבודה[22]], איז לכאורה נהמא דכיסופא?

איז דער ביאור אין דעם: דער "עשוי'" ביום השבת איז ניט ווייל דאס ווערט אויפגעטאן דורך א צווייטן'ס מלאכה (אדער א מלאכה פון דעם זעלבן מענטשן אבער פון אן אנדער טאג), נאר דאס ווערט (גערעכנט) די מלאכה פון דעם מענטשן ביום זה, אבער דאס איז "כאילו" ווי "עשוי'"

ובפשטות: ביום השבת איז "כל מלאכתך עשוי'", הייסט עס ניט אז דעמולט טוט א איד ניט קיין מלאכה, ער טוט מלאכה, אבער דאס האט נאר די מעלה פון דער עונג ואס קומט ע״י עבודת האדם, אן דעם חסרון שבזה - צער וטירחא.

ד. ויש לומר אז אזוי איז אויך בנוגע צו דער נצחון המלחמה בכ״ד כסלו שחל בשבת [וואס דעמולט חזר'ט זיך איבער דער ענין פון נצחון המלחמה שבכ״ד כסלו, דהימים האלה נזכרים ונעשים כנ״ל]:

ביום זה (אויך ווען דאס קומט אויס ביום השבת) איז דא דער שטורעם פון ענין המלחמה[23] און נצחון המלחמה וגמר נצחון המלחמה - וואס דאס איז כולל ועל שם זה גייט די גאנצע מלחמה[24] - קעגן אלע די וואס ווילן "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", מיט אלע עילויים אין דעם נצחון המלחמה, אז "מסרת גבורים ביד חלשים וכו'"[6]. ובכללות - דער עילוי וואס דורך דעם טוט מען אויף דעם בירור וזיכוך התחתון דורך דעם וואס די מלחמה ווערט אויפגעטאן ע״י האדם למטה.

[ואדרבה - אין אזא קביעות איז נאכמער בהדגשה ווי כ״ד כסלו האט א שייכות נאר מיט מלחמה און ניט מיט ענין הנרות (גילוי קדושת יו״ט חנוכה),

21) ל' חז״ל - ע״ז ג, א.

22) ובפרט ע״פ תורת הבעש״ט [שכבר נתפשט ונתקבל בכל תפוצות ישראל], שהתהוות הבריאה היא בכל רגע ורגע מחדש כמו במעשה בראשית בפעם הראשונה (שעהיוה״א פ״א).

23) ועד כדי כך שמלחמת היוונים בשעתו דחה שבת, ומתתיהו צוה את ישראל להלחם בשבת (כי פקו״נ דוחה שבת, ובפרט מלחמת הצורך), וכפי שהוכיח מהיהודים שמתו אז מפני שלא יצאו במלחמה בשבת (ס' יוסיפון פ״כ. ס' חשמונאים א ב, לב ואילך. מגילת אנטיוכס).

24) כמובן מסיום מס' נזיר, שגדול העונה אמן יותר מן המברך, שהרי גוליירים מתגרין במלחמה וגבורים נוצחין. ועי״ד מצוה נקראת על שם גומרה (תנחומא עקב ו. פרש״י עקב ח, א).

ווייל הדלקת הנרות קען ניט זיין ביז מוצאי שבת לאחרי צאת הכוכבים (און אין א בית פרטי - נאך הבדלה), משא"כ ווען כ"ד כסלו קומט אויס בימי החול, קען די הדלקה זיין משתשקע החמה, נאך פאר'ן סיום יום כ"ד].

אבער דער נצחון המלחמה איז אין אן אופן פון "עשוי'", מ'האט אין דעם א סיוע ועזר מלמעלה (בידי שמים), אז דאס איז כאילו ווי די מלחמה ווערט אליין דורכגעפירט (בדוגמא צו דעם עילוי פון גילוי קדושת יו"ט בכ"ה כסלו, מצד נס הנרות וועלכער איז א נס גלוי בידי שמים[25]), ד.ה. אז מ'האט ניט די אלע חסרונות וואס קומען דורך מלחמה - די טירחא און צער וכו' וואס מ'האט אין א מלחמה; וביחד עם זה האט מען אבער נאר די מעלה וואס איז דא אין מלחמה - די שמחה ונחת רוח ועונג פון "מלאכתך" (און ניט נהמא דכיסופא), מיט דעם בירור וזיכוך התחתון וואס ווערט דורך דעם אויפגעטאן.

ועי"ד דער חיבור פון מעלת כ"ד כסלו (נצחון המלחמה והעברת החיצונים) און כ"ה כסלו (גילוי קדושת יו"ט) - ביחד[26].

---

25) ראה השלמה לשו"ע אדה"ז וט"ז שבהערה *13.

26) ויש לומר שיש בזה עילוי אפילו לגבי חג הפסח שנעשה נגוף למצרים ורפוא לישראל בבת אחת - כי בחג הפסח נעשה זה ע"י הגילוי מלמעלה (בחי' סוכ"ע), עלי ידי שנגלה עליהם ממה"מ הקב"ה, משא"כ בכ"ד כסלו שחל בשבת יש בזה גם המעלה דעבודת המטה ("מלאכתך").

ה. און דערפון קומט אויך ארויס א נפק"מ לפועל:

ס'איז ידוע די צוויי דיעות[27] בנוגע צו דעם גדר פון ימי חנוכה, צי מ'האט זיי קובע געווען נאר להלל ולהודאה און ניט למשתה ושמחה[28], אדער קביעתם איז אויך למשתה ושמחה[29], ווי ס'קומט אויס פון לשון הרמב"ם[30] ("שמונת ימים האלו שתחלתן ליל חמשה ועשרים בכסליו ימי שמחה והלל").

ומבואר במ"א[31], אז די פלוגתא בזה איז תלוי אין דעם טעם אויף קביעת ימי חנוכה: אויב די קביעות ימי חנוכה איז געווען (בעיקר) נאר צוליב נס הנרות, אן ענין רוחני - איז אויך חגיגת היו"ט דורך הלל והודאה לה' (ענין רוחני); משא"כ לדעת הרמב"ם אז ימי חנוכה איז נקבע געווארן אויך צוליב ישועת ישראל והצלתם[32], הצלה גופנית - דערפאר תקנו חכמים אז די ימי חנוכה זאלן זיין ניט נאר "ימי הלל" צוליב דעם נס הנרות, נאר אויך ימי

---

27) ב' הדיעות הובאו בהשלמה לשו"ע אדה"ז שם. וש"נ.

28) מהר"ם מרוטנבורק ז"ל, הובא במרדכי לפסחים פ"ד (סתר"ה). טור או"ח סעת"ר. שו"ע שם ס"ב.

29) מרדכי הארוך הובא בד"מ או"ח שם. תוד"ה הלכה - תענית יח, ב. שו"ת הרשב"א ח"א סתרצ"ט. ועוד. - וראה בכל זה לקו"ש השבועי.

30) הל' חנוכה פ"ג ה"ג.

31) לקו"ש ח"י ע' 142 ואילך. וראה השלמה לשו"ע אדה"ז שם.

32) כנ"ל הערה 7.

ששון ושמחה (שמחה גשמית) צוליב די הצלה גופנית.

ויש לומר, אז די זעלבע זאך איז אויך להביאור בלקו"ת אז דער נצחון המלחמה איז געווען בכ"ד און דאס וואס חנוכה איז נקבע געווארן בכ"ה איז עס מצד דעם וואס בכ"ה איז געווען די מנוחה. ווארום אויך לפי ביאור זה קומט אויס אז חנוכה איז נקבע געווארן בכ"ה אויך צוליב דעם נצחון והצלה גופנית[33], ובמילא קומט אויס, אז די ימי חנוכה זיינען אויך ימי שמחה.

ועפ"ז יש לומר, אז בקביעות שנה זו, ווען כ"ד כסלו (דער יום הנצחון וההצלה) איז חל בשבת - דארף זיין שמחה אויך בכ"ד: בשעת כ"ד כסלו איז חל בחול, וואס דאן איז ביום זה נאך דא א רושם פון דער מלחמה מיטן רע, וואס כל המתאבק כו' (כנ"ל ס"ב) - האט ניט קיין ארט אז דער טאג זאל זיין א יום שמחה; משא"כ אבער בשעת כ"ד כסלו איז חל בשבת, וואס דאן איז דער נצחון באופן וואס ס'איז ניטא קיין רושם וכו' - איז יש לומר אז, אז אויך בכ"ד זאל זיין שמחה.

ובפרט אז יום השבת (יעדער שבת) איז א יום שמחה - "וביום שמחתכם אלו השבתות"[34]. איז יש לומר, אז די שמחה פון שבת איז "אהני"[35] אויך צו די ענינים פון חנוכה, אז עס זאל זיין די שמחה אויך מצד דעם נצחון המלחמה (שבענין חנוכה).

ו. וויבאלד אז אלע ענינים אין תורה זיינען כללות ופרטות נאמרו - יש לומר, אז דער חידוש אין ערב חנוכה בקביעות שנה זו (נצחון המלחמה בכ"ד כסלו שחל בשבת), אז מ'האט סיי די מעלה פון דעם בירור ע"י מלמחה און סיי די מעלה פון גילוי קדושה מלמעלה, שפיגלן זיך אפ בכללות ענין החנוכה - שקבעו בנרות חנוכה:

פון איין זייט זיינען די נרות "קודש הן" ("ואין לנו רשות להשתמש בהן")[36], און עס זיינען פאראן הגבלות וועלכע זאכן מ'קען נוצן פאר די שמנים ופתילות וכו' צוליב קדושת וכבוד הנרות[37].

לאידך גיסא איז "מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ"[38], בכדי באלייכטן אויך דעם חוץ, און דער שיעור זמן בזה איז - "משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק כו' ועד כמה כו' עד דכליא ריגלא דתרמודאי"[38], אז אויך די עוברים ושבים וואס געפינען זיך בשוק זאלן זעען די נרות (צוליב פירסומא ניסא)[39]. כולל אויך דעם פירוש בזה[40] - אז די נרות חנוכה

33) כנ"ל הערה 8.

34) ספרי בהעלותך י, י.

35) זבחים צא, רע"א.

36) נוסח הנרות הללו. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנכה סי"א (ע' שלז ואילך). וש"נ. 37) ראה אנציקלופדי' שם ס"י (ע' שכה ואילך). וש"נ.

38) שבת כא, ב.

39) ראה טושו"ע או"ח סתרע"א ס"ב.

40) אוה"ת חנוכה סד"ה מצוותה משתשקע החמה (תתקמב, א). ד"ה מצוותה

טוען אויף ״כליא״, ביטול וכליון, פון די ״תרמודאי״, די מורדים אין דעם אויבערשטן (תרמוד אותיות מורדת[41]), וועלכע געפינען זיך אין רשות הרבים, טורי דפרודא[42],

[כולל די גויים שנתגיירו שלא ע״פ הלכה ר״ל, וואס מ׳האט זיי אפגענארט אז זיי מיינען אז זיי זיינען אידן, וואס דורך דעם איז מען זיי מזיק, ווייל מ׳איז מבלבל און מ׳שטערט זיי זאלן מקיים זיין שליחותם בעולם אלס גויים - א זאך וואס איז היפך הצדק והיושר והאנושיות[43], און אנ־דערע האבן זיך שוין אליין געכאפט אויף דעם, מצד שכלם הם (אן קיין לחץ פון א צווייטן), ואין כאן מקומו להאריך בדבר המבהיל והמצער].

און אע״פ וואס די נרות חנוכה טוען אויף דער ביטול וכליון ונצחון המלחמה קעגן די מורדים - בלייבן זיי בתכלית קדושתן, און ווי זיי זיינען ״קודש הן״ באלייכטן זיי די וועלט מיט דעם אור הקדושה.

קומט אויס, אז אין נרות חנוכה איז דא דער חיבור פון ביידע ענינים: די מלחמה ונצחון המלחמה אין בירור העולם. וביחד עם זה - גילוי קדושת הנרות, א מלחמה בלי צער וטירחא כו׳.

ז. די הוראה דערפון אין עבודה:

היינטיקן יאר ווען כ״ד כסלו קומט אויס ביום השבת [ובפרט מצד דעם כח פון כללות השנה - שנת ״תשמט ידיך״[44], אז דער אויבערשטער איז משמיט אלע חובות, אלע אומגעוואונטשענע זאכן, כולל עניני צער וטירחא כו׳, וביחד עם זה בלייבט דאס ״ידיך״, ״מלאכתך״] באקומט יעדער איד א כח נפלא צו פאר־ענדיקן דעם נצחון המלחמה אין דער עבודת הבירורים אין גלות (וואס ״כל ימי משך זמן הגלות הכל היא בבחי׳ מלחמה״[45]) - אין אן אופן פון ״כל מלאכתך עשוי״, אן קיין צער וטירחא כו׳:

און מ׳באקומט אויף דעם כחות נוספים - קומענדיק איצטער פון דער גאולה פון י״ט כסלו, וועלכע איז פארבונדן מיט ״פדה[46] בשלום נפשי מקרב לי״[47]:

אין ״פדה בשלום נפשי מקרב לי״ זיינען פאראן צוויי פירושים ודרגות[48]:

---

41) עמק המלך שער קרית ארבע ר״פ קיא (קח, א). קהלת יעקב ערך תרמוד.

42) ראה אוה״ת שם תתקמא, ב. ד״ה מצותה תשל״ח שם.

43) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ וישלח שנה זו סי״ד ואילך.

44) ראה טו, ג. וראה מכתב וא״ו תשרי שנה זו הערה ד״ה תשמ״ט.

45) תו״א פרשתנו ל, ב.

46) תהלים נה, יט.

47) כמ״ש אדה״ז בעל הגאולה באגרת שלו הידועה (אגרות קודש אדה״ז סל״ח): כשקריתי בספר תהלים בפסוק פדה בשלום נפשי קודם שהתחלתי פסוק שלאחריו יצאתי בשלום.

48) ראה ד״ה פדה בשלום בס׳ שערי

תשל״ח. וש״נ.

א) דאס גייט אויף דעם שלום בזמן שלמה - וואס שלום הי׳ בימיו[49], לאחרי די מלחמות בזמן דוד ("דם לרוב שפכת"[50]), און אזא שלום וואס מ׳דארף לכתחילה ניט אנקומען צו מלחמות ווייל די גויים ווערן נתבטל ממילא. אבער אעפ״כ, בלייבט נאך דעמולט א רושם פון דעם "קרב" (מלחמה) וואס איז געווען בזמן דוד [כמובן אויך דערפון, וואס בכדי אריינגיין אין דעם ביהמ״ק שבנה שלמה (ווייל שלום הי׳ בימיו) - האט מען געדארפט אנקומען צו הזכרת זכות דוד[51]]. וי״ל הטעם לזה, ווייל דער שלום בזמן שלמה איז געווען אין אן אופן אז די גוים זיינען נתבטל געווארן מצד גילוי האור (אבער זיי זיינען ניט נהפך געווארן לקדושה)[52].

ב) תכלית שלימות השלום (של שלמה[53]) ווי ס׳וועט זיין לע״ל, אז עס וועט ניט בלייבן קיין רושם פון דעם "קרב", ווייל די גויים וועלן (אויך) נהפך ווערן צו "אוהבים גמורים"[54], עס בלייבט נאר איבער דער עילוי וואס קומט ארויס פון דעם "קרב" - עבודת המטה, ובירור וזיכוך התחתון.

ויש לומר, אז וויבאלד אז בי״ט כסלו האט זיך אנגעהויבן דער עיקר ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה[55] - וואס דורך דעם (הפצת המעינות חוצה) ווערט אתי מר דא מלכא משיחא[56] - איז דעמולט דא מעין פון תכלית השלימות אין "פדה בשלום נפשי" ווי ס׳וועט זיין לע״ל - אז די מלחמה בעבודת הבירורים בסוף זמן הגלות זאל זיין בדרך מנוחה, דער חיבור פון ביידע מעלות: עבודת המטה (און ניט נהמא דכיסופא), און באופן של שלום, אן קיין רושם פון דעם צער וטירחא פארבונדן מיט מלחמה.

ויש לומר, אז די העכערע דרגא אין "פדה בשלום נפשי" שטייט נאכמער בגלוי ובהדגשה אין שבת כ״ד כסלו - כידוע אז שבת איז ענינה שלום[57] ומנוחה, ביז - מעין[58] יום שכולו שבת

תשובה לאדהאמ״צ (שער התפלה) פי״א (נה, ד ואילך). וראה ד״ה פדה בשלום תשל״ט. תשמ״א.

49) ראה דברי הימים-א כב, ט. 50) שם, ח.

51) שבת ל, ט. 52) שערי תשובה שם.

53) ועפ״ז יש לתווך ב׳ הפירושים שבפנים (ששניהם הובאו בשערי תשובה שם), שהרי שניהם קאי על שלמה שענינו שלום.

ועפ״ז י״ל הטעם שהרמב״ם מביא (בפיה״מ סנהדרין פ׳ חלק יסוד הי״ב) שמשיח יהי׳ "מבית דוד ומזרע שלמה" [דאם בא רק לשלול שאר בני דוד, הו״ל לפרש גם שם בנו של שלמה, שהרי גם שלמה היו לו כמה בנים] - כי: שלמה ענינו שלום, ותכלית שלימות השלום יהי׳ לע״ל. ולהעיר שמשיח נקרא שלום (מס׳ דא״ז פרק השלום).

54) שערי תשובה שם. וכמ״ש אז אהפוך אל עמים שפה ברורה גו׳ לעבדו שכם אחד (צפני׳ ג, ט).

55) ס׳ השיחות תורת שלום ע׳ 112.

56) אגרת הבעש״ט הידועה, נדפסה (גם) בכתר שם טוב בתחלתו.

57) כפי שנקרא ע״פ מנהג ישראל - "שבת שלום". ואומרים בליל שבת - "שלום עליכם מלאכי השרת כו׳ מלאכי השלום".

58) ראה המשך תרס״ו ע׳ תקמב. המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳קכז. ועוד.

ומנוחה לחיי העולמים[59] לע"ל.

ח. דער כח אויף דעם איז נאך שטארקער מצד פרשת השבוע - פ' וישב:

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער נאמען פון א פרשה דארף ארויסגעבן דעם תוכן הפרשה, עכ"פ בכללות, עכ"פ תוכן התחלת הפרשה. בנוגע אבער דעם נאמען פון היינטיקער פרשה - "וישב" - וואס דאס באדייט דעם ענין ההתיישבות, איז דער תוכן הפרשה גאר פונקט פארקערט, ווי רש"י איז אויף דעם מפרש, אז "ביקש יעקב לישב בשלוה" ובפועל - "קפץ עליו רוגזו של יוסף", גלייך איז געווארן אן ענין פון היפך ההתיישבות בתכלית - רוגזו של יוסף, ווי עס רעדט זיך אין דער פרשה וועגן מכירת יוסף וירידת יוסף למצרים וישיבתו בבית האסורים - אלע ענינים וואס זיינען דער סאמע היפך פון התיישבות?!

איז דערפון גופא מובן, אז וויבאלד דער נאמען פון דער פרשה איז "וישב" - גייט דאס אויף אמיתית ושלימות ענין ההתיישבות וואס איז געווען בא יעקב, און דאס איז קיין סתירה ניט צו "קפץ עליו רוגזו של יוסף" און צו תוכן הפרשה.

איז דער ביאור אין דעם: דוקא דורך דער ירידה פון "קפץ עליו רוגזו של יוסף" מכירת יוסף וירידת יוסף במצרים - איז צוגעקומען בא יעקב'ן דער אמיתית ענין ההתיישבות ("וישב"), ווייל דאס האט געבראכט אז יעקב זאל דערנאך גיין אין מצרים, וואס דארטן איז געווען "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה", ווי עס שטייט בכ"מ[60] אז יעקב אבינו האט געלעבט זיינע בעסטע יארן אין מצרים,

וכמבואר אויך אין זהר פרשתנו[61], אז צוליב דעם וואס "קפץ עליו רוגזו של יוסף" ווען יוסף איז געווען בן שבע עשרה שנה, האט דער אויבערשטער אים דערפאר אפגעצאלט דערמיט וואס "יהב לי' שבע עשרה שנין אחרנין דאתקיים בארעא דמצרים בחדו ביקרא ובשלימו דכלא".

ד.ה. אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס ער איז געווען אין מצרים - ערות הארץ[62] (די עבודה אין גלות) - איז ביי אים געווען "וישב" בהתיישבות[63], די בעסטע יארן, "בחדו ביקרא ובשלימו דכלא", און ווי עס שטייט אין א צווייטן ארט אין זהר[64] - "בענוגין ותפנוקין והנאות וכסופין", וואס זיי גייען אלע

59) תמיד בסופה.

60) ראה בעה"ט ר"פ ויחי. לקו"ש ח"י ע' 160 ואילך. וש"נ.

61) קפ, א.

62) מקץ מב, ט. יב.

63) וענין זה מרומז גם בכתוב "וישב יעקב בארץ כנען", ש"כנען" מורה על העבודה בגלות, שהיא באופן של "מסחר" (ובגלוי הוא "כנען" שפירושו "סוחר") שמשקיע ממון בכדי להרויח, וכן זהוא בגלות - שהירידה למטה היא בכדי להרויח העלי' למקום שלמעלה ממקום הירידה (תו"א ריש פרשתנו).

64) ח"ב רטז, ב.

אויף דעם ענין התענוג[65].

וואס דאס איז ע"ד המדובר לעיל, אז אין א מצב של מלחמה און גלות, האט מען שלימות המנוחה והשלום.

ט. והביאור בזה אין עבודת האדם - ע"פ המבואר אין די הערות פון דעם טאטן אויפן זוהר[66], אז יעקב גייט אויף די ז' מדות, און די דריי לשונות ("בחדו", "ביקרא", "ובשלימו דכלא") גייט אויף בינה, חכמה און כתר, וועלכע זיינען נמשך געווארן אין יעקב זייענדיק אין מצרים, און די פיר לשונות ("בענוגין ותפנוקין והנאות וכסופין") גייען אויף די ד' מוחין, חכמה בינה און דעת (וואס איז עולה עד פנימיות הכתר) וועלכע איז נחלק לשנים

ובעבודה: אפילו ווען א איד [וואס נשמת יעקב איז כלולה מכל הנשמות בישראל[67], און יעדער איד האט אין זיך בחי' יעקב[68]] געפינט זיך אין "ארץ מצרים", אין (סוף) זמן הגלות [וואס כל הגליות נקראות על שם מצרים[69]], און ער פארנעמט זיך מיט דער עבודה בבירור הז' מדות, די מלחמה מיט די שבעה אומות[70] (נאך איידער ס'איז דא דער "ונשאתני"[71] אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה), האט ער דעם כח אז ביי אים זאל זיין "ויחי" אין די בעסטע יארן (פון אלע יארן אין גלות[72]),

און אין אן אופן אז אין זיין עבודת המלחמה בבירור הז' מדות, ווערט נמשך כח פון די ג' מוחין, און די ד' מוחין, ביז פון כתר און פנימיות הכתר - בחי' יחידה שבנפש, וואס ענינה איז עבודה בדרך שלום ומנוחה ("פדה בשלום נפשי") בתכלית השלימות[73] [ווי יעדער איד זאגט בכל בוקר, "מודה אני לפניך כו' שהחזרת בי נשמתי", וואס דאס איז כולל אלע פינף דרגות אין דער נשמה, נפש רוח נשמה חי' (ביז אויך) יחידה], וואס דאס גיט אריין כח אין דער עבודה בבירור הז' מדות, אז דאס זאל זיין בדרך שלום ומנוחה, אן קיין טירחא כו'.

ובפרט לאחרי ווי מ'האט די הבטחה פון נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר אז ס'איז געבליבן נאר "צו צופוצן די קנעפ"[74],

65) לקוטי לוי"צ לזהר פרשתנו שם (ע' קמו).

66) שם ע' קמה ואילך.

67) אגה"ק ס"ז.

68) ראה תו"א ר"פ וארא.

69) ב"ר פט"ז, ד.

70) כמבואר בד"ה אל תצר את מואב לאדמו"ר האמצעי, שהעבודה בזמן הזה הוא בעיקר בבירור הז' מדות, המלחמה עם השבעה אומות.

71) כבקשת יעקב - ויחי מז, ל.

72) כולל גם שבעים שנה בגלות בבל (לפני בנין בית שני), כמבואר בע"ח (שער מיעוט הירח פ"ב) שמצב ספירת המלכות היתה אז בדרגא נעלית יותר אפילו ממצבה בזמן בית שני. ועפ"ז צ"ע אם יש לומר, שכן הוא בסוף גלות זה שבא לפני בית שלישי, ועוד למעלה מזה - כיון שבית שלישי הוא למעלה מבית שני.

73) ד"ה פדה בשלום בשערי תשובה שם.

74) שיחת שמח"ת תרפ"ט.

און דאס האט מען שוין אויך געטאן, און עס דארף שוין זיין "לאלתר לגאולה"[75] - איז זיכער שוין ניטא קיינע ענינים וואס שטערן די מנוחה פון אידן; וביחד עם זה האט מען די עבודה פון אידן באופן של התיישבות בדרך שלום ושלוה - "וישב".

י. די מסקנא מכל הנ"ל - בנוגע למעשה בפועל:

שטייענדיק אין שבת כ"ד כסלו, ערב חנוכה[76], האט מען די הוראה ונתינת כח אז דער נצחון המלחמה קעגן אלע ענינים וואס שטערן צו אידישקייט זאל דורכגעפירט ווערן מתוך מנוחה ושמחה וטוב לבב, אנהויבנדיק נאך פון דער שמחה אין דעם שבת עצמה (ביום שמחתכם אלו השבתות), א שמחה גדולה ומופלגה, בפרט אין זמן רעוא דרעוין.

ועל אחת כמה וכמה - די שמחה במוצאי שבת, די ערשטע נאכט חנוכה, ועד"ז אין די ימי החנוכה שלאחרי זה - כפס"ד הרמב"ם הנ"ל, אז זיי זיינען "ימי שמחה"[77]. און ווי ס'ברענגט זיך אויך להלכה אין רמ"א[78], "שיש קצת מצוה בריבוי סעודות"[79].

וואס דאס גיט אריין א כח אין דער עבודה פון כללות ימי החנוכה, מלשון חינוך[80] - אז דאס זאל זיין מתוך שמחה רבה, ובאופן שלמעלה ממדידה והגבלה, בלי שום טירחא כו',

אנהויבנדיק פון הדלקת נרות "על פתח ביתו" - חינוך עצמו ובני ביתו, וואס דאס איז אויך שייך צו נשים, וואס אף היו באותו הנס[81],

כולל ובמיוחד - חינוך הטף, אינגעלעך און מיידעלעך, וואס מ'געפינט אין חנוכה א ספעציעלע הדגשה אויף זייער חינוך, וכולל, בפרט - דורך געבן זיי "חנוכה-געלט", כמנהג

75) קול קורא ב"הקריאה והקדושה" תש"א-תש"ב.

76) ומובן שאי"ז סתירה לאין שבת מכינה לחול (משנה שבת ספט"ו. וש"נ) - כי המדובר כאן לא בנוגע להכנת שבת לחנוכה, כ"א להשפעת שבת בחנוכה, כולל הבאה מסמיכות שלהם. ונוסף לזה: במנחת שבת ערב חנוכה אין אומרים צדקתך צדק מפני יו"ט חנוכה הבא למחרתו.

ועוד ועיקר: בנוגע לצרכי ציבור נאמר בנוגע לכל שבת - מפקחין על צרכי ציבור בשבת (ראה שבת קנ, א. טושו"ע או"ח סש"ו ס"ו. שו"ע אדה"ז שם סי"ב).

77) ואף שיש חילוקי דיעות בזה, הרי (נוסף למ"ש בהערה הקודמת) מכיון שבמצות (נרות) חנוכה המנהג פשוט הוא להיות <u>מהדרין מן המהדרין</u>, מובן שכן צ"ל בנוגע לשמחה בחנוכה - להדר בזה באופן דמהדרין מן המהדרין.

ויש לומר שלפי דיעות אלו (ששמחת חנוכה אינה מצוה מד"ס), יש בזה ע"ד המעלה דמנהג שמחת הקפות, שהיא למעלה משמחה דניסוך היין (שמפורש חיובו בתורה) וניסוך המים (מדברי סופרים), אף ש"מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו" (סוכה נא, א) - ראה לקו"ת דרושים לסוכות פ, ג.

78) או"ח סעת"ר ס"ב.

79) וראה השלמה לשו"ע אדה"ז שם ס"ג, שלאחרי שמביא הפלגותא אם קבעום רק להלל ולהודאה או קבעום גם למשתה ושמחה, מסיק: "ולענין מעשה מנהג קדום הוא להרבות בסעודה בימים אלו, וכן נוהגין במדינות אלו".

80) ראה תו"א פרשתנו ד"ה בכ"ה בכסלו (כט, ד). שערי אורה ד"ה הנ"ל פל"ז ואילך. רד"ה זאת חנוכת המזבח תר"ס. ועוד. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 378 ואילך. וש"נ.

81) שבת כג, א.

ישראל[82].

ובשנה זו - זאל מען מוסיף זיין בזה, הן בכמות הנתינה, והן אין די טעג ווען מ׳גיט די געלט, אז נוסף צו די ימים הרגילים בזה (כל חד וחד לפי מנהגו), זאל מען מוסיף זיין געבן אין נאך טעג, וכל המקדים הרי זה משובח.

און מסביר זיין צו די קינדער בהדגשה, אז די געלט גיט מען זיי אפ, באופן אז דאס ווערט זייערע א זאך, צו טאן דערמיט וואס א אידיש הארץ וויל.

און זיכער וועלן זיי פון זיך אליין אפגעבן א טייל דערפון לצדקה[83].

ובמיוחד כל זה - דורך דעם וואס יעדער משפחה וועט זיך צוזאמענקלייבן בימי חנוכה, כידוע דער מנהג בא רבותינו נשיאינו אז ״באחד מליל חנוכה היו עושין כעין פארברייינגען עם בני הבית כו׳״[84], און דארט (אויך) טיילן די ״חנוכה-געלט״.

ולהוסיף, אז ס׳איז כדאי מ׳זאל אזוי אויך טאן אין בתי ספר, און אין יעדער מקום פון משרה ועבודה - לפי תנאי המקום והזמן - צוזאמענקלייבן זיך צוזאמען, און רעדן וועגן עניני חנוכה, מיט החלטות טובות בזה, בתורה בעבודה ובגמילות חסדים, און טיילן ״חנוכה-געלט״ וכו׳.

ועד״ז אויך ״(על פתח ביתו) מבחוץ״ - משפיע זיין אויף אנדערע אידן וועלכע געפינען זיך נאך ״בחוץ״ בנוגע צו כל עניני חנוכה: הדלקת הנרות, שמחה, מעות חנוכה וכו׳.

וכל זה - אין אן אופן פון מוסיף והולך ואור מיום ליום, ווי מ׳לערנט אפ פון די נרות חנוכה.

יא. ויה״ר אז פון דער ישיבה בשלוה אין די לעצטע טעג פון גלות, זאל מען גלייך האבן אויך די שמחה פון אריינטאנצן אין ״(ויהי) מקץ שנתיים ימים״ - דער קץ הגלות והתחלת הגאולה[85],

״ופרעה חולם״ - אין גלות פרעה ומצרים (וואס גלות ווערט געגליכן צו א חלום[86], היינו כחולמים[87]) ווערט נתגלה דער חלום פון פרעה דקדושה, ע״ש דאתפריעו ואתגליין מיני׳ כל נהורין״[88] - עס ווערט דער פתרון החלום, דורך יוסף הצדיק, ובגלות זה האחרון - דורך תורת החסידות[89] פון

82) ראה ״היום יום״ כ״ח כסלו. לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ שנח. קונטרס משיחת ש״פ וישב תשמ״ח סי״א. וש״נ.

83) ובפרט שיש הדגשה מיוחדת בחנוכה לענין הצדקה (ראה מג״א ריש הל׳ חנוכה. וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 443). - ולהעיר מהשייכות דשבת (ערב חנוכה) לצדקה (ראה תענית ח, ב. לקו״ת ברכה צז, ב).

84) ״היום יום״ שם.

85) ראה אוה״ת ר״פ מקץ.

86) ראה תו״א פרשתנו כח, ד. 87) תהלים קכו, א.

88) זח״א רו, א.

89) דלית תמן לא קושיא ולא מחלוקת

רבותינו נשיאינו, ביז פון יוסף שבדורנו, נשיא דורנו - וועלכער האט מגלה געווען דעם פתרון החלום פון גלות, אז די כוונה ותכלית פון דעם חלום פון גלות איז די עבודה ובירור ועלי׳ וואס קומט דערפון ארויס (און ניט דער צער שבזה), ביז אין אן אופן ווי דאס שטייט אין תורה - ״יעקב ועשו האמור-ים בפרשה״[90], ״בחומר - דא קל וחומר, ובלבנים - דא ליבון הלכתא״[91], און עס בלייבט איבער נאר די מעלה און ״רכוש גדול״[92] וואס קומט ארויס פון גלות, דורך דעם וואס מ׳שטעלט אריין דעם אל״ף פון אלופו של עולם אין גלות (גולה) - ווערט גאולה[93],

און תיכף ומיד ממש, גלייך לאחרי הגלות, טאנצט מען אריין אין דער גאולה, ע״ד ווי ס׳איז געווען בתחלת הגלות, אז גלייך נאכדעם וואס געתה הפרה פעם א׳ אויף דעם חורבן, איז געתה פעם ב׳ אז נולד מושיען של ישראל[94], עד״ז ווערט אויך איצטער בסוף גלות זה, אז פון דעם גלות קומט מען גליין אריין אין דער גאולה, שוין לאחרי לידת מושיען של ישראל[95], ווערט לידת ישועתן של ישראל,

ומתוך שמחה וטוב לבב, ושמחת עולם על ראשם[96].

כו׳ - רע״מ, הובא ונת׳ באגה״ק סכ״ו.

90) ל׳ רש״י ר״פ תולדות.

91) זח״ג קנג, א. תו״א ר״פ שמות.

92) לך טו, יד.

93) לקו״ת בהעלותך לה, ג. ועוד.

94) איכ״ר פ״א, נא.

95) כפס״ד הרמב״ם (הל׳ מלכים ספי״א) שמשיח הוא מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצוות כו׳. ומכיון שלפי כל הסימנים כבר הגיע זמן הגאולה, מוכרח לומר שמשיח כבר נולד וכבר הוגה בתורה כו׳.

96) ישעי׳ לה, י. נא, יא.

---- * ----

בס"ד. שיחת ש"פ וישב, כ"ד כסלו, ערב חנוכה ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

א. מ'רעדט דאך וועגן "והחי יתן אל לבו"[1]. איז אזוי דארף מען זוכן אן ענין פון "והחי יתן אל לבו" בקשר מיט דעם זמן. משא"כ בפרשתנו דארף מען דאס ניט זוכן, ווארום גלייך בתחלת הפרשה האט מען א גאנצן ענין מיט פרטים, וואס איז א לימוד כללי, סיי פאר א פרט און סיי פאר א כלל, פאר יעדער איד אלס פרט און פאר כלל ישראל.

[בהמשך לזה שחנוכה לא נקבע בכ"ד כסלו]:

ב. דער יו"ט איז נקבע געווארן ביום כ"ה, דער טאג ווען ס'איז געווען דער נס פון מציאת פך השמן [אפילו אויב מ'וועט זאגן אז לדיעה זו (אז דער נצחון מלחמה איז געווען בכ"ד) איז מציאת פך השמן אויך געווען בכ"ד - איז אבער די הדלקה בפועל געווען ביום כ"ה], וואס ביום זה (כ"ה) הויבט מען אן צינדן נרות חנוכה, ביז אז ער איז כולל כל ימי חנוכה, לא מיבעי לדעת ב"ש[2], אז ביום ראשון צינדט מען שמונה נרות, און דערנאך אנז פוחת והולך כפרי החג, נאר אויך לדעת ב"ה[2] (וואס הלכה כמותו) איז דאס אויך כולל אלע שמונה ימים, ווארום פון דעם פך השמן שמצא בכ"ה האט מען געצונדן די נרות אלע שמונה ימים. וכמודגש אויך (ווי די ערשטע ליכטל איז כולל אלע ליכטלעך) אין די ברכת שהחיינו בנר א', אז מ'דארף דעמולט מכוון זיין אויף דער הדלקה בכל שמונת הימים.

[בהדמיון דחנוכה שקבעו היו"ט ביום המנוחה (ולא ביום הנצחון) ופסח שקבעו ביום הנצחון]:

ג. וואס אויך בא פסח איז געווען א נצחון המלחמה ובאופן פון "רבים ביד מעטים כו'", דאע"פ וואס עס זיינען געווען א ריבוי גדול פון אידן ("פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד"[3]), זיינען זיי אבער געווען ווייניקער פאר די מצריים, כמובן בפשטות, ובפרט ע"פ המבואר אין מדרשים.

[בההוראה מ"וישב יעקב", שנתקיים בקשתו לישב בשלוה במצרים]:

ד. און אזוי אויך אין דעם גלות - האט מען דעם כח אז נאך זייענדיק אין גלות זאל זיין די ישיבה בשלוה, וביחד עם זה - וויפל ס'איז נאר געווען ביז איצטער די געשריי פון אידן "עד

---

1) קהלת ז, ב. 2) שבת כא, ב. 3) שמות א, ז.

מתי", אדער "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", וואס דאס איז דאך ניט סתם א געשריי און תביעה ובקשה, נאר מיט אן אמת - שרייט מען ביתר שאת וביתר עוז בשנה זו, אז דאס זאל זיין אין אן אופן פון "כל מלאכתך עשוי", אבער ביחד עם זה - דארפן אידן עפעס טאן, עכ"פ באצבע קטנה.

[בענין חלום פרעה, שמורה על ענין הגלות]:

ה. ולהעיר אז חלום איז אויך פארבונדן מיט אותיות מלחמה, און לחם, וביחד עם זה איז דאס אויך לשון בריאות, ד.ה. אז די מלחמה איז אן קיין טירחא כו', וע"ד דער בירור וואס ווערט אויפגעטאן דורך תורה שנקראת לחם, "לכו לחם בלחמי"[4] - א בירור בדרך מנוחה.

און עס ווערט "וישב יעקב בארץ מגורי אביו", וואס "אביו" גייט אויף יצחק אבינו, וועלכער איז פארבונדן מיט דער גאולה העתידה, און אין יצחק גופא - "מגורי אביו", מיטביידע פירושים אין "מגורי" (כמבואר אין דער חסיד'ישער פרשה)[5]: א) "לשון יראה", "פחד יצחק"[6], און "לשון אוצר כמו מגורה מלאה פירות שהוא כלי שאוצרין לתוכו" ("מגורי לשון אסיפה וכניסה"[7]), אז מ'קלייבט אלע זאכן צוזאמען און מ'ברענגט זיי צו דער גאולה האמיתית והשלימה.

[בענין יחידה שבנפש שיש בכאו"א מישראל]:

ו. טענה'ט א איד, אז ער האט דאך געלערנט אז בזמן הזה איז די עבודה אין בירור הז' מדות, איז וואס זאגט מען אים וועגן יחידה, ובפרט אז ער איז אן איש פשוט?!

זאגט מען אים, אז דאס איז תלוי וועגן וועלכע דרגא מ'רעדט: הגם אז דער עיקר עבודה איז אין בירור הז' מדות, האט אבער א איד די ברירה אז אין זיין עבודה זאל אויך מאיר זיין יחידה שבנשמה,

ווי יעדער איד זאגט בכל יום בבוקר "נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראת אתה יצרת אתה נפחת", וואס "טהורה היא" גייט בכללות אויף יחידה, ולפני זה זאגט יעדער איד, אויך קליינע קינדער [און די וואס זיינע נאך צו יונג צו דאס זאגן - איז דא דער מנהג פון כמה אמהות בישראל צו זאגן "מודה אני" פארן קינד, וואס ביז בן שש התינוק צריך לאמו (אבער אמירת מודה אני דורך

4) משלי ט, ה. 5) תו"א כז, ב. 6) ויצא לא, מב. 7) או"ת להה"מ סנ"א.

דעם קינד הויבט זיך אן, נאך פאר בן שש, בא בן שנים או שלש)] - ״מודה אני לפניך כו׳ שהחזרת בי נשמתי״ [כולל אויך די קינדער וואס זאגן דאס בלשון עם ועם (ניט בלשון הקודש), וויבאלד אז מ׳האט זיי אזוי מחנך געווען], וואס דאס איז כולל אלע דרגות הנשמה, ביז אויך יחידה און יחידה שביחידה,

און דורך אמירה זו איז דאס מעורר די יחידה שבנפש פון דעם אידן,

ויחידה לייחדך - יחידה שבנפש פון יעדער איד פארבינדט אים מיט יחידה שלמעלה, עצמות ומהות. ובמכ״ש וק״ו: מה-דאך אז התהוות העולם איז בכח העצמות[8], עאכו״כ אז דער ״החזרת בי נשמתי״ (ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט ״רבה אמונתך״) איז פון עצמות ומהות.

און דערנאך ווערט דאס נמשך פון יחידה אין די פיר דרגות שבנשמה, און פון מודה אני״ ווערט עס נמשך דערנאך אין די פיר שלבים אין תפלה, וועלכע זיינען כנגד די ד׳ עולמות און די ד׳ חלקי הנשמה וכו׳.

ביז מ׳קומט צו סיום התפלה ״אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך״[9] - א ישיבה בלשוה, וע״ד ״ישר יחזו פנימו״[10], דער גילוי פון ״עין בעין״, מלמטה למעלה ומלמעלה למטה, כשם שבא לראות כך בא ליראות, וכשם שבא ליראות כך בא לראות[11], יחידה לייחדך - יחידה שבנשמה מיט יחידה שלמעלה.

און דאס ווערט אויפגעטאן נאך אין זמן הגלות, אין ״מצרים״ (אזוי ווי ס׳איז געווען בא יעקב אבינו), נאך איידער עס ווערט דער ״ונשאתני״ אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה [סיי פון די אידן אין חוץ לארץ און סיי פון די אידן אין ארץ ישראל, ווייל בערך צו דער מצב פון כל יושבי׳ עלי׳ לע״ל, דארף דער מצב אין זמן הגלות אנקומען צו ״ונשאתני״], ד.ה. אז בשעת אידן זיינען מבטל סיבת הגלות, איז נאך זייענדיק אין גלות, א רגע פאר דעם ״ארו עם ענני שמיא״[12] אין ארץ ישראל, ווערט בטל דער גלות,

און דערנאך ווערט דער ״ונשתאני״ אין ארץ ישראל, אין חברון

---

8) אגה״ק ס״כ. 9) תהלים קמ, יד. 10) שם יא, ז. 11) חגיגה ב, א (וש״נ) וברש״י. 12) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

(מקום קבורת יעקב), און ווי עס ברענגט זיך אין חסידות[13], אז אלע תפלות זיינען עולה דורך חברון. וצ״ע לתווך זה מיט דעם וואס עס שטייט אז די תפלות זיינען עולה דורך ירושלים און מקום קדש הקדשים, ואכ״מ[14].

דער עיקר - אז אלע אידן, אנשים נשים וטף, גייען אין ארץ ישראל, צוזאמען מיט כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, והקיצו ורננו שוכני עפר[15], צוזאמען מיט די אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות, ובפרט - דער ביהכנ״ס און ביהמ״ד פון נשיא דורנו, וואו מ'האט געמאכט "דא" ארץ ישראל[16].

ז. עס ווערט דער "מקץ שנתיים ימים", קץ הגלות - ווי מ'גייט לייענען בתפלת מנחה, בברכה לפני' ואחרי', ובאמירת אמן, כולל אויך - אמירת אמן פון די קינדער, אן אינגעלע און מיידעלע וועלכע געפינען זיך אין ביהכנ״ס (בפרט מצד הקהל האנשים והנשים והטף),

און דערנאך לערנט מען די פרשה, און בשעת א איד, אפילו א קליין קינד לערנט תורה, איז הקב״ה קורא ושונה כנגדו[17].

און דער "מקץ" הגלות ווערט תיכף ומיד ממש, נאך פאר דער קריאה בפרשה, און **דערנאך**, לאחרי ביאת משיח, לייענט מען די פרשה [ווייל אויך לאחרי ביאת המשיח וועט זיין קריאת התורה בין שאר המצוות (כמצוות רצונך), עכ״פ בתקופה הא'].

וכל זה - מתוך שמחה וטוב לבב, ובפרט אז ימי חנוכה זיינען ימי שמחה, כנ״ל, כפס״ד הרמב״ם, וואס ממשה ועד משה לא קם כמשה (כפתגם גדולי ישראל)[18],

און דער רמב״ם איז מסיים ספרו (עיקר ספרו, וועלכע ער האט געשריבן בלשון הקודש) - אז לע״ל וועט זיין עסק כל העולם לדעת את ה' בלבד, ועאכו״כ בא אידן, שנאמר[19] כי מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים,

ונעוץ סופן בתחלתן[20] - תחלת ספרו: יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון וכל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא

13) ראה אגרות קודש אדמו״ר האמצעי מכתב לב. מאמר ענין ההשתטחות קרוב לסופו. 14) ראה בכ״ז לקו״ש חכ״ה ע' 98 הערה 69. 15) ישעי' כו, יט. 16) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע' תפה. 17) תדא״ר פי״ב. 18) שה״ג (להחיד״א) ערך ר' משה גאון. ועוד. 19) ישעי' יא, ט. 20) ס' יצירה פ״ב מ״ו. 21) הל' יסוה״ת פ״א ה״א.

מאמיתת המצאו״[21], וכהמשך הרמב״ם - אז די נמצאים דארפן אנקומען בכל רגע צו אמיתת המצאו[22], ביז ״ה׳ אלקים אמת״[23].

ובמהרה בימינו ממש, ובשמחה וטוב לבב, כפס״ד הרמב״ם.

* * *

ח. ס׳איז אויך נהוג צו רעדן אן ענין אין פרש״י אין דער פרשה [נוסף צו דער חסיד׳ישער פרשה]. ובזה גופא - זיינען פאראן א ריבוי ענינים, שטעלט מען זיך אפ אויף פרש״י בריש הפרשה.

ובנדו״ד - איז דא א ״קלאץ קשיא״ אין פרש״י ריש פרשתנו, אויף וועלכע מ׳איז ניט משים לב, און אויך מפרשים שטעלן זיך ניט אויף דעם.

אין זיין ערשטן פירוש בפרשתנו שרייבט רש״י: ״וישב יעקב וגו׳ - אחר שכתב לך ישובי עשו ותולדותיו בקְצרה שלא היו ספונים וחשובים לפרש האיך נתיישבו..פירש לך ישובי יעקב ותולדותיו בדרך ארוכה..לפי שהם חשובים לפני המקום להאריך בהם. וכן אתה מוצא בעשרה דורות שמאדם ועד נח פלוני הוליד פלוני וכשבא לנח האריך בו. וכן בעשרה דורות שמנח ועד אברהם קצר בהם ומשהגיע אצל אברהם [וצריך להבים דעם טעם השינוי וואס בא נח שרייבט רש״י ״וכשבא לנח״, און ביי אברהם - ״ומשהגיע אצל לאברהם״] האריך בו״.

און דערנאך גיט רש״י א משל אויף דעם: ״משל למרגליות שנפלה בין החול, אדם ממשמש בחול וכוברו בכברה [א זיפ] עד שמוצא את המרגליות, ומשמצאה הוא משליך את הצרורות מידו [וצלה״ב דעם שינוי פארוואס בתחלה רעדט רש״י וועגן ״חול״, און בסיום זאגט ער ״משליך את הצרורות״, און ניט חול[24]] ונוטל המרגליות״.

דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז רש״י אליין ברענגט אז די אריכות בנוגע ישובי יעקב ותולדותיו (בערך צו ישובי עשו ותולדותיו) איז ניט דער ערשטער מאל אין תורה, נאר ״וכן אתה מוצא בעשרה דורות שמאדם ועד נח כו׳ וכן בעשרה דורות שמנח ועד אברהם״ - היינט פארוואס ווארט רש״י מיט זיין פירוש ביז דער פרשה און זאגט עס ניט פריער בא נח און אברהם?!

[דאס וואס רש״י איז דאס ניט מפרש בפרשה שלפני זה - איז קיין קשיא ניט, ווייל דארטן איז ניטא מער אריכות וועגן יעקב ווי וועגן עשו, ואדרבה].

---

22) שם ה״ב וב״פירוש״ שם. 23) שם ה״ד. 24) ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 303.

וואס דאס איז מעורר אויף נאך אן ענין הצריך ביאור: אין פ׳ בראשית וואו די תורה רעכנט אויס די די עשרה דורות מאדם ועד נח - פארוואס איז ניטא קיין אריכות בא די צדיקים חנוך און מתושלח, און די אריכות ווערט ערשט בא נח. ובפרט אז חנוך האט געהאט די מעלה מיוחדת וואס ״ויתהלך חנוך את האלקים״[25] [ביז אז ער ווערט אנגערופן שרו של עולם], א דבר היוצא מן הכלל ושינוי פון מעשה בראשית, ואעפ״כ איז ניטא קיין אריכות אין תורה וועגן חנוך.

אויך דארף מען פארשטיין - דער לימוד דערפון אין ״וההחי יתן אל לבו״.

ט. דער ביאור בזה - אין ״וההחי יתן אל לבו״ בעבודת ה׳ [ולהעיר אז אין דעם לימוד בקשר מיט ״וההחי יתן אל לבו״ - קען מען ברענגען אויך א פירוש פון מדרש וכיו״ב, ווייל מ׳איז ניט געבונדן צו פשוטו של מקרא דוקא]:

דער טעם פארוואס די מאורעות של צדיקים ווערן דערציילט אין תורה מיט אן אריכות צוליב זייער חשיבות לפני המקום - איז בכדי אז א איד זאל דערפון ארויסנעמען א לימוד והוראה אין זיין עבודה (כדלקמן).

ועפ״ז וועט מען פארשטיין פארוואס רש״י איז עס מפרש דוקא בא יעקב:

דער אמת׳ער ושלימות׳דיקער לימוד בעבודת כאו״א (אין ״וההחי יתן אל לבו״) פון חשיבות צדיקים און די אריכות שבזה אין תורה - לערנט מען אפ דוקא פון יעקב, ווארום ביי אים איז געווען שלימות העבודה - ״מטתו שלימה״[26], משא״כ נח און אברהם באדייטן נאך תחלת ואמצע העבודה [אבער לאידך גיסא - אין דעם לימוד פון יעקב קומט צו א הוספה דורך דעם וואס מ׳ווייסט אז אזוי איז אויך געווען בא נח און אברהם, דערפאר ברענגט רש״י ״וכן אתה מוצא וכו׳״, וכדלקמן סי״ג]:

בנוגע צו נח איז רש״י מפרש (אויף ״תמים הי׳ בדורותיו״) ״יש שדורשים אותו לגנאי כו׳״, וואס דאס איז מדגיש אז כאטש נח איז געווען א צדיק איז ער ניט געווען בשלימות, כדמוכח מזה וואס ס׳איז דא די וואס ״דורשים אותו לגנאי״.

---

25) בראשית ה, כד. 26) ויק״ר פל״ו, ה. וראה פסחים נו, א. ספרי ואתחנן ו, א. ועוד.

דלכאורה: אויב ס׳איז דא א פירוש לשבח - פארוואס זאל מען דאס לערנען לגנאי. פון דעם ווארט ״בדורותיו״ איז קיין הכרח ניט, ווייל ״בדורותיו שטימט אויך לויט דעם פירוש לשבח (״כל שכן שאילו הי׳ בדור צדיקים הי׳ צדיק יותר״). ואע״פ אז מ׳מוז זאגן אז די דרשה לגנאי איז מצד א הכרח פון פסוק - ווערט די שאלה אויפן פסוק: וויבלאד אז די תורה דערמאנט דא נח לשבח, ״נח איש צדיק״, ווייל ״זכר צדיק **לברכה**״ - פארוואס זאל דער פסוק דא מרמז זיין אן ענין לגנאי?

נאר דערפון זעט מען, אז ניט קוקנדיק אויף צדקותו של נח, איז ביי אים ניט געווען שלימות העבודה.

און ווי מ׳זעט עס אויך פון בנו חם, וממנו יצא כנען וכו׳ - היפך פון מטתו שלימה.

עד״ז ביי אברהם - איז הגם ער איז געווען אויף א סך א העכערע דרגא ווי נח, איז ער אבער אויך נאך ניט צוגעקומען צו שלימות העבודה. ווי מ׳זעט עס אין דעם וואס יצא ממנו ישמעאל (אויך ניט דער ענין פון מטתו שלימה). וואס דאס באווייזט אז עבודתו של אברהם איז ניט בשלימות, כמבואר בכ״מ אז יצא ממנו ישמעאל איז מצד דער יניקה וואס קומט ארויס פון ריבוי החסד של אברהם[27].

וכדמוכח אויך פון דעם וואס דוקא שרה האט געזען אז מ׳דארף אוועקשיקן ישמעאל׳ן, משא״כ אברהם האט דאס ניט געזען. און נאכמער: אפילו בשעת שרה האט געזאגט אברהם׳ן[28] ״גרש האמה הזאת ואת בנה״, איז ״וירע הדבר מאד בעיני אברהם״[29], און אברהם האט געדארפט אנקומען צו קבלת עול, אז דער אויבערשטער זאל אים זאגן ״כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה״[30].

דלכאורה: שרה איז געווען אן אשה כשרה העושה רצון בעלה - האט זי זיכער ניט געזאגט אברהם׳ן דו מוזט פאלגן וואס איך זאג און אוועקטרייבן ישמעאל׳ן אן קיין הסברה בדבר, נאר זיכער האט זי אים מסביר דעם טעם לזה, א מילתא בטעמא, אז ישמעאל קען שאטן יצחק׳ן - איז פארוואס האט אברהם געדארפט אנקומען צו ציווי ה׳ און אננעמען בקבלת עול אז אזוי דארף ער טאן?

נאר דער ביאור אין דעם איז, אז מצד **חסדו הגדול** של אברהם, האט ער מלמד זכות געווען און ניט געקענט זען און פארשטיין

---

27) ראה ס׳ הערכים חב״ד ערך אברהם. וש״נ. 28) וירא כא, י. 29) שם, יא. 30) שם, יב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

בשכל - מצד דרגתו הוא (של אברהם) - דער הכרח צו אוועקשיקן ישמעאל [ווארום ביז דעמולט איז דאך ישמעאל געווען צוזאמען מיט אים, און האט אים געהאלפן מיט הכנסת אורחים[31], און געהאלפן בא עקידת יצחק[32] וכו׳, און ביז דעמולט האט אפילו שרה ניט געהאט קיין טעם אים אוועקשיקן. ניט ווי ס׳איז געווען בא יעקב ועשו, אז גלייך מתחלה האבן זיי זיך געקריגט (״ויתרוצצו הבנים בקרבה״[33]), און דערנאך ווען ״ויגדלו הנערים״[34] איז דאס ארויס בגלוי, ביז אז דערפאר האט מען געדארפט צונעמען פינף יאר פון חיי אברהם[35]].

זעט מען דערפון אז אברהם באדייט אמצע עבודת האדם, איידער מ׳קומט צו שלימות העבודה באופן פון מטתו שלימה. אפילו בא יצחק בנו, וועלכער איז געקומען **לאחרי** עבודת אברהם (ד.ה. אז ער האלט שוין ווייטער אין דער עבודה) - איז אויך ניט געווען מטתו שלימה, ווארום יצא ממנו עשו.

ביז אז אברהם האט געבענטשט ישמעאל מיט א ריבוי ברכות, ועד״ז יצחק מצדו האט געוואלט בענטשן עשו׳ן מיט די גרעסטע ברכות (נאר בפועל האט יעקב זיי באקומען), און אויך בפועל - האט יצחק אויסגעפירט עכ״פ במקצת[36].

משא״כ בא יעקב - וועלכער איז געקומען לאחרי אברהם ויצחק - איז געווען מטתו **שלימה**,

[ואפילו בנוגע צו ראובן שבלבל יצועי אביו - איז: דא א דיעה אז לא חטא[37], און אפילו להדיעה שחטא - האט ער תשובה געטאן אויף דעם [און ווי רש״י ברענגט (אין פשוטו של מקרא)[38] אז ״עסוק הי׳ (ראובן) בשקו ובתעניתו״, ניט נאר בתעניתו נאר אויך בשקו (כמדובר אמאל דער דיוק אין די צוויי ענינים)], ואדרבה - דורך דעם האט ער פותח געווען די וועג לתשובה[39], ער האט אנגעוויזן די וועג לתשובה, ביז אין אן אופן אז אפילו לאחרי כו״כ שנים טוט ער תשובה אויף א זאך ווס איז געווען כמה שנים לפנ״ז, דהיינו - דער לימוד אז עס דארף זיין כל ימיו בתשובה],

דאס הייסט אז עבודת יעקב באדייט (ניט תחלת העבודה אדער אמצע העבודה, נאר) סיום ושלימות העבודה.

---

31) שם יח, ז. 32) שם כב, ג. 33) תולדות כה, כב. 34) שם, כז. 35) פרש״י שם, ל. 36) תולדות כז, לט. 37) ראה תורה שלימה עה״פ ויחי מט, ד. וש״נ. 38) פרשתנו לז, כט. 39) ב״ר פפ״ד, יט.

י. ועפ״ז איז פארשטאנדיק פארוואס דער לימוד (״והחי יתן אל לבו״) לכאו״א מישראל בנוגע צו דער מעלה וחשיבות פון א צדיק (וואס דערפאר דערציילט תורה וועגן אים באריכות) איז דוקא פון יעקב - ווייל בשעת מ׳וויל אפלערנען א הוראה אין עבודה, דארף מען עס אפלערנען פון אזא צדיק וואס שטייט בתכלית השלימות.

ד.ה. אז הגם מ׳וואלט עס אויך געקענט אפלערנען פון נח און אברהם, וויל מען אבער לערנען א אידן אז ער האט נאכמער מעגלעכקייט וכח אין זיין עבודה - צו זיין (ניט נאר ווי נח און אברהם, נאר) ווי יעקב, וואס מטתו שלימה, שלימות העבודה.

און נאכמער: פון עבודת יעקב קען זיך א איד אפלערנען אין אלע פרטים (פון יעקב׳ס עבודה), ווארום ס׳איז אלץ געווען באופן של שלימות (מטתו שלימה), משא״כ בנוגע צו נח ואברהם איז געווען יצא ממנו כו׳, וואס דערפון דארף מען זיך בפירוש ניט אפלערנען.

און דערצו: אויך בנוגע צו די מעשים טובים פון נח און אברהם - קען מען זיך אויך ניט אינגאנצן אפלערנען פון זיי, ווארום דער ״קלוגינקער״ קען טענה׳ן בנוגע צו נח, אז ״יש דורשים לגנאי״, זיין צדקות איז געווען נאר בערך צו זיין דור, אבער אין אן אנדער דור וואלט ער ניט געווען קיין צדיק. ובפרט אז נח האט געהאט א ציווי מיוחד ומפורש צו בויען א תיבה, און דערנאך צו טאן די צדקה פון מפרנס זיין כל בהמה וחי׳ שבעולם וכו׳; אבער לולא זה - וואלט ער אפשר ניט געווען אזא צדיק, טענה׳ט דער קלוגינקער.

ועד״ז בנוגע צו אברהם - טענה׳ט דער יצר, אז זיינע מעשים טובים זיינען אפשר געטאן געווארן בקבלת עול, אזוי ווי ער האט אנגענומען בקבלת עול אז ער דארף אוועקטרייבן ישמעאל׳ן.

ועפ״ז איז מובן, אז אדרבה: אויב דער לימוד וואלט געווען פון נח אדער אברהם, וואלט געווען א קס״ד פון דעם יצר צו וועלן ארייגרעדן א אידן אז ס׳איז דא אן ארט אז זיין עבודה דארף ניט זיין בשלימות (ביז אין אן אופן פון יצא ממנו כו׳ ח״ו), און אזוי איז דער סדר ח״ו, והראי׳ אז אזוי איז געווען בא נח און אברהם; דעריבער לערנט מען עס ניט אפ פון זיי, ווייל אל תפתח פה כו׳, נאר מ׳לערנט עס אפ פון יעקב, וואס מטתו שלימה, דאס באווייזט אז בא יעדער איד קען און דארף זיין שלימות העבודה.

יא. איינע פון די הוראות וואס מ׳קען ארויסנעמען פון דעם

פרש״י - און ווי מ׳לערנט עס אפ דוקא פון יעקב, וואס מטתו שלימה:

בנוגע צו פעולות טובות וואס א איד טוט, דארף מען ניט פראוועןקיין עניוות, און זיין הצנע לכת, נאר מצוה לפרסם עושי מצוה[40] (אזוי ווי די תורה איז מפרסם און מיט אן אריכות וועגן מעשה יעקב). ובמכ״ש וק״ו פון דעם וואס בנוגע צו מדת פרועניות זאגט מען למען ישמעו ויראו, עאכו״כ במרובה מדה טובה כו׳ - אז מצוה לפרסם עושי מצוה, בכדי אז ממנו יראו וכן יעשו רבים.

און דער לימוד בזה איז דוקא פון יעקב, ווייל ער באדייט שלימות העבודה פון א צדיק (מטתו שלימה), וואס דאס איז דער בעסטער לימוד פאר יעדער איד, כנ״ל.

יב. ובפרטיות יותר:

א איד קען טענה׳ן, אז בשעת ער געפינט זיך אין ״ארץ מגורי אביו״, און אין אן אופן פון ״וישב״, בהתיישבות - ווייל ער ניט וויסן וועגן די וועלט וואס געפינט זיך ארום אים.

ובפרט אז לאחרי די אלע צרות וואס ער האט געהאט אין גלות בא לבן, ״עשרים שנה אנכי בביתך״[41], און ער האט געליטן סיי ביום און סיי בלילה (״ביום אכלני חרב וקרח בלילה״[42]) - איז איצטער, לאחרי וואס ער איז סו״ס אנגעקומען אין ״ארץ מגורי אביו״ - שרייט ער: גענוג! דאלאי גלות - ״ביקש יעקב לישב בשלוה״, א איד וויל שוין זיצן בשלוה.

זיכער ווייסט ער וועגן די מעלה פון ״לפום צערא אגרא״[43], אבער לאחרי ווי ער האט שוין געהאט דעם צער הגלות - וויל ער שוין איצטער דעם שכר.

ועד״ז אין עבודת כאו״א: ער געפינט זיך אין די ד׳ אמות של תורה תפלה וצדקה, און ווי דאס ווערט באלויכטן און באלעבט פון פנימיות התורה - טענה׳ט ער, אז דאס איז אים גענוג און ער וויל ניט וויסן פון דער וועלט ארום אים!

נאכמער: ס׳איז ניטא קיין וועלט - ווארום ״אין עוד מלבדו״!

וכידוע דער סיפור פון חסידים אין רוסלאנד וועלכע זיינען געגאנגען אין וועג פון א חסיד׳ישן פארברענגען, און זיי האבן

---

40) שו״ת הרשב״א ח״א סתקפ״א. רמ״א יו״ד סרמ״ט סי״ג. ועוד. 41) ויצא לא, לח. 42) שם, מ. 43) אבות ספ״ה.

געטראפן אן איש משטרה, וועלכער האט געבעטן זען דעם "פאספארט" - האבן די חסידים געזאגט, שטייענדיק אונטער דער השפעה פון דעם וואס ס'האט זיך גערעדט בא דעם פאברענגען - אז "אין עוד מלבדו", ס'איז ניטא קיין וועלט, די וועלט איז בטל!

וכידוע אויך דער סיפור מיט ר' נחמי' דאבראוונער, אז קומענדיק צום סך-הכל פון זיינע חשבונות העסק, האט ער געשריבן "אין עוד מלבדו"! און דאס איז ניט געווען בכדי באווייזן א קונץ, נאר ער האט דערבײַ געהאלטן, אזוי האט זיך אים געשריבן מנפשי' - ע"ד מנפשי' כרע[44].

אפילו אויב ס'איז דא א וועלט - שרייט ער, אז ס'איז גארניט!

זאגט מען אים, אז די תורה "כתב לך ישובי עשו ותולדותיו" - דו דארפסט וויסן זיין, אז ס'איז דא א וועלט, א גרויסע גשמיות'דיקע וועלט, און ניט סתם א וועלט, נאר עשו'ס א וועלט, מיט תולדות ואלופים וועלכע פירן מלחמות וכו'; אבער ביחד עם זה דארפסטו וויסן, אז דיין עבודה דארף באשטיין אויך אין דעם (ניט בלייבן פארשפארט אין די אייגענע ד' אמות, און וויסן אז די וועלט איז בטל, נאר אויפטאן אז אויך אין וועלט זאל זיך הערן דער ביטול), אז אין דער וועלט זאלסטו מגלה זיין און מאכן אנהערן אז דאס איז אלץ "בדרך קצרה" ווייל די אלע זאכן זיינען ניט "ספונים וחשובים", זיי זיינען טפל ובטל צו יעקב ותולדותיו, וועלכע זיינען "דרך ארוכה", "לפי שהם חשובים לפני המקום להאריך בהם", ד.ה. אז מ'איז מגלה ווי דער עיקר חשיבות ואמיתית מציאות העולם איז יעקב, ווי ער ווערט בעה"ב אויף דער גאנצער וועלט!

דער "סך-הכל" דארף טאקע זיין "אין עוד מלבדו", אבער דאס גופא דארף מען מגלה זיין אין וועלט.

ער געפינט זיך טאקע אין ד' אמות של תורה און פנימיות התורה, אבער פנימיות התורה גופא איז מדגיש אז ס'איז דא חיצוניות, נגלה דתורה, נאר דאס איז די נגלה פון אט דער פנימיות, ביז אז ס'איז דא חיצוניות העולם, און דארטן דארף מען מגלה זיין איר פנימיות - אז אין עוד מלבדו.

יג. דערביי קען אבער א איד פרעגן:

---

44) ירושלמי ברכות פ"ב סוף ה"ד. תוד"ה עיון - שבת קיח, ב.

די וועלט שטייט שוין א לאנגע צייט איידער ער איז געבארן געווארן, איז ווי קען ער דארטן אויפטאן, ביז ווערן דארט בעה״ב?

ובפרט אז ער שטייט בתחלת העבודה, און איז נאך ניט צוגעקומען לדרגת יעקב (מטתו שלימה) - איז ווי קען ער אויפטאן און מגלה זיין אין וועלט אז זי איז בטל וטפל צו א אידן, בעסער ער זאל בלייבן בא זיך אין די אייגענע ד׳ אמות און טאן זיין אייגענע עבודה?

איז רש״י ממשיך: ״וכן אתה מוצא בעשרה דורות שמאדם ועד נח״ [וואס הגם אז די עשרה דורות זיינען געווען דעמולט, איז אבער התורה היא נצחית על כל הזמנים] - אז אויך בתחלת הבריאה, און אין עבודה - בתחלת העבודה, ווען מ׳האט (נח האט) נאך ניט גֶעהאלטן בא שלימות העבודה (מטתו שלימה), און ניט געהאט אלע עילויים וזכותים פון יעקב - איז אויך דעמולט געווען א מענטש ווי נח, און ״כשבא לנח האריך בו״, ד.ה. אז ס׳האט זיך אנגעהערט ווי די וועלט איז א ״קיצור״, און די אריכות וחשיבות איז דוקא בא נח איש צדיק.

און רש״י איז מוסיף - ״וכן בעשרה דורות שמנח ועד אברהם קצר בהם ומשהגיע אצל אברהם האריך בו״ - ווייל די ראי׳ פון נח אליין איז ניט גענוג: דער ״קלוגינקער״ קען טענה׳ן, ברענגסט מיר א ראי׳ פון נח - אדרבה: פון נח איז א ראי׳ פונקט פארקערט. די וועלט איז דעמולט געווען אזוי שטארק בתוקף (ותמלא הארץ חמס), אז די איינציקע עצה איז געווען צו מבטל זיין און חרוב מאכן די גאנצע וועלט (דורך דעם מבול), און אויב ניט - קען זיין אז דאס וואלט אויך איינגעשלונגען נח׳ן!

דעריבער ברענגט רש״י די ראי׳ אויך פון די דורות מנח עד אברהם, וואס דאס איז געווען שוין נאכן מבול, לאחרי הברית והשבועה (און צוויי מאל) אז ״לא יהי׳ עוד מבול לשחת הארץ״[45] [ואע״פ אז דערנאך איז געווען דער דור הפלגה און די איינציקע עצה לזה איז געווען ״ויפץ ה׳ אותם משם על פני כל הארץ״[46], וואס אזא הפצה טוט אויף ביטול הענין, כמובן בפשטות - איז דאס אבער ניט אזא ביטול ווי דורכן מבול], ואעפ״כ איז געווען אברהם, ״ומשהגיע אצל אברהם האריך בו״, וואס אברהם האט אויפגעטאן אין וועלט - אברהם מגייר האנשים ושרה מגיירת

45) נח ט, יא. טו. 46) שם יא, ח.

הנשים[47] וכו׳.

יד. ע״פ הנ״ל קען מען אויך מסביר זיין דעם טעם ע״ד הפשט פארוואס רש״י זאגט זיין פירוש ערשט דא בא יעקב, און ניט פריער בא נח און אברהם - ווייל דארטן איז ניטא קיין הכרח גמור צו טייטשן אז די אריכות כתובים איז צוליב זייער צדקות, נאר אפשר צוליב אן אנדער טעם; משא״כ דא בא יעקב איז מוכרח אז דאס איז דער טעם, און לאחרי ווי מ׳ווייסט פון יעקב אז אזוי איז דער פירוש בההכרח, לערנט רש״י דערפון אפ אז אזוי איז אויך דער פשט בא נח ואברהם (ווי מ׳געפינט עד״ז בכמה מדרשים וכיו״ב, אז מ׳לערנט אפ פון א שפעטערדיקן ענין אויף פריער, ווייל פריער האט מען אויף דעם ניט געהאט קיין הכרח).

ויש להרבות בזה כהנה וכהנה.

טו. דערפון איז פארשטאנדיק דער לימוד (״והחי יתן אל לבו״) אין עבודת האדם פון דעם פרש״י - און אויך דער קשר מיט ימי חנוכה:

ס׳איז ניט מספיק אז א איד זאל באלייכטן ביתו ופתח ביתו, אין די אייגענע ד׳ אמות של קדושה, נאר ער דארף אויך באלייכטן ״על פתח ביתו **מבחוץ**״, אז אויך אין עולמו של עשו, זאל זיך אנהערן ווי אידישקייט און תורה איז בעה״ב.

דער פשט אין דעם איז אבער ניט, אז דורך וויסן וועגן וועלט און דארטן אויפטאן, וועט עפעס פעלן אין זיין עבודה אין די ד׳ אמות של תורה כו׳. נא ער האט ביידע זאכן בשלימות.

דאס הייסט, אז עס דארף זיין דער חיבור פון ביידע ענינים: די עבודה מיט זיך אליין, אין די אייגענע ד׳ אמות, און די עבודה אין וועלט.

און ווי מ׳געפינט ביידע ענינים בא יעקב אבינו עצמו: יעקב איז געווען ״יושב אהלים״, אהלו של שם ואהלו של עבר, כנגד תושב״כ ותושבע״פ כו׳.

ועד כדי כך, אז אפילו ווען זיינע עלטערן (יצחק ורבקה) האבן אים געשיקט אין חרן לקחת משם אשה, האט זיך יעקב געזעצט נאך פערצן יאר לערנען תורה בביתו של עבר!

[ווי מ׳האט געפרעגט[48] די שאלה: פארוואס יעקב האט דוחה געווען אויף פערצן יאר קיום ציווי ה׳ פון ״פרו ורבו גו׳״, און

---

47) פרש״י לך יב, ה. 48) קונטרס משיחת ש״פ ויצא הערה 35.

ציווי הוריו (היפך כיבוד אב ואם) צו גיין אין חרן לקחת משם אשה?!

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן, אז ער האט אויף דעם געהאט דעם היתר אזוי ווי בא בן עזאי וואס האט ניט חתונה געהאט (אדער האט זיך אפגעזגט) ווייל "נפשי חשקה בתורה"[49], און דאס איז מותר בשעת ס'איז ניטא קיין חשש אויף ענינים בלתי רצויים (כמבואר בהל' ת"ת לאדה"ז[50]), און ביי יעקב איז ניט געווען קיין חשש, כמ"ש[51] "ראשית אוני. דער תירוץ איז אבער ניט מספיק - ווייל:

(א) יעקב האט חושש געווען אויף זיך "שמא נתכלכלתי בחטא"[52], ביז אז ער האט מורא געהאט אפשר וועט דאס אנרירן הבטחת הקב"ה אליו בנוגע זרעו וכו'.

(ב) ועיקר: דאס פארענטפערט ניט ווי יעקב האט געמעגט עובר זיין אויף מצות כיבוד אב ואם של יעקב - דורך אפשטופן מקיים זיין זייער ציווי אויף פערצן יאר! ובפרט אז יעקב האט דאך געוואוסט די מעלה פון זריזות, ווי ס'איז געווען ביי אברהם - "וישכם אברהם בבוקר"[53]].

עכ"פ בנוגע לענייננו - איז לאחרי די י"ד שנה של לימוד התורה בבית עבר, איז יעקב געגאנגען אין חרן און האט דארט חתונה געהאט און מקיים געווען "פרו ורבו גו'", דורך אוישפטעלן א שטוב.

זעט מען אז בא יעקב זיינען געווען ביידע ענינים: סיי לימוד התורה שלו מיטן גאנצן שטורעם, און דערנאך - די עבודה אין וועלט, "פרו ורבו גו'".

דערפון איז אויך די הוראה לכאו"א מישראל: לכל לראש דארף זיין לימוד התורה, נגלה דתורה ופנימיות התורה, ובתכלית השלימות; דערנאך דארף אבער זיין דער "פרו ורבו גו'", כולל בפירושו ברוחניות - ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט: יעדער איד, יעדער חסיד - דארף מאכן נאך א חסיד. און די עבודה פון "פרו ורבו" אין וועלט - איז קיין סתירה ניט צו לימוד התורה שלו, ווארום ביידע ענינים (וחיובים) שטייען אין דעם זעלבן שולחן ערוך.

וע"ד ווי ס'איז אויך געווען בא רשב"י - די ביידע ענינים ועל סדר זה: פריער זייענדיק ״״ מערה איז זיין עבודה געווען פאר

49) יבמות סג, ב. 50) רפ"ב. 51) ויחי מט, ג. 52) פרש"י וישלח לב, יא. 53) וירא כב, ג.

זיך אליין, אן קיין שייכות מיט וועלט, ביז אז ער איז געווען א יחיד בעולמו - אם אחד הוא אני הוא, ואם שנים הם אני ואלעזר בני.

דערנאך ארויסגייענדיק פון דער מערה, האט ער געטאן אויך אין וועלט, ביז אז ער האט געזוכט א זאך וואס ער קען מתקן זיין אין וועלט און האט דאס מתקן געווען.

אבער וויבאלד אז עיקר ענינו איז - דאס וואס ער איז א יחיד בעולם, דערפאר זעט מען אז ברוב בפעמים איז די הלכה בפועל (אין וועלט) ניט ווי ער, רבי מאיר ורשב״י הלכה כרבי מאיר, רבי יהודה ורשב״י הלכה כר״י.

- ווען עס קומט דער זמן בשנה ווען מ׳שטייט בסמיכות צו ל״ג בעומר, דארף מען דעמולט רעדן במעלתו של רשב״י.

טז. בהמשך להמדובר לעיל וועגן תורה עבודה וגמ״ח - איז כאן המקום, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אלקים ואנשים פאר פארשידענע מסיבות, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים.

און דאס וועט צוגעבן נאכמער אין הצלחת כל הענינים, ובפרט אז מ׳קומט איצטער פון י״ט כסלו, דער ראש השנה לחסידות, וואס דערפאר איז מתאים אויסנוצן די געלעגנהייט נאכאמאל ווינטשן יעדערן - ״לשנה טובה בתורת החסידות ובדרכי החסידות תכתב ותחתם״, וואס זיכער זיינען די אלע פעולות אין די מסיבות הנ״ל פארבונדן אדער מיט תורת החסידות אדער מיט דרכי החסידות,

און שטייענדיק געציילטע טעג נאך דער ראש השנה לחסידות, האט מען שוין זיכער אנגעהויבן ״פאנאנדערפאקן די פעקלעך״ על כל ימי השנה (ווי דאס איז בנוגע צו ראש השנה בכלל), עאכו״כ אין די ימים הסמוכים צו י״ט כסלו, און אין אן אופן אז ״מתעשרת בסופה״, גלייך בתחלת השנה.

און פון י״ט כסלו גייט מען אריין אין די ימי החנוכה, אויך מלשון חינוך - מחנך זיין זיך און בני ביתו [(כ״ק אדמו״ר שליט״א חייך ואמר:) לפעמים איז לייכטער מחנך זיין די בני בית איידער מחנך זיין זיך, כידוע אינש בנפשי׳, אז אמאל מאנט ער א זאך בא זיין בן אדער בת, וואס לאו דוקא אז ער אליין פירט זיך אזוי, אמאל יע און אמאל ניט, ביז אמאל - איז ביי אים פונקט א א פארקערטע הנהגה. אבער מ׳דארף דאך דורש זיין לשבח...].

און די עבודה הויבט זיך אן איצטער, שטייענדיק אין שבת ערב

חנוכה. און פון ערב חנוכה גייט מען אריין אין חנוכה, אנהויבנדיק במוצאי שבת, סעודתא דדוד מלכא משיחא.

זאל אזוי זיין בפועל, אז במוצאי שבת זה זאל מען שוין עסן סעודתא דדוד מלכא משיחא, די סעודה דלע״ל, לויתן ושור הבר[54], און בסוף הסעודה - איז דוד המלך מברך על הכוס, ״לי נאה לברך״[55], כוסי רוי׳ (פון יין המשומר) של רכ״א לוגין[56], אותיות ארך, בחי׳ אריך, ביז אין פנימיות הכתר, עתיקא קדישא,

ובמהרה בימינו ממש, אין אן אופן של זריזות. ובפרט דורך די וואס וועלן ארויפגיין כנ״ל - ווערט דאס א הכנה צו דעם ״והריקותי לכם ברכה עד בלי די״[57].

און עס ווערט דער ״פדה בשלום נפשי מקרב לי״, ובשמחה ובטוב לבב.

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

יז. לסיים במה שהתחיל - דער פס״ד הרמב״ם אז די טעג פון חנוכה זיינען ימי שמחה. ובהתאם לזה - דארף מען פראוועט די טעג פון חנוכה מיט א גרויסע שמחה. ואע״פ אז עס זיינען פאראן אנדערע דיעות בזה, איז אזוי ווי בימי חנוכה פירט מען זיך באופן פון מהדרין מן המהדרין, דארף אזוי אויך זיין בנוגע צו דער שמחה.

און ווי מ׳האט שוין גערעדט וועגן דעם איין מאל און א צווייטן מאל וכו׳, און מ׳זאל שוין מערניט דארפן רעדן וועגן דעם, ועאכו״כ אז עס זאל ניט ארויסקומען בקצה השני, ווי דער קס״ד ביי אנדערע - זאל דאס בלייבן א קס״ד און ניט ארויס בפועל.

און אנשטאט מיין רעדן וועגן דעם, זאל יעדערער זיך אליין מעורר זיין אויף דעם, אנהויבנדיק דורך אריינקוקן אין דברי רבותינו נשיאינו, עכ״פ אויף די קעפלעך, ווי דער קעפל אין ״הקריאה והקדושה״ - ״לאלתר לגאולה״ - וועט דאס אים ברענגען לידי שמחה.

דער עיקר איז, עס זאל זיין א שמחה גדולה, און א שמחה בגשמיות ושמחה ברוחניות, אנהויבנדיק פון דער שמחה אין דעם

---

54) ב״ב עד, ב. 55) פסחים קיט, ב. 56) תהלים כג, ה. יומא עו, א. 57) מלאכי ג, י.

ערשטן טאג חנוכה,

ובכל יום - מוסיף והולך ואור, ווי מ'לערנט עס אפ פון די נרות חנוכה, וואס זייער ענין איז אור, ביז דער אור פון מקור האור, פון מאור, כולל - נשיא דורנו.

און דאס קומט ארויס אין חנוכה מלשון חינוך, חנוכת המזבח והמקדש - אז מ'איז מחנך זיך און אלע ארום, כולל - דורך מחנך זיין דעם מזבח החיצון ומזבח הפנימי וואס געפינט זיך בלבו של כאו"א, ביז אין קדש הקשים - ישראל ואורייתא וקוב"ה כולא חד[58], למעלה ממנורת זהב כולה.

וכאמור, מוסיף והולך מיום ליום, ביז מ'קומט צו "זאת חנוכה" (כמבואר ענינו בדרושי חסידות[59]), אז די אלע עניני חנוכה שטייען אין אן אופן פון "זאת" (גילוי) - מראה באצבעו ואומר זאת.

און עס ווערט "וישב יעקב", די ישיבה בשלוה, נאך זייענדיק אין גלות,

און דערפון טאנצט מען גלייך אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, א גאולה גשמית און דערנאך אויך א גאולה רוחנית, ותיכף ומיד ממש.

אח"כ צוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן שיבנה ביהמ"ק. פדה בשלום נפשי.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

58) ראה זח"ג עג, א. 59) אוה"ת חנוכה תתקסב, א.

לעילוי נשמת

הרה״ג הרה״ח מזקני התמימים מוה״ר **אלי׳**

בן הרה״ח ר׳ **שמעון אהרן** ז״ל

סימפסאן

מראשי חוזרי דא״ח בליובאוויטש אצל כ״ק אדמו״ר הרש״ב נ״ע

שימש כעשר שנים בקדש פנימה אצל כ״ק אדמו״ר הריי״ץ נ״ע

ומקושר לרבותינו נשיאינו עד יום האחרון

נפטר בשיבה טובה נר חמישי דחנוכה, כ״ט כסלו ה׳תשל״ז

*

נדפס ע״י בנו

הרה״ת ר׳ **ארי׳ זאב** וזוגתו מרת **חנה באשא**

ומשפחתם שיחיו

סימפסאן

הכתובת להשיג ״התנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ מקץ, ז' דחנוכה
ה'תשמ"ט

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

א זאך וואס איז היפך **כל המציאות** פון א אידן - א חלק אלוקה ממעל ממש, ומשביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע[7] - דאס קען ער ניט טאן, ווארום א מענטש איז א מוגבל אין דעם אז אדם קרוב אצל עצמו, במילא קען ער זאגן עדות היפך מציאותו!

איז איינער פון די ביאורים אין דעם (ווי מ'קען מאנען ואהבת לרעך כמוך ווען אדם קרוב אצל עצמו): וויבאלד אז די אמת'ע מציאות פון "רעך" איז - אלקות, חלק אלוקה ממעל ממש [ביז אין אן אופן אז מ'קען דא אנטאפן מיטן חוש המישוש], און דאס איז אויך די אמת'ע מציאות פון דער איד וועמען מ'האט אנגעזאגט "ואהבת לרעך כמוך" - איז דורך דעם (וואס ער איז מגלה די שייכות צווישן "רעך" און "רעך" זה הקב"ה) ווערט ער איין זאך מיט דעם צווייטן אידן - "ואהבת לרעך **כמוך**".

ועפ"ז איז מובן דער חידוש וואס ווערט אויפגעטאן - סיי אין תורה און סיי אין א אידן - דורך דער השפעה בעניני תורה ויהדות צו א צווייטן אידן מצד די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", דורך דעם וואס ער איז מגלה דער פארבונד צווישן "רעך" (א איד) מיט "רעך" זה הקב"ה:

אע"פ אז א איד איז בעצם בלתי מוגבל מצד דעם וואס ער האט א נשמה וועלכע איז א חלק אלוקה ממעל ממש, איז אבער וויבאלד אז זיין נשמה איז אראפ אין א גוף מוגבל אין עוה"ז הגשמי המוגבלת, טוט איז דאס אים סו"ס מגביל אין א הגבלה איזה שהיא, כולל די הגבלה הנ"ל אז אדם קרוב אצל עצמו (און דערפאר איז אין אדם משים עצמו רשע - אע"פ וואס ער האט דעם כח הבחירה - א כח וואס באווייזט אויף דער מעלה פון א אידן אז ער האט א כח **בלתי מוגבל** - צו בוחר זיין אין היפך הטוב).

ביז אז אויך די מצוות דאס למטה זיינען מוגבלים, כולל אויך די מצוה פון קבלת עול, וועלכע איז למעלה ממדידה והגבלה בערך צו די אנדערע מצוות - כדמוכח פון דעם דין אז פקו"נ איז דוחה כל התורה כולה (וואס כל התורה איז ענינו - קבלת עול).

און דעריבער, דורך דעם וואס א איד איז משפיע צו א צווייטן מצד "ואהבת לרעך כמוך" - טוט ער אויף א חידוש און גייט העכער סיי פון דער הגבלה פון תומ"צ - ווארום פקו"נ איז דוחה כל התורה (ווייל תומ"צ זיינען מוגבלים בערך צו א נפש מישראל),

---

7) תניא רפ"א.

א זאך וואס איז **היפך כל המציאות** פון א אידן - א חלק אלוקה ממעל ממש, ומשביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע[7] - דאס קען ער ניט טאן, ווארום א מענטש איז א מוגבל אין דעם אז אדם קרוב אצל עצמו, במילא קען ער זאגן עדות היפך מציאותו!

איז איינער פון די ביאורים אין דעם (ווי מ'קען מאנען ואהבת לרעך כמוך ווען אדם קרוב אצל עצמו): וויבאלד אז די אמת'ע מציאות פון "רעך" איז - אלקות, חלק אלוקה ממעל ממש [ביז אין אן אופן אז מ'קען דא אנטאפן מיטן חוש המישוש], און דאס איז אויך די אמת'ע מציאות פון דער איד ווען מ'האט אנגעזאגט "ואהבת לרעך כמוך" - איז דורך דעם (וואס ער איז מגלה די שייכות צווישן "רעך" און "רעך" זה הקב"ה) ווערט ער איין זאך מיט דעם צווייטן אידן - "ואהבת לרעך **כמוך**".

ועפ"ז איז מובן דער חידוש וואס ווערט אויפגעטאן - סיי אין תורה און סיי אין א אידן - דורך דער השפעה בעניני תורה ויהדות צו א צווייטן אידן מצד די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", דורך דעם וואס ער איז מגלה דער פארבונד צווישן "רעך" (א איד) מיט "רעך" זה הקב"ה:

אע"פ אז א איד איז בעצם בלתי מוגבל מצד דעם וואס ער האט א נשמה וועלכע איז א חלק אלוקה ממעל ממש, איז אבער וויבאלד אז זיין נשמה איז אראפ אין א גוף מוגבל אין עוה"ז הגשמי המוגבלת, טוט איז דאס אים סו"ס מגביל אין א הגבלה איזה שהיא, כולל די הגבלה הנ"ל אז אדם קרוב אצל עצמו (און דערפאר איז אין אדם משים עצמו רשע - אע"פ וואס ער האט דעם כח הבחירה - א כח וואס באווייזט אויף דער מעלה פון א אידן אז ער האט א כח **בלתי מוגבל** - צו בוחר זיין אין היפך הטוב),

ביז אז אויך די מצוות דאס למטה זיינען מוגבלים, כולל אויך די מצוה פון קבלת עול, וועלכע איז למעלה ממדידה והגבלה בערך צו די אנדערע מצוות - כדמוכח פון דעם דין אז פקו"נ איז דוחה כל התורה כולה (וואס כל התורה איז ענינו - קבלת עול).

און דעריבער, דורך דעם וואס א איד איז משפיע צו א צווייטן מצד "ואהבת לרעך כמוך" - טוט ער אויף א חידוש און גייט העכער סיי פון דער הגבלה פון תומ"צ - ווארום פקו"נ איז דוחה כל התורה (ווייל תומ"צ זיינען מוגבלים בערך צו א נפש מישראל),

---

7) תניא רפ"א.

ובפשטות: בשעת א איד גייט אין וועג און טרעפט נאך א איד, דארף ער וויסן אז ״מה׳ מצעדי גבר כוננו״[9], אז דאס איז בהשגחה עליונה, און די כוונה בזה איז - ער זאל אויפטאן אן ענין אין הפצת התורה והיהדות (אע״פ וואס ער מיינט אז ער האט יענעם געטראפן צוליב אן אנדער ענין).

ביז נאכמער: עס קען זיין אז תכלית ירידת הנשמה שלו איז צוליב העלפן דעם צווייטן אידן! כידוע וואס דער בעש״ט האט געזאגט[10], אז א נשמה קומט אראפ און לעבט זיבעציק אכציק יאר בכדי טאן א טובה א אידן. און דאס האט ער געזאגט צו א צדיק נסתר, וועלכע האט מקיים געווען תורה ומצוות (געלייגט תפילין וכו׳) במשך זיין גאנצן לעבן, ואעפ״כ... איז רעכט אז זיי נשמה איז אראפ בכדי טאן א טובה א אידן!

ועד״ז איז פארשטאנדיק, אז אויב ער לעבט מאה ועשרים שנה, איז רעכט אז ניט קוקנדיק אויף אלע זיינע מעשים במשך די הונדערט און צוואנציק יאר וויניקער איין טאג פון ק״כ שנה, ביז אויך ק״כ שנה - איז בכדי טאן א טובה א אידן!

איז דערפון פארשטאנדיק, אז נוסף לזה וואס א איד דארף מפיץ זיין תורה ויהדות בא די אידן וועלכע ער טרעפט בלאו הכי (מצד דעם וואס ״מה׳ מצעדי גבר כוננו״), דארף ער אויך משתדל זיין זוכן אידן אויף וועמען ער זאל משפיע זיין, ביז צו איד מיט וועמען ער האט נאר די מעגלעכקייט צו דערגרייכן, ווארום עס קען זיין אז צוליב העלפן דעם איד, איז זיין נשמה אראפגעקומען דא למטה!

און צוליב דער גודל ההכרח והנחיצות והחשיבות שבדבר, איז כדאי מעורר ומעודד זיין וועגן דעם נאכאמאל און נאכאמאל. - ובאמת איז ניט שייך זאגן אויף דעם ״חשיבות״, ווארום חשיבות פאסט זאגן אויף א זאך וואס איז שוין דא במציאות, ונוסף לזה האט זי׳ חשיבות; משא״כ בנדו״ד רעדט זיך וועגן חינוך וועלכע מאכט אויף א נייע מציאות.

[בענין קשוט עצמך וקשוט אחרים, שלפעמים יש להתחיל עם קשוט אחרים, כשרואה שאין לו כח להעבודה דקשוט עצמך מצד התגברות היצר, ועי״ז יצליח גם בקשוט עצמך]:

ד. ובפרט אז ער גייט טאן די עבודה פון קשוט אחרים ניט בלויז

9) תהלים לז, כג. 10) ראה ״היום יום״ ה׳ אייר.

ובפשטות: בשעת א איד גייט איין וועג און טרעפט נאך א איד, דארף ער וויסן אז "מה' מצעדי גבר כוננו"[9], אז דאס איז בהשגחה עליונה, און די כוונה בזה איז - ער זאל אויפטאן אן ענין אין הפצת התורה והיהדות (אע"פ וואס ער מיינט אז ער האט יענעם געטראפן צוליב אן אנדער ענין).

ביז נאכמער: עס קען זיין אז תכלית ירידת הנשמה שלו איז צוליב העלפן דעם צווייטן אידן! כידוע וואס דער בעש"ט האט געזאגט[10], אז א נשמה קומט אראפ און לעבט זיבעציק אכציק יאר בכדי טאן א טובה א אידן. און דאס האט ער געזאגט צו א צדיק נסתר, וועלכע האט מקיים געווען תורה ומצוות (געלייגט תפילין וכו') במשך זיין גאנצן לעבן, ואעפ"כ... איז רעכט אז זיי נשמה איז אראפ בכדי טאן א טובה א אידן!

ועד"ז איז פארשטאנדיק, אז אויב ער לעבט מאה ועשרים שנה, איז רעכט אז ניט קוקנדיק אויף אלע זיינע מעשים במשך די הונדערט און ניינצן יאר ווייניקער איין טאג פון ק"כ שנה, ביז אויך ק"כ שנה - איז בכדי טאן א טובה א אידן!

איז דערפון פארשטאנדיק, אז נוסף לזה וואס א איד דארף מפיץ זיין תורה ויהדות בא די אידן וועלכע ער טרעפט בלאו הכי (מצד דעם וואס "מה' מצעדי גבר כוננו"), דארף ער אויך משתדל זיין זוכן אידן אויף וועמען ער זאל משפיע זיין, ביז צו איד מיט וועמען ער האט נאר די מעגלעכקייט צו דערגרייכן, ווארום עס קען זיין אז צוליב העלפן דעם איד, איז זיין נשמה אראפגעקומען דא למטה!

און צוליב דער גודל ההכרח והנחיצות והחשיבות שבדבר, איז כדאי מעורר ומעודד זיין וועגן דעם נאכאמאל און נאכאמאל. - ובאמת איז ניט שייך זאגן אויף דעם "חשיבות", ווארום חשיבות פאסט זאגן אויף א זאך וואס איז שוין דא במציאות, ונוסף לזה האט זי חשיבות; משא"כ בנדו"ד רעדט זיך וועגן חינוך וועלכע מאכט אויף א נייע מציאות.

[בענין קשוט עצמך וקשוט אחרים, שלפעמים יש להתחיל עם קשוט אחרים, כשרואה שאין לו כח להעבודה דקשוט עצמך מצד התגברות היצר, ועי"ז יצליח גם בקשוט עצמן]:

ד. ובפרט אז ער גייט טאן די עבודה פון קשוט אחרים ניט בלויז

---

9) תהלים לז, כג. 10) ראה "היום יום" ה' אייר.

ווי חז״ל זאגן (גיטין נז,א), אז אויף ארץ ישראל שטייט ״ארץ צבי״, ״מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו אף ארץ ישראל בזמן שיושבין עלי׳ רווחא ובזמן שאין יושבין עלי׳ גמדא״ [ויומתק ע״פ הביאור אין תו״א אויף ״ארץ ארץ ארץ״, אז דאס גיט אויף ארץ ישראל, תורה און אידן - במילא אז עס קומט צו אין איין ״ארץ״ (אידן), קומט צו הרחבה אין דעם צווייטן ״ארץ״ (ארץ ישראל)].

[ווי מ׳זעט עס אויך בפשטות, אז בזמן בית ראשון, ווען אין ארץ ישראל איז געווען כל יושבי׳ עלי׳, אלע אידן, אויך די עשרת השבטים - איז ארץ ישראל דעמולט געווען גרעסער בגשמיות, כולל די ערטער וואו די עשרת השבטים זיינען געווען, ניט בארץ יהודה (מקומו של שבט יהודה ובנימין), ובפרט לאחרי ווי דער מלך האחרון פון מלכי ישראל, האט מבטל געווען די גזירה פון עלי׳ לרגל אין ירושלים, און בשעת מ׳האט דעמולט עולה געווען - איז הגם עס זיינען געווען א סך מער אידן (ווי ס׳איז געווען לפני ביטול הגזירה), איז אעפ״כ געווען ״משתחווים רווחים״[12];

משא״כ לאחרי גירוש עשרת השבטים, איז ארץ ישראל געווארן קלענער, ועד״ז לאחרי חורבן בית ראשון בכלל, און אידן (אויך שבט יהודה ובנימין) זיינען געגאנגען אין גלות, איז ארץ ישראל געווארן נאך קלענער.

און לעתיד לבוא, ווען אלע אידן וועלן צוריקגיין אין ארץ ישראל, וועט דער ארץ ווערן גרעסער בגשמיות, בכדי עס זאל זיין ארט פאר אלע אידן [ועפ״ז פאלט אראפ די קשיא וואו וועט זיין ארט אין ארץ ישראל פאר אלע אידן ווען זיי וועלן אלע עולה זיין לע״ל].

במילא קומט אויס, אז אין חוץ לארץ, האט מען ניט נאר ענגשאפט צד דעם גלות, נאר אויך ניט דעם ענין פון ״ארץ טובה ורחבה״ וואס איז דא אין ארץ ישראל מצ״ע אפילו איצטער, עאכו״כ ווי ס׳וועט זיין לע״ל.

און דאס איז נאך ווייניקער ווי ס׳איז געווען אפילו בזמן חנוכה, וואס דעמולט זיינען אידן געווען אין ארץ ישראל וואס דארטן איז געווען דער נס השמן אין ביהמ״ק [ניט ווי בזמן פורים ווען דער עיקר הנס איז געווען אין חוץ לארץ] - אבער ס׳איז ניט געווען קיין ארץ רחבה אזוי ווי בזמן בית ראשו (ווארום די עשרת

---

12) אבות פ״ה מ״ה.

ווי חז"ל זאגן (גיטין נז,א), אז אויף ארץ ישראל שטייט "ארץ צבי", "מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו אף ארץ ישראל בזמן שיושבין עלי' רווחא ובזמן שאין יושבין עלי' גמדא" [ויומתק ע"פ הביאור אין תו"א אויף "ארץ ארץ ארץ", אז דאס גיט אויף ארץ ישראל, תורה און אידן - במילא אז עס קומט צו אין איין "ארץ" (אידן), קומט צו הרחבה אין דעם צווייטן "ארץ" (ארץ ישראל)],

[ווי מ'זעט עס אויך בפשטות, אז בזמן בית ראשון, ווען אין ארץ ישראל איז געווען כל יושבי' עלי', אלע אידן, אויך די עשרת השבטים - איז ארץ ישראל דעמולט געווען גרעסער בגשמיות, כולל די ערטער וואו די עשרת השבטים זיינען געווען, ניט בארץ יהודה (מקומו של שבט יהודה ובנימין), ובפרט לאחרי ווי דער מלך האחרון פון מלכי ישראל, האט מבטל געווען די גזירה פון עלי' לרגל אין ירושלים, און בשעת מ'האט דעמולט עולה געווען - איז הגם עס זיינען געווען א סך מער אידן (ווי ס'איז געווען לפני ביטול הגזירה), איז אעפ"כ געווען "משתחווים רווחים"[12];

משא"כ לאחרי גירוש עשרת השבטים, איז ארץ ישראל געווארן קלענער, ועד"ז לאחרי חורבן בית ראשון בכלל, און אידן (אויך שבט יהודה ובנימין) זיינען געגאנגען אין גלות, איז ארץ ישראל געווארן נאך קלענער.

און לעתיד לבוא, ווען אלע אידן וועלן צוריקגיין אין ארץ ישראל, וועט דער ארץ ווערן גרעסער בגשמיות, בכדי עס זאל זיין ארט פאר אלע אידן [ועפ"ז פאלט אראפ די קשיא וואו וועט זיין ארט אין ארץ ישראל פאר אלע אידן ווען זיי וועלן אלע עולה זיין לע"ל].

במילא קומט אויס, אז אין חוץ לארץ, האט מען ניט נאר ענגשאפט צד דעם גלות, נאר אויך ניט דעם ענין פון "ארץ טובה ורחבה" וואס איז דא אין ארץ ישראל מצ"ע אפילו איצטער, עאכו"כ ווי ס'וועט זיין לע"ל.

און דאס איז נאך ווייניקער ווי ס'איז געווען אפילו בזמן חנוכה, וואס דעמולט זיינען אידן געווען אין ארץ ישראל וואס דארטן איז געווען דער נס השמן אין ביהמ"ק [ניט ווי בזמן פורים ווען דער עיקר הנס איז געווען אין חוץ לארץ] - אבער ס'איז ניט געווען קיין ארץ רחבה אזוי ווי בזמן בית ראשו (ווארום די עשרת

12) אבות פ"ה מ"ה.

אויך אן ענין בפ"ע], און סיי פון חיבור שניהם יחד, אע"פ וואס זיי זיינען דברים הפכיים (חנוכה איז פארבונדן אויך מיט דער השפעה לחוץ משא"כ שבת איז פארבונדן מיטן פנים),

[ניט ווי שבת פסח (וואס האט שבעה ימים, במילא איז דעמולט אויך דא א שבת) ועאכו"כ חג סוכות (וועלכע האט שמונה ימים, כולל שמע"צ, וועלכע איז א רגל בפ"ע נאר בנוגע צו ששה ענינים) - וואס די ימים טובים זיינען ניט קין ענין הפכי פון שבת, אזוי ווי שבת און חנוכה].

[בנוגע החילוק בין נרות חנוכה ומזוזה, שמזוזה שייך להבית, ונרות חנוכה היא גם להאיר את החוץ]:

ח. ואע"פ אז מקום המזוזה איז על פתח ביתו, און דאס האט א שייכות לכאורה מיט דער (פתח ה)כניסה ויציאה פון דעם בית ("צאתך ובואך"[14]) - איז אבער ענינה פארבונדן מיט דעם בית פנימה, און חיוב קביעת המזוזה איז תלוי אין דעם בית אליין, ניט קוקנדיק וואס עס טוט זיך מחוץ להבית [ווי ס'איז מודגש אויך אין דעם אז אויך א בית אין מדבר, אשר לא ישב אדם שם[15], איז חייב במזוזה. ולאידך - אן ארט וואס האט ניט קיין דין בית (ס'איז ניט ד' על ד', וכיו"ב) איז פטור ממזוזה].

משא"כ מקום הדלקת נרות חנוכה איז "על פתח בית מבחוץ", ווייל די נרות דארפן באלייכטן אויך דעם חוץ, ביז אז כליא ריגלא דתרמודאי[16], כולל דער פירוש, אז דאס איז מבטל (כליא מלשון כליון[17]) די וואס זיינען בבחי' מורדים (תרמוד אותיות מורדת[18]), כפשטות הענין אז "תרמודאי" גייט אויף עבדי שלמה וועלכע האבן מורד געווען בשלמה[19], ביז אז דאס איז מבטל אפילו "ריגלא דתרמודאי", די בחי' התחתונה שבהם.

[ולהעיר, אז מ'געפינט ניט א דין, אז ההולך במדבר (אשר לא ישב אדם שם) - איז פטור מהדלקת נר חנוכה, אע"פ וואס דארטן איז ניט שייך קיין פירוסמי ניסא.

[ועד"ז בזמן הזה (וואס ס'איז ניט אזוי רגיל א פאל פון מהלך במדבר, ווי ס'איז געווען רגיל בזמן המשנה והש"ס, ההולך בשיירא (אדער יחידי) במדבר) - א איד וואס געפינט זיך אין בית האסורים

14) תהלים קכא, ח. 15) ראה ירמי' ב, ו. 16) שבת כא, ב. 17) אוה"ת חנוכה התקמא, ב. 18) עמק המלך שער קרית ארבע ר"פ קיא (קח, א). קהלה יעקב ערך הרמוד. 19) ספ"ק דיבמות (יז, א).

אויך אן ענין בפ"ע], און סיי פון חיבור שניהם יחד, אע"פ וואס זיי זיינען דברים הפכיים (חנוכה איז פארבונדן אויך מיט דער השפעה לחוץ משא"כ שבת איז פארבונדן מיטן פנים).

[ניט ווי שבת פסח (וואס האט שבעה ימים, במילא איז דעמולט אויך דא א שבת) ועאכו"כ חג סוכות (וועלכע האט שמונה ימים, כולל שמע"צ, וועלכע איז א רגל בפ"ע נאר בנוגע צו ששה ענינים) - וואס די ימים טובים זיינען ניט קיין ענין הפכי פון שבת, אזוי ווי שבת און חנוכה].

[בנוגע החילוק בין נרות חנוכה ומזוזה, שמזוזה שייך להבית, ונרות חנוכה היא גם להאיר את החוץ]:

ח. ואע"פ אז מקום המזוזה איז על פתח ביתו, און דאס האט א שייכות לכאורה מיט דער (פתח ה)כניסה ויציאה פון דעם בית ("צאתך ובואך"[14]) - איז אבער ענינה פארבונדן מיט דעם בית פנימה, און חיוב קביעת המזוזה איז תלוי אין דעם בית אליין, ניט קוקנדיק וואס עס טוט זיך מחוץ להבית [ווי ס'איז מודגש אויך אין דעם אז אויך א בית אין מדבר, אשר לא ישב אדם שם[15], איז חייב במזוזה. ולאידך - אן ארט וואס האט ניט קיין דין בית (ס'איז ניט ד' על ד', וכיו"ב) איז פטור ממזוזה].

משא"כ מקום הדלקת נרות חנוכה איז "על פתח בית מבחוץ", ווייל די נרות דארפן באלייכטן אויך דעם חוץ, ביז אז כליא ריגלא דתרמודאי[16], כולל דער פירוש, אז דאס איז מבטל (כליא מלשון כליון[17]) די וואס זיינען בבחי' מורדים (תרמוד אותיות מורדת[18]), כפשטות הענין אז "תרמודאי" גייט אויף עבדי שלמה וועלכע האבן מורד געווען בשלמה[19], ביז אז דאס איז מבטל אפילו "ריגלא דתרמודאי", די בחי' התחתונה שבהם.

[ולהעיר, אז מ'געפינט ניט א דין, אז ההולך במדבר (אשר לא ישב אדם שם) - איז פטור מהדלקת נר חנוכה, אע"פ וואס דארטן איז ניט שייך קיין פירוסמי ניסא,

[ועד"ז בזמן הזה (וואס ס'איז ניט אזוי רגיל א פאל פון מהלך במדבר, ווי ס'איז געווען רגיל בזמן המשנה והש"ס, ההולך בשיירא (אדער יחידי) במדבר) - א איד וואס געפינט זיך אין בית האסורים

14) תהלים קכא, ח. 15) ראה ירמי' ב, ו. 16) שבת כא, ב. 17) אוה"ת חנוכה התקמא, ב. 18) עמק המלך שער קרית ארבע ר"פ קיא (קח, א). קהלה יעקב ערך הרמוד. 19) ספ"ק דיבמות (יז, א).

ובפרטיות יותר: אויך אין דער עבודה עם עצמו (קשוט עצמך - שבת) איז נכלל און דארף זיין אויך די עבודה עם החוץ, וע"ד מאחז"ל[22] עה"פ[23] "בכל מאדך" - "בכל ממונך", ד.ה. אז זיין אהבה בכל מאדך (אלס א חלק פון עבודתו עם עצמו) איז כולל דער ענין פון ממון, וואס דאס איז אן ענין של חוץ פארבונדן מיט עולם.

ועד"ז לאידך גיסא - די עבודה עם החוץ האט א השפעה און איז מוסיף אין זיין עבודה עם עצמו. וע"ד הידוע בנוגע הנהגת הצ"צ, אז ער האט אמאל געבעטן מ'זאל שטעלן אויפן טיש א כלי מיט גאלדענע מטבעות (ממונך - חוץ), בכדי אז דאס זאל מרחיב זיין דעתו בלימוד התורה (קשוט עצמך).

ועד"ז בנוגע צו דער עבודה פון "קשוט אחרים" - קען דאס העלפן צו "קשוט עצמך", ע"ד מאחז"ל "המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה".

י. דער ענין שטייט נאכמער בהדגשה אין דער עבודה בדורות האחרונים פון הפצת המעינות חוצה: די מעינות פון פנימיות התורה איז בחי' רשות היחיד שבתורה (רזין דרזין), וועלכע איז שייך צו יחידו של עולם. און מ'דארף מפיץ זיין די מעינות אליין אין חוצה. ע"ד הדלקת נרות בחנוכה - וואס פנימיות התורה איז בחי' שמן שבתורה - וועלכע מ'איז מדליק על פתח בית מבחוץ, עס זאל באלייכטן דעם חוץ.

און דאס איז איז אונטערשטראכן נאך שטארקער אין אונזער דור - ווי מ'זעט עס פון הוראת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אז מ'זאל מעתיק זיין חסידות (די מעינות פון פנימיות התורה) בלשון עם ועם, וואס פון איין זייט איז א התעקה אן ענין פון מעתיק ממקום למקום, ווארום (די העתקה ב)לשון האומות איז **חוץ** פון לשון הקדוש, אבער לאידך גיסא - מאכט מען איבער דעם לשון חול אז דער **תוכן** זיינער זאל זיין קודש. ביז אז שמו של הקב"ה בלשון חול האט אין זיך אויך א געוויסע קדושה (ווי דער אלטער רבי ברענגט בשו"ע שלו[24] בנוגע דעם נאמען "גא"ט בל"א או בוג"א בלשון פולין ורוסיא"), און ס'איז ידוע די זהירות בנוגע שרייבן שמו של הקב"ה אפילו בלשון חול מיט א פאסיקל כו' [און די זהירות כבר נתפרסמה והולכת ומתפשטת, און דאס גייט אריין אין דעם כלל פון דבר אלקינו יקום לעד[25], אזוי ווי אלע עניני תורה והלכה].

---

22) ברכות נה, א. 23) ואתחנן ו, ה. 24) הל' ק"ש ספ"ה ס"ג. 25) ישעי' מ, ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרטיות יותר: אויך אין דער עבודה עם עצמו (קשוט עצמך - שבת) איז נכלל און דארף זיין אויך די עבודה עם החוץ, וע״ד מאחז״ל[22] עה״פ[23] ״בכל מאדך״ - ״בכל ממונך״, ד.ה. אז זיין אהבה בכל מאדך (אלס א חלק פון עבודתו עם עצמו) איז כולל דער ענין פון ממון, וואס דאס איז אן ענין של חוץ פארבונדן מיט עולם.

ועד״ז לאידך גיסא - די עבודה עם החוץ האט א השפעה און איז מוסיף אין זיין עבודה עם עצמו. וע״ד הידוע בנוגע הנהגת הצ״צ, אז ער האט אמאל געבעטן מ׳זאל שטעלן אויפן טיש א כלי מיט גאלדענע מטבעות (ממונך - חוץ), בכדי אז דאס זאל מרחיב זיין דעתו בלימוד התורה (קשוט עצמך).

ועד״ז בנוגע צו דער עבודה פון ״קשוט אחרים״ - קען דאס העלפן צו ״קשוט עצמך״, ע״ד מאחז״ל ״המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה״.

י. דער ענין שטייט נאכמער בהדגשה אין דער עבודה בדורות האחרונים פון הפצת המעינות חוצה: די מעינות פון פנימיות התורה איז בחי׳ רשות היחיד שבתורה (רזין דרזין), וועלכע איז שייך צו יחידו של עולם. און מ׳דארף מפיץ זיין די מעינות אליין אין חוצה. ע״ד הדלקת נרות בחנוכה - וואס פנימיות התורה איז בחי׳ שמן שבתורה - וועלכע מ׳איז מדליק על פתח בית מבחוץ, עס זאל באלייכטן דעם חוץ.

און דאס איז איז אונטערשטראכן נאך שטארקער אין אונזער דור - ווי מ׳זעט עס פון הוראת כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, אז מ׳זאל מעתיק זיין חסידות (די מעינות פון פנימיות התורה) בלשון עם ועם, וואס פון איין זייט איז א העתקה אן ענין פון מעתיק ממקום למקום, ווארום (די העתקה ב)לשון האומות איז חוץ פון לשון הקדוש, אבער לאידך גיסא - מאכט מען איבער דעם לשון חול אז דער **תוכן** ויינער זאל זיין קודש. ביז אז שמו של הקב״ה בלשון חול האט אין זיך אויך א געוויסע קדושה (ווי דער אלטער רבי ברענגט בשו״ע שלו[24] בנוגע דעם נאמען ״גא״ט בל״א או בוג״א בלשון פולין ורוסיא״), און ס׳איז ידוע די זהירות בנוגע שרייבן שמו של הקב״ה אפילו בלשון חול מיט א פאסיקל כו׳ [און די זהירות כבר נתפרסמה והולכת ומתפשטת, און דאס גייט אריין אין דעם כלל פון דבר אלקינו יקום לעד[25], אזוי ווי אלע עניני תורה והלכה].

---

22) ברכות נד, א. 23) ואתחנן ו, ה. 24) הל׳ ק״ש ספ״ה ס״ג. 25) ישעי׳ מ, ח.

ובכללות - די צוויי דרגות ("שנתיים") פון גלות רוחנית און גלות גשמית [אזוי ווי ס'איז געווען בא סיבת הגלות - די מעשה מיט קמצא בר קמצא[26], אז ס'איז געווען סיי א גלות גשמית, אז מ'האט אים אוועקגעטריבן פון שטוב בגשמיות, און די סיבה לזה איז געווען - גלות רוחנית, סיי בא קמצא און סיי בר קמצא (ווייל אויב ניט, וואלט די גמרא ניט דערציילט און אריינגעמישט אן אמשולדיקן), נאר זיין שייכות איז געווען באופן פון "בר קמצא", בתור טפל כו'].

און מ'גייט אלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ"ק השלישי, "באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטהרו את מקדשך", און מ'זעט ווי אהרן כהן גדול איז מדליק די מנורה אין ביהמ"ק, אין היכל.

און דאס איז אויך פארבונדן מיט קדש הקדשים, וואס איז סמוך להיכל, ועאכו"כ בנוגע דעם אולם שלפני ההיכל, און עס ווערט אפתח לכם כפתחו של עולם - ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין, תיכף ומיד ממש.

* * *

יג. פון דעם שבת איז מיני' מתברכין כולהו יומין, כולל ובמיוחד - דער יום הסמוך לו, זאת חנוכה. ובפרט אז דער שבת איז אויך שבת חנוכה, באותו ענין ווי דער יום ראשון וועלכע שבת בענטשט, ביז אז בכמה ענינים זיינען כל ימי החנוכה א מציאות אחת.

[בענין ב' הפירושים ב"זאת חנוכה" במאמר אדה"ז]:

יד. דער ערשטער פירוש אז "זאת חנוכה" גייט אויף ספירת המלכות, וועלכע איז מקבל פון די ז' מדות שלמעלה ממנה, ד.ה. אז דער אכטער טאג איז אויסגעטיילט פון די אנדערע ז', בהתאם לזה וואס דעמולט צינדט מען אן די מערסטע נרות, און דעמולט לייענט מען די מערסטע נשיאים און סך-הכל כולם;

און דער צווייטער פירוש, אז די שמונת ימי חנוכה זיינען ע"ד א"ז, די ז' מדות שמקבלים מבחי' כתר כו', ד.ה. אז דער ערשטער טאג קומט פריער און איז אויסעגטיילט פון די אנדערע, בהתאם לזה וואס דעמולט איז געווען דער נס מציאת פך השמן שממנו הדליקו כל הח' ימים [און ווי מ'זעט אויך אין דין, אז ברכת שהחיינו ביום

---

26) ביטין נה, ב.

ובכללות - די צוויי דרגות (״שנתיים״) פון גלות רוחנית און גלות גשמית [אזוי ווי ס׳איז געווען בא סיבת הגלות - די מעשה מיט קמצא בר קמצא[26], אז ס׳איז געווען סיי א גלות גשמית, אז מ׳האט אים אוועקגעטריבן פון שטוב בגשמיות, און די סיבה לזה איז געווען - גלות רוחנית, סיי בא קמצא און סיי בר קמצא (ווייל אויב ניט, וואלט די גמרא ניט דערציילט און אריינגעמישט אן אמשולדיקן), נאר זיין שייכות איז געווען באופן פון ״בר קמצא״, בתור טפל כו׳].

און מ׳גייט אלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לביהמ״ק השלישי, ״באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטהרו את מקדשך״, און מ׳זעט ווי אהרן כהן גדול איז מדליק די מנורה אין ביהמ״ק, אין היכל.

און דאס איז אויך פארבונדן מיט קדש הקדשים, וואס איז סמוך להיכל, ועאכו״כ בנוגע דעם אולם שלפני ההיכל, און עס ווערט אפתח לכם כפתחו של עולם - ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין, תיכף ומיד ממש.

* * *

יג. פון דעם שבת איז מיני׳ מתברכין כולהו יומין, כולל ובמיוחד - דער יום הסמוך לו, זאת חנוכה. ובפרט אז דער שבת איז אויך שבת חנוכה, באותו ענין ווי דער יום ראשון וועלכע שבת בענטשט, ביז אז בכמה ענינים זיינען כל ימי החנוכה א מציאות אחת.

[בענין ב׳ הפירושים ב״זאת חנוכה״ במאמר אדה״ז]:

יד. דער ערשטער פירוש אז ״זאת חנוכה״ גייט אויף ספירת המלכות, וועלכע איז מקבל פון די ז׳ מדות שלמעלה ממנה, ד.ה. אז דער אכטער טאג איז אויסגעטיילט פון די אנדערע ז׳, בהתאם לזה וואס דעמולט צינדט מען אן די מערסטע נרות, און דעמולט לייענט מען די מערסטע נשיאים און סך-הכל כולם;

און דער צווייטער פירוש, אז די שמונת ימי חנוכה זיינען ע״ד א״ז, די ז׳ מדות שמקבלים מבחי׳ כתר כו׳, ד.ה. אז דער ערשטער טאג קומט פריער און איז אויסעגטיילט פון די אנדערע, בהתאם לזה וואס דעמולט איז געווען דער נס מציאת פך השמן שממנו הדליקו כל הח׳ ימים [און ווי מ׳זעט אויך אין דין, אז ברכת שהחיינו ביום

26) גיטין נה, ב.

נשים) דארף זיין דורכגענומען מיט די כוונה רוחנית שבזה.

ובעבודה: מ'גיט א אידן גשמיות (אדער ער מאכט פון חומריות גשמיות) און ער מאכט פון גשמיות רוחניות[32]. ד.ה. אבער ניט אז עס ווערט אויס גשמיות, נאר אין דער גשמיות איז ניכר בגלוי ווי זי איז טפל ובטל און א כלי וועלכע איז איגנאנצן דורכגענומען מיט רוחניות.

ועפ"ז יש להוסיף ביאור אויף דער שאלה הידועה בנוגע צו נס השמן שלא הי' בו להדליק רק יום א' ונעשה בו נס והדליקו בו שמונה ימים, דלכאורה: מצוות דארף מען טאן דוקא בדרך הטבע ניט בדרך נס. און אויך לויט דעם ביאור[33] אז בכל יום האט געברענט אן אכטל פון דעם שמן (וואס דאס איז אן אחיזה בטבע), איז בכל אופן געווען דער נס פון עצם מציאת פך השמן.

וע"פ הנ"ל, יש לומר, אז דער שמן גשמי איז געווען דורכגענומען מיט רוחניות, עד כדי כך אז דער נס השמן איז געווען אזוי ווי א דבר טבעי. וכמובן אויך בפשטות, אז דער פך השמן איז ניט נתחדש געווארן, נאר דאס איז געווען גנוז, און מ'האט עס געדארפט נאר געפינען [ווי מ'געפינט עד"ז אויך בזמן הזה - אז דער ארון וכו' איז גנוז במטמוניות תחת הר הבית תחת קדש הקדשים[34], און מ'קען אנווייזן אויפן מאפע וואו דער הב הבית און מקום קדש הקדשים איז בגשמיות, ביז אז עס זיינען פאראן כמה דינים בנוגע לקדושת המקום אויך בזמן הזה].

ובעבודה הייסט עס, אז יעדער איד דארף געפינען דער "פך השמן" וואס ליגט באהאלטן אין אים אליין, והקב"ה עוזרו - דער אויבערשטער העלפט אים דאס געפינען.

וואס דאס איז בכללות - דער ענין פון מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, צו מגלה זיין דעם "פך השמן" וואס געפינט זיך אין א איד.

יח. ובהמשך לזה איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר פארשידענע התוועדויות, זאלן איצטער ארויפגיין אויבן און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים, און טיילן א חלק פון דער משקה דא (וויבאלד אז ס'איז שבת).

---

32) "היום יום" כ"ז אלול. 33) ב"י לטואו"ח ריש הל' חנוכה. 34) רמב"ם הל' בית הבחירה רפ"ה.

נשים) דארף זיין דורכגענומען מיט די כוונה רוחנית שבזה.

ובעבודה: מ'גיט א אידן גשמיות (אדער ער מאכט פון חומריות גשמיות) און ער מאכט פון גשמיות רוחניות[32]. ד.ה. אבער ניט אז עס ווערט אויס גשמיות, נאר אין דער גשמיות איז ניכר בגלוי ווי זי איז טפל ובטל און א כלי וועלכע איז איגנאנצן דורכגענומען מיט רוחניות.

ועפ"ז יש להוסיף ביאור אויף דער שאלה הידועה בנוגע צו נס השמן שלא הי' בו להדליק רק יום א' ונעשה בו נס והדליקו בו שמונה ימים, דלכאורה: מצוות דארף מען טאן דוקא בדרך הטבע ניט בדרך נס. און אויך לויט דעם ביאור[33] אז בכל יום האט געברענט אן אכטל פון דעם שמן (וואס דאס איז אן אחיזה בטבע), איז בכל אופן געווען דער נס פון עצם מציאת פך השמן.

וע"פ הנ"ל, יש לומר, אז דער שמן גשמי איז געווען דורכגענומען מיט רוחניות, עד כדי כך אז דער נס השמן איז געווען אזוי ווי א דבר טבעי. וכמובן אויך בפשטות, אז דער פך השמן איז ניט נתחדש געווארן, נאר דאס איז געווען גנוז, און מ'האט עס געדארפט נאר געפינען [ווי מ'געפינט עד"ז אויך בזמן הזה - אז דער ארון וכו' איז גנוז במטמוניות תחת הר הבית תחת קדש הקדשים[34], און מ'קען אנווייזן אויפן מאפע וואו דער הב הבית און מקום קדש הקדשים איז בגשמיות, ביז אז עס זיינען פאראן כמה דינים בנוגע לקדושת המקום אויך בזמן הזה].

ובעבודה הייסט עס, אז יעדער איד דארף געפינען דער "פך השמן" וואס ליגט באהאלטן אין אים אליין, והקב"ה עוזרו - דער אויבערשטער העלפט אים דאס געפינען.

וואס דאס איז בכללות - דער ענין פון מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, צו מגלה זיין דעם "פך השמן" וואס געפינט זיך אין א איד.

יח. ובהמשך לזה איז כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר פארשידענע התוועדויות, זאלן איצטער ארויפגיין אויבן און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים, און טיילן א חלק פון דער משקה דא (וויבאלד אז ס'איז שבת).

---

32) "היום יום" כ"ז אלול. 33) ב"י לטואו"ח ריש הל' חנוכה. 34) רמב"ם הל' בית הבחירה רפ"ה.

הנחת התי' בלתי מוגה

לאחרי תפלת ערבית והדלקת נר ח' דחנוכה - אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:

יש להזכיר ולעורר עוד הפעם וועגן מבצע חנוכה. אנהויבנדיק דערפון - אז יעדער איד זאל היינט באנאכט - די לעצטע נאכט פון חנוכה - אנצינדן אלע שמונה נרות.

און אין אן אופן פון "על פתח ביתו מבחוץ", אז דאס זאל באלייכטן כל העולם כולו, מקצה העולם ועד קצהו, ביז אויפטאן אז דער רשות הרבים זאל ווערן א רשות היחיד, ליחידו של עולם, דורך דעם וואס מ'צינדט אן איינער דעם אנדערן מיט "נר מצוה ותורה אור".

ויה"ר אז דורך דעם זאל נמשך ווערן דער אור הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו מסוף העולם ועד סופו.

הנחת הת' בלתי מוגה

לעילוי נשמת

הר"ר **ישראל** ב"ר **משה** ע"ה

שנייד

נפטר ח' טבת תשמ"ה

*

נדפס ע"י אשתו

מרת **יהודית** תחי' **שנייד**

בנותיו

מרת **שרה גיטל** ובעלה ר' **שמואל דוב הכהן** ומשפחתם שיחיו **כהן**

מרת **רייזל** ובעלה הרה"ת ר' **שמואל יחיאל** ומשפחתם שיחיו **מלמוד**

מרת **עטל** שתחי'

מרת **דרייזל** שתחי'

הכתובת לחשיג ח"תנחותי"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: AD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
L. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ ויגש ט׳ טבת
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ ויגש, ט' טבת ויום א', עשרה בטבת יהפך לשמחה - ה'תשמ"ט.

א. ט' טבת האט א שייכות מיט דעם צום העשירי - עשרה בטבת, ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס מ'זאגט אין סליחות (פון עשרה בטבת) "זועמתי בתשעה בו בכלימה וחפר כו'", ובהמשך לזה רעדט זיך וועגן די ענינים פון עשרה בטבת.

[און ווי עס שטייט אין מגילת תענית[1], געבראכט אין שולחן ערוך[2], אז ט' טבת איז פון די ימים "שאירעו בהם צרות לאבותינו וראוי להתענות בהם"[3]].

ויש לומר, אז די שייכות ביניהם (צווישן ט' און י' טבת) איז אויך מובן פון זייער סמיכות אין זמן, ט' טבת איז ערב עשרה בטבת, ווי מ'זעט בנוגע צו כמה ענינים (אויך אין הלכה) אז א סמיכות אין זמן (בתוך שלשה ימים[4], עאכו"כ ב' ימים סמוכים) באווייזט אויף א שייכות צווישן די טעג[5].

וכפשטות הענין בנדו"ד, אז די הכנות צו דעם מאורע וואס האט פאסירט בעשרה בטבת, וואס "בו סמך מלך בבל..על ירושלים והביאה במצור ובמצוק"[6], האבן זיך אנגעהויבן אין די טעג לפני זה, און זיכער אין דעם ערב יום זה. ווי דער סדר איז, אז איידער מ'גייט באלאגערן א שטאט, גרייט מען זיך דערצו, און עס נעמט א משך זמן ביז מ'באלאגערט איר בפועל און אינגאנצן (באופן פון "והביאה במצור ובמצוק"), וואס דאס איז געווען בעשרה בטבת.

---

1) בפרק ימי הצומות.

2) סוף הל' תענית - או"ח סתק"פ ס"ב. ועד"ז בטור שם.

3) בשו"ע שם (וכ"ה במגילת תענית שם) "לא נודע איזה היא הצרה שאירע בו". אבל בנו"כ שם כבר פירשו שבאותו יום מת עזרא הסופר, כדאיתא בסליחות דעשרה בטבת. ובמפרשי מגילת תענית הובאו עוד ענינים שאירעו באותו יום.

ואף שמיתת עזרא (וכן שאר הענינים שאירעו בט' טבת) אין לו שייכות לכאורה לסמך מלך בבל בעשרה בטבת (בחורבן בית ראשון), הרי מזה שמקשרם (בזמן ובעיקר) בסליחות, מובן שיש שייכות ביניהם, כבפנים.

ובכל אופן - כל ימי תעניות יש להן שייכות (ובפרט ימי תעניות שסמוכין זל"ז), שהרי כולן הן "יום רצון לה'" (ישעי' נח, ה. אגה"ת ספ"ב). וגם סיבת כל התעניות קשורין זב"ז - שהן "מדרכי התשובה" (רמב"ם ריש הל' תעניות), כמו הד' צומות שהן "כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה ויהי' זה זכרון למעשינו הרעים ומעשה אבותינו שהי' כמעשינו עתה עד שגרם להם ולנו אותן הצרות" (רמב"ם שם רפ"ה).

4) ובענינינו - ח' טבת, שהוא הראשון מהשלש ימים ש"קבעתי תענית", כמו שאומרים בסליחות.

5) ובפנימיות הענינים - ה"ז מורה על שייכותם בתוכן, ולכן נשתלשל מזה סמיכותם בזמן.

6) רמב"ם הל' תעניות פ"ה ה"ב. מר"ה יח, ב. וראה מלכים-ב כה, א-ב. ירמי' נב, ד-ה. יחזקאל כד, ב.

והימים האלה נזכרים ונעשים[7], ט׳ טבת יעדער יאר (אפילו אז מען פאסט ניט אין דעם טאג, ובשנה זו ווען דאס קומט אויס ביום השבת טאר מען דאך קיינער ניט פאסטן) דארף זיין די התבוננות און ״זכרון דברים אלו״[8] וואס האבן פאסירט בפעם הראשונה, על מנת ״לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה״[8] אויף די ענינים וואס האבן געבראכט צו דעם תענית.

ויש לומר, אז בקביעות שנה זו, ווען ט׳ טבת קומט אויס ביום השבת, וואס דעמולט זיינען דא נאר די ענינים טובים ונעלים פון א יום תענית (ווייל מ׳פאסט דעמולט ניט), אז דאס איז א ״יום רצון להו׳״[9] - קומט צו אן עילוי מיוחד אין דער עבודה פון ט׳ טבת ערב עשרה בטבת.

ג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים א חידוש וואס מ׳געפינט דווקא ביי עשרה בטבת - וואס ביי אים שטייט אין פסוק (און צוויי מאל) ״בעצם היום הזה״[10]. וידוע דעת האבודרהם[11] (געבראכט אין בית יוסף[12]), אז דער תענית פון עשרה בטבת האט אין זיך א תוקף וחומרא לגבי די אנדערע ג׳ צומות, אז ״אפילו הי׳ חל בשבת לא היו יכולים לדחותו ליום אחר מפני שנאמר בו בעצם היום הזה כמו ביום הכפורים״.

און אע״פ אז בזמן הזה עשרה בטבת ״אינו חל לעולם בשבת״[13], איז פאראן א נפק״מ להלכה בזמן שמקדשין ע״פ הראי׳ - לאחרי החורבן (ביז ס׳איז נתבטל געווארן קידוש ע״פ הראי׳), ועד״ז לויט די דיעות אז עס וועט זיין סנהדרין ״לפני בא המשיח״[14] און מ׳וועט מקדש זיין ע״פ הראי׳.

ויש לומר אז אויך בזמן הזה איז דא א חומרא אין דעם תענית פון עשרה בטבת לגבי די אנדערע צומות - ווען עשרה בטבת איז חל בערב שבת, איז מען דעמולט משלים דעם תענית ביז צאת הכוכבים (אפילו אויב מ׳האט מתפלל געווען תפלת ערבית של שבת מבעוד יום) אפילו לפי הדיעה[15] אז ביי אנדערע תעניתים טאר מען ניט פאסטן בערב שבת נאך מעריב.

בכל אופן - בנוגע צו דעם תוכן העבודה פון עשרה בטבת (״לעורר הלבבות לפתוח דרכי תשובה״) - איז זיכער דא א נפק״מ פון דעם חומר ותוקף אין

---

7) אסתר ט, כח. וראה רמ״ז בס׳ תיקון שובבי״ם, הובא ונת׳ בס׳ לב דוד להחיד״א פ׳ כ״ט.

8) רמב״ם שם רפ״ה.

9) ראה לקו״ש י״ז תמוז (נדחה) תשמ״ח ס״ד ואילך.

10) כתב לך את שם היום את עצם היום הזה סמך מלך בבל אל ירושלים בעצם היום הזה (יחזקאל כד, ב).

11) הל׳ תעניות.

12) לטאו״ח סתק״נ. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 421 הערה 79. ח״כ ע׳ 354 הערה 29.

13) אבודרהם שם.

14) פיה״מ להרמב״ם סנהדרין פ״א מ״ג.

15) שו״ע אדה״ז או״ח סרמ״ט ס״ד. וש״נ.

עשרה בטבת לגבי די אנדערע צומות.

ג. איינער פון די טעמים פאר-וואס עשרה בטבת האט אזא תוקף (אז דאס איז דוחה שבת), י"ל איז - ווייל[16] "ותבוא העיר במצור"[17] וואס איז געשען בעשרה בטבת, איז געווען די התחלה וואס האט סוף סוף דער-פירט צו די שפעטערדיקע מאו-רעות - "ותבקע העיר"[18] (בשבעה עשר בתמוז), ביז צום "וישרוף את בית ה'"[19], דער חורבן בית המקדש (בתשעה באב).

און וויבאלד אז דער ענין פון די ד' צומות איז "כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה", דעריבער איז דא א חומר און א תוקף מיוחד אין דעם צום, ווייל דאן ("ווען סמך מלך בבל על ירושלים") איז געווען די ווארענונג מלמעלה אז אויב מ'וועט ניט תשובה טאן, וועט פון דער התחלה קו-מען א המשך כו'.

קומט אויס, אז דער מאורע בעשרה בטבת אז "סמך מלך בבל על ירושלים" - איז די התחלה וסיבה וואס האט געבראכט די אלע אנדערע מאורעות (וואס האבן גורם געווען די אנדערע צומות) ביז דעם חורבן ביהמ"ק, ביז דערנאך - דעם חורבן בית שני, און כללות הגלות אין וועלכן אידן געפינען זיך עד היום הזה.

ד. ויש לומר בעומק יותר:

ס'איז א כלל אז ירידה צורך עלי' - די כוונה אין א ירידה איז, בכדי דאס זאל צוברענגען נאך א העכערן עילוי ווי ס'איז געווען פריער (לפני הירידה), נאר די וועג צוקומען דערצו איז דורך א מצב וואס איז א ירידה לפי שעה.

ועפ"ז דארף מען זאגן, אז דער טעם פארוואס דער צום פון עשרה בטבת האט אזא חומר ותוקף (אז דאס איז דוחה שבת) מצד דעם וואס דאס איז התחלת הירידה (וועלכע האט דערנאך געבראכט צו די ירידות שלאחרי זה) - איז דאס דערפאר וואס די עלי' וואס דאס דארף ברענגען האט אין זיך א <u>תוקף גדול</u> (אין קדושה), און דערפאר איז נשתלשל געווארן אז אויך די ירידה האט א תוקף, בכדי אז די ירידה בתוקף זאל צוברענגען אן עלי' בתוקף.

וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו כללות ענין הצומות, אז תכליתם איז (ניט נאר זיי זאלן בטל ווערן, נאר נאכמער): <u>יהפכו</u> ימים אלו[20] לששון ולשמחה ולמועדים טובים[21], וואס דורך דעם קומט צו א יתרון האור וועלכע איז ניטא ביי אנדערע מועדים.

---

16) ראה לקו"ש חט"ו שם. ח"כ שם. חכ"ה ע' 267. ע' 449. ע' 464. וראה עד"ז שו"ת שואל ומשיב מהד"ק ח"ג סקע"ט.

17) מלכים-ב כה, ב. ירמי' נב, ה.

18) מלכים שם, ד. ירמי' שם, ז.

19) מלכים שם, ט. ירמי' שם, יג. וראה תענית כט, א.

20) ראה זכרי' ח, יט.

21) רמב"ם סוף הל' תעניות.

און צווישן די צומות גופא, איז דא א תוקף ועילוי אין עשרה בטבת, וואס דערפאר ווערט נשתלשל אז די ירידה וחושך וועלכע זיינען פארבונדן מיטן צום האט דעם תוקף וחומרא אז דאס איז דוחה שבת.

ה. דער ביאור אין דעם:

די ד' צומות (וועלכע זיינען געקומען צוליב "מעשינו הרעים") און כללות ענין הגלות (וועלכער איז געקומען "מפני חטאנו") איז צורך עלי' - בכדי "לעורר את הלבבות לפתוח דרכי תשובה", און דורך דעם ארויס-ברענגען די טיפע התקשרות ואחדות צווישן דעם אויבערשטער מיט אידן, דער גודל האהבה והחיבה פנימית פון דעם אויב-ערשטן צו אידן און פון אידן צו דעם אויבערשטן, שלמעלה מכל מדידה והגבלה.

כל זמן וואס אידן געפינען זיך "סמוך על שולחן אביהם", בזמן שביהמ"ק הי' קיים, און אלקות שטייט בגלוי - הערט זיך נאך ניט אן ווי טיף איז דער פארבונד צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן; דורך "מעשינו הרעים" וועלכע האבן פוגם געווען אין די כחות גלויים פון א אידן, וואס צוליב דעם "גלו מעל שולחן אביהם"[22], און אעפ"כ טוען אידן תשובה - ווערט נתגלה אז קיין זאך קען ניט אנרירן דעם עצם קשר צווישן דעם אויבערשטן און אידן.

און וויבאלד אז די התקשרות עצמית דארף ארויסקומען בגילוי אין אלע ענינים, דעריבער דארף די תשובה אויך אויפטאן, אז אפילו אין דער דרגא (די כחות הגלויים) וואו דער עבירה רירט יע אן, ווערט די עבירה בטל, און נאכמער - זדונות נעשו לו כזכיות[23], ביז זכיות ממש [און אזוי ווערט אויך אויפגעטאן אין דעם ענין הצומות, וועלכע זיינען א מסובב פון די זדונות ועבירות, אז זיי ווערן ניט בלויז בטל, נאר יהפכו לימים טובים כו'].

וכידוע אז דורך תשובה מאכט מען אויף א נייע מציאות סיי פון דעם מענטשן אליין (זיינע כחות גלויים), און סיי פון דעם גאנצן ארום, ביז פון גאנץ סדר השתלשלות (בחי' הגילויים).

ו. וכשם ווי דאס איז בנוגע צו דער אחדות צווישן הקב"ה וישראל, אזוי איז דאס אויך בנוגע צו דער אחדות צווישן אידן עצמם:

ס'איז ידוע אז די אחדות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן איז פארבונדן מיט די אח-דות בא אידן צווישן זיך ("ברכנו אבינו" איז פארבונדן מיט "כולנו כאחד").

און היות אז אהבת ישראל איז א "כלל גדול בתורה"[24], און נאכמער - "זוהי כל התורה כולה

22) ברכות ג, א.

23) יומא פו, א.

24) תו"כ קדושים שם.

ואידך פירושה הוא זיל גמור"[25] - קומט דורך דעם צו שלימות אין כל התורה ומצוותי', און דורך תורה (אורייתא) - אין די התאחדות פון ישראל וקוב"ה, אז זיי ווערן כולא חד[26] (אויך בגלוי), "ואהבת לרעך כמוך"[27], רעך זה הקב"ה[28].

ויש לומר אז דאס איז (פון די טעמים) פארוואס שנאת חנם איז די סיבה אויף דעם חורבן בית המקדש און דעם תוקף ואורך פון גלות זה האחרון (ביז אז "לא נתגלה קצם"[29]) - ווייל דורך דעם וואס עס האט געפעלט אין אחדות בא אידן, האט עס געבראכט אז השראת השכינה זאל ניט זיין בגלוי למטה בא אידן (אין ביהמ"ק).

וויבאלד אבער אז ירידה צורך עלי', איז כשם ווי די ירידה אין גלות ברענגט צו גילוי האהבה עצמית צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, אזוי איז אויך בנוגע צו די אהבת ואחדות ישראל (וואס אין איר איז תלוי די אחדות מיט דעם אויבערשטן) - אז דוקא דורך דער ירידה אין גלות (ווערט ניט נאר דער ביטול העון פון שנאת חנם, נאר נאכמער - עס) ווערט נתגלה די אהבה עצמית און אחדות אמיתית צווישן אידן, אז טראץ דעם וואס זיי זיינען אין גלות "מפוזר ומפורד בין העמים"[30], "אחד מכם גולה לברבריא ואחד מכם גולה לסמטריא"[31], קען קיין זאך (אויך דער פירוד במקום כו') ניט אנרירן די אהבת ישראל ("ואהבת לרעך כמוך") וואס איין איד האט צו דעם צווייטן (אפילו אזא וועלכער געפינט זיך בקצוי תבל און ער האט אים קיינמאל ניט געזען).

ז. עפ"ז יש לבאר דעם תוקף בקדושה וואס איז דא אין (דער עלי' וואס קומט ארויס דורך) "סמך מלך בבל על ירושלים והביאה במצור" בעשרה בטבת (און דערפון ווערט נשתלשל דער תוקף אין דער ירידה אז דאס איז דוחה שבת):

דורך דעם מצור על עיר ירושלים האט זיך אויפגעטאן אז "אין יוצא ואין בא"[32], קיינער פון דער באלאגערטער שטאט קען ניט ארויסגיין, אלע מוזן דארט בלייבן צוזאמען, און קיין פרעמדער קען ניט אריין.

ד.ה. אז דער מצור (דקדושה)[33] גיט א מעגלעכקייט אז אלע אידן זאלן שטיין באחדות גמורה, זייענדיק אין דער זעלבער "שטאט", און ניט קענענדיק פון דארט ארויסגיין, און דערצו די שטאט פון ירו-

25) שבת לא, א.
26) ראה זח"ג עג, א.
27) קדושים שם.
28) ראה פרש"י שבת שם.
29) יומא ט, ב ובחדא"ג מהרש"א שם. לקו"ת מטות פו, א. ועוד. בגמ' שם הוא לגבי חורבן בית שני, אבל מובן שיש לזה שייכות גם לבית ראשון (ראה לקו"ש חכ"ה ע' 268 ובהערות שם).

30) ל' הכתוב - אסתר ג, ח.
31) שהש"ר פ"ב, ז.
32) ל' הכתוב - יהושע ו, א.
33) אלא שכפי שנשתלשל למטה - כוונת המצור היא בכדי לכבוש את העיר.

שלים, ״עיר שחוברה לה יחדיו״[34] מצד עצמה, און אן אחדות פארבונדן מיט ירא שלם[35], שלימות היראה.

און נאכמער[36] - דער מצור טוט אויף אן אחדות (ניט נאר בנוגע צו אנשי העיר, נאר אויך) בנוגע צו כל עניני וחפצי העיר, די נכסים פון אידן (חלקם בעולם), וועלכע זיינען א חלק פון דער עבודה פון אידן, כמאחז״ל[37] תורה חסה על ממונם של ישראל, וכמבואר בכ״מ, אז די נכסים און רכוש פון אידן האבן אין זיך ניצוצי קדושה וועלכע זיינען שייך צו דער איד במיוחד אז ער דארף זיי מברר ומזכך ומעלה זיין.

ועפ״ז יש לבאר דעם לשון ״סמך מלך בבל על ירושלים והביאה במצור״ - ווי דאס איז בשרשו בקדושה: ״סמך״ איז מלשון ״סומך נופלים״, ער איז עוזר ומסייע און העלפט ירושלים[38], אז נוסף צו ווי ירושלים איז מצד טבע בריאתה ע״י הקב״ה, קומט אין איר צו (דורך דעם מצור) זי זאל מאחד זיין אידן און מאחד זיין אידן מיטן אויבערשטן מיט אן אהבה עצמית, שלמעלה מכל מדידה והגבלה.

און דאס ווערט אויפגעטאן דוקא דורך ״מלך בבל״ דקדושה (ע״ד תלמוד בבלי)- א דרגא שלמעלה מחילוקי דרגות פון סדר השתלשלות (בבל מלשון בלל[39]).

און אויב אידן וואלטן דאס אויסגענוצט כדבעי, און וואלטן תשובה געטאן, און געשטאנען באחדות צווישן זיך און באחדות מיטן (אויבערשטן) בית ה׳ אין ירושלים, שלימות היראה (זייענדיק אלע צוזאמען אין דער שטאט צוליב דעם מצור אויף ירושלים) - וואלט דאס מבטל געווען דעם מצור בלתי רצוי, ופשיטא אז עס וואלט ניט געווען דער המשך (בקיעת העיר וחורבן הבית), און עס וואלט נתגלה געווארן נאר דער עילוי ועלי׳ וואס קומט ארויס דורך דעם העלם וירידה, ביז די גאולה האמיתית והשלימה[40], ביז אז אויך דער מלך בבל למטה וואלט דורך דעם נהפך געווארן, אז ער איז מסייע (״סמך״) צו דער אחדות פון אידן.

נאר בפועל איז דאס ארויס באופן הפכי, אז ס׳איז דערנאך געווען הובקעה העיר און דער חורבן ביהמ״ק; אבער דאס איז אויך צורך עלי׳ - בכדי עס זאל צוקומען נאך א גרעסערע עלי׳ אין דעם גילוי האהבה פון אידן איינער מיטן צווייטן, און די אהבה והתקשרות עצמית צווישן דעם אויבערשטער מיט אידן, כנ״ל.

34) תהלים קכב, ג. וראה ירושלמי חגיגה פ״ג ה״ו. וראה חגיגה כו, א.

35) תוד״ה הר - תענית טז, א (וראה ב״ר פנ״ו, י וברש״י ומת״כ שם). לקו״ת ר״ה ס, ב ועוד.

36) ראה לקו״ש ויגש שנה זו בסופו.

37) יומא לט, א.

38) ראה גם לקו״ש ח״כ ע׳ 518 ואילך. חכ״ה ע׳ 269. ע׳ 464.

39) נח יא, ט.

40) ראה לקו״ש ח״כ ע׳ 519 ואילך.

דערפון איז פארשטאנדיק דער תוקף ועילוי וואס איז דא אין עשרה בטבת (בפנימיותו), וואס דוקא ער איז די התחלה וסיבה אויף אלע מאורעות (פארבונדן מיט די אנדערע צומות): דער גודל הירידה שבו קומט מצד דעם גודל העלי' וואס דארף ארויס-קומען דורך דער ירידה (און צוליב דעם איז געווען די ירידה) - דער גודל האהבה (אהבת ישראל און אהבה צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן) וואס ווערט דורך דער ירידה אין גלות (וועלכע איז מבטל דעם גלות און ברענגט די גאולה).

און וויבאלד אז עשרה בטבת איז דער ערשטער שלב פון אלע צומות, דעריבער שטייט דעמולט בגלוי גלייך באם אנהויב פון דעם מצור (נאך איידער מ'הויבט אן פילן די צרות שבזה) - די אחדות וואס דאס ברענגט צווישן די אידן וועלכע זיינען אין ירושלים.

און דערפון ווערט דערנאך נשתלשל אויך אין דער ירידה, אז עשרה בטבת איז די התחלה וסיבה אויף די ירידות שלאחרי זה.

ח. ויש לומר אז דער תוקף בקדושה וואס איז דא אין עשרה בטבת איז אויך מרומז אין דעם זמן ווען דאס שטעלט זיך אויס בימי השנה: דער יום עשרה בחודש העשירי[41], בחי' עשר שבעשר וואס ווייזט אויף תכלית השלימות[42], וואס ווערט אויפ-געטאן דורך עבודת התשובה.

און נאכמער: דער טאג ווערט אנגערופן "בעצם היום הזה", בדוגמא צו יוהכ"פ. וואס דאס איז מרמז אז דעמולט איז א גילוי פון בחי' עצם שלמעלה, עצמותו ומהותו ית' (בלשון הרמב"ם[43]: "אמיתת המצאו"), וועלכער איז פארבונדן מיט דעם עצם פון אידן, וואס מצד העצם איז ניטא קיין זאך וואס קען אנרירן די התקשרות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, ביז אז דאס גיט אויך דעם כח אויף תשובה אמיתית אז מ'זאל קענען אויפטאן אויך אין סדר השתל-שלות (וואו א חטא קען פוגע זיין), אז זדונות זאל נהפך ווערן לזכיות. בדוגמא צו דעם גילוי בחי' יחידה ביוהכ"פ[44], עיצומו של יום[45] - יחידה לייחדך[46].

ולהוסיף, אז דאס איז אויך נרמז אין דעם וואס דער חודש העשירי (חודש טבת) איז דער חודש אויף וועלכן די גמרא זאגט[47] אז "הגוף נהנה מן הגוף" כביכול: דער גוף שלמעלה (יש האמיתי) איז כביכול נהנה פון דעם גוף שלמטה (יש הנברא)[48], ביז אז זיי ווערן

41) כלשון הכתוב "בחודש העשירי בעשור לחודש" (מלכים-ב, יחזקאל וירמי' שבהערה 6). וראה זכרי' ח, יט: "צום העשירי".

42) ראה דרושים עה"פ ויהיו חיי שרה מאה שנה גו'.

43) בריש ספרו יד החזקה.

44) ראה ברכת ערב יוהכ"פ תשמ"ז בתחלתו. וש"נ.

45) רמב"ם הל' תשובה פ"א ה"ג-ד.

46) פיוט דהושענות (יום ג').

47) מגילה יז, א.

48) ראה לקו"ש חט"ו ע' 382

איין זאך, ישראל וקוב"ה כולא חד.

ט. עפ"ז וועט מען פארשטיין דער תוקף ועילוי פון עשרה בטבת (לגבי די אנדערע צומות) וואס דערפאר איז ער דוחה שבת:

יום השבת איז א חלק פון סדר וזמן ההשתלשלות, פון עולמו של הקב"ה - נאר שבת מיקדשא וקיימא מלמעלה[50].

משא"כ די עלי' ותוקף הקדושה פון עשרה בטבת (וואס צוליב דעם איז געווען די ירידה) באַדייט די אהבה צווישן אידן (וואס אהבת ישראל האט דעם תוקף פון כלל כל התורה כולה) און די התקשרות עצמית צווישן אידן מיטן אויבערשטן, וואס איז העכער פאר דעם ענין פון שבת מצ"ע[51] [וואס דערפאר קענען אידן מוסיף זיין בקדושת שבת], ביז אז דאס מאכט אויך איבער די מציאות פון שבת, כנ"ל אז עבודת התשובה טוט אויף אין גאנץ סדר התשלשלות.

און דערפון וועט נשתלשל דער תוקף וחומר הצום פון עשרה בטבת (זייענדיק די התחלה פון אלע ירידות), אז דאס איז דוחה שבת.

י. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין דער עילוי וואס איז דא אין ט' טבת (ערב עשרה בטבת) ווען דאס איז חל בשבת (כבקביעות שנה זו):

וויבאלד אז ט' טבת האט א שייכות מיט עשרה בטבת (כנ"ל ס"א), איז פארשטאנדיק אז דער תוקף בקדושה וואס איז דא אין עשרה בטבת ווערט נמשך אויך אין דעם "ערב" זיינעם, אין שבת.

והענין:

שבת מצ"ע טוט אויף אחדות צווישן אידן, און אויך צוזאמען מיט זייערע נכסים (בדוגמא צו דעם מצב ווען ס'איז געווען דער מצור ארום ירושלים כנ"ל) - ווייל בשבת געפינען זיך אידן צוזאמען (מיט זייערע נכסים)[52] אין איין רשות, א רשות היחיד (עס טאר דעמולט ניט זיין הוצאה מרשות לרשות).

און דערפאר איז בשבת א זמן המתאים אויף "להקהיל קהילות כו'"[53].

שבת טוט אויך אויף א טיפערע אחדות צווישן אידן מיטן אויבערשטן (נאך מער ווי בימי החול) - כמ"ש[54] "שבת לה'". כנראה בפשטות, אז בשבת איז א איד מער פארנומען מיט דינען

ואילך.

49) ראה ביאורי הזהר לאדהאמ"צ בשלח מג, ג. ד"ה ולקחתם לכם תרס"א.

50) ביצה יז, א.

51) ולהעיר מהדין דפקו"נ של ישראל דוחה שבת (שבת קלב, א. יומא פה, ב. וש"נ).

52) ועד שת"ח מותר לאכול ביחד עם עם הארץ בשבת (כי גם עם הארץ אינו משקר בשבת ונאמן הוא בנוגע לדמאי - ירושלמי דמאי רפ"ד.

53) שו"ע אדה"ז או"ח סתר"צ ס"ג. מיל"ש ר"פ ויקהל.

54) יתרו כ, י.

דעם אויבערשטן (עבודת התפלה ולימוד התורה וכו'). ביז אז אויך אין זיינע נכסים און חלקו בעולם איז מער ניכר די אחדות מיטן אויבערשטן - כידוע אז מצות שביתת שבת איז כדי "לקבוע בנפשותינו אמונת חידוש העולם"[55], דעמולט הערט זיך אז מער בגלוי ווי די גאנצע וועלט איז איין רשות, א רשות היחיד ליחידו של עולם (מער ווי בימי החול ווען מ'איז פארנומען מיט מלאכה ועובדין דחול).

וי"ל אז דאס איז איינער פון די טעמים פארוואס מס' שבת הויבט זיך אן דוקא מיט מלאכת הוצאה ("יציאות השבת") - ווייל[56] דאס איז די נקודה און עיקר פון אלע מלאכות, אז די גאנצע וועלט איז א רשות אחת[57], רשות היחיד ליחידו של עולם[58], אז מ'זאל ניט (און מ'קען ניט) ארויסנעמען א זאך פון רשות היחיד, יחידו של עולם[59], ואדרבה - צו ממשיך זיין די קדושה פון רשות היחיד אויך אין רשות הרבים, ביז אז די גאנצע וועלט (אלע ד' רשו-יות) ווערט א רשות אחת, רשות היחיד, ליחידו של עולם (כידוע אז די ד' רשויות זיינען כנגד די ד' אותיות פון שם הוי'[60]).

וכמרומז בהמשך לשון המשנה (בריש מס' שבת): "כיצד העני עומד בחוץ ובעל הבית בפנים פשט העני את ידו לפנים ונתן לתוך ידו של בעה"ב או שנטל מתוכה והוציא" - אז מ'איז מאחד דער "עני" (א איד) און דעם בעה"ב (הקב"ה), אז זיי ווערן אין איין רשות. ועד"ז ווערט נשתלשל למטה - די אחדות צווישן עני ובעה"ב כפשוטו, אחדות ישראל [ובב' האופנים, סיי אז דער עני איז מקבל פון דעם בעה"ב, און סיי אז דער בעה"ב איז מקבל פון דעם עני[61]].

און אין דער אחדות וואס ווערט אויפגעטאן בשבת - קומט צו אן עילוי ווען דאס איז אויך ט' טבת:

די אחדות הנ"ל בשבת ווערט בכללות אויפגעטאן בעיקר מצד גילוי קדושת שבת <u>מלמעלה</u>

---

55) חינוך מצוה לב.

56) תו"א צט, ד. לקו"ת תזריע כא, ג. מצה זו תר"ם פנ"ז. וראה לקו"ש חי"א ע' 68 ואילך.

57) ראה במקומות שבהערה הקודמת בביאור מארז"ל (ב"ר פי"א, ה. וראה שמו"ר פ"ל, ט) ע"ד תשובתו של ר"ע - "משל מעירוב והוצאה, שברשות אחד אין צריך עירוב להוצאה, כך כל העולם שלו הוא כו'".

58) ראה תניא ספל"ג. ובכ"מ.

59) ראה ע"ח שער המלכים פ"ז.

60) וזהו גם הענין דהוצאת שבת - כדאיתא בלקוטי הש"ס להאריז"ל (הובא ונת' בהמשך מים רבים תרל"ו פ"ג.ועוד): "ז"ס שתים שהן ארבע, שהן אותיות יו"ד ה"א, שהם ארבע יו"ד ה"א וא"ו ה"א, כי יו"ד ה"א גימטריא ד' אותיות יו"ד ה"א וא"ו ה"א". וראה קונטרס משיחת ש"פ בשלח תשמ"ח ס"י.

61) דיותר ממה שהבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם הבעה"ב (ויק"ר פל"ד, ח). וכמובן גם מדרשת חז"ל "עשר בשביל שתתעשר" (שבת קיט, א. תענית ט, א. תנחומא ראה יח), שע"י נתינת הצדקה שחיובו הוא "די מחסורו" (ולא באופן של עשירות) נעשה הנותן <u>עשיר</u>.

(מיקדשא וקיימא). ווען שבת איז חל בט׳ טבת, ערב עשרה בטבת (נוסף לזה וואס דאס איז אויך א יום תענית מצ״ע כשחל בחול) קומט צו נאך א העכערע דרגא אין דער אחדות, מעין ובדוגמא ווי ס׳ווערט אויפגע-טאן דורך עשרה בטבת - די אחדות וואס קומט דורך עבודת התשובה, אז אויך אין גלות, איז מען מבטל כל עניני פירוד, ביז מ׳איז דאס מהפך צו אן אחדות הכי נעלית, ביז אז די אחדות נעמט אויך דורך די נכסים וחלקו בעולם פון א אידן, ביז אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ויש לומר, אז דאס איז דער תוכן פנימי פון דער עבודה מיט די ״ארבעה אבות נזיקין״, וואס זיינען באשאפן געווארן מלמעלה מיט אזא טבע אז זיי זיינען מזיק. וי״ל אז די ד׳ צומות זיינען כנגד די ארבעה אבות נזיקין. און די כוונה בזה בא-שטייט אין דעם, אז א איד ע״י עבודתו טוט אויף א חידוש אין דער בריאה, איז מבטל כל עניני היזק, ביז נאכמער - ער איז זיי מהפך לקדושה (נוסף על משביתן שלא יזיקו[62]), ער מאכט זיי איבער צו די ״ארבע רשויות״ של שבת און ״שתים שהן ארבע״, כנגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳, דורך מגלה זיין למטה ווי די ״ארבעה אבות״ זיינען בשרשם למעלה[63] - אז זיי העלפן

62) תו״כ בחוקותי כו, ו. - ולא רק ״מעבירם מן העולם״ כדעת ר״י בתו״כ שם. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 188 ואילך.

63) ראה טעמי המצוות להאריז״ל פ׳

נאך ארויס די עבודה פון א אידן.

ועד״ז לאידך גיסא: דורך דער עבודה פון שמירת שבת כהלכתו[64*], כולל - עבודת התשובה בשבת (וואס דאס איז אן עיקר אין שבת[64] - שבת אותיות תשב[65]), ווערט מקויים הבטחת התורה, אז ״ישראל[66] עושין תשובה ומיד הן נגאלין״[67], און דעמולט ווערט במילא אויפגעטאן אין עשרה בטבת וואס קומט במוצאי שבת - דער יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, דער גילוי פון תוקף הקדושה שבעשרה בטבת (מער ווי אין די אנדערע צומות שיהפכו לששון כו׳, וויבאלד אז די ירידה איז א גרעסערע).

יא. איינער פון די לימודים בזה:

ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידן געפינען זיך אין א חושך כפול ומכופל פון גלות, דארף מען וויסן אז בפנימיות איז די

משפטים, שד׳ אבות הנזיקין הן כנגד ד׳ אבות עליונים שבקדושה (אברהם יצחק יעקב ודוד).

64) ראה ב״ר פפ״ד, יט.

64*) ראה ירושלמי תענית פ״א סוף ה״א. וראה שבת קיח, ב. לקו״ת בהר מא, א.

65) אגה״ת פ״י.

66) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ה ה״ז.

67) ראה תקו״ז תמ״ח (פה, א) שהעובר על יציאות השבת (עקירה והנחה) גורם עקירת בנ״י מארץ ישראל (רשות היחיד) והנחתם בגלות (רשות הרבים). ומזה מובן, שע״י שמירת שבת כהלכתו (כולל בענין יציאות שבת) מבטלים עקירה והנחה הנ״ל, וחוזרים לארץ ישראל, עד שכל העולם כולו נעשה רשות היחיד, ליחידו של עולם, כנ״ל בפנים.

גאנ״צע כוונה בזה - בכדי אר״יסברעכגען דעם גוז״ל האהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן און פון אידן צו דעם אויבערשטן, און אויך - פון איין אידן צו דעם צווייטן.

און דאס שטייט בהדגשה יתירה אין דעם צום פון עשרה בטבת און אין דעם שבת ערב עשרה בטבת, און דערפון לערנט מען עס אויך אפ בנוגע צו די אנדערע צומות (וועלכע קומען בהמשך צו סמך מלך בבל על ירושלים והביאה במצור), ביז - בנוגע לשאר ימי השנה.

דערפון איז פארשטאנדיק וויפל עס דארף זיין די הדגשה אויף די דברים טובים פארבונדן מיט דעם תענית פון עשרה בטבת, זייענדיק א ״יום רצון לה׳״: די הוספה אין ״משפט״[68] (לימוד התורה[69]) און ״צדקה״[68] ביום זה,

ובכללות - הוספה אין אהבת ואחדות ישראל, און אין אהבת ה׳, דורך צוגעבן אין קיום כל התורה ומצוותי׳ בהידור.

יב. בשנה זו קומט צו נאך אן ענין וועלכער איז מוסיף אין די אהבת ואחדות ישראל שבעשרה בטבת:

לויט דעם מנהג פון כו״כ מישראל שהולך ומתפשט צו לערנען א שיעור יומי בספר הרמב״ם (ג׳ פרקים ליום), אזוי אז מ׳זאל דאס פארענדיקן מדי שנה בשנה (לערך) - קומט אויס אז דער סיום הלימוד בספר הרמב״ם בשנה זו איז אין דעם טאג פון עשרה בטבת:

דורך דעם וואס אידן לערנען צוזאמען דעם זעלבן ענין אין תורה, תורה אחת, פאראייניקן זיי זיך (זיי ווערן אלע נתאחד מיטן זעלבן שכל). ובפרט אז ״כל[70] התורה ניתנה לעשות __שלום__ בעולם שנאמר[71] דרכי׳ דרכי נועם וכל נתיבותי׳ שלום״. וואס דערפון איז מובן אז דורך לערנען צוזאמען די זעלבע תורה, ווערט שלום צווישן די לומדים, און אויך - שלום בעולם (כולל די נכסים וכו׳ פון אידן און פון כל באי עולם).

וואס דאס שטייט נאכמער בהדגשה בשעת מ׳איז __מסיים__ צוזאמען א לימוד אין תורה, ווייל באמצע הלימוד דארף זיין פלפול ושקו״ט (התורה נקנית בפלפול התלמידים[72]), וואס דעמולט זיינען פאראן חילוקי דיעות, וסברות לכאן ולכאן, ווארום אין דיעותיהן שוות[73], און לימוד התורה דארף זיין באופן פון ״לא הביישן למד״[74], אז מ׳איז ניט מעלים די אייגענע סברא כו׳, במילא קומט דערפון ארויס כמה סברות, ביז - פלפול אויך פון לשון פלפלין (פע-

---

68) ישעי׳ נו, א - בהפטרת יום צום.

69) ראה לקו״ת ר״פ דברים.

70) רמב״ם סוף הל׳ חנוכה.

71) משלי ג, יז.

72) אבות פ״ו מ״ו.

73) ברכות נח, רע״א. סנהדרין לח, א. תנחומא פינחס י. ועוד. 74) אבות פ״ב מ״ה.

פער), שמחדדין זה את זה בדברי תורה[74*]. אבער בסוף הלימוד - ווערט "ואת והב בסופה"[75], שלום ואחדות.

ואדרבה: דעמולט איז די אחדות נאך העכער און טיפער ווי קודם הלימוד, ווארום דאס קומט דורך דער פלפול החברים ושקו"ט וסברות לכאן ולכאן [בדוגמא ווי מתיקות המאכל ע"י תבלין ופלפלין, וואס ווערט א געשמאקערער מאכל ווי אזא מאכל וואס איז מתוק מצ"ע אן קיין דבר חריף ותבלין]. ע"ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו דער אחדות וואס קומט ארויס לאחרי הפירוד בזמן הגלות.

ועל אחת כמה וכמה ווען דאס רעדט זיך וועגן דעם סיום בספר הרמב"ם, וואס דער ספר איז "הלכות הלכות", וואס הלכה איז מאחד אלע אידן: בנוגע צו שקו"ט ופלפול בתורה, קענען און דארפן זיין חילוקים (ווייל אין דיעותיהן שוות), אבער בנוגע צו הלכה - דארפן זיך אלע פירן בפועל לויט דער פסק הלכה.

נאך א נקודה בזה: דער רמב"ם שרייבט אין זיין הקדמה צום חיבור, אז דער ספר איז "מקבץ לתורה שבעל פה כולה", און דערפאר "קראתי שם חיבור זה משנה תורה לפי שאדם קורא בתורה שבכתב תחלה ואחר כך קורא בזה ויודע ממנו תושבע"פ כולה". און וויבאלד אז אסתכל באורייתא וברא עלמא, איז פארשטאנדיק אז דורך לערנען דעם גאנצן ספר (ביז סיומו) - ווערט אויך אויפגעטאן אחדות צווישן לומדי ספר זה. [ובפרט ע"פ הידוע, אז יעדער איד האט זיין חלק בתורה, במילא, בשעת מ'לערנט א ספר וואס איז מקבץ לכל תושבע"פ כולה, ווערט דורך דעם אחדות צווישן אלע אידן].

און דערצו איז דער מנהג בכמה מקומות, אז מ'מאכט א "סיום הרמב"ם" ברוב עם הדרת מלך, בדוגמא לעושין שמחה לגמרה של תורה[76], וואס דאס איז נאכמער מאחד די אלע אידן וועלכע קלייבן זיך צוזאמען בעת הסיום.

ולהוסיף, אז אויך אין דעם סיום הרמב"ם עצמו איז בהדגשה שלימות האחדות: "באותו זמן לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות כו' ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים סתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר[77] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" - שלימות האחדות צווישן אידן, און אויך - צווישן די וועלט מיט דעם אויבערשטן, דורך דער עסק אין "לדעת את ה'", וואס דורך דעם ווערט מען נתאחד (אין א "יחוד נפלא

*74) תענית ז, א.

75) חוקת כא, יד. קידושין ל, ב.

76) ראה רמ"א יו"ד סו"ס רמו (משבת קיח, סע"א ואילך). וראה רמ"א או"ח סתקנ"א ס"י. טור ורמ"א או"ח סתרס"ט.

77) ישעי' יא, ט.

כו'"[78]) מיט דעם אויבערשטן, ביז באופן פון "מלאה הארץ דעה את ה'", און נאכמער - "כמים לים מכסים", בתכלית הביטול צו דעם בורא עולם[79].

און ווי ס'איז אויך מודגש אין תחלת ספר הרמב"ם - וכמנהג ישראל אז "מתכיפין התחלה להשלמה"[80], נעוץ[81] סופן בתחלתן כו'[82]: "יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון וכל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו" - די ידיעה און גילוי אז כל העולם וכל הנמצאים בתוכו נעמען זיך אלע פון דעם אויבערשטן, יחידו של עולם.

יג. ויהי רצון, אז נאך ביום שבת זה זאל זיין דער "ישראל עושין תשובה" - וואס יעדער איד האט כמה פעמים געגעבן א קרעכץ אויף ענינים פארבונדן מיט אידישקייט, וואס א קרעכץ פון א איד איז, כפתגם גדולי ישראל, א תשובה שלימה[83] - "ומיד הן נגאלין",

ויהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים,

און אלע אידן גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, ווי זי שטייט מיטן גאנצן תוקף, מוקפת חומה (מיט אלע מעלות פון א חומה, כולל די אחדות וואס דאס ברענגט צו כל הנמצאים בתוך חומה), אין אן אופן פון - "אני אהי' לה..חומת אש"[84], עצמות ומהות ("אני") איז מעיד אז ער (כביכול) ווערט די "חומה", און דערצו - "חומת <u>אש</u>", וואס אש שלמעלה אינה אוכלת (היפך בתכלית פון אש שלמטה, וועלכע איז איינער פון די ארבעה אבות נזיקין), וביחד עם זה - די מעלה פון "פרזות תשב ירושלים"[84], א גילוי שלמעלה מכל מדידה והגבלה אין מקום וזמן,

און בכל העולם כולו וועט שטיין בגלוי ווי "כל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו", ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים.

---

78) ראה תניא פ"ה.

79) כמבואר בארוכה בה"הדרן" על הרמב"ם (שנאמר בעת ההתוועדות) - יו"ל בפ"ע.

80) כנוסח "מרשות לחתן בראשית".

81) ספר יצירה פ"א מ"ד.

82) ולהעיר, שגם עצם ענין זה לקשר הסיום עם ההתחלה (נעוץ סופן בתחלתן כו') מורה על האחדות הבאה דוקא מתוך התחלקות, ועד להתחלקות מן הקצה אל הקצה: התחלת הספר - קודם כל לימוד בספר זה, וסיום הספר - לאחרי הלימוד והידיעה בכל הספר כולו.

83) להעיר מפס"ד הרמב"ם (הל' גירושין ספ"ב).

84) זכרי' ב, ט.

—— * ——

בס"ד. שיחת ש"פ ויגש, ט' טבת ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

[בהמשך לענין "עשר בשביל שתתעשר"]:

א. ויה"ר אז רעדענדיק וועגן ענין שכר מצוות, זאל אזוי זיין אין יעדער ענין, אז מ'זאל גלייך מדגיש זיין און גלייך באקומען דעם שכר, אזוי ווי בענין הצדקה, אז מ'האט די הבטחה "עשר בשביל שתתעשר" - עד"ז בנוגע צו כו"כ מצוות, פירט זיך תורה צו מדגיש זיין על אתר שכר המצוות, שכר גשמי בעוה"ז הגשמי, ווי דער רמב"ם איז מבאר אין הל' תשובה[1].

און וויבאלד אז דאס איז א שכר וואס קומט פון דעם אויבערשטן, איז פארשטאנדיק אז דאס איז מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, ביז אין אן אופן פון עשירות, און דוקא - לפי הישג יד הנותן.

ביז אז מ'זאל אויך באקומען דעם שכר פארבונדן מיט עשרה בטבת - אז יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים, בגאולה האמיתית והשלימה, ובהדגשה - גאולה האמיתית והשלימה, ווארום אלע אנדערע גאולות זיינען שוין געווען פריער, איז איצטער געבליבן נאר עס זאל קומען די גאולה האמיתית והשלימה.

ובפרט שטייענדיק אין שבת ערב עשרה בטבת, וואס כל השומר שבת א' כהלכתו[2] (און אמאל שטייט "שתי שבתות"[3]) ברענגט גלייך די גאולה, ובפרט דורך עבודת התשובה בשבת.

זאל אזוי זיין נאך אין דעם שבת פ' ויגש תשמ"ט, אז עס קומט גלייך די גאולה, און דערנאך קומט מען צו סעודתא דדוד מלכא משיחא[4],

און וויבאלד אז מ'וועט שוין זיין לאחרי הגאולה - וועט עשרה בטבת שוין נהפך ווערן לששון ולשמחה וליום טוב [ועאכו"כ אז עס וועלן בטל ווערן די אלע שאלות בנוגע צו תענית פאר· נשים הרות וחלושים וכו'],

און עס וועט נתגלה ווערן דער "בעצם היום הזה" - פארבונדן מיט עצמותו ית', וואס אויף אים איז שייך זאגן עצם,

ובלשון הרמב"ם בתחלת ספרו - "אמיתת המצאו", וואס "ממנו

---

1) פ"ט. 2) ירושלמי תענית פ"א סוף ה"א. 3) שבת קיח, ב. וראה לקו"ת בהר מא, א. 4) סידור האריז"ל במקומו (לר"ש מרשקוב).

נמצאו כל הנמצאים״, ווי ס׳וועט זיין בגלוי ״באותו הזמן״, זמן ביאת משיח צדקנו, ועאכו״כ לאחרי התגלות המשיח,

און מ׳גייט אלע ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״, אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, עיר מוקפת חומה, באופן אז ״אני אהי׳ לך חומת אש״, וביחד עם זה - ״פרזות תשב ירושלים״,

וכל זה - תיכף ומיד, מיד הן הגאלין, וואס ״מיד״ ע״פ הלכה מיינט גלייך ממש, תיכף ומיד ממש.

* * *

[לאחרי הדיבור ע״ד השייכות דסיום הרמב״ם עם אהבת ואחדות ישראל]:

ב. ובהתאם לזה איז מתאים צו רעדן אן ענין בקשר מיט סיום ספר הרמב״ם, ולפני זה - אן ענין אין התחלת השיעור האחרון בספר הרמב״ם, כפי הנהוג צו רעדן עכ״פ איין ענין אין נגלה אין דעם שיעור ברמב״ם.

דער רמב״ם שרייבט אין אנהויבס פון דעם שיעור[5]: ״בן נח ששגג באחת ממצותיו פטור מכלום. במה דברים אמורים בשגג באחת ממצות ועבר בלא כוונה, כגון שבעל אשת חבירו ודמה שהיא אשתו..אבל אם ידע שהוא אשת חבירו ולא ידע שהיא אסורה עליו אלא עלה על לבו שדבר זה מותר לו, וכן אם הרג ולא ידע שאסור להרוג, הרי זה קרוב למזיד ונהרג ולא תחשב זו להם שגגה מפני שהי׳ לו ללמוד ולא למד״.

וואס דאס איז א חידוש גדול - ווארום ביי א איד איז אויך חסרון ידיעה בגדר שוגג (אזוי ווי ביי א תינוק שנשבה בין העכו״ם ר״ל, אדער א תינוק וואס געפינט זיך צווישן אידן שנשבו בין העכו״ם, ווי מ׳געפינט בא כמה מישראל בזמננו זה ר״ל), איז פארוואס איז דער דין אנדערש ביי א בן נח, אז חסרון ידיעה איז ניט קיין שוגג, ״שהי׳ לו ללמוד ולא למד״?

די תמי׳ בזה איז נאך שטארקער - ע״פ הידוע אז מ׳איז זהיר בכמה ענינים בנוגע צו א גר שנתגייר אז ער זאל ניט טראכטן אז ער איז איבערגעאנגען מקדושה חמורה לקדושה קלה.

ויש להשתדל צו זוכן א טעם אויף דעם חילוק הנ״ל צווישן א בן נח און א איד בדין חסרון ידיעה.

ג. כאן נאמר ״הדרן״ על ספר הרמב״ם - י״ל בפ״ע.

* * *

---

5) הל׳ מלכים רפ״י.

ד. ווי דער סדר איז, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח פאר דעם סיום בספר הרמב״ם, און פאר ענינים פארבונדן מיט בתי תורה תפלה וצדקה - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך.

און בא זיי זאל אלע זיין דער ענין פון ״ויגש אליו יהודה. דבר באזני אדוני״, ווי עס שטייט אין התחלה פון פרשת השבוע.

ה. כנהוג, שטעלט מען זיך אפ אויף פרש״י בתחלת הפרשה:

רש״י שטעלט זיך אויף ״ויגש אליו. דבר באזני אדוני״ און איז מפרש: ״יכנסו דברי באזניך״.

דארף מען פארשטיין (ווי מפרשים פרעגן): מ׳געפינט אין חומש כמ״פ **לפני זה** דער ענין פון דיבור באוזן, און רש״י זאגט אויף דעם גארניט - איז פארוואס שטעלט ער זיך ערשט דא?

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן, אז דער דיוק איז פון דעם לשון ״ויגש״, אז כאטש עס שטייט אין סוף פרשה שלפנ״ז אז יהודה האט גערעדט מיט יוסף׳ן, קומט דא צו א גישה מיוחדת (״ויגש״), וואס דאס באווייזט אז דא איז געווען א דיבור מיוחד - ״יכנסו דברי באזניך״. ועפ״ז יומתק וואס רש״י איז מעתיק אין דעם דיבור המתחיל אויך די ווערטער ״ויגש אליו״ [כמדובר כמ״פ, און שוין געדרוקט, אז מ׳קען ניט זאגן אז רש״י קומט דערמיט אנצייכענען שם הפרשה, ווייל מ׳געפינט עס ניט אין אלע פרשיות, דארף מען זאגן אז רש״י איז דאס מעתיק ווייל דאס איז נוגע צו זיין פירוש].

אבער דאס איז ניט מספיק, ווייל דער דיוק הנ״ל אין ״ויגש״ איז בפשטות נאר **בהוספה** אויף דעם עיקר דיוק אין ״דבר באזני״. און וויבאלד אז עס שטייט שוין פריער כמ״פ דער לשון פון דיבור באוזן - פארוואס איז דאס רש״י דארטן ניט מפרש, כנ״ל?

ו. ויש לבאר ולקשר זה - עכ״פ ע״ד הרמז פאר א ״תלמיד ממולח״ - מיט דעם וואס דוקא דא רעדט זיך וועגן אן ענין וואו עס שטייט בהדגשה דער ענין פון דיבור באוזן:

ס׳איז ידוע דער דין, אז ״חרשו נותן לו דמי כולו״[6], ניט ווי דער היזק אין אנדערע אברים וואס דעמולט דארף מען צאלן נאר דמי האבר. איינער פון די ביאורים אין דעם איז: דורך חרשו ווערט א חסרון (ניט נאר אין אן אבר פרטי פון דעם מענטשן, נאר) אין

6) ב״ק פה, ב. שו״ע חו״מ סת״כ סכ״ה.

זיין גאנצער מהות, ווייל ער קען דעמולט ניט הערן די ציוויים פון זיין חבר, במילא קען ער ניט מרויח ומשתכר זיין[7].

און ווי דאס איז נאכמער בהדגשה בנוגע צו אן עבד, אז דאס איז (ניט נאר א חסרון אין איין אבר פרטי שלו, נאר) אין זיין גאנצן ענין, ווייל דורך דעם ווערט נפסק דער קשר צווישן דעם אדון מיט זיין עבד, וואס דאס איז בעיקר דורך זיין כח השמיעה - ער זאל קענען הערן די דיבורים ופקודות פון זיין אדון [ואע"פ אז דער אדון קען צו אים מרמז זיין מיט די הענט, אדער שרייבן בכתב כו', איז נוסף לזה וואס דאס איז אינגאנצן ניט דומה צו הערן אליין וואס דער אדון זאגט, קען דער עבד מאכן א טעות אין כוונת האדון כו'].

דערפון איז מובן לאידך גיסא, אז דער אוזן העבד איז פארבונדן מיט זין גאנצער מהות אלס עבד, ווייל אין דעם איז תלוי זיין פארבונד מיטן אדון.

ועפ"ז יש לומר, אז וויבאלד יהודה האט געזאגט יוסף'ן אז ער וועט זיין אן ערב פאר בנימין ("ערב את הנער"[8]), און ער איז גרייט זיין אן **עבד** ליוסף תחת בנימיו אחיו, אן עבד שלו עד סוף כל ימיו - דערפאר האט יהודה מרמז געווען צו יוסף'ן אז ער איז גרייט זיך איבערגעבן אינגאנצן, דורך זאגן אים "דבר באזני אדוני", "יכנסו דברי באזניך", וואס דאס איז מרמז אויף דעם וואס א עבד גיט זיך איבער "כולו" צו דעם אדון.

ז. ויומתק ע"פ דברי חז"ל בנוגע צו אן עבד (שרוצעים את אזנו דוקא): "אוזן ששמעה על הר סיני"[9]. דלכאורה: וואס איז דער דיוק דוקא "אוזן ששמעה", בא מתן תורה איז אויך געווען ראי' בעינים, ביז אין אן אופן אז "כל העם רואים את הקולות - רואין את הנשמע"[10]?

איז דער ביאור אין דעם מובן ע"פ הנ"ל: עיקר קבלת התורה וביטול בנ"י אלס "עבדים" לה' - איז דורך שמיעה באזנים ("אוזן ששמעה על הר סיני כי לי בני ישראל עבדים"[9]), אין דעם איז תלוי דער עיקר פארבונד צווישן אן אדון ועבדו.

און כאטש אז בא מ"ת איז אויך געווען ראי' (רואין את הנשמע) - יש לומר, אז ראי' איז געווען בעיקר (א) בההתחלת הדיבור, און

---

7) אוה"ת עקב ריש ע' תרכב. 8) פרשתנו מד, לב. 9) פרש"י משפטים כא, ו. מקידושין לב, ב. 10) יתרו כ, טו ובמכילתא ופרש"י עה"פ.

(ב) נאר בכללות אמירת העשרת הדברות, משא״כ שמיעה איז געווען אויך אין די פרטים - כידוע אז אין אמירת ושמיעת עשרת הדברות זיינען געווען כמה שלבים: ״אחת דיבר אלקים״[11] - אלע עשרת הדברות בדיבור אחד, דערנאך ״שתים זו שמעתי״[11], די ערשטע צוויי דברות, און דערנאך ״חזר ופירש על כל דיבור בפ״ע״[12], ביז אז דאס איז ארויס בפרטיות יותר אין די תר״ך אותיות פון די עשרת הדברות (כנגד די תרי״ג מצוות ושבע מצוות דרבנן[13], כמדובר אין דער התוועדות שלפנ״ז[14]). ועפ״ז י״ל, אז רואין את הנשמע איז געווען בעיקר ווי די עשרת הדברות זיינען געזאגט געווארן בכללות (בדיבור אחד וכיו״ב), אבער די עשרת הדברות בפרטיות האט מען געהערט ע״י שמיעה.

ח. כאמור לעיל, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה צוליב סיום הרמב״ם, אדער צוליב א סיום אדער התחלה פון א בנין [וואס אויך דער סיום והתחלה בספר הרמב״ם ובכל ענין שבתורה איז פארבונדן מיט ״בנין״ - כמ״ש[15] ״וכל בניך לימודי ה׳, א״ת בניך אלא בוניך״, און לימוד התורה איז בהבנה - בכח הבינה, וואס בינה איז אויך פארבונדן מיט לשון בנין] - זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך (בפרט פאר די וואס ווייסן נאך ניט דערפון) און מזמין זיין די מסובים כאן, זיי (אדער עכ״פ באי כחם) זאלן זיך אין דעם משתתף זיין בגופם (ועאכו״כ) בנשמתם, און בממונם.

און דאס וועט נאכמער צואיילן דער **בנין** השלישי, ביהמ״ק השלישי, בגאולה השלישית.

און אלע אידן גייען אהינצו, קהל גדול ישובו הנה[16], אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ״ק השלישי, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ט. מ׳האט פריער מכריז געווען וועגן דעם סיום הרמב״ם וואס וועט דא (אין דעם ביהכנ״ס וביהמ״ד פון נשיא דורנו) פארקומען

11) תהלים סב, יב. 12) פרש״י יתרו שם, א. 13) ראה תו״ש יתרו (כרך טז) במילואים ס״א. וש״נ. 14) שיחת ש״פ מקץ ס״ט. 15) ישעי׳ נד, יג. סוף ברכות. ובכ״מ. 16) ירמי׳ לא, ז.

הנחת התו׳ בלתי מוגה

מארגן באנאכט, וואס קומט בהמשך צו דעם שבת.

און זיכער וועט שוין דעמולט זיין נאך דער גאולה, און עס וועט נתגלה ווערן דער תכלית העילוי פון עשרה בטבת, ״בעצם היום הזה״.

ויה״ר אז מ׳זאל זוכה זיין אז די גאולה זאל שוין קומען נאך אין דעם שבת, וועלכע איז מעין[17] דער יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[18], ווארום באמת איז ניטא קיין דבר המעכב אז די גאולה זאל גלייך קומען, ווייל דאס איז תלוי אין יעדער איד - דורך דעם ישראל עושין תשובה ווערט מיד הן נגאלין,

ומי מעכב - מערניט ווי ״שאור שבעיסה״[19], אבער אויך בנוגע צו דער ״שאור שבעיסה״ איז ״אתא הקב״ה ושחט״ דער יצר הרע, ווי עס שטייט אין ״חד גדיא״, וואס כאטש אז מ׳זאגט אים ניט, איז דאס אבער געדרוקט אין ספרי קודש, און דאס האט אין זיך כמה ענינים ורמזים כו׳, אנהויבנדיק פון דעם רמז - אז דער אויבערשטער וועט שחט׳ן דעם יצה״ר,

און די שחיטה איז אין אן אופן פון ״ואין ושחט אלא ומשך״[20], אז מ׳איז ניט בלויז מבטל דעם יצה״ר, נאר מ׳איז אים מהפך און מעלה צו א העכערע מדריגה - ״אין ושחט אלא ומשך״. ע״ד ווי בא שחיטת הבהמה איז ענינה משיכה מרשות לרשות - אז דורך שחיטת הבהמה ואכילתו ע״י האדם ווערט די בהמה נתעלה פון מין החי צו מין המדבר, זי ווערט דם ובשר כבשרו פון א אידן, און דורך ברענגען די בהמה אלס א קרבן - ווערט די משיכה לרשותו של הקב״ה, קרבן מלשון קירוב, אז דערפון ווערט ״ריח ניחוח״, נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני[21].

ועד״ז בעבודת כאו״א: ער נעמט אלע זיינע ענינים, אויך די דברי רשות ודברים גשמיים, און מאכט דערפון א ״קרבן״ לה׳, מלשון קירוב - דורך ״כל מעשיך יהיו לשם שמים״[22], און נאכמער - ״בכל דרכיך דעהו״[23]. ובפרט דורך דער עבודה פון מיעוט חלבי ודמי ע״י א תענית, וואס איז נחשב כאילו הקריב קרבן לה׳[24].

ביז אז מ׳איז זוכה בפשטות צו די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט מען מקריב זיין קרבנות בפשטות אין דעם

---

17) המשך תרס״ו ע׳ תקמב. ועוד. 18) סוף תמיד. 19) ל׳ חז״ל - בברכות יז, א. 20) חולין ל, ב. 21) ויקרא א, ט ובפרש״י. ועוד. 22) אבות פ״ב מי״ב. 23) משלי ג, ו. 24) ברכות יז, א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ביהמ״ק השלישי, וכמצות רצונך, בתכלית השלימות, צוזאמען מיט כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם וישראל במעמדם,

און אידן וועלן זיין בתכלית השלימות, אין ארץ ישראל ווי זי וועט בשלימות - כל יושבי׳ עלי׳,

ביז אז מ׳גייט אלע צוזאמען אין קדש הקדשים, ווארום דעמולט וועט נתגלה ווערן ווי אידן זיינען ״ממלכת כהנים״[24] בפירושו (אין בעל הטורים[25] און מדרשים[26]) ״כהנים גדולים״, ווי ס׳האט זיך אויפגעטאן בא מתן תורה, אבער בזמן הזה איז דאס נתלבש געווארן בזמן מוגבל וכו׳, משא״כ לע״ל וועט נתגלה ווערן ווי אלע (רוב) אידן זיינען ״כהנים גדולים״ (וכמדובר אין די התוועדויות שלפנ״ז[27]),

און דערפאר (זייענדיק כהנים גדולים) וועט זיכער זיין ״קהל גדול ישובו הנה״, ובפרט אז מ׳קומט פון א שנת הקהל, און מ׳גייט אלע אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ״ק השלישי, וואס איז בנוי ומשוכלל למעלה[28], און זי דארף נאר יורד זיין מלמעלה אין ירושלים של מטה.

י. דערפאר איז מתאים צו מסיים זיין, כרגיל, מיט דעם ניגון ״שיבנה ביהמ״ק״. און ס׳איז מעצמו מובן, אז מ׳זאל זאגן ״לחיים״ און ״לחיים ולברכה״, אדער ״לחיים טובים וארוכים״ - כל א׳ לויט זיין מנהג (מנהג ישראל תורה היא).

און דער עיקר - אז עס זאל קומען דער זמן ווען עס וועט זיין שלימות העבודה ״כמצות רצונך״, שלימות התורה ומצוות, און שלימות אין אידן, און דורך דעם - שלימות בכל העולם כולו, אז די גאנצע וועלט ווערט א דירה לו ית׳ בתחתונים ממש.

[הש״צ שי׳ ניגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק״. ואח״כ צוה כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״פדה בשלום נפשי״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה].

— * —

24) יתרו יט, ו. 25) עה״פ יתרו שם. 26) אגדת בראשית פע״ט [פ]. 27) ש״פ שופטים תשמ״ח. יום שמח״ת שנה זו. 28) סוכה מא, סע״א ובפרש״י ותוס׳ שם.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!



נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח"חנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ ויחי, ט"ז טבת
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ ויחי, ט"ז טבת ה'תשמ"ט.

א. שבת פ' ויחי היא "שבת חזק" — שבה מסיימים ספר שלם בתורה, וכמנהג ישראל (תורה היא[1]) שבסיום הקריאה[2] מכריז כל הקהל "חזק חזק ונתחזק"[3] — חוזק ותוקף בכל עניניהם של בנ"י, בגשמיות וברוחניות גם יחד.

ומעלה מיוחדת ב"חזק" דפ' ויחי — לא רק להיותו "חזק" (על סיום ספר) הראשון[4] שבתורה[5], אלא גם מצד תוכן הפרשה שבסיום הספר[6] — "ויחי יעקב":

בפירוש "ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" — איתא במדרשי חז"ל[7] ש"ויחי יעקב", חיים אמיתיים שהם חיים טובים, היו במשך שבע עשרה שנה שחי בארץ מצרים[8], כמרומז גם במספרם — י"ז בגימטריא "טוב"[9] (משא"כ השנים שלפנ"ז שהיו "מעט ורעים"[10]), ועד שעל ידם נשלמו גם כל משך שנות חייו "כאילו כל ימיו בטובה"[11].

וכן מצינו במדרש[12] בביאור הטעם "למה פרשה זו סתומה מכל פרשיות של תורה .. מפני שסתם ממנו כל צרות שבעולם".

ומזה מובן גודל החיזוק שנעשה ע"י ההכרזה ד"חזק חזק ונתחזק" בסיומה של פרשת "ויחי יעקב" — שאצל כאו"א מישראל (שהוא בדוגמת "יעקב", שנקרא "ישראל", ועש"ז נקרא גם כאו"א מישראל[13]) נעשה מעמד ומצב ד"ויחי (יעקב)", "שסתם ממנו כל צרות שבעולם", ומכאן ולהבא נעשה אצלו שלימות הטוב הנראה והנגלה, חיים טובים בגשמיות וברוחניות גם יחד, ועד ש"כל ימיו בטובה".

ב. אמנם, עדיין אינו מובן הקשר והשייכות להמשך הפרשה:

אע"פ שבהתחלת הפרשה נאמר "ויחי יעקב" — הרי, מיד בפסוק שלאחריו נאמר "ויקרבו ימי ישראל למות", וכן שאר הענינים שבהמשך

---

1) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סו"ס קפ. סתרצ"ד סט"ז. לקו"ש חכ"ב ע' 56 הערה 2. וש"נ.

2) בציבור ובפרהסיא, ובברכה לפני' ולאחרי' (כמנהג ישראל שההכרזה ד"חזק" היא לפני הברכה שלאחרי הקריאה, ואינה חשובה הפסק).

3) ראה שו"ע או"ח סו"ס קלט, ובנ"כ. לקו"ש חכ"ה ע' 474. וש"נ.

4) כידוע שגם סדר בתורה הו"ע של תורה (ראה לקו"ד ח"ד תשמו, א. ועוד), היינו, שהוא ראשון במעלה וחשיבות, ובמילא, נעשה גם ראשון בסדר כפשוטו.

5) ובפרט שנקרא "ספר הישר", "ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים" (ע"ז כה, א), הרי בודאי שהחוזק ("חזק") שבו מוסיף חוזק בעניניהם של בנ"י, כי "מעשה אבות סימן (ונתינת־כח) לבנים" (ראה תנחומא לך לך ט. וראה קונטרס משיחות ש"פ וירא שנה זו ס"ב).

6) דאף שההכרזה "חזק חזק ונתחזק" קשורה עם סיום הספר כולו, הרי, מכיון שהכרזה זו באה בסמיכות ממש לפרשת ויחי, מובן, שיש לה קשר ושייכות מיוחד ל(תוכן ד)פרשת ויחי.

7) ראה בארוכה תורה שלמה ריש פרשתנו. וש"נ.

8) ראה מדרש הגדול ריש פרשתנו: וכי לא חי' אלא שבע עשרה שנה בלבד? אלא שהיו בשובע בטובה ושלום, כביכול אלו הן שראה בהן חיים. וראה גם זהר פרשתנו (רטז, ב): הכא איקרי ויחי, דהא כל יומוי לא אקרי ויחי כו' הא לך שבע עשרה שנה אחרנין בענוגין ותפנוקין והנאות וכסופין, הה"ד ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" (וראה לקוטי לוי"צ ריש פרשתנו שמציין להערות על מאמר הזהר בפ' וישב (קפ, א) — לקוטי לוי"צ ע' קמה ואילך).

9) ראה בעה"ט ריש פרשתנו.

10) ויגש מז, ט.

11) תדבא"ר פ"ה.

12) ב"ר ריש פרשתנו.

13) ראה אגה"ק ס"ז בפירוש הכתוב (וישלח לג, כ) "ויקרא לו א־ל אלקי ישראל" — ש"נשמתו (של יעקב) .. כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם .. נשמת ישראל סבא הכלולה מכל הנשמות".

הפרשה (ברכתו של יעקב לאפרים ומנשה[14], וברכתו של יעקב לבניו[15]) הם בקשר ובשייכות למיתתו של יעקב, עד (קרוב) לסיום הפרשה שבה מדובר אודות מיתת יעקב וקבורתו במערת המכפלה[16].

ויתירה מזה:

אפילו בהתחלת הפרשה, ״ויחי יעקב״, מפרש רש״י (פשוטו של מקרא[17]) ״למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם[18]. ד״א שביקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו״, היינו, שגם בהתחלת הפרשה נרמזו ענינים דהיפך הטוב, התחלת השעבוד וסתימת הקץ.

ובפרט כשמעיינים בדברי המדרש[12] שממנו מביא רש״י פירושו[19] (אלא שרש״י מפרש זה בפשוטו של מקרא[20]) — ״למה פרשה זו סתומה מכל פרשיות שבתורה, אלא כיון שנפטר יעקב אבינו התחיל שעבוד מצרים על ישראל. ד״א למה סתומה, שביקש יעקב לגלות הקץ ונסתם ממנו. ד״א למה סתומה, מפני שסתם ממנו כל צרות שבעולם״ — שמביא רק שני הפירושים הראשונים דהיפך הטוב, ומשמיט הפירוש השלישי (״סתם ממנו כל צרות שבעולם״), ענין טוב!

ג. ונקודת הביאור — שגם הענינים שבהמשך הפרשה הם חלק מפרשת ״ויחי יעקב״[21]:

ענין ה״חיים״ לאמיתו הוא — באופן שאין להם הפסק, חיים נצחיים[22]. וזהו מה ש״ויחי יעקב״ נאמר בהתחלת הפרשה שתוכנה אודות פטירתו של יעקב — להדגיש שגם לאחרי פטירתו נמשך הענין ד״ויחי יעקב״, כדאיתא בגמרא[23] (ומובא גם בפירוש רש״י בהמשך הפרשה[24]) ״יעקב אבינו לא מת . . מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״[25], שעי״ז מתגלה ענין החיים לאמיתו[26] שאין לו הפסק.

זאת ועוד: מכיון שבגלוי ובחיצוניות רואים מצב הפכי, עד כדי כך, שיש מקום לשאלה בתורה ״וכי בכדי ספדו ספדנייא וחנטו חנטייא וקברו קברייא״[23], ואעפ״כ, מגלה תורת־אמת שהמציאות היא ש״יעקב אבינו לא מת . . (ומוסיף תיבה — מדגיש) מקרא אני דורש שנאמר[27] ואתה אל תירא עבדי יעקב נאום ה׳ ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים, מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״ — הרי שלילת הקס״ד

14) מח, ט ואילך.

15) מט, א ואילך.

16) שם, לג ואילך.

17) פרש״י בראשית ג, ח. שם, כד. ועוד.

18) הביאור בזה — ראה לקמן ס״ח.

19) ראה בארוכה לקו״ש חט״ו 423 ואילך — ביאור טעם השינויים בין דברי המדרש לפירוש רש״י, עיי״ש.

20) ובפרט שאינו מקדים ״רבותינו דרשו״, וכיו״ב (ומה שבכמה דפוסים הובא בסיום הפירוש הציון לב״ר — ה״ז הוספת המעתיקים (המדפיסים), כדמוכח מכתבי־יד ודפוסים המדוייקים).

21) בהבא לקמן — ראה גם לקו״ש שם ע׳ 427 ואילך.

22) ולכן, אמיתת ענין החיים הוא אצל הקב״ה לבדו — מקור החיים, כמ״ש (ירמי׳ יו״ד, יו״ד) ״ה׳ אלקים אמת הוא אלקים חיים״, ואומר (תהלים לו, יו״ד) ״כי עמך מקור חיים״ (וראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״א ה״ד — שיעור היומי דערב שבת).

23) תענית ה, ב.

24) מט, לג.

25) ולהעיר מפרש״י תענית שם: ״ודחנטו חנטייא — נדמה להם שמת, אבל חי הי׳״, היינו, שלא מת גם בגוף (ראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 7 ואילך. וש״נ).

26) להעיר, שמדתו של יעקב היא מדת האמת, כמ״ש ״תתן אמת ליעקב״. וראה תורת לוי״צ (לתענית שם — ס״ע ז) ש״אמת ליעקב״ הוא תיבות ״יעקב לא מת״.

27) ירמי׳ ל, יו״ד.

מדגישה יותר תוקף הענין, ע"ד שטר שיצא עליו ערעור ונתקיים בב"ד[28], כיתרון האור מן החושך[29].

ד. ועד"ז מובן בנוגע לפירוש רש"י — שפרשה זו סתומה לרמז על סתימת עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד, ועל סתימת הקץ:

אמיתת הענין ד"זרעו בחיים" (שאז "אף הוא בחיים") — מצד דביקותם ב"ה' אלקים חיים", "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם"[30], ע"י קיום התומ"צ — מודגש בעיקר [לא במצב ש"סתם ממנו כל הצרות שבעולם", אלא] במצב של "צרת השעבוד", ובזה גופא באופן דסתימת הקץ, שלמרות קשיי הגלות כו' עומדים בכל התוקף על קיום התומ"צ [כמודגש גם בפרשה שמתחילים לקרוא בתפלת מנחה, "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה"[31], ואיתא במדרש[32] "ראובן ושמעון נחתין ראובן ושמעון סלקין", "שלא שינו את שמם ואת לשונם כו'"[33]], שאז רואים באופן גלוי לעין-כל שדביקותם בה' היא נצחית ואמיתית (שלא שייך שינוי והפסק ח"ו), "זרעו בחיים", "ויחי יעקב" לאמיתתו.

ונמצא, שגם צרת השעבוד וסתימת הקץ הוא חלק מ"ויחי יעקב" — מכיון שהמטרה והתכלית היא לגלות את הענין ד"ויחי יעקב" ("זרעו בחיים") לאמיתתו.

ה. עפ"ז יש לבאר גם הקשר והשייכות דפ' ויחי לזמן שבו קורין פרשה זו — חודש טבת.

בחודש טבת — מצינו ב' קצוות:

מחד גיסא — ענין טוב, כמודגש בשם "טבת" שיש בו אותיות "טב", וכמרומז גם בדרשת חז"ל[34] על הפסוק[35] "ותלקח אסתר אל המלך אחשורוש . . בחודש העשירי ("העשירי יהי' קודש"[36]) הוא חודש טבת", "ירח שהגוף נהנה מן הגוף", כידוע[37] הרמז שהגוף שלמעלה (יש האמיתי) נהנה כביכול מן הגוף שלמטה (יש הנברא), ועד שמתאחדים ונעשים דבר אחד, ישראל וקוב"ה כולא חד[38].

ולאידך גיסא — ענין דהיפך הטוב, "צום העשירי"[39], שסיבתו "ותבוא העיר במצור"[40], התחלת כללות ענין החורבן והגלות, שלכן, עשרה בטבת חמור יותר משאר ג' הצומות ש"אפילו הי' חל בשבת לא היו יכולים לדחותו ליום אחר כו'"[41].

והתיווך שביניהם — שהתכלית והמטרה ד"צום העשירי", התחלת ענין החורבן והגלות, באופן דהיפך הטוב, היא, כדי שעי"ז יבואו לשלימות הטוב (טבת), ועד לעצם הטוב, שהרי עשירי בטבת נקרא "עצם (היום הזה)"[42], היינו, ה"עצם" ד"טבת", עצם הטוב — כש"צום העשירי . . יהי' לבית יהודה

---

28) ראה טושו"ע חו"מ ר"ס מו. שם ס"ז. סמ"ע שם סקכ"ב.

29) קהלת ב, יג.

30) ואתחנן ד, ד. וראה אדר"נ ספל"ד.

31) ר"פ שמות.

32) ויק"ר פל"ב, ה. וש"נ.

33) ואפילו אם ישנם כאלו שבגלוי ובחיצוניות שינו שמם ולשונם כו' — ה"ז בחיצוניות בלבד, כפס"ד דתורת-אמת שרצונו האמיתי של כאו"א מישראל "להיות מישראל, לעשות כל המצוות ולהתרחק מן העבירות" (רמב"ם הל' גירושין ספ"ב).

34) מגילה יג, א. הובא בפרש"י עה"פ.

35) אסתר ב, טז.

36) בחוקותי כז, לב.

37) ראה לקו"ש חט"ו ע' 382 ואילך. וש"נ.

38) ראה זח"ג עג, א.

39) זכרי' ח, יט.

40) מ"ב כה, ב. ירמי' נב, ה.

41) אבודרהם הלכות תעניות. הובא בב"י לטואו"ח סתק"נ.

42) יחזקאל כד, ב. — ומטעם זה הי' דוחה שבת כמו יוהכ"פ שנאמר בו בעצם היום הזה (אבודרהם וב"י שם).

לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[43], יו"ט גדול יותר מהימים טובים שע"ד הרגיל, כיתרון האור מן החושך[44].

והכח לזה — מפ' ויחי, שבה מודגש שהתכלית והמטרה דצרת השעבוד (במצרים, שורש לכל הגלויות[45]) עד לסתימת הקץ, היא, שיתגלה הענין ד"ויחי יעקב" ("זרעו בחיים") לאמיתתו, ועד"ז בעשרה בטבת, שהתחלת החורבן והגלות היא כדי לגלות את הקשר העצמי דישראל עם הקב"ה, שזהו מש"נ בעשרה בטבת "בעצם היום הזה" כמו ביוהכ"פ[46], "עיצומו של יום"[47], שבו מאיר ומתגלה הקשר העצמי דישראל עם הקב"ה — בחי' היחידה[48], "יחידה לייחדך"[49] (כמשנת"ל בארוכה*[49]).

ויש להוסיף, שהשייכות דעשרה בטבת לפ' ויחי מודגשת ביותר בשנה זו — שעשרה בטבת חל ביום ראשון דפ' ויחי (ששיעורו בפרשת השבוע — "ויחי יעקב"), התחלת השבוע דפ' ויחי, וקשור עם סוף השבוע ("נעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן"[50]), שבת פ' ויחי (שבה קורין פ' ויחי כולה, מתחלתה ועד סופה), לאחרי ההקדמה דערב שבת, שחל בחמשה עשר בטבת, שבו קיימא סיהרא באשלמותא[51], השלימות ד"טבת", שלימות הטוב, ומוצאי שבת חל ב"טוב" (י"ז) טבת, "טוב" שב"טוב".

ונמצא, שבקביעות זו מודגש ביותר שהתכלית והמטרה ד"צום העשירי" היא בשביל שלימות ועצם הטוב — בגאולה האמיתית והשלימה, שאז יקויים היעוד "כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים", "כשהוא מקבץ את ישראל מארץ שבים . . יביאנו (ליעקב) בגולה כדי לגאול את בניו לעיניו"[52], "ויחי יעקב" כפשוטו, באופן הנראה לעיני בשר ממש.

ו. עפ"ז מובן שההכרזה "חזק חזק ונתחזק" שבסוף פרשת ויחי, היא, נתינת־כח, עידוד וחיזוק בנוגע לכללות מעשינו ועבודתינו כל משך זמן הגלות:

כשנמצאים בגלות, ב"צרת השעבוד", ובאופן של סתימת הקץ (שלא יודעים מתי תהי' הגאולה) — יכולים לבוא למצב של נפילת הרוח, עד ליאוש, ח"ו. ועל זה באה ההוראה והנתינת־כח דפ' ויחי — שצריכים לידע שהמטרה והתכלית ד"צרת השעבוד" וסתימת הקץ[53], היא, בשביל העילוי

---

43) זכרי' שם. וראה רמב"ם סוף הל' תעניות.

44) להעיר שהתחלת וראש חודש טבת — בימי חנוכה, שבהם מודגש הענין דהפיכת החושך, "והוי' יגי' חשכי" (ראה תו"א מקץ מ, ב ואילך. ובכ"מ).

45) ראה ב"ר פט"ז, ה. לקו"ש חט"ז ע' 91. וש"נ.

46) להעיר שיוהכ"פ וצום העשירי הם "בעשור לחודש", ולא עוד, אלא, ש"צום העשירי" הוא "בחודש העשירי בעשור לחודש", עשירי שבעשירי, היינו, שהשלימות ד"עשירי" — "העשירי יהי' קודש" — מודגשת ב"צום העשירי" עוד יותר מאשר ביוהכ"פ, די"ל, שזהו מצד העילוי דיתרון האור מן החושך.

47) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"א ה"ג־ד.

48) ראה ברכת עיוהכ"פ תשמ"ו ס"א. וש"נ.

49) ראה ד"ה אני ישנה תש"ט (סה"מ תש"ט ע' 118 ואילך) שדוקא בזמן הגלות מאיר בחי' יחידה שבנפש שעלי' אומרים חבוקה ודבוקה בך . . יחידה לייחדך שדבוקה תמיד בעצמות א"ס. ושם: "ובכח זה עמדו ישראל נאמנים להוי' בגלות מצרים שלא שינו שמם לשונם כו', ובכח זה עמדו ישראל בגלות מדי ויון כו'", וממשיך לבאר בנוגע לגלות זה האחרון חושך כפול ומכופל דעקבות משיחא.

*49) קונטרס משיחות ש"פ ויגש ט' טבת, ויום א' פ' ויחי עשרה בטבת, שנה זו.

50) ספר יצירה פ"א מ"ז.

51) ראה זהר ח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, רע"א. שמו"ר פט"ו, כו.

52) פרש"י תענית שם.

53) להעיר גם מפי' הכלי יקר (ריש פרשתנו) בביאור העילוי דסתימת הקץ — "שימשך נזק גדול מן ידיעת הקץ . . שהגאולה לא תהי' בימיהם לא ידרשו את פני ה' לבקש על הגאולה . . ויבקשו לישב

ושלימות הטוב — לגלות את הענין ד״ויחי יעקב״ (עי״ז ש״זרעו בחיים״) לאמיתתו.

ולא עוד, אלא, שגם כשנמצאים בגלות, בארץ מצרים (״כל המלכיות נקראו ע״ש מצרים ע״ש שהם מצירים לישראל״[54]), יכול להיות מעמד ומצב ד״ויחי יעקב בארץ מצרים״, חיים טובים (לא רק ברוחניות, אלא) גם בגשמיות (כמו י״ז שנות חייו של יעקב בארץ מצרים), שעי״ז ניתוסף גם ב״ויחי יעקב״ ברוחניות, ע״י קיום התומ״צ, מתוך מנוחת הנפש והגוף[55].

וענין זה (שגם בארץ מצרים, זמן ומצב הגלות, יכול להיות ״ויחי יעקב״, חיים טובים) מודגש ביותר בסוף זמן הגלות — ימינו אלו[56]:

בהתחלת זמן הגלות הי׳ מקום ל״צרת השעבוד״, עד לקושי השעבוד כו׳, כדי לגלות את מעלתם של ישראל, הקשר העצמי דישראל עם הקב״ה, שלמרות קשיי הגלות עומדים בכל התוקף עד למס״נ ממש על קיום התומ״צ, כנ״ל.

אמנם, לאחרי כל הענינים שעברו בנ״י במשך קָרוב לאלפיים (!!) שנות גלות קשה ומרה — הרי בודאי ובודאי שמעלתם של ישראל היא בתכלית הגילוי (גם לעיני כל עמי הארץ), ואין עוד צורך בצרת וקושי הגלות,

— ובפרט לאחרי ההכרזה וההודעה של כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, יוסף שבדורנו[57], שכבר סיימו כללות העבודה דזמן הגלות, גם ״צחצוח הכפתורים״[58], ועכשיו ״עמדו הכן

ישיבה של קבע בארצות העמים להיות להם אחוזה בארצותם כתושבים וכמתייאשים מן הגאולה, ע״כ סתם וחתם ה׳ הקץ האחרון כדי שבכל דור ודור יבקשו את פני ה׳ ואת דוד מלכם, ולא יבקשו להיות תושבים בארצות העמים ויהיו מחכים קץ ישועתו תמיד״, היינו, שסתימת הקץ מעוררת את הבקשה לגאולה, שעי״ז ממהרים ומביאים בפועל את הגאולה (דמכיון ש״אינן דורשין את פני ה׳ בכל לב להביאם אל ארצם ע״כ הקב״ה מניחם שמה״).

54) ב״ר שבהערה 45.

55) ראה רמב״ם הל׳ תשובה רפ״ט.

56) להעיר גם מפי׳ רבינו בחיי (ריש פרשתנו), ש״מ״ש את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, הכוונה לימות המשיח בקץ הגלות הזה הארוך שאנו עומדים בו היום, כי כל עניני יעקב ומקריו הם רמז לגלותנו השלישי הזה כו׳״.

57) להעיר, שסיום פ׳ ויחי היא — הבטחתו של יוסף ש״אלקים פקד יפקוד אתכם והעלה אתכם מן הארץ הזאת אל הארץ אשר נשבע לאברהם ליצחק וליעקב״, הבטחה על יצי״מ, שהיא שרש לכל הגאולות, עד לגאולה האמיתית והשלימה — ״כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״.

ולהעיר גם מהמבואר במק״א (קונטרס משיחות ש״פ ויחי תשמ״ז. לקו״ש חכ״ה ע׳ 474 ואילך) שסיום הפרשה ממש (שבסמיכות לזה באה ההכרזה ״חזק חזק ונתחזק״) הוא ״ויישם בארון במצרים״ — שהעובדה שיוסף נשאר יחד עם בנ״י בארץ מצרים (דלא כיעקב שהעלוהו מיד לארץ ישראל) נותנת חיזוק לעבודתם של ישראל בזמן הגלות*, כמודגש גם בדורנו, שמקום מנוחתו כבוד של יוסף שבדורנו — בחוץ לארץ (מצרים), חיזוק ונתינת־כח להשלים מעשינו ועבודתינו ברגעי הגלות האחרונים, עד שיוצאים מהגלות אל הגאולה, ויוסף שבדורנו בראשנו — ״הקיצו ורננו שוכני עפר״**.

58) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

---

*) דוגמא לדבר — מ״ש בהתחלת פרשתנו (מח, ז) ״ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל . . בדרך . . ואקברה שם גו׳״, ״ע״פ הדיבור קברתי׳ שם שתהא לעזרה לבני׳ . . יצאת רחל על קברה ובוכה ומבקשת עליהם רחמים . . והקב״ה משיבה יש שכר לפעולתך גו׳ ושבו בנים לגבולם״ (פרש״י עה״פ), מסירות נפשה של רחל להשאר בחוץ לארץ בשביל לעזור לבני׳ (ראה בארוכה לקו״ש השבועי), ועד״ז ביוסף — בנה של רחל (ראה גם שוה״ג הב׳).

) להעיר שיום חמישי, א״ך (טוב** לישראל) **טבת**, שמתברך משבת זו, הוא, סיום אמירת הקדיש במלאות י״א חודש להסתלקותה של הרבנית הצדקנית נ״ע זי״ע (בתו של כ״ק מו״ח אדמו״ר, יוסף שבדורנו). ולהעיר מהרמז בפרשתנו ע״ד פטירת רחל, ״אשת נעורים״ (ראה סנהדרין כב, סע״א ואילך ובחדא״ג מהרש״א (הובא בלקו״ש השבועי ס״ד)). וראה גם לעיל שוה״ג הא׳.

כולכם"[59] לגאולה האמיתית והשלימה שאין אחרי' גלות[60] —

ומכיון שכן, הרי בודאי שמכאן ולהבא (עכ"פ) צריך להיות מצב ד"סתם .. כל צרות שבעולם", הן בנוגע לצרותיו של כאו"א מישראל בתור איש פרטי, והן בנוגע לצרות דכלל ישראל, ובפשטות, שגם ברגעי הגלות האחרונים נעשה אצל כאו"א מישראל מעמד ומצב ד"ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" — שכל רגע ורגע מרגעי הגלות האחרונים (אפילו לא יום שלם, ועאכו"כ לא שבוע וחודש, עד לשנה, ועאכו"כ לא י"ז שנה ח"ו), שלהיותו משך זמן יש בו שינויים, ולכן שייך לקרותו בשם "שנה" מלשון שינוי[61] — נעשה רגע זה (עם כל השינויים שבו) באופן ד"שבע עשרה (שנה)", בגימטריא "טוב", עד לשלימות הטוב כפי ששייך בזמן הגלות, ותיכף ומיד — שלימות הטוב האמיתי, בגאולה האמיתית והשלימה.

ז. ויש להוסיף בנוגע ללימוד והוראה בעבודתו של כאו"א מישראל — "החי יתן אל לבו"[62] — ממ"ש "ויחי יעקב בארץ מצרים":

הענין ד"ויחי גו' בארץ מצרים" (שגם בארץ מצרים נעשה מעמד ומצב ד"ויחי", חיים טובים), הוא, ע"י עבודתו המיוחדת של יעקב ("ויחי יעקב בארץ מצרים") — תורה[63], היינו, שהתורה נותנת כח שגם בארץ מצרים יוכל להיות מעמד ומצב ד"ויחי"[64].

ובפרטיות יותר — שלימוד התורה פועל וחודר גם בארץ מצרים, היינו, שאין זה באופן שלימוד התורה שייך רק לביהכ"נ וביהמ"ד, ד' אמות של תורה, אלא שפועל וחודר גם בעולם, עד לארץ מצרים, ובסגנון אחר — שנעשה קשר וחיבור בין העבודה דלימוד התורה (ועניני קדושה בכלל) לעבודה בעניני העולם (עולם מלשון העלם[65], עד למעמד ומצב דארץ מצרים), שעי"ז יכול להיות גם בארץ מצרים "ויחי יעקב", חיים אמיתיים ע"פ התורה, שעל ידה נעשים ישראל חד עם קוב"ה[38], מקור החיים.

ח. ויש לקשר זה עם ה"יינה של תורה"[66] בפירוש רש"י ריש פרשתנו — "למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם" — לאחרי הקדמת הביאור בפשוטו של מקרא.

לכאורה אינו מובן:

א) בפ' וארא[67] כותב רש"י ש"כל זמן שאחד מן השבטים קיים לא הי' שעבוד, שנאמר[68] וימת יוסף וכל אחיו ואח"כ ויקם מלך חדש", ואיך יתכן לומר ש"כיון שנפטר יעקב .. התחילו

59) אג"ק שלו ח"ד ע' רעט. וש"נ.

60) ראה מכילתא בשלח טו, א (הובא בתוד"ה ה"ג ונאמר — פסחים קטז, ב).

61) עבוה"ק ח"ד פי"ט. ועוד.

62) קהלת ז, ב.

63) כידוע שג' האבות הם כנגד ג' הקוין דתורה עבודה וגמ"ח: ענינו של אברהם — גמ"ח, ענינו של יצחק — עבודה, "עולה תמימה", וענינו של יעקב — תורה (מגלה עמוקות אופן רנ (בסופו) מגלה עמוקות עה"ת ר"פ לך לך. ועוד).

64) להעיר גם מהמענה של רבינו הזקן על שאלת הצ"צ היתכן שיעקב אבינו, בחיר האבות, יהי' מבחר שנות חייו י"ז שנה שגר בארץ מצרים — "כתיב ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גשנה, ואיתא במדרש — מובא ברש"י — א"ר נחמי' להתקין לו בית תלמוד שתהא שם תורה ושיהיו השבטים הוגים בתורה", ופירש, "להורות לפניו גשנה", שע"י לימוד התורה מתקרבים להקב"ה, ועי"ז הנה גם במצרים נעשה "ויחי" ("היום יום" ח"י טבת. וראה בארוכה לקו"ש ח"י ע' 160 ואילך).

65) לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.

66) "היום יום" כ"ט שבט.

67) ו, טז.

68) שמות א, ו־ח.

לשעבדם", אע"פ שעדיין חי (לא רק אחד מן השבטים, אלא גם) יוסף בעצמו[69], "השליט על הארץ"[70], שבלעדו "לא[71] ירים איש את ידו ואת רגלו בכל ארץ מצרים"[72]?!

ב) מהי כוונת רש"י בכתבו "נסתמו עיניהם[73] ולבם של ישראל מצרת השעבוד כו'" — "צרת השעבוד" פועלת על רגש הלב, ולא על העינים?!

ויש לומר, שחדא מתרצא בחברתה — שרש"י מדייק "נסתמו עיניהם ולבם . . מצרת השעבוד", מכיון שלא הי' עדיין שעבוד ממש שיפעל (ישירות) על רגש הלב, כי אם, שראו בעיניהם דבר שהי' יכול להתפרש אצלם כסימן להתחלת השעבוד, ועד כדי כך, שהראי' בעינים פעלה גם על רגש הלב[74].

והביאור בזה — ע"פ מ"ש בסיום הפרשה (אחרי פטירתו של יעקב) "ויראו אחי יוסף כי מת אביהם"[75], ומפרש רש"י: "מהו ויראו, הכירו במיתתו אצל יוסף, שהיו רגילים לסעוד על שולחנו של יוסף, והי' מקרבן בשביל כבוד אביהם, ומשמת יעקב לא קרבן" [עד שחששו "לו ישטמנו יוסף והשב ישיב לנו את כל הרעה גו'"[75], והוצרכו לומר לו "אביך צוה אנא שא נא פשע אחיך גו'"[76], "שינו בדבר מפני השלום"[77]], היינו, שפטירתו של יעקב גרמה לניתוק — במדה מסויימת — בין יוסף להשבטים.

ומזה מובן — במכ"ש וק"ו — בנוגע ליחס של המצריים לבנ"י, שבזמן שיעקב הי' חי, מכיון שנהגו כבוד ביעקב[78] "לפי שבאה להם ברכה לרגלו שכלה הרעב והיו מי נילוס מתברכין"[79], נזהרו גם בכבודם של בניו ומשפחותיהם, משא"כ לאחרי פטירת יעקב נשתנה היחס שלהם לבנ"י.

ולכן, מצב זה הי' יכול להתפרש כ"צרת השעבוד שהתחילו לשעבדם", כלומר, אף שבפועל ממש לא הי' שעבוד[80] שנרגש מיד ברגש הלב, מ"מ, "נסתמו עיניהם (ורק כתוצאה מזה — גם לבם) . . מצרת השעבוד כו'", היינו, שהסתכלו בעיניהם על שינוי היחס מצדם של המצריים (לאחרי פטירת יעקב) כנסיון השתלטות של מצרים

69) שחי נ"ד שנה אחרי פטירת יעקב (רא"ם כאן), ועאכו"כ שאר השבטים שהאריכו ימים יותר מיוסף (ראה סוטה יג, ב), עד לוי שהאריך ימים יותר מכולם (פרש"י וארא שם).

70) מקץ מב, ו.

71) שם מא, נד.

72) ראה גם מפרשי רש"י כאן (רא"ם. גו"א. משכיל לדוד. ועוד).

73) להעיר שהלשון "נסתמו עיניהם" מקורו בזהר (פרשתנו רטז, ב) "רבי יעקב אמר בשעתא דמית יעקב אסתימו עיניהון דישראל", אבל, מזה ש"רבי יהודה אמר דכדין נחתי לגלותא ואשתעבדי בהון", ואילו רבי יעקב לא הזכיר ענין השעבוד, משמע, שהפירוש ד"אסתימו עיניהון דישראל" הוא שנסתמו מישראל מעיינות החכמה שהי' מגלה יעקב (כבנצו"א שם).

74) ע"ד מ"ש "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", "העין רואה והלב חומד" (שלח טו, לט ובפרש"י).

75) נ, טו.

76) שם, יז.

77) פרש"י שם, טז.

78) ועד שיעקב חשש שמצרים יעשוהו ע"ז (פרש"י ריש פרשתנו — מז, כט).

79) פרש"י פרשתנו נ, ג. וראה גם פרש"י ויגש מז, יו"ד: "מברכתו של יעקב ואילך הי' פרעה בא אל נילוס והוא עולה לקראתו ומשקה את הארץ". ושם, יט: "כיון שבא יעקב למצרים באה ברכה לרגליו והתחילו לזרוע וכלה הרעב, וכן שנינו בתוספתא דסוטה"*.

80) אפילו לא "בפה רך", "בשכר", וכיו"ב (כמ"ש במפרשי רש"י) — עכ"פ לא בסמיכות ממש לפטירת יעקב, אלא במשך השנים שלאח"ז, ומסתבר גם לאחרי פטירת יוסף.

*) להעיר מכפל הענין בפירוש רש"י ושינויי הלשונות ממקום למקום. ואכ"מ.

עליהם, ומכיון שנשתנה גם יחסו של יוסף אליהם, יש מקום לחשוש שלא יבוא עוד (מעיר הבירה דמצרים, שבה ישב והנהיג את כל ארץ מצרים) לבקרם ולראות מצבם בארץ גושן, לעזור להם וכו'. וראי' זו פעלה גם על רגש הלב, שיהי' נרגש אצלם כמו "צרת השעבוד שהתחילו לשעבדם".

ט. והביאור בזה בפנימיות הענינים — ע"פ "יינה של תורה" שבפירוש רש"י:

תוכן פירושו של רש"י (ע"פ האמור לעיל) ש"צרת השעבוד שהתחילו לשעבדם" היתה כתוצאה מהניתוק שבין יוסף להשבטים, כנ"ל.

וענינו בעבודת האדם — ע"פ המבואר בדרושי חסידות[81] החילוק שבין עבודת יוסף לעבודת השבטים (והאבות):

עבודת השבטים היתה באופן של התבודדות מעניני העולם, שלכן, התעסקו במרעה צאן (כמו האבות, כאמרם לפרעה "רעה צאן . . גם אנחנו גם אבותינו"[82]), שיוכלו להמצא מחוץ לעיר, במצב של התבודדות מעניני העולם, שאז, יוכלו להיות דבוקים בה' בשלימות.

משא"כ אצל יוסף הי' מצב הפכי — "הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ"[70], עד שבלעדו "לא ירים איש את ידו ואת רגלו בכל ארץ מצרים"[71] [וגם לפני שנעשה משנה למלך הי' עסוק בניהול בית פוטיפר, כמ"ש[83] "ויבוא הביתה לעשות מלאכתו", "מלאכתו ממש"[84]], וביחד עם זה, הי' בתכלית הדביקות לאלקות[85].

אמנם, כשבאים לארץ מצרים, מקום ומצב הגלות — לא יכולים עוד להשאר במצב של התבודדות מהעולם, שהרי, כל הירידה לגלות היא בשביל בירור העולם[86], ובמילא, בהכרח שיהי' אצלם הקשר והחיבור דב' אופני עבודה אלו (עבודת השבטים ועבודת יוסף),

[ובפרטיות יותר — לא רק שיש משך זמן ביום שהעבודה היא באופן של התבודדות מעניני העולם (בזמן התפלה, ובכללות — תפלה ותורה וכל עניני קדושה), ויש משך זמן שהעבודה היא בעניני העולם ("כל מעשיך יהיו לשם שמים"[87], ועד "בכל דרכיך דעהו"[88]), אלא גם שיש קשר וחיבור והשפעה כו' בין ב' אופני עבודה אלו],

ובסגנון האמור לעיל בפירוש רש"י — הקשר והחיבור בין יוסף עם השבטים, כפי שהי' בחיי יעקב, היינו, שהעסק בתורה (ענינו של יעקב) הוא באופן שפועל ומשפיע על אופן העבודה בעניני העולם, שעי"ז נעשה גם "בארץ מצרים" מצב ד"ויחי יעקב", חיים אמיתיים, ע"פ התורה.

י. עפ"ז מובן גם בנוגע לימינו אלו — שכדי לפעול שברגעי הגלות האחרונים יהי' מצב ד"ויחי יעקב", חיים

---

81) ראה תו"ח פרשתנו קא, ד ואילך. לקו"ש חכ"ה ס"ע 196 ואילך. וש"נ.

82) ויגש מז, ג.

83) וישב לט, יא.

84) פרש"י עה"פ.

85) ולכן "ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו" (מקץ מב, ח) — שיוסף הכיר את סדר ואופן עבודתם של אחיו, אבל אחיו לא הכירו את סדר ואופן עבודתו של יוסף, ובמילא, לא יכלו להעלות על דעתם שהמושל בכל ארץ מצרים הוא יוסף אחיהם שדבוק באלקות (ראה הנסמן בהערה 81).

86) כמארז"ל (פסחים פז, ב) "לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים", דקאי גם (ואדרבה בעיקר) על ניצוצות הקדושה שמבררים בנ"י ע"י התעסקותם בעניני העולם (ראה תו"א ו, א. יא, א־ב. קיז, ב. ובכ"מ).

87) אבות פ"ב מי"ב.

88) משלי ג, ו.

אמיתיים ע״פ התורה, כולל גם חיים טובים כפשוטם, באופן ש״סתם . . כל צרות שבעולם״ (כנ״ל ס״ו), ה״ז ע״י ההוספה בלימוד התורה (״ויחי יעקב בארץ מצרים״) ביתר שאת וביתר עוז, כולל ובמיוחד — שלימוד התורה הוא באופן שמשפיע וחודר גם בעבודתו בעניני העולם, כנ״ל.

ובפשטות, בנוגע למעשה בפועל — שכאו״א יוסיף בקביעת עתים לתורה, הן בנגלה דתורה והן בפנימיות התורה[89], ובפרט שיעור קבוע בהלכות שבתורה[90] (שבהם מודגשת יותר הפעולה בעולם[91]), הן בנוגע לעצמו והן בנוגע לזולת, ע״י הפצת התורה והמעיינות חוצה,

כולל גם בנוגע לפעולה והשפעה על אוה״ע לקיים ״מצוות דידהו״, כפס״ד הרמב״ם[92] ש״צוה משה רבינו מפי הגבורה[93] לכוף את כל באי העולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח״[94], אשר, עי״ז ניתוסף גם בהעזר והסיוע של אוה״ע לבנ״י ברגעי הגלות האחרונים, מעין ודוגמת היעוד[95] ״והיו מלכים אומניך״[96], שיוכל להיות מצב ד״ויחי יעקב בארץ מצרים״ באופן ד״טוב״, חיים טובים גם בגשמיות כפשוטו ממש.

יא. ויש לקשר זה עם סיום מחזור חמישי והתחלת מחזור ששי דלימוד הרמב״ם — בהתחלת השבוע דפ׳ ויחי, כאמור, ש״נעוץ תחלתן בסופן״, יום הש״ק דפ׳ ויחי:

מכיון שספרו של הרמב״ם כולל הלכות כל התורה כולה, הרי, ע״י לימוד הרמב״ם בכל יום, ג׳ פרקים ליום, באופן שמסיימים כל החיבור בשנה אחת (לערך), נעשה העילוי דלימוד כל התורה (הלכות התורה) בכל שנה[97], ולכן, יש בלימוד זה נתינת־כח יתירה לפעול המצב ד״ויחי יעקב (שענינו תורה, עד לשלימות דכל התורה כולה) בארץ מצרים[98] שבע עשרה שנה״, שכל רגע ורגע מהשינויים דשנה יהי׳ באופן ד״טוב״ (הגימטריא ד״שבע עשרה״).

וכאן המקום לעורר עוה״פ אודות ההצטרפות ללימוד שיעור היומי ברמב״ם כפי שנתפשט ונתקבל בתפוצות ישראל, ומי שעדיין לא התחיל ללמוד מחזור הששי, ומחליט להצטרף עתה — כדאי ביותר שיתחיל ללמוד מהשיעור היומי (כדי להתאחד עם כל

---

89) כולל גם לימוד אגדה שבספר עין יעקב שרוב סודות התורה גנוזין בה — כמ״ש רבינו הזקן (אגה״ק סכ״ג) בנוגע לסדר הלימוד בכל יום.

90) ראה גם אגה״ק שבהערה הקודמת.

91) להעיר גם מדרשת חז״ל ״כל השונה הלכות . . הליכות עולם לו, א״ת הליכות אלא הלכות״ (מגילה כח, סע״ב. נדה בסופה), שע״י לימוד ההלכות נעשה בעה״ב על העולם — ״הליכות עולם לו״.

92) הל׳ מלכים פ״ח ה״י.

93) ראה בארוכה לקו״ש חכ״ו ע׳ 132 שחיוב זה קשור עם מתן תורה. ולהעיר גם מבעה״ט (יתרו כ, יג) שתר״ך אותיות דעשה״ד הם כנגד תרי״ג מצוות ושבע מצוות ב״נ. וי״ל שבזה מודגש שפעולת התורה (לא רק בישראל, אלא גם) בעולם הו״ע עיקרי בתורה.

94) להעיר גם מפעולתו של יוסף* על כל מצרים — שצוה להם למול את עצמם (פרש״י מקץ מא, נה. וראה בארוכה לקו״ש ח״י ע׳ 136 ואילך), ועד שקנה את כולם להיות עבדים לפרעה (ס״פ ויגש)**.

95) ישעי׳ מט, כג.

96) ו״מעשה רב״ במסכת זבחים (יט, רע״א) שמלך דאוה״ע תיקן אבנטו של אמורא, באמרו, ״ממלכת כהנים כתיב בכו״ (״וצריכין אתם לנהוג עצמכם בתפארת של כהנים״ — פרש״י), ועל זה אמרו ״אקיים בך והיו מלכים אומניך״.

97) נוסף על העילוי ד״כל השונה הלכות בכל יום״ (ראה אגה״ק סכ״ט. וראה גם לעיל הערה 91).

98) להעיר שהרמב״ם כתב חיבורו ״בארץ מצרים״. ולהעיר גם מהידוע שרמב״ם ר״ת ״רבות מופתי בארץ מצרים״.

---

*) ומסתבר בפשטות שגם יעקב (שכיבדוהו מצרים כו׳) פעל עליהם לקיים מצוות שנצטוו ב״נ. וי״ל, שהסיבה לכך שביקש ״אל נא תקברני במצרים״, ״שלא יעשוני מצרים ע״ז״, היא גם כדי שלא להכשיל את מצרים בע״ז.

**) ובנוגע לכהנים (ש״אדמת הכהנים לא קנה״) — י״ל, שלא הי׳ אצלם ע״ז ממש, כי אם, שיתוף בלבד (ועדיין צ״ע להדעות שב״נ הוזהרו גם על השיתוף (ראה הנסמן בד״ה מים רבים תשי״ז פ״ג. ואכ״מ).

שאר הלומדים), ובמשך הימים שלאח"ז ישלים (לאט לאט, כדי שהלימוד יהי' בהבנה והשגה) מהתחלת הרמב"ם[99].

ומסוגל הזמן ביותר להצטרף ללימוד הרמב"ם — בעמדנו בסמיכות לכ"ף (עשרים)[100] בטבת (ביום הרביעי בשבוע שמתברך משבת זו), יום הסתלקותו של הרמב"ם[101], שביום זה "כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו . . מתגלה ומאיר . . ופועל ישועות בקרב הארץ"[102], כולל ובמיוחד — בנוגע ללימוד תורתו, חיבורו העיקרי, ספר הי"ד.

ולכן, כדאי ונכון שבין החגיגות דסיום הרמב"ם שעושים בכל מקום ומקום[103], יערכו גם חגיגות דסיום הרמב"ם ביום הרביעי הבעל"ט, יום הסתלקותו של הרמב"ם, ועכ"פ — חגיגה אחת בארץ ישראל, ומה טוב — על ציונו של הרמב"ם בטבריא[104], וחגיגה אחת בחוץ לארץ (ובאם אפשר — כמה חגיגות בכמה מקומות, הן בארץ ישראל והן בחוץ לארץ), ומכיון ש"זכין לאדם שלא בפניו"[105], הרי אלו שחוגגים סיום הרמב"ם ביום הסתלקותו יזכו גם את כל בנ"י שבכל שאר המקומות (גם אלו שחגגו בימים שלפנ"ז או שיחוגגו בימים שלאח"ז), כדי שאצל כולם יהי' העילוי והסגולה כו' דחגיגת סיום הרמב"ם ביום סגולה, יום הסתלקותו, עשרים בטבת.

יב. ויה"ר — והוא העיקר — שכל ישראל כולם יחגגו את סיום הרמב"ם בעשרים בטבת בארצנו הקדושה, ביחד עם הרמב"ם עצמו (שיערוך את הסיום), מכיון שעוד לפנ"ז יקויים היעוד "הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים", ו"הקיצו ורננו שוכני עפר"[106], והרמב"ם בתוכם, וכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (יוסף שבדורנו) עמהם, ויוסף ויעקב עמהם, ומשה ואהרן עמהם[107].

ובפשטות — שתיכף ומיד ממש זוכים למ"ש הרמב"ם בסיום חיבורו "ובאותו הזמן . . לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים[108] וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר[109] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

ומתחילים עוה"פ מהתחלת החיבור — "יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון כו'" — באופן נעלה יותר באין-ערוך[110],

ועד לתכלית העילוי — ש"לא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[111], כולל גם הלימוד ד"תורה חדשה מאתי תצא"[112], "מאתי" ממש, וכאמור, תיכף ומיד ממש.

---

99) ראה קונטרס ע"ד לימוד הרמב"ם תשד"מ ס"ה.

100) להעיר מגודל העילוי דכ"ף — בחינת הכתר (לקו"ת שה"ש לה, ג. ובכ"מ), ומספרו עשרים — ב"פ עשר, "עשר אעשרנו לך" (תו"א ויצא כב, ד. ובכ"מ), ובזה גופא — כ"ף (עשרים) בטבת (כנ"ל ס"ה).

101) שה"ג להחיד"א מע' רמב"ם. וראה לקו"ש חכ"ו ע' 26. וש"נ.

102) אגה"ק סז"ך וכ"ח.

103) אע"פ שכבר סיימו מחזור חמישי והתחילו מחזור ששי בימים שלפנ"ז — כמנהג ישראל לקבוע השמחה לגמרה של תורה בזמן המתאים ביותר לעריכת החגיגה "ברוב עם הדרת מלך", כראוי לכבודה של תורה.

104) להעיר שב"טבריא" מודגש מעלת הטוב — "טובה ראייתה" (מגילה ו, א), ופשיטא, שלילת הענין ד"נסתמו עיניהם . . מצרת השעבוד".

105) עירובין פא, ב — במשנה. וש"נ.

106) ישעי' כו, יט.

107) ראה יומא ה, ב. תוד"ה אחד — פסחים קיד, סע"ב.

108) היפך בתכלית ד"נסתמו עיניהם ולבם כו'" בזמן הגלות.

109) ישעי' יא, ט.

110) כמשנ"ת בארוכה ב"הדרן על הרמב"ם" — מיום הש"ק פ' ויגש, ט' טבת, וביום א' פ' ויחי עשרה בטבת, והמשכו בהתוועדות שבת זו (י"ל בעזה"י בקונטרס בפ"ע).

111) ישעי' ל, כ. וראה תניא פל"ו (מו, א).

112) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

בס"ד. שיחת ש"פ ויחי, ט"ז טבת ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

[בענין י"ז (שנה) גימטריא טו"ב]:

א. ואע"פ אז א גימטריא "מורה על מיעוט האור והחיות כו' עד שלא נשאר ממנו אלא בחי' אחרונה שהוא בחי' החשבון ומספר כמה מיני כחות ומדרגות כלולות באור וחיות הזה כו'"[1] - זעט מען אז גימטריא איז א סדר ואופן בלימוד התורה, ביז אז מ'לערנט דערפון אפ כמה הלכות אין תורה.

[בענין לימוד התורה - ענינו של יעקב]:

כשם ווי בא דעם אויבערשטן איז לכל לראש געווען "אסתכל באורייתא וברא עלמא"[2], איידער ער האט באשאפן די וועלט האט ער דערפט כביכול אריינקוקן אין תורה, אזוי דארף זיין ביי א אידן, "כך בר נש אסתכל באורייתא וקיים עלמא"[2], וואס "אסתכל" מיינט ניט סתם קוקן, נאר א הסתכלות בעיון - ער לערנט תורה.

כולל ובמיוחד - חלק ההלכות שבתורה, לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא[3], דער חלק התורה וואס איז שייך במיוחד למעשה, תלמוד גדול שמביא לידי מעשה[4] - וואס מעשה טוט אויף בעולם (ע"ד ווי "ברא עלמא" און "קיים עלמא" וואס ווערט דורך "אסתכל באורייתא"). ומובן, אז דאס איז כולל אויך די מעשה בפועל, אז עס דארף זיין לימוד התורה (במעשה בפועל) אין אן אופן פון "יגדיל תורה ויאדיר"[5].

[בנוגע לזה שגם בגלות וגם באלו ששינו שמם ולשונם כו' - הרי פנימיותו של כל ישראל הוא טוב כו']:

אויך ווען א איד געפינט זיך אין גלות, איז ער בנו של מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואס א בן איז פון עצם האב[6] - במילא איז ער ניט קיין "גלות-מענטש" ח"ו, מצד פנימיותו האט ער קיין שייכות ניט מיט גלות; און אויך דאס וואס בחיצוניות געפינט ער זיך אין גלות בדרך עראי - איז דאס צוליב א כוונה טובה, דאס זאל ארויסברענגען א יתרון האור כו', און מגלה זיין זיין

---

1) שעהיוה"א פ"ז (פד, ב). 2) זח"ב קסא, סע"א ואילך. 3) יומא כו, א. 4) קידושין מ, ב. 5) ישעי' מב, כא. חולין סו, ב. 6) תניא פ"ב.

התקשרות עצמית מיט דעם אויבערשטן וכו'.

ובכח זה קען ער אויפטאן אז נאך זייענדיק אין גלות זאל ביי אים זיין א מצב פון גאולה - גאולה פרטית [ווי דאס איז בשעת התפלה[7], און תפלה איז דא בכל עניני היום, ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו[8], אז פאר יעדער זאך זאגט מען "ברוך ה'" וכיו"ב; אדער עכ"פ, בשעת ער איז מתפלל בבוקר איז ער מכוון אויף כל יום הכולו, ע"ד המבואר[9] בנוגע צו אמירת "לשם יחוד כו'" בבוקר, אז מ'איז דערמיט מכוון על כל היום כולו (ובמילא דארף מען עס ניט זאגן פאר יעדער מצוה כו')].

* * *

השלמות לשיחה ב'

[בנוגע לב' דרכי העבודה, דיוסף והשבטים]:

ב. ואע"פ אז ס'איז מבואר בכ"מ[10], אז די דרגא פון די אבות איז פאראן "בכל זמן בכל אדם כי הנה אין קורין לאבות אלא לשלשה[11], משא"כ די דרגא פון די שבטים (וואס כל אחד במסילתו יעלה) "יש לך אדם שאין בו כלל בחי' ומדריגות אלו" - איז אבער בא **כלל ישראל** זיכער פאראן די דרגות פון אלע שבטים.

[בנוגע לב' אופני העבודה הנ"ל, עבודת השבטים - בעניני קדושה, ועבודת יוסף - בעניני העולם]:

עד"ז איז דא בא יעדער איד: די עבודה ווען ער איז פארנומען מיט עניני קדושה - בשעת התפלה, ובכללות - תפלה ותורה וכל עניני קדושה, ועד"ז - די עבודה פארבונדן מיט בית חב"ד, בית תורה עבודה וגמ"ח; און די עבודה ווען ער גייט ארויס אין וועלט און מאכן דערפון א דירה לו ית' בתחתונים, ע"ד ווי בא יוסף איז געווען "ויבוא הביתה לעשות מלאכתו" (מלאכתו ממש).

אויך פאר זיין עבודה קען די וועלט זיין א בית ודירה (אזוי ווי איידער "ויבוא" יוסף איז דאס אויך געווען א בית), ווארום דארטן געפינען זיך מענטשן און זיי האבן געמאכט די וועלט פאר א מקום מושב (דורך פרו ורבו ומלאו את הארץ), ניט קיין מדבר שממה; און א איד דארף מאכן דערפון א דירה **לו יתברך**, כולל דורך משפיע זיין אויף די אוה"ע זיי זאלן מקיים זיין די שבע מצוות בני נח, כולל, אז דאס איז ניט ע"פ הכרע הדעת שלהם, נאר ווייל אזוי האט

---

7) ראה אגה"ק ס"ד. 8) רבה - פי"ד. 9) ראה סה"מ עטר"ת ע' תקיח. ועוד. 10) תו"א ר"פ וארא. 11) ברכות טז, ב.

דער איבערשטער אנגעזאגט בא מתן תורה.

ד. הביאור בשיעור היומי ברמב"ם (בביאור החילוק בלשון הרמב"ם "כמר מדלי" (גבי מעשה בראשית) ו"טפה מן הים" (גבי מעשה מרכבה), וההמשך ל"ההדרן" על הרמב"ם - י"ל בפ"ע.

* * *

ה. ס'איז אויך רגיל ונהוג אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, ובנדו"ד - צוליב א סיום הרמב"ם וכיו"ב - זאלן ארויפגיין אויבן-אן און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און אויך מזמין זיין די נוכחים כאן אז זיי זאלן זיך משתתף זיין (עכ"פ במחשבה).

און וויבאלד אז ס'איז שבת און מ'וויל אויך משתף זיין כל המסובים כאן - מאכט מען א התחלה טובה בזה דא דורך טיילן א חלק פון דער משקה צו די מסובים כאן.

און דאס וועט זיין א הכנה קרובה צו "קהל גדול ישובו הנה"[12], הקהל את האנשים והנשים והטף[13] (בפרט אז מ'קומט פון א שנת הקהל), בביהמ"ק השלישי.

און וויבאלד אז מ'פארבינדט דאס מיט א דבר גשמי (משקה גשמי), ברענגט עס אז יעדער איד זאל האבן כל טוב בגשמיות, ועאכו"כ כל טוב ברוחניות. און דאס ווערט אלץ נמשך (אויך דער טוב) אין גשמיות העולם.

ובפרט ביום השבת, ווען עס ווערט אן עלי' ביז א שינוי וחידוש אין גשמיות העולם. מ'געפינט זיך טאקע אין גלות, אבער אין יום השבת איז "כל מלאכתך עשוי'"[14] - גשמיות העולם ווערט אויפגעהויבן, ביז אז דאס טוט אויף אן "עולם חדש", אז ס'ווערט א חידוש אין דער גאנצער בריאה,

און דאס פועל'ט אז אין דעם יום ראשון שלאחרי זה ווערט א נייע וועלט, ,עולם חדש ראה", בדוגמא צו יום ראשון פון מעשה בראשית, וואס ווערט אנגערופן "יום אחד", "שבו הי' הקב"ה יחידי בעולמו כו'"[15].

ו. דערפאר איז אויך מתאים אז דער זון און איידעם פון דעם וואס האט געדארפט האבן די עלי' פון "חזק" זאלן זאגן "לחיים" אויף א כוס מלא, און דאס זאל נאכמער צוהעלפן אז מ'זאל אים

---

12) ירמי' לא, ז. 13) וילך לא, יב. 14) טושו"ע או"ח סש"ו ס"ח. שו"ע אדה"ז שם סכ"א. ממכילתא (הובא בפרש"י) יתרו כ, ט. 15) ב"ר פ"ג, ח.

מוציא זיין פון דעם ארט וואו ער געפינט זיך, בתוך כלל ישראל וועלכע מ׳נעמט ארויס פון גלות - ״פדה בשלום נפשי מקרב לי״[16].

ובפרט שטייענדיק ביום השבת, עאכו״כ בתפלת מנחה בשבת, וואס כל תפלה איז דער ענין פון ״פדה בשלום נפשי״[17], עאכו״כ בתפלת מנחה בשבת, ווען מ׳זאגט ״ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אלקים ברוב חסדך ענני באמת ישעך״[18], און דעמולט זיינען פארמאכט די כ״ד בתי דינים[19], ביז אז ווערן נהפך לטוב וחסד.

דערפאר איז אויך מתאים אז מ׳זאל מסיים זיין מיט זינגען דעם ניגון ״פדה בשלום נפשי״, לאחרי דעם ניגון ״שיבנה ביהמ״ק״, ולאחרי וואס מ׳וועט אלע זאגן ״לחיים״, וכל המקדים הרי זה משובח, ולא עכבן אפילו כהרף עין[20]. לחיים, לחיים ולברכה.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״. אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יהי״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק״. ואח״כ ״פדה בשלום נפשי״].

* * *

[לאחרי הדיבור שבתחלת מחזור חדש דלימוד ספר הרמב״ם, הי״ז זמן המתאים לעורר כאו״א להצטרף לקהל לומדי הרמב״ם כו׳ - אמר:]

ז. און דאס וועט אנקומען א סך לייכטער ווי מ׳שטעלט זיך פאר, אדער ווי אנדערע וועלן אים איינרעדן, ובפרט אז הקב״ה עוזרו, דער אויבערשטער גיט אים די כחות ער זאל דאס קענען לייכט דורכפירן, ומתוך שמחה ובריאות,

און דעמולט קען ער אויסנוצן די אייגענע כחות צו לערנען אויף נאך א העכערן אופן כו׳, ביז באין ערוך, וכסיפור הידוע מיט דעם צמח צדק[21].

און דאס וועט אלץ נאכמער צואיילן ביאת משיח צדקנו, וואס צמח שמו[22] [און דאס איז דער נאמען פון דעם צמח צדק, על שם ספרו כו׳] - את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח, ובקרוב ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

* ───

16) תהלים נה, י. 17) אגה״ק ס״ד. 18) תהלים סט, יד. 19) ראה אד״ר בזח״ג קכט, א. קלו, ב. וראה ד״ה ואני תפלתי תרנ״ד. תש״ד. 20) ל׳ חז״ל - מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 21) ראה גם לקו״ש חט״ו ע׳ 81. חכ״ד ע׳ 561. ועוד. 22) ירושלמי ברכות פ״ד ה״ד.

לזכרון

הרבנית הצדקנית

מרת **חי' מושקא**

בת כ"ק אדמו"ר

אור עולם

נזר ישראל ותפארתו

צדקת ה' עשה

ומשפטיו עם ישראל

ורבים השיב מעון

מרנא ורבנא

יוסף יצחק

ובת הרבנית הצדקנית

מרת **נחמה דינה**

ע"ה ז"ל

נפטרה ביום רביעי פ' משפטים

כ"ב שבט שנת היתשמ"ח

ת.נ.צ.ב.ה.

•

אשתו של - יבלחט"ט - כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

בקשר לסיום אמירת קדיש - במלאות י"א חודש כ"א טבת

•

נדפס ע"י

כמה מאנ"ש שיחיו

שיחת
ש״פ שמות כ״ג טבת
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

מפתח

בס״ד. משיחת ש״פ שמות, כ״ג טבת, מבה״ח שבט ה׳תשמ״ט.

א. דער שבת קומט לאחרי ובסמיכות צו סיום אמירת קדיש במלאות י״א חודש (ביום ה׳, כ״א טבת) פון דעם יום הסתלקות.

ווי דער מנהג איז, אז מ׳איז מפסיק זאגן קדיש נאך י״א חודש פחות יום אחד[1], ״שלא[2] יעשו כו׳[די נפטרים] רשעים כי משפט[3] רשע י״ב חודש״, און אמירת קדיש איז בכדי ארויסהעלפן די נשמה אין דעם דין ומשפט כו׳.

וואס אזוי פירט מען זיך בנוגע צו יעדן אידן, ווארום כל ישראל בחזקת כשרות[4] [״ועמך כולם צדיקים״[5]], אפילו בנוגע צו אזא וואס מ׳ווייסט[6] אז ער האט עובר געווען אויף אן עבירה ר״ל[7], על אחת כמה וכמה בנוגע א צדיק אדער א צדקנית, ובזה גופא - דרגא למעלה מדרגא.

ס׳איז פארשטאנדיק אז דער מפסיק זיין באמירת קדיש צוליב דעם טעם הנ״ל, איז ניט (נאר) צוליב כבוד הנפטר, נאר דורך דעם גופא וואס מען איז דן די נשמה לכף זכות, ווערט בטל (אדער עכ״פ פארלייכטערט) דער דין למעלה[8], און זי איז דעמולט עולה אין גן עדן.

און דער חידוש אין דעם איז נאכמער אונטערשטראכן לויט מנהגנו (להפסיק באמירת קדיש א גאנצן חודש (ויום א׳) פאר סיום הי״ב חודש) - ניט ווי די דיעות[9] צו מפסיק זיין א וואך פריער - אע״פ וואס צוליב טעם הנ״ל איז לכאורה געגוג מאכן א

1) יש כמה דעות במשך זמן אמירת קדיש. ואנו אין לנו אלא מנהג נשיאינו, ועפ״י הרשום בקטע מצוואת כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע: בענין הי״א חודש - להפסיק חודש ויום א׳ קודם כו׳. וכן הוא דעת רוב המכריע של אחרוני הפוסקים (לשון מכתב ט׳ טבת תשי״א - נדפס בלקו״ש חי״א ע׳ 213. אגרות קודש ח״ד ס״ע קה ואילך. וש״נ).

2) רמ״א יו״ד סשע״ו סו״ס ד. פרי מגדים בקונטרס נועם מגדים. וראה שדי חמד אס״ד אבלות אות קסב. קיצור שו״ע סכ״ו סי״ז. ועוד.

3) משנה עדיות ספ״ב. שבת לג, ב. ר״ה יז, א. תוד״ה פושעין - חגיגה בסופה. וראה שבת קנב, סע״ב.

4) רמבם הל׳ קידוש החודש פ״ב ה״ב.

5) ישעי׳ ס, כא.

6) ע״י עדות שהעידו עליו בב״ד, וכיו״ב.

7) ורק ב״מי שיודע באביו ואמו שהיו רשעים מאותם שנידונים י״ב חודש ראוי ומחויב שיאמר קדיש י״ב חודש״ (פתחי תשובה לשו״ע יו״ד שם מס׳ חומות ירושלים. שדי חמד שם. ועוד).

8) ראה יוסף דעת יו״ד סשע״ו - ע״פ דברי חז״ל (קה״ר פי״ב, יג) ״כשאדם נפטר מן העולם אומר הקב״ה למלאכי השרת לכו למטה וראו מה הבריות אומרים עליו, כשר הי׳ יר״ש הי׳, מיד מטתו פורחת באויר״.

9) שיורי ברכה יו״ד שם בשם כנה״ג.

שינוי פון איין טאג, אדער עכ"פ איין וואך[10]:

וויבאלד אז תורתנו איז תורת חסד, איז דער לימוד זכות און די עליית הנשמה אין גן עדן (שעל ידי לימוד זכות זה) אויפן שטארקסטן און פריסטן אופן - מ'איז דאס מקדים דעם גרעסטן צאל טעג (ניט א מעת־לעת אדער א וואך, נאר) - א גאנצן חודש פאר סיום הי"ב חודש!

ב. לויט דעם דארף מען אבער האבן א ביאור פארוואס מ'זאגט קדיש אין דעם טאג פון יארצייט בסיום הי"ב חודש - דלכאורה איז דאס א סתירה: לאחרי ווי מ'האט מפסיק געווען אמירת קדיש בסיום הי"א חודש, וואס פאר אן ארט האט עס צו ווייטער זאגן קדיש א חודש שפעטער, אין יארצייט[11]?!

לכאורה וואלט מען געקענט זאגן, אז אמירת קדיש בסיום הי"ב חודש איז אזוי ווי די אמירת קדיש אין דעם יארצייט בכל שנה ושנה - וואס דאס איז בכדי אויפטאן אן עלי' אין דער נשמה פון איין דרגא צו א העכערע דרגא (אין גן עדן עצמו), און ניט צוליב דעם דין ומשפט (וואס איז נאר אין די ערשטע י"א חדשים).

אבער אפילו לויט דעם, אז דער קדיש בסיום הי"ב חודש איז בכדי אויפטאן אן עלי' [און אזוי איז טאקע דער אמת, כדלקמן ס"ג] - דארף מען זאגן אז דער קדיש האט אויך א שייכות והמשך צו די י"ב חדשים שלפני זה, ואדרבה - ניט בדרך טפל, נאר דאס איז אן עיקר, ווארום ביום זה ווערט נסתיים די תקופה פון אבילות פון י"ב חודש (און ניט י"א חודש), ווי ס'איז מודגש בכ"מ אין ש"ס ופוסקים[12] אז בסיום הי"ב חודש ענדיקט זיך א תקופה פון אבילות[13] [בדוגמא צו די תקופות שלפנ"ז: שלשה, שבעה און שלשים], און ס'איז א נפק"מ בנוגע לכמה הנהגות בפועל וואס דער אבל טאר ניט טאן ביז לאחרי סיום הי"ב חודש [נאר בנוגע צו דעם פרט פון אמירת קדיש, איז מען דאס מסיים נאך י"א חודש, אבער בנוגע צו כמה עניני אבילות ווערן זיי נמשך ביז סיום הי"ב חודש].

דאס הייסט, אז אע"פ וואס אמירת קדיש אין דעם ערשטן יארצייט האט אין זיך א צד השוה מיט אמירת קדיש אין די

10) בפרי מגדים שם (הובא בקיצור שו"ע שם) דהא שאין אומרים קדיש לאחרי י"א חדשי הוא כי "יום אחד בחודש חשוב חודש והוי כאילו אמר י"ב חודש". אבל צריך ביאור, כי בנוגע לאבילות י"ב חודש אין אומרים מקצת החודש ככולו (ט"ז יו"ד סו"ס שצה. מתרומת הדשן סרצ"ב), ומאי שנא קדיש מאבילות.

11) ומטעם זה יש נוהגין שלא אומרים קדיש בהיארצייט (ראה ס' כל בו פ"ה ס"ד אות טו. וש"נ).

12) ראה מו"ק כא, ב ואילך. רמב"ם הל' אבל פ"ה ואילך. טושו"ע יו"ד סשפ"ה ואילך. וראה תרומת הדשן שם. שו"ע יו"ד שם סו"ס שצה.

13) וראה שד"ח שם הטעם שאין חשש שעי"ז הוא מחזיק את אבותיו לרשעים.

יארצייטן שלאחרי זה (אז דאס איז בכדי אויפטאן אן עלי' אין דער נשמה), איז דאס אבער אויך פארבונדן מיט סיום תקופת האבילות של י"ב חודש.

ועפ"ז כנ"ל צריך ביאור: פארוואס זאגט מען קדיש בסיום הי"ב חודש בה בשעה ווען מ'האט ערשט מפסיק געווען אמירת קדיש של י"א חודש?

ג. ויש לומר בהקדים נאך א קשיא אין דעם ענין:

ע"פ הנ"ל, אז אמירת קדיש איז בכדי ארויסהעלפן די נשמה אין דעם דין משפט, און דערפאר איז מען מפסיק בזה לאחרי י"א חודש - פארוואס זאגט מען קדיש אויף דער הסתלקות פון א צדיק וצדקנית וועלכע האט ניט קיין שייכות צו דין ח"ו?!

איז דער ביאור אין דעם:

עס שטייט אין כתבי האריז"ל[14] (געבראכט אין פוסקים), אז די קדישים וואס מ'זאגט בשנה הראשונה (י"א חודש) "אין הטעם כפי מה שחושבים המון העם שמועיל להציל נפש המת מדינא של גיהנם לבד כי הנה עוד יש תועלת א', והוא להכניסו לגן עדן ולהעלותו ממדרגה למדרגה". און דערפאר זאגט מען קדיש אויך בשבתות וימים טובים (ווען ס'איז ניטא קיין דין למעלה).

וכמובן פון דעם ביאור אין כללות ענין אמירת קדיש בתפלת כל יום (כמבואר אין כתבי האריז"ל[15] און אין חסידות[16]), אז קדיש איז בכדי אויפטאן די עלי' מעולם לעולם, פון די ד' עולמות אבי"ע, וואס כנגדם זיינען די פיר כללות'דיקע שלבים אין תפלה (וועלכע איז געגליכן[17] צו א "סולם מוצב ארצה וראשו מגיעה השמימה"[18], א סולם של ד' שליבות). וואס דערפאר טיילן זיך די קדישים בכללות אויף פיר דרגות, כנגד די עלי' אין די פיר עולמות, און דערנאך אויף נאך פיר דרגות - כנגד די המשכה למטה[19] (וואס די תפלה באשטייט פון א "סולם" וואס "עולים ויורדים בו"[18], עלי' והמשכה).

און ווי ס'איז פארשטאנדיק אויך פון דעם תוכן ופירוש המילות פון קדיש - אז דאס איז פארבונדן (ניט בלויז מיט באווארענען א דין כו' במצב ירוד, נאר בעיקר) מיט אן עילוי ועלי' הכי גדולה: "יתגדל ויתקדש שמי' רבא"[19*],

---

14) שער הכוונות ענין הקדיש. פע"ח שער הקדישים (שער ו) ספ"א בהג"ה. סידור האריז"ל קודם עלינו. ועוד. וראה חנוך לנער ע' 33.

15) שער הכוונות שם. פע"ח שער הקדישים. סידור האריז"ל. ועוד.

16) ראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר מי"ב תשרי תרצ"ה - אגרות קודש שלו ח"ג ע' קמא ואילך. מכתב מט' שבט תשט"ו - נדפס בסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק. וש"נ

17) זח"א רסו, א. ח"ג שו, ב. תקו"ז תמ"ה.

18) ויצא כח, יב.

19) ובפרטיות יותר ה"ז נתחלק במשך היום - להח' קדישים בתפלת שחרית, וד' קדישים בתפלת מנחה, וד' קדישים בתפלת ערבית (כולם במספר ד') - סה"כ

אז מ׳טוט אויף א תוספות גדלות וקדושה אין דעם אויבערשטן כביכול[20]: ״יהא שמי-ה שם י״ה, רבא״ (כפירוש א׳[21] אין ״יתגדל ויתקדש שמי׳ רבא״), און נאכ-מער (כפירוש ב׳): ״יהא שמו הגדול (שמי׳ רבא) מבורך״, אז מ׳טוט אויף א תוספות ברכה אפילו אין בחי׳ ״שמו הגדול״!

ועפ״ז איז פארשטאנדיק די אמירת קדיש אויף דער נשמה פון א צדיק וצדקנית - אז דאס איז נאר בכדי אויפטאן עליית הנשמה ממדרגה למדרגה אין גן עדן עצמו.

ד. דער ענין פאדערט אבער ביאור:

דעם זעלבן נוסח קדיש וועלכע מ׳זאגט אויף א צדיק וצדקנית (בכדי אויפטאן עליית הנשמה ממדרגה למדרגה) זאגט מען אויך אויף די וועלכע זיינען אין א נידעריקע דרגא (בכדי מסייע זיין זייער דין ומשפט בגיהנם), ביז אויך אזא וואס זיין דין איז י״ב חודש,

וכידוע אויך דער סיפור חז״ל[23] וואס ברענגט זיך אין פוסקים[24] (אלס איינער פון די מקורות הראשונים אויף דעם ענין פון אמירת קדיש), ווי רבי עקיבא האט זיך משתדל גע-ווען אז א יתום זאל זאגן קדיש, און דורך דעם מציל זיין אביו וועלכע איז געשטאנען בתכלית הירידה כו׳.

דארף מען פארשטיין פארוואס מ׳זאגט דעם זעלבן (נוסח) קדיש (וואס תוכנו איז עלי׳ הכי גדולה - ״יתגדל ויתקדש שמי׳ רבא״) סיי בכדי אויפטאן די עלי׳ הכי גדולה פון א צדיק וצדקנית און סיי בכדי מציל זיין פון דין ועונש?!

ויש לומר דעם ביאור אין דעם: אמירת קדיש אויף א מענטש וועלכע דארף אנקומען צו הצלה מדין, איז (כנ״ל פון כתבי האריז״ל) אויך צוליב אויפטאן אין אים די גרעסטע עליות, ממדרגה למדרגה (אין גן עדן עצמו), פונקט ווי דאס איז בנוגע צו א צדיק[24*]; דער חי-לוק איז, אז די עליות פון א צדיק ווערט גלייך אויפגעטאן בגלוי, משא״כ ביי אנדערע,

---

ט״ז קדישים, כדיוק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע ״לומר בכל יום (לבד ש״ק ויו״ט) ט״ז קדישים״ (צוואת אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע - נדפסה בחנוך לנער. ס׳ המנהגים חב״ד ע׳ 78).

*19) ראה טואו״ח ר״ס נו. ס׳ הפרדס לרש״י ז״ל (ע׳ שכג בהוצאת עהרנרייך).

20) וכן בהמשך נוסח הקדיש - מודגש העלי׳ הכי גדולה שבזה, כמבואר בספרים (ראה הנסמן בס׳ הקדיש. ס׳ דרכי חסד סכ״ו. גשר החיים פ״ל. ועוד. - וראה גם שיחת כ״א אדר ה׳תשמ״ח - סיום השלושים).

21) מחזור ויטרי - הובא בתוד״ה ועונין ברכות ג, א.

22) תוס׳ שם.

23) ראה (בשינויי גירסאות) מס׳ כלה רבתי פ״ב. תדא״ז ספי״ז. בחיי ס״פ שופטים. ועוד.

24) בית יוסף לטויו״ד סשע״ו (בשם כלבו). דרכי משה שם. ועוד. - וראה ס׳ הקדיש שם ע׳ קלח-קלט. כל בו (על אבילות) פ״ה ס״ב אות א. דרכי חסד שם אות יד. גשר החיים שם אות ד. וש״נ.

*24) אלא שבצדיק העליות הם בדרגות נעלות יותר שלא בערך כו׳. כמובן.

ווערט עס נתגלה ערשט שפעטער, לאחרי סיום הי"א חודש ווען עס ענדיקט זיך דער דין.

ובחסדו הגדול האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט אז דער וועג צו ארויסהעלפן אין דעם דין ומשפט איז (ניט דורך אן ענין שבערכו, נאר) דוקא דורך אמירת קדיש, "יתגדל ויתקדש שמי' רבא" (המוסיף עלי' וקדושה אין דעם אויבערשטן כביכול), וועלכע טוט אויף די העכסטע עליות אין דער נשמה!

ווי מ'געפינט עס בנוגע צו כו"כ ענינים - דעם חיבור פון צוויי קצוות: אז א פעולה אין א דרגא תחתונה ביותר, איז פארבונדן דוקא מיט אן ענין הכי נעלה.

ויש לומר אז דאס איז גאר אן ענין עיקרי אין תורה ומצוות און אין דעם גאנצן אויסשטעל פון סדר השתלשלות,

אנהויבנדיק ווי דאס איז בא דעם אויבערשטן אליין כביכול: "כה אמר רם ונשא שוכן עד וקדוש שמו מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים"[25], אז בכדי מחי' זיין "דכא ושפל רוח" איז דאס דוקא דער "רם ונשא" און דורך "מרום וקדוש אשכון". ובדוגמא לזה כביכול דורך אמירת קדיש פון א אידן: די הצלה פון א נשמה וועלכע שטייט בדרגא תחתונה (דכא ושפל רוח), איז דאס דוקא דורך אמירת קדיש, "יתגדל ויתקדש שמי' רבא".

ויש לומר דוגמא לזה, סיי אין תורה סיי אין מצוות.

דוגמא לזה בענין המצוות - אין מצות צדקה:

די זעלבע מצות צדקה וועלכע איז גאר א פשוט'ע עבודה, ותחלת העבודה, צו ארויסהעלפן אן עני ושפל רוח, מיט א שוה פרוטה וכיו"ב - ווערט אנגערופן "מצותך"[26], "מצות ה' ממש"[27], און די צדקה של הקב"ה איז דער מקור אויף אלע השפעות והמשכות פון דעם אויבערשטן [כולל אויך די אנדערע מצוות וועלכע דער אויבערשטער איז מקיים], סיי די השפעות הכי עליונות, און סיי די השפעות הכי תחתונות, קומען זיי אלע פון צדקתו של הקב"ה, וועלכע ווערט נמשך במיוחד דורך דעם וואס א איד איז מקיים מצות צדקה דורך העלפן אן עני מיט א שוה פרוטה!

א דוגמא לדבר בענין התורה - אין דעם ענין פון אל"ף בי"ת:

די זעלבע אותיות פון אל"ף בי"ת מיט וועלכע מ'הויבט אן לערנען מיט א קליין קינד (איידער ער פארשטייט עפעס-וואס אין תורה), און פון וועלכע עס ווערן צוזאמענגע-

25) ישעי' נז, טו.

26) נוסף לזה שגם במצוות עצמן - הרי מצות צדקה שקולה כנגד כל המצוות (ב"ב ט, א), ונקראת מצוה סתם (ראה ירושלמי פאה פ"ח ה"ח. ועוד. תניא פל"ז), וגדולה צדקה שמקרבת את הגאולה (ב"ב י, א).

27) אגה"ק סי"ז.

שטעלט כל התיבות - זיינען די אותיות וועלכע זיינען כולל אין זיך און אין זיי שטעלט זיך אויס כל התורה כולה [און כל הענינים פון סדר ההשתלשלות וועלכע ווערן נמשך דורך די אותיות התורה פון די עשרה מאמרות וצירופיהם כו'[28]]. ובסגנון אחר - בפרטיות יותר: די זעלבע אותיות פון אל"ף-בי"ת זיינען סיי די אותיות פון וועלכע עס ווערן "אויפ-געבויט" אלע ווערטער (שני אבנים בונות שני בתים, שלש בונות ששה בתים וכו'[29]), ד.ה. אז די אותיות זיינען למטה פון די תיבות (אזוי ווי אבנים זיינען "נידעריקער" פאר די בתים), און סיי די דרגא אין אותיות (ראשי תיבות) וואס איז כולל און איז העכער פאר די ווערטער אליין (כמדובר לעיל בארוכה[30]).

ויש לומר עד"ז בנוגע צו אמירת קדיש - וואס איז אן ענין של צדקה פאר דער נשמה: די צדקה צו מציל זיין א נשמה פון אן עונש (ביז פון אן עונש הכי חמור, ווי אין דעם סיפור הנ"ל פון רבי עקיבא'ן) איז דוקא דורך אמירת קדיש, "יתגדל ויתקדש שמי' רבא", וועלכע טוט אויף אויך די גרעסטע עליות פאר דער נשמה[31]; נאר בגילוי בפועל קומען ארויס די עליות לאחרי זמן[32].

ה. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין די אמירת קדיש בסיום הי"ב חודש:

די אמירת קדיש אויך אין די ערשטע י"א חדשים איז בכדי אויפטאן (ניט נאר הצלה מדין כו', נאר) אויך עליית הנשמה ממדרגה למדרגה אין ג"ע עצמו [נאר בנוגע צו א צדיק טוט עס אויף גלייך בגלוי, און בנוגע צו הפכם - ווערט עס נתגלה שפעטער].

און אלס המשך צו די עליות

28) שעהיוה"א פ"א.

29) ספר יצירה פ"ד מי"ב.

30) שיחת ש"פ ויחי.

31) וכן הוא לאידך גיסא: שע"י אמירת קדיש על הצדיק (לפעול עליית הנשמה), יש בזה גם השפעה למטה מטה*, להאומר קדיש ולהשומע וכו' (כדלקמן בפנים ס"ז), עד שפועל ישועות בקרב הארץ (ע"ד שהוא ביום הסתלקות הצדיק - אגה"ק סכ"ח).

ולהעיר שכן הוא גם בכל תפלה (ואמירת קדיש שבה) - הן העלאה והן המשכה, כנ"ל ס"ג. וראה קונטרס העבודה, דשני ענינים בתפלה: התקשרות נפשו באלקות, ובירור וזיכוך נה"ב.

32) ובפרט זה שונה אמירת קדיש מנתינת הצדקה, כי בצדקה, כשנותן לעני שיעור מסויים - העני מקבל רק שיעור זה ולא יותר* (אלא שעי"ז נמשך מבחי' צדקתו של הקב"ה); ואילו ע"י אמירת קדיש הרי הנשמה מקבלת גם עליות הכי נעלות (נוסף להצלה מדין), אלא שגילוי ענין זה הוא לאחרי זמן.

*) ולהעיר שאומרים קדיש בלשון ארמית, חלשון שהיי כולם מבינים, גם עמי הארץ (תוס' ברכות שם).

*) ולחעיר, דקיום מצות צדקח חוא גם כשנותן לחעני מאכל שיעור כזית (או פרוטח שיכול לקנות בח כזית), דשיעור אכילח חוא בכזית (יומא פא, א. ושי"נ) - אף שבאכילח זו אינח מתישבת דעתו עליו, ורק בככותבת מיתבא דעתי' (יומא פ, ב). וצ"ע שווי דככותבת בזמן חש"ס.

(וואס ווערן אויפגעטאן במשך הי״א חודש) זאגט מען קדיש בסיום הי״ב חודש, וועלכע קומט אלס המשך וסיום פון תקופה זו של י״ב חודש, אבער א המשך וסיום וחותם ניט אין דער פעולה פון הצלה מדין, נאר דעמולט הויבט אן נתגלה ווערן (נאר) די עליות וואס קומען ארויס פון די אמירת קדיש במשך י״א חדשים אלו [משא״כ בסיום הי״א חודש שטייט מער בהדגשה ובגלוי דער דין ומשפט, דער־יבער איז מען דעמולט מפסיק באמירת קדיש].

ואע״פ אז דער סיום פון י״ב חודש איז פארבונדן מיט דעם ענין האבילות, און די הנהגות פארבונדן דערמיט (כנ״ל ס״ב), פונדעסטוועגן, די עליות וואס ווערן אויפגעטאן דורך אמירת קדיש, זיינען ניט קיין טפל און אפילו ניט קיין פרט אין קדיש (גם במשך הי״א חודש), נאר - אן עיקר. ויש לומר, אז דאס איז נאכמער עיקר ווי הצלה מדין, וועלכע איז נאר א הכנה בכדי אפווישן ענינים בלתי רצויים וועלכע האבן זיך ״צו־געקלעפט״ צו דער נשמה, בכדי אז די נשמה זאל קענען עולה זיין ממדרגה למדרגה בגן עדן צו נהנה זיין מזין השכינה וכו׳.

ו. לאחרי הנ״ל דארף מען נאך אבער פארשטיין - לאידך גיסא: פארוואס איז מען מפסיק באמירת קדיש אויף א צדיק לאחרי י״א חודש? בשלמא בנוגע צו דער וואס איז ניט קיין צדיק ועאכו״כ הפכו - איז מען מפסיק מפני כבוד הנפטר, וואס קדיש איז נוגע אויך צו באווארענען דער דין שלו. אבער ביי א צדיק, איז אמירת קדיש נאר בכדי אויפטאן אן עלי׳, איז פארוואס איז מען מפסיק בזה לאחרי י״א חודש?

ויש לומר הביאור בזה [נוסף צו דעם טעם בפשטות, ווייל תורה על הרוב תדבר[33], און דערצו - קען אן אדם למטה ניט אלעמאל וויסן ווער איז א צדיק]: אויך בנוגע צו א צדיק וצדקנית הויבט זיך אן א נייער סדר עליות לאחרי י״א חודש, שלא בערך צו די עליות אין די חדשים שלפנ״ז [אע״פ וואס אויך דעמולט זיינען צוגעקומען עליות חדשות מיום ליום, ע״י התפלות ואמירת קדיש בכל יום, ושלשה פעמים ביום[34]], בדוגמא צו דער עלי׳ (שלא בערך) פון גיהנם לגן עדן בא די וואס זיינען שייך לזה.

און מצד דעם אין ערוך פון דער עלי׳ (וועלכע הויבט זיך אן בסיום י״א חודש) קען מען דעמולט ניט זאגן קדיש, ווייל דער דיבור איז ״נידעריק״ צו קענען ממשיך זיין די עלי׳[35].

און דאס וואס מ׳זאגט קדיש (בדיבור) בסיום הי״ב חודש, איז יש לומר, ווייל דעמולט דערגרייכט מען צו נאך א העכערע דרגא, וואס דארטן קען

---

33) מו״נ ח״ג פל״ד.

34) ראה מקומות שבהערות 15-16.

35) ועי״ד הטעם שלא מברכים על תפילין של ראש (תו״א פרשתנו נב, ב). וראה תשובות וביאורים ס״י.

מען ממשיך זיין די עלי׳ אויך ע״י דיבור שלמטה[36].

ז. ע״פ הנ״ל איז פארשטאנדיק, אז שטייענדיק אין דעם שבת וואס קומט גלייך נאך סיום אמירת קדיש - הויבט זיך אן א נייער סדר אין עליית הנשמה, סיי אין די עלי׳ למעלה מעלה, און סיי אין איר השפעה למטה מטה.

ויש לומר, אז דער נייער סדר איז ניט נאר פאר דער נשמה, נאר אויך פאר דעם אומר קדיש. וכן יש לומר - בנוגע צו דעם שומע הקדיש ועאכו״כ ועונה אמן יהא שמי׳ רבא (וואס איז נאך גרעסער בכמה פרטים ווי אמירת הקדיש עצמו), ביז צו אלע די וואס הערן דאס -

אז אין זיי אלע הויבט זיך אן א נייער סדר עלי׳ בעבודתם (אלס נשמות בגופים), סיי אין עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו[38], אוז סיי אין כל סדר השתלשלות[39].

ובפשטות - בנוגע לפועל:

יעדערער פון די שומעים באקומט כח פון עליית הנשמה בסיום אמירת קדיש צו עולה זיין (אלס נשמה בגוף), און מיט אן עלי׳ שלא בערך, אין אלע ענינים פון תורה ומצוות און אידישקייט בכלל - סיי בנוגע צו זיין אייגענע עבודה, צו עולה זיין בזה בעילוי אחר עילוי, און סיי אין זיין עבודה פון משפיע זיין אויף אנדערע, ביז אויך אויף אזוינע וואס געפינען זיך דערווייל אין א מצב ירוד, אין תחתון שאין תחתון למטה ממנו, האט ער בכח צו זיי אויפהויבן פון דארטן, ביז אין אן עלי׳ שלא בערך, ואדרבה - דוקא אין א מצב פון ״דכא ושפל רוח״, קומט די השפעה פון ״רם ונשא״, ״מרום וקדוש אשכון״.

און אפילו אויב מ׳זעט ניט גלייך די השפעה ועלי׳ וואס מ׳טוט אין יענעם אויף, נעמט עס אמאל א ביסל צייט ביז דאס ווערט נתגלה, ביז - בתכלית הגילוי, אבער ס׳איז זיכער אז בשעת מ׳רעדט מיט א אידן, ובדברים היוצאים מן הלב, האט עס א השפעה ופעולה, נאר אמאל - זעט מען די תוצאות ערשט לאחר זמן.

ח. ויש לקשר זה אויך מיט דער פרשה פון דעם שבת, וואס איז אויך די פרשה פון יום סיום

36) ועי״ד המבואר בנוגע לתק״ש במקדש ביר״ט של ר״ה שחל להיות בשבת (לקו״ת ר״ה נד, א ואילך. המשך ר״ה תרנ״ט. תרס״ה. תרס״ו. תש״ג. ועוד). - וראה בארוכה שיחת ט׳ טבת תשי״א (יום סיום אמירת קדיש אחרי כ״ק מו״ח אדמו״ר).

37) ראה ברכות כא, ב. מג״א או״ח רסנ״ו. זח״ב קכט, ב. וראה נזיר בסופה.

38) ראה מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר הנ״ל (הערה 16): וכן הוא בנוגע להמתפללים עצמם אשר בתפלת לעילוי נשמת כו׳, הנה בזה גורמות נחת רוח לנשמות העולות, ואשר בגלל זאת הנה נשמות כו׳ מעוררין רחמים בעד יוצאי חלציהם כו׳ להיות נמשך להם שפע ברכה בגשמיות וברוחניות״. וראה קונטרס חנוך לנער ע׳ 29 ואילך.

39) ראה סוטה מט, א: עלמא אמאי קא מקיים כו׳ שמי׳ רבא דאגדתא״.

אמירת קדיש - ״ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה גו׳ ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד ותמלא הארץ אותם״:

דוקא אין גלות מצרים, ״ערות הארץ״, איז נתגלה געווארן חיבתן של ישראל לפני הקב״ה[40] (א דרגא הכי נעלית), ביז אין אן אופן גלוי לעיני כל עמי הארץ, אז ״פרו וישרצו גו׳ ותמלא הארץ אותם״.

דערפון איז דער לימוד התמידי, כולל אויך הלימוד בדורנו, בגלות זה האחרון:

ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידן זיינען געווען אין גלות, און האבן געוואוסט וועגן דער גזירה אז זיי וועלן דארט זיין רד״ו שנה - זיינען זיי ניט נתפעל געווארן און האבן געטאן כל התלוי בהם (ניט נאר צו זיך האלטן שטארק און ניט זיין אראפגעפאלן בא זיך, נאר אדרבה -) עס זאל זיין ״פרו וישרצו וירבו גו׳ במאד מאד״, באופן של עלי׳ וריבוי אלס מערער און מערער, און האבן דערפאר באקומען ברכת ה׳ אז אזוי זאל זיין בפועל, בפועל ממש.

אזוי אויך בנוגע צו דעם גלות, וואס כל הגליות נקראו על שם מצרים[41] - אז ניט קוקנדיק אויף די מיצרים וגבולים וכו׳, דארפן אידן מקיים זיין אן קיינע חשבונות ציווי ה׳: ״פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״[42].

ובפרט בשעת מ׳טראכט זיך אריין אין דער עכסטער און טייערער געלעגנהייט פון האבן אידישע קינדער, און דעם גודל הנחת רוח וואס דער אויבערשטער האט (נוסף צו דעם וואס מ׳איז מקיים זיין ציווי) פון דעם וואס עס ווערט געבארן נאך א אידיש קינד!

ועד״ז בנוגע צו ״פרו וישרצו גו׳״ אין רוחניות - אז אפילו ווען מ׳איז נאך אין חושך כפול ומכופל פון גלות, טוט מען אלץ און מען איז מוסיף און מעלה אין אלע ענינים פון אידישקייט, אין אן אופן פון ״פרו וישרצו גו׳ במאד מאד״.

ואדרבה: מ׳נוצט אויס דעם זיין אין מצרים, כולל - די וואס (מאיזה סיבה) לערנען חכמות כולל - חכמת מצרים כפשוטו [וואס כו״כ חכמות העולם שבזמן הזה זיינען (נע-מען זיך פון) חכמת מצרים[43]] - לעשות ״קרדום לחתוך בהן כדי

---

40) ראה פרש״י ריש פרשתנו. נתבאר בההתוועדות.

41) ב״ר פט״ז, ד.

42) בראשית א, כח.

43) וכמ״ש (מלכים-א ה, י) ״ותרב חכמת שלמה מחכמת כל בני קדם ומכל חכמת מצרים״. וכן איתא בכמה מדחז״ל בנוגע לחכמת מצרים וחרטומי מצרים. וראה זח״א קכה, סע״א (במהנ״ע). לקו״ת ס״פ צו (יח, רע״א). ועוד.
- וכידוע ומפורסם גם לאוה״ע בנוגע לכמה ענינים בחכמת התכונה והרפואה שמקורם הוא מחכמת מצרים. ועפ״מ מדחז״ל וכו׳ הנ״ל מובן שכן הוא גם בנוגע לעוד חכמות [שכמה מהם עברו והגיעו אלינו ע״י חכמת יון וחכמת צרפת כו׳, אבל שרשם הוא מחכמת מצרים].

להתפרנס מהן בריוח לעבוד ה' או שיודע להשתמש בהן לעבודת ה' או לתורתו"[44], ביז אז דורך ידיעת חכמת התכונה איז מען מקיים די "מצוה לחשוב תקופות ומזלות"[45] [ביז אז לכמה דיעות גייט דאס אריין אין מנין המצוות ("לחשב ולידע ולקבוע באיזה יום תחלת כל חודש כו'"[46]), ולכולי עלמא איז דאס א הכרח צו קענען מקיים זיין מצות קידוש החודש ועיבור השנים].

און דאס איז אויך כולל - אז מ'נוצט אויס די ידיעות אין חכמות המדע, בכדי מוכיח זיין צו אנדערע אויך מיט ראיות שכליות וכו' - ע"ד ס' הכוזרי - די אמת'קייט פון תורה און ווי דאס שטימט מיט שכל ומדע וכו', ביז אז דורך דעם קומט צו א הוספה ועלי' אין כמה עניני טוב וקדושה, ובאופן פון "פרו וישרצו גו' במאד מאד"[47].

ט. ע"פ הנ"ל (בענין אמירת קדיש) יש להוסיף ביאור אין נאך אן ענין בקשר מיט א יארצייט:

יש נוהגין אז אין א יארצייט פאסט מען[47*]. ובפרט אין א יארצייט פון צדיקים[48].

מ'געפינט אבער ניט אז דאס זאל זיך ברענגען אין מנהגי חב"ד און אין די ספרי (יסוד פון) תורת חב"ד - ספר התניא, תורה אור ולקוטי תורה[48*].

ויש לומר אז דאס איז בהתאם צו שיטת החסידות, ובפרט חסידות חב"ד, אז בדורות אלו האחרונים דארף מען ממעט זיין אין תעניתים וסיגופים.

כידוע תורת הבעש"ט[49] אויפן פסוק[50] "כי תראה חמור שונאך גו' עזב תעזב <u>עמו</u>", אז מ'זאל ניט פייניקן דעם גוף מיט תעניתים וסיגופים, נאר אדרבה - עזב תעזב עמו, מיט אים דינען דעם אויבערשטן. ועד"ז הוראת הרב המגיד[51], אז בשעת עס ווערט א קליין לעכעלע אין גוף ווערט א גרויסע לאך אין דער נשמה.

און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ת[52], אז

---

44) תניא ספ"ח. וראה לקו"ש חי"ב ע' 197 ואילך.

45) שבת עה, א.

46) ל' הרמב"ם בריש הל' קידוש החודש בספר היד. וראה סהמ"צ שלו מ"ע קנג.

47) ענין הנ"ל נאמר בקשר עם ה"פגישה" שנתקיימה בשבת זה. <u>המו"ל</u>.

*47) רמ"א יו"ד סו"ס תב (ושם: <u>מצוה</u> להתענות כו'). וראה ס' כל בו פ"ה ס"ד אות א. <u>וש"נ</u>.

48) ראה טושו"ע או"ח סתק"פ. ועוד.

*48) אף שהובא בדרושים שלאחרי זה בביאור החילוק בין הסתלקות רשב"י שנקרא הילולא (ועושין בו שמחה) ויום מיתת שאר הצדיקים, גם משה רבינו, שמתענין בהם (ראה ד"ה להבין ענין הילולא דרשב"י בסה"מ תקס"ד (ע' קא ואילך). אוה"ת ענינים ע' ריח ואילך. מאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"ב (ע' תרסו ואילך). סה"מ תרנ"ד (ע' רסא ואילך). ועוד). וראה לקמן הערה 57.

49) "היום יום" כח שבט. כתר שם טוב בהוספות סט"ז. וש"נ.

50) משפטים כג, ה.

51) נדפס ב"התמים" חוברת ז ע' כח.

52) פ"ג.

״בדורותנו אלה״ טאר מען ניט מרבה זיין בתעניות, אפילו תעניות של תשובה (און ער ברענגט אויף דעם מחז״ל, אז דער וואס קען ניט פאסטן און פאסט ״נקרא חוטא״[53]), נאר מ׳זאל פודה זיין די תעניות מיט צדקה.

ויש לומר[54], אז וויבאלד חלישות הדור איז ניט מצד דער אייגענער בחירה, נאר ווייל אזוי האט דער אויבערשטער בא-שאפן די איצטיקע דורות, איז פארשטאנדיק, אז רוב התיקונים ע״י תעניתים וסיגופים האבן זיך אויפגעטאן בדורות הראש-ונים, ולאחרי ריבוי העבודה בבירור וזיכוך גשמיות וחומר-יות העולם בדורות הראשונים - איז איצטער שוין ניט (אויף אזויפיל) די עבודה,

און אפילו בנוגע צו די ענינים וועלכע מ׳דארף נאך מתקן זיין - איז זיכער אז אויך דורך דעם אופן העבודה ווי אנגעוויזן פון דעם בעש״ט און דעם אלטן רבי׳ן וכו׳ (ניט דורך תעניתים כו׳) פעלט ח״ו גארניט אין דעם תיקון וועלכן מ׳וואלט געהאט גאר אמאל דורך תעניתים וסיגופים; בדורנו זה האט מען געגעבן דעם כח צו קענען אויפטאן די זעלבע ענינים אין אן אופן וואס איז ניט פארבונדן מיט צער ודאגה,

נאר בשמחה וטוב לבב, מתוך מנוחת ובריאות הגוף [וואס דאס איז א הכרח צו קענען עובד זיין ה׳ כדבעי בלי בלבול-ים[55]].

ובפרט דורך חסידות חב״ד, וואס איז מדגיש אז די עבודה דארף דורכנעמען מציאות האדם (ניט ח״ו ברעכן די מציאות), אנהויבנדיק חב״ד שבשכל, ביז באופן פון יתפרנסון מיני׳, אז עס ווערט ״דם ובשר כבשרו״, ביז אז דאס גיט אים צו אין געזונט אויך פון זיין גוף.

דערפון איז אויך מובן, אז וויבאלד זינט דור אדה״ז איז צוגעקומען נאכמער אין חלישות הדור, איז א ראי׳, אז היינט דארף מען נאכמער אפהיטן זיך פון נקרא חוטא הנ״ל, אויס-מיידען תעניות וסיגופים, אפילו אין די אופנים המותרים בזמן פון דעם אלטן רבי שרייב-נדיק דעם אגה״ת - ווייל ע״פ הנ״ל, בדורותנו אלו ממש, קען מען אויך די ענינים אויפטאן (אן תעניתים) דורך צדקה וכו׳.

עד״ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו א יארצייט און הסתלקות צדיקים[56]: בזמננו זה קען מען

53) תענית יא, סע״א.

54) ראה בארוכה לקוטי ביאורים (להר״י קארף) ח״ב ע׳ צב ואילך. ע׳ צו ואילך. ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 531 ואילך. חכ״א ע׳ 132. ועוד.

55) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ט.

56) ועפ״ז אולי י״ל הטעם שלא נזכר בספרי יסוד חסידות חב״ד הנ״ל (תניא, תו״א ולקו״ת) ע״ד תעניות שובבי״ם בשבועות אלו (מתחלת ספר שמות) ואפילו לא הענין התיבה שובבי״ם! גם לא בהערת הצ״צ שבלקו״ת! - אף שהובא בכתבי האריז״ל (שער רוה״ק תיקון כז. וראה מ״ח מס׳ טבת ושבט פ״א מ״ב ואילך) ובפוסקים (לבוש או״ח סתרפ״ה.

מקבל זיין די אלע השפעות פארבונדן מיט דעם טאג דורך עבודה מיטן גוף[57].

- ולהוסיף ולהדגיש, אז דאס איז ח״ו ניט שולל די מנהגים פון אנדערע אידן וואס פירן זיך באופן אחר מהנ״ל, ווארום נהרא נהרא ופשטי'[58], וכל א' במסילתו יעלה[59]; דער דרך פון חסידות חב״ד, ווי אנגעוויזן פון רבותינו נשיאנו, איז כנ״ל.

און דער ענין איז נאכמער פארשטאנדיק ע״פ המבואר לעיל, אז אין א יארצייט (ועאכו״כ אין די שנים שלאחרי שנה ראשונה) איז בהדגשה (אין אמירת קדיש) די עליית הנשמה; און אויך די עלי' וואס דאס טוט אויף אין דעם אדם למטה וואס האט א שייכות מיט דעם נפטר און פראוועט דעם יארצייט.

דערפון איז מובן, אז דאס דריקט זיך אויך אויס אין זיין עבודה - ניט דורך ברעכן דעם גוף (בדוגמא צו דער ענין הדין אין גיהנם), נאר דורך אן עלי' והוספה אין קדושה עצמה (בדוגמא צו אן עלי' מדרגא לדרגא אין גן עדן עצמו) - מוסיף זיין בלימוד התורה ובנתינת הצדקה ובקיום המצוות בהידור, אדער א הוספה אין אן אנדער ענין - ע״פ הוראת הרב.

י. פון דעם האט מען אויך א הוראה בנוגע צו דער יום הסתלקות פון דעם אלטן רבי'ן - ווען ״כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״ איז עולה למעלה[60], און שטייט בהתגלות למטה, ביז אז דאס איז פועל ישועות בקרב הארץ[61],

אז דאס דארף ארויסברענגען בא כל ההולכים ״בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו״[60], אז במשך יום זה זאל מען מוסיף זיין אין כל עניני קדושה, ובמיוחד פארבונדן מיט

מג״א ובאר היטב שם. וראה כף החיים שם אות לז; או״ח סר״מ אות ו. וש״נ) - כי עיקר התיקון ע״י תעניתים אלו כבר נסתיים בדורות הראשונים [ולהעיר ממאמרי אדה״ז הקצרים ע' תקמט שמביא ובכל הדפוסים אך שם ענין שובבי״ם. וגם שם לא הוזכר ענין התעניות].

ואינו סתירה לנצחיות התורה - כי השינוי הוא לא בהתורה ח״ו, כ״א במצב העולם והגוף כו'. ולהעיר מהמבואר ברמב״ם בנוגע למצות מחיית עמלק (סהמ״צ שלו מ״ע קפז).

ויתירה מזה מצינו - שבטלה מגילת תענית (ר״ה יח, ב).

וראה בארוכה לקו״ש חכ״ג ע' 34 ואילך - בביאור הענינים שעליהם נאמרו נשתנו הטבעיים, שהשינוי הוא רק בגשמיות העולם כו', אבל ברוחניות ענינים אלו נצחיים. עיי״ש.

57) וע״ד החידוש דיום הסתלקות רשב״י לגבי שאר הצדיקים (שעיקר עסקם הי' בנגלה דתורה). וע״פ המבואר בפנים יש לומר, שבדורות האחרונים מעין זה הוא גם ביום הסתלקות של עוד צדיקים, שהעבודה היא לא ע״י תענית כ״א ע״י הוספה בתומ״צ, כולל מצות שבאכו״ש, כדלקמן בפנים.

58) חולין נז, א.

59) ואין זה סתירה להביאור בפנים (שבדורנו זה כבר נגמר עיקר העבודה בדרך תעניות), כי גם עתה שייך עבודה זו ביחידים. וע״ד מ״ש במג״א או״ח סו״ס תקפ בנוגע לתעניתים פרטיים במקומות שונים ששם הי' גזירה מיוחדת, וכיו״ב.

60) אגה״ק סז״ך.

61) שם סכ״ח.

מעשיו ותורתו ועבודתו פון דעם בעל ההילולא, און ממשיך זיין בזה - אין די קומענדיקע טעג, באופן פון א פעולה נמשכת על כל השנה כולה,

אנהויבנדיק פון מוסיף זיין בלימוד תורתו - אין ספר תניא קדישא, תורה אור און לקוטי תורה [ובפרט די ענינים שהזמ״ג - די ״חסידישע פרשה״ אין תו״א ולקו״ת], און אין די דרושים שלו שזכה דורנו ונדפסו לאחרונה, און אויך אין זיינע ספרי נגלה - שולחן ערוך וכו׳.

ובכלל - מוסיף זיין אין לימוד התורה, אין ״שני אור״, סיי אין נגלה דתורה און סיי אין פנימיות התורה, און ווי זיי ווערן איין זאך;

און תלמוד גדול שמביא לידי מעשה, ביז אין אן אופן אז דאס טוט אויף אין ״זלמן״ אותיות ״לזמן״, אין זמן און אין מקום - גדר העולם[62], אזוי אז די גאנצע וועלט (זמן ומקום) ווערט דורכענגומען מיט ״שני-אור״, דער אור פון נגלה דתורה און דער אור פון פנימיות התורה, און דורך אורייתא - מיט ישראל וקוב״ה, ובאופן אז כולא חד[63].

ביז ווי ס׳וועט זיין בגילוי בתכלית השלימות אין דער גאולה האמיתית והשלימה, בקיום היעוד[64] ״ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו״, בראי׳ חושיית, ו״כבר הי׳ לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה״[65], אבער נאר ״מעין״, ווייל לע״ל וועט דאס זיין באופן נעלה יותר - דורך דעם גילוי עצם הנפש וואס איז נאך העכער פאר דעם חוש הראי׳ (און אפילו העכער פאר דעם חידוש פון רואין הנשמע וואס איז געווען בא מ״ת), ביז ווי דער עצם הנפש איז פארבונדן מיט דעם עצם שלמעלה, אוןביידע ווערן נתגלה דא למטה מטה, בעוה״ז התחתון,

והיו עיניך רואות את מוריך[66], כולל - דער אלטער רבי און אלע רבותינו נשיאינו, ביז כ״ק מו״ח אדמו״ר, וואָרום הקיצו ורננו שוכני עפר[67], וכל הנ״ל - בתוכם,

און מ׳גייט אלע צוזאמען, ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״[68], צוזאמען מיט אלע נשמות שבגופים עתה - אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, לקדש ולקדש הקדשים -

*61) ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 37. וש״נ.

62) שעהיוה״א פ״ז (פב, א).

63) זח״ג עג, א.

64) ישעי׳ מ, ה.

65) תניא פל״ו.

66) ישעי׳ ל, כ.

67) שם כו, יט.

68) בא י, ט.

ווי דאס איז פארבונדן מיט די העכסטע דרגות אין קודש, און נאכמער - קדש, קדש מלה בגרמי׳[69], ביז ״יתגדל ויתקדש שמי׳ רבא״ - שמו הגדול, כשם שאני נכתב כך אני נקרא[70], און ״והי׳ ה׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד״[71].

69) זח״ג צד, ב.

70) פסחים נ, א. וראה ס׳ הפרדס לרש״ שבהערה *19.

71) זכרי׳ יד, ט.

* * *

בס"ד. שיחת ש"פ שמות, כ"ג טבת, מבה"ח שבט תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

[סיום שיחה א']:

א. און די עלי' וואס ווערט אויפגעטאן דורך אמירת קדיש ("יתגדל ויתקדש שמי' רבא") טוט אויף אין אלע דרגות, סיי למעלה מעלה, אין די העכסטע דרגות פון סדר השתלשלות, און סיי למטה מטה, אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו,

וכפס"ד הרמב"ם[1], אז דורך א מעשה אחד פון א אידן איז ער מכריע עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות ומביא לו ולהם תשועה והצלה,

ביז אז דאס טוט אויף די שלימות העלי' בגאולה האמיתית והשלימה.

וע"פ הנ"ל אז דאס האט שוין געדארפט זיין בסיום אמירת קדיש במלאות י"א חודש. עכ"פ - וויבאלד אז די גאולה איז דעמולט ניט געקומען, דארף דאס קומען עכ"פ אין די ימים הסמוכים לסיום אמירת קדיש, ובפרט אז בינתיים איז צוגעקומען נאך מעשים טובים פון אידן, וואס יעדער מעשה איז מכריע את כל העולם כולו כו', כנ"ל.

און דעמולט ווערט מקויים דער יעוד "הקיצו ורננו שוכני עפר", און די צדיקים וצדקניות בתוכם, ואדרבה - זיי שטייען אויף מיד[2].

און עס ווערט דער ענין פון "וארא" (ווי מ'גייט לייענען בתפלת מנחה), און ווי רש"י טייטשט אפ - "אל האבות", ד.ה. ווי זיי זיינען **אבות** צו (זייערע קינדער -) אלע אידן, און דערצו איז דער גילוי פון די אבות ניט ווי יעדערער שטייט בפ"ע, נאר ווי זיי שטייען אלע צוזאמען אלס "אבות", וואס דעמולט קומט צו מערער ווי בשעת מ'האט אלע דריי באזונדער, ווי די גמרא זאגט[3] אז צוויי וואס הויבן אויף א משא קענען אויפהויבן מער ווי צוויי מאל פון יעדערער פון זיי באזונדער, ועאכו"כ דריי וואס הויבן אויף א משא.

ביז אז אלע דריי אבות צוזאמען (ווי זיי זיינען "אבות")

---

1) הל' תשובה פ"ג ה"ד. 2) זח"א קמ, א. 3) סוטה לד, א. פרש"י שלח יג, כג.

ווערן א "חוט המשולש", וואס "לא במהרה גו'"[4], פארבונדן מיט דעם ביהמ"ק השלישי און די גאולה שלישית וכו'.

ועד"ז אין דער עבודה פון אידן, אז בא יעדערער דארף זיין די עבודה צו ארויסברענגען בגילוי זיין פארבונד מיט אלע דריי אבות, ווי זיי שטייען צוזאמען אלס "אבות", ובאופן פון א "חוט המשולש", וואס שלשה האט אויך די מעלה פון חזקה[5]. ובפשטות, אז א איד איז עומד על חזקתו און איז מגלה אין זיך די שלשה אבות,

ביז אז דאס פועל'ט אויך אין בת גילו, אפילו נאך פאר דער חופה, וואס אויך דעמולט איז זי "פלג גופא"[6], ועאכו"כ לאחרי זה.

און דאס אלץ - אין אן אופן פון "וארא", אז מ'זעט עס בראי' חושיית, ווי ס'וועט זיין בשלימות הגילוי לע"ל, ו"כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה", אבער נאר "מעין זה", ווייל לע"ל וועט זיין נאך א העכערער גילוי, דאע"פ אז ס'איז מבואר בכ"מ אז דער גילוי באופן של ראי' איז דער העכסטער אופן של גילוי - איז אבער ראי' נאר איינער פון די פיר אדער זיבן חושים (ז' שערים[7]), וואס זיי זיינען למטה מהנפש עצמו, ועאכו"כ פון בחי' יחידה, ועאכו"כ פון עצם הנפש; ולע"ל וועט זיין דער גילוי פון בחי' יחידה, ביז פון עצם הנפש, ביז פון דעם עצם שלמעלה, און ווי ער שטייט בתקפו ובגילוי למטה, ותיכף ומיד ממש.

* * *

ב. ס'איז נהוג צו רעדן אן ענין אין דער פרשה בקשר מיט פרש"י [ובפרט אז ס'איז ניט נאר א נייע פרשה נאר אויך די התחלה פון א נייעם ספר - ספר שמות], און ארויסנעמען דערפון א הוראה [פון תושב"כ, צוזאמען מיטן ביאור אין תושבע"פ, וואס ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא[8], ובפרט אז בנדו"ד איז דאס א רמז גלוי], און א הוראה וואס האט א שייכות מיט שנה זו במיוחד זייענדיק א שנה מעוברת.

אין אנהויבס פרשה רעדט זיך וועגן דעם שבח פון אידן - "ובני ישראל פרו וישרצו וירבו גו' במאד מאד ותמלא הארץ אותם" [פארבונדן מיט ענין העיבור - שנה מעוברת], ופרש"י: וישרצו - שהיו יולדות ששה בכרס אחד".

---

4) קהלת ד, יב. 5) ב"מ קו, ריש ע"ב. 6) זח"ג ז, ב. ועוד. 7) ראה ש"ך עה"ת ואוה"ת ר"פ שופטים. 8) תענית ט, א.

ויש לומר, אז דער פירוש פון רש״י איז אין דעם ווארט ״פרו״ (וואס ווייזט אויף א לידה באופן של ריבוי), נאר דער הכרח אויף זיין פירוש איז פון ״וישרצו״ - ווארום ״וישרצו״ מצ״ע ווייזט ניט אויף ריבוי הולדה, נאר אויף דעם ענין פון הליכה ותנועה חיונית (וישרצו מלשון שרץ); אָבער וויבאלד אז אין פסוק שטייט דא ביידע לשונות, איז דערפון א הכרח, אז דער פירוש אין ״פרו״ (בפסוק זה) איז, אז נוסף צו ריבוי ההולדה בכמות, איז אויך געווען א חידוש אין איכות ואופן ההולדה - ״שהיו יולדות ששה בכרס אחד״.

ג. ויש לקשר זה אויך מיט דעם ערשטן פרש״י בפרשתנו: ״ואלה שמות בני ישראל - אע״פ שמנאן בחייהן בשמותן, חזר ומנאן במיתתם להודיע חיבתן כו׳״:

רש״י איז מדייק ומשנה בלשונו, אז בא דעם מנין בחייהם שרייבט ער צוויי ענינים - ״שמנאן בחייהן **בשמותם**״, סיי דער ענין פון מנין און סיי דער ענין פון ״שמותם״, משא״כ במיתתם שרייבט ער נאר ״חזר **ומנאן**״ (און ניט שמותיהם) - בהתאם צו פשטות הכתובים, אז בפרשתנו (וואו עס רעדט זיך במיתתם) שטייט נאר מנינם - ״שבעים נפש״ (אבער זיי ווערן ניט אלע אויסגערעכנט בשמותיהם), משא״כ אין פ׳ ויגש (בחייהם) שטייט סיי מנינם און בשמותם.

און דער טעם אויף דעם איז, ווייל לאחרי שמנאם בשמותם בפ׳ ויגש, צוויי פרשיות לפנ״ז, דארף ער דא ניט ווייטער נאכאמאל איבער׳חזר׳ן שמותיהם, און ער איז זיך מסתפק נאר דערמאנען מנינם (און דאס אליין ברענגט שוין ארויס חיבתם).

וכדמוכח בלאו הכי, אז אפילו מנין בנ״י מצד חיבתם איז ניט געווען כל שעה ושעה - ואע״פ אז רש״י שרייבט[9] אז ״מתוך חיבתן מונה אותם כל שעה״, איז דער פירוש אין דעם ניט ״כל שעה״ ממש, נאר בכל שעה מיוחדת, ווען עס האט פאסירט מאורע מיוחדת וכיו״ב.

ויש לומר, אז די מאורע מיוחדת וחיבת ישראל בנדו״ד איז פארבונדן און דריקט זיך אויס אויך אין דעם ענין פון ״פרו וישרצו גו׳״: אז אויך זייענדיק אין גלות מצרים, איז געווען דער ענין פון ״ובני ישראל [די משפחות און קינדער כו׳ פון די ״בני ישראל הבאים מצרימה״ וועלכע די תורה איז דא מונה, ״מנאן

---

9) ר״פ במדבר.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

במיתתן״] פרו וישרצו גו׳ במאד מאד״, ביז אז זייער חביבות שטייט בגלוי לעיני העמים - ״ותמלא הארץ אותם״.

ד. דער לימוד דערפון - און א לימוד בפשטות הכתובים, המובן פאר א בן חמש למקרא:

בשעת א אינגעלע אדער א מיידעלע קומט אהיים און דערציילט די עלטערן וועגן א זאך וואס ער (אדער זי) האט געלערנט אין חומש, מיט די גאנצע התפעלות והתלהבות פון א קליין קינד, טוט עס אויף מערער אין די עלטערן ווי בשעת זיי הערן דאס פון אן ערוואקסענעם, אפילו פון אן אדם חשוב.

ובענינינו: בשעת דער קינד קומט אהיים און דערציילט זיינע עלטערן אז ער האט געלערנט אין חומש ״ובני ישראל פרו וישרצו וירבו גו׳ במאד מאד״, און גיט נאך צו (ווי דער טבע פון קינדער) אז ער וויל האבן נאך א ברודער און נאך א שוועסטער - איז דאס מעורר די עלטערן צו טאן כל התלוי בהם צו האבן נאך קינדער.

אויב ער איז שוין א זקן, כאפט ער זיך אמאל פארן בארד פארוואס ער האט דורכגעלאזט אזא גרויסע און טייערע געלעגנהייט צו האבן נאכמער קינדער...

בשעת מ׳איז נאך אבער יונג, דארף מען אויסנוצן די געלעגנהייט צו מקיים זיין ציווי ה׳ ״פרו ורבו ומלאו את הארץ״, און דורכדעם ארויסברענגען חיבתם של ישראל לפני הקב״ה - די געוואלדיקע נחת רוח וואס מ׳שאפט דעם אויבערשטן (נוסף על זה וואס מ׳איז מקיים זיין ציווי) אז מ׳ברענגט אריין נאך א איד אין דער וועלט!

[ובהדגשה בשנה זו - שנת ילד וילדה].

און אזוי ווי די תורה דערציילט בנוגע צו די אידן במצרים, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס זיי זיינען געווען אין גלות, און האבן געוואוסט וועגן דער גזירה צו בלייבן אין גלות רד״ו שנה (און נאכמער - ד׳ מאות שנה), זיינען זיי ניט געפאלן אין מרה-שחורה, נאר ״פרו וישרצו גו׳ במאד מאד״ [נוסף לזה וואס זיי זיינען אליין געבליבן גאנץ - ״ראובן ושמעון נחתין ראובן ושמעון סלקין״[10]], און דער אויבערשטער האט זיי געבענטשט אז אזוי זאל זיין בפועל -

---

10) ויק״ר פל״ב, ה. וש״נ.

אזוי אויך איצטער, אין דעם גלות, ניט קוקנדיק אויף די מיצרים וגבולים פון גלות, דארפן אידן מקיים זיין דעם ״פרו וישרצו גו׳ במאד מאד״, אן חשבונות כו׳.

און דער אויבערשטער בענטשט אז מ׳זאל דאס מקיים זיין בפועל, בפועל ממש, ומתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף - געזונטע קינדער און ליכטיקע קינדער וועלכע באלייכטן דעם הויז, און באלייכטן די אינגערע ברידער און שוועסטער (און די אינגערע באלייכטן אויך די עלטערע), און די עלטערן האבן פון זיי אמת׳ע נחת און אידישע נחת, ובתכלית השלימות אין אלע ענינים.

ה. ועד״ז איז דאס אויך בנוגע צו ״פרו וישרצו גו״ אין רוחניות.

ויש לקשר זה מיט דער ״פגישה״ וואס קומט דא איצטער פאר, וואס בהשגחה פרטית האט מען אויסגעקליבן אז איר תוכן איז - א דיון ושקו״ט אין דעם ענין ״וואס איז א איד״, ובמיוחד - דורך בעלי מדע, וואס זיינען מוכיח בראיות שכליות אויף אמיתתו של תורה ויהדות.

וואס איז א איד? באווייזט א איד וואס ער איז - דורך דעם וואס ער נוצט אלע זיינע כחות, אויך זיין שכל וחכמה - זייענדיק פון ״עם חכם ונבון״[11] - צו מגלה זיין וואס ער איז, דורך מוכיח זיין אויף מיט ראיות שכליות די אמת׳קייט פון תורה און אידישקייט,

און טאמער איינער האט א שאלה און א סתירה לכאורה צווישן תורה און מדע, פארענטפערט ער דאס מיט א סברא בשכל [און ניט בלויז מיט רגש שבלב, וואס עי״ז איז ניט קיין הכרח אז דאס וועט פועל׳ן אויפן צווייטן], דורך דעם וואס ער נוצט אויס זיין שכל וחכמה און זיינע ידיעות בתחום זה פון חכמת העולם, וואס ער האט געלערנט (מאיזה סיבה שתהי׳) כדי מאכן דערפון ״קרדום לחתוך בהן כו׳״ וכיו״ב (אדער ער שטייגט בכיוון זה),

און ער באווייזט אז ס׳איז ניטא קיין סתירה צווישן תורה און מדע, ואדרבה - עניני מדע קענען מסייע זיין צו פארשטיין אמיתתו של תורה, און טאמער איינער מיינט אז ס׳איז יע דא א סתירה ביניהם - איז ״אם ריק הוא״ איז דאס ״מכם״[12], ווייל זיין ידיעה אין מדע איז נאך בשלימות, אדער ער האט נאך א ידיעה מוטעית,

11) ואתחנן ד, ו. 12) האזינו לב, מז. ירושלמי שבת פ״א ה״ד.

און ער קיינער האט אים ניט מעמיד געווען על טעותו, אדער אדרבה - אמאל קען זיין אז ער האט געלערנט און איז געווען אונטער דער השפעה פון אזא וואס האט אין געוואלט מטעה זיין אראפפירן פון דרך הישר [ואכ״מ להאריך בדבר היפך הטוב, ביז א דבר המזיק, וואס איז ניט נאר פארקערט פון אידישקייט נאר אויך פון מענטשלעכקייט, און אויך א בן נח איז מחוייב בצדקה און טאר ניט מזיק זיין, ובפרט א היזק וואס איז נוגע ניט צו אים נאר אויך צו בני ביתו ומשפחתו].

וואס דאס רעדט מען בתור השתתפות און אלס עידוד - אז נוסף לזה וואס יעדער מענטש איז באשאפן געווארן צו דינען דעם אויבערשטן (אני נבראתי לשמש את קוני), דארף יעדערער אויסנוצן די כשרונות מיוחדים וואס ער פארמאגט, כולל אין ידיעות בחכמת המדע וכו׳, וואס אין זיי איז ער אן עשיר בגשמיות אדער ברוחניות (בערך צו אנדערע) - אויף מוסיף זיין אין טוב וקדושה, ביז אין הפצת התורה והיהדות.

און די חכמה וידיעה שלו דארף ארויסקומען אין א שינוי בהנהגתו בפועל און אין הנהגת העולם - ווי דער רמב״ם שרייבט[13], אז החכם ניכר במעשיו, במאכלו ובמשקהו וכו׳.

ובהדגשה בנוגע צו דער ״פגישה״ וואו עס האבן זיך צוזאמענגעקליבן מענטשן וואס האבן ידיעות אין עניני מדע וכו׳ - אז מ׳דארף דאס אויסנוצן צו מעורר זיין נאכמער, אז יעדערער דארף נוצן זיינע כחות און כשרונות וידיעות אין מוסיף זיין עניני טוב וקדושה.

און אפילו אויב ער האט שוין געטאן אין דעם בשנה שעברה, דארף ער נאך פארענדיקן און משלים זיין בזה (המתחיל במצוה אומרים לו גמור), און אויך טרעפן זיך מיט נייע מענטשן און משפיע זיין אויף זיי.

כולל ״פגישה״ מלשון ״אחד באחד יגשו״[14], אז איינער טרעפט זיך מיט דעם צווייטן, און מ׳איז מקיים דעם רצון און וואונטש פון דעם מיטעלן רבי׳ן[15], אז בשעת צוויי יונגעלייט טרעפן זיך זאלן זיי רעדן אין יחודא עילאה. - אפילו אזא וואס איז נאך ניט שייך צו רעדן וועגן דעם, האט יעדערער ביכולת צו זיך אויפהויבן

---

13) הל׳ דיעות רפ״ה. 14) איוב מא, ח. 15) ראה גם לקו״ש ח״י ע׳ 99. וש״נ.

העכער פון דעם ארט וואו ער שטייט, וואס בערכו איז דאס אן ענין פון "יחודא עילאה". און בשעת צווי רעדן וועגן דעם צוזאמען, האט עס נאכמער כח, כמדובר לעיל אז ווען צוויי מענטשן הויבן אויף א משא קענען זיי אויפהויבן מער ווי צוויי מאל איינער פון זיי.

[ההמשך בענין זה - הקשר לפרשתנו - נדפס לעיל].

ו. און כשם ווי ס'איז געווען בגלות מצרים, אז נוסף לזה וואס מ'האט געהאט די הבטחה אז מ'וועט ארויס פון גלות, נאר דערצו איז געווען "פרו וישרצו גו' במאד מאד", אזוי וועט אויך זיי איצטער, כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[16], אז מ'גייט ארויס פון גלות און דערצו - אין אן אופן פון "פרו וישרצו גו' במאד מאד".

ויהי רצון, אז דורך דער הוספה אין דעם ענין פון "פרו וישרצו גו'" - זאל שוין ווערן דער "יכלו כל הנשמות שב(אוצר הנקרא) גוף" וואס דעמולט איז "בן דוד בא"[17].

ובמכ"ש וק"ו: שוין בזמן הש"ס איז געווען "כלו כל הקצין"[18], ובמילא איז מובן אז דעמולט איז אויך געווען כלו כל הנשמות שבגוף (ווארום אין דעם איז תלוי ביאת משיח), ואעפ"כ איז משיח נאך ניט געקומען. מוז מען זאגן, אז בינתיים זיינען צוגעקומען נאך נשמות אין דעם אוצר הנקרא גוף (דורך גלגולים וכיו"ב), וכמובן מזה גופא וואס [כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך] היינט און נעכטן וכו' זיינען געבארן געווארן נאך קינדער,

איז עאכו"כ לאחרי די אלע יארן זינט די גמרא האט געזאגט "כלו כל הקצין", איז שוין געקומען די צייט שיכלו כל הנשמות שבגוף, ובמילא קומט בן דוד תיכף ומיד ממש,

און אלע אידן גייען ארויס פון גלות, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו", מענער און פרויען, אינגעלעך און מיידעלעך, כולל אויך די עוברין שמבעי אמם, כימי צאתך מארץ מצרים, אז אויך די עוברין שבמעי אמם האבן געזאגט שירה[19]. ואדרבה - אן עובר במעי אמו איז "נר דלוק על ראשו" און "מלמדין אותו כל התורה כולה"[20], איז ער א בקי אין כל התורה כולה!, און ביי אים איז מאיר בגלוי דער "מאין באת"[21], בחי' אין האמיתי וואס פון

---

16) מיכה ז, טו. 17) יבמות סב, א. 18) סנהדרין צז, ב. 19) כתובות ז, ב. מכילתא בשלח טו, א. 20) נדה ל, ב. 21) אבות רפ"ג.

אים ווערט נולד דער יש, ווארום ער איז ערשט נתהווה געווארן (זריעת הטפה כו') פון דעם "מאין באת",

און עס ווערט דער "והוצאתי גו' והצלתי גו' וגאלתי גו' ולקחתי" - די ד' לשונות של גאולה, און אויך דער פינפטער ענין - "והבאתי אתכם אל הארץ גו'", ווי מ'לייענט אין דער פרשה שלאחרי זה[22],

זאל אזוי זיין נאך פאר דעם קומענדיקן שבת (ווען מ'לייענט כל הפרשה), נאר נאך אין דעם שבת פ' שמות בזמן רעוא דרעוין שנת תשמט ידיך.

* * *

השלמות לשיחה ג'

[בהקשיא מדוע לא נזכר תעניות שובבי"ם בחסידות חב"ד, אף שהובא בכתבי האריז"ל ובפוסקים]:

ז. בה בשעה וואס דער אלטער רבי ברענגט אין אגרת התשובה[23] פון ספרים (ספר רוקח וכו') וואו עס רעדן זין וועגן "הרבה תעניות וסיגופים כו'".

[בענין שע"י לימוד חב"ד ניתוסף בבריאות הגוף הגשמי]:

וכידוע בנוגע צו ר"נ טשערנאביליער (געבראכט אין א מאמר, און אין עטעלכע מאמרי חסידות[24]), אז ער איז געווארן שמן בגוף דורך אמירת אמן יהא שמי' רבא [אע"פ וואס מ'געפינט דאס ניט ביי אנדערע].

[בנוגע לזה שבדורנו צריכים להקל בעניני תעניות כו', ולשאול עצת הרב בזה]:

און זיכער וועט א רב געבן אן עצה ווי צו פארבייטן אן ענין של תענית, דורך הוספה בצדקה, אדער הוספה בלימוד התורה וקיום המצוות בדיבור, אדער דורך א תענית דיבור [וואס איז אמאל שווערער ווי א תענית אכילה...].

וכמדובר לעיל, אז בדורנו זה איז דער סדר העבודה בעיקר ניט דורך תעניתים וכו', מלבד די ד' צומות.

און אפילו בנוגע צו די ד' צומות, קען מען אמאל באקומען א

---

22) וארא ו, ו ואילך. 23) ספ"א. 24) ד"ה וקבל תרע"ח. ד"ה פתח אליהו תש"ב.

היתר ועצה פון א רב, צוליב חלישות אדער אן אשה מעוברת וכו׳, ובכלל - חלישות הדור, ובפרט אז עס קען גאר זיין פארבונדן מיט א סכנה.

ולהוסיף לחידודי, אז אויב ס׳איז דא א דבר הצריך תיקון, קען מען זאגן אז כשיבנה ביהמ״ק וועט מען ברענגען א חטאת שמינה. ובניתיים - וועט מען דאך זיכער תשובה טאן, וכו״כ פעמים תשובה טאן, כולל דורך א אידישער קרעכץ וואס איז אויך אן ענין של תשובה כו׳.

ח. ויהי רצון אז עס זאל שוין קומען די צייט ווען מ׳וועט ניט דארפן אנקומען צו כל עניני תעניות, ווארום עס וועט בטל ווערן די סיבות לזה - דורך מוסיף זיין אין ״האמת והשלום אהבו״[25],

ובפרט דורך דעם וואס (אנשטאט פראווען תעניתים) לאדט מען איין איינער דעם צווייטן צו א סעודת מצות שלו, וואס דאס איז מבטל דעם ענין פון פירוד הלבבות,

ביז מ׳איז זוכה צו עסן סעודת לויתן ושור הבר לע״ל[26], בגאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

* * *

ט. מ׳האט מכריז געווען און ס׳איז נתפרסם געווארן, אז מ׳מאכט סיומים אויפן ספר הרמב״ם (ניט נאר ביום סיום הלימוד ממש, נאר) אין פארשידענע צייטן, כמה ימים לאחרי הסיום בפועל.

דערפאר גיט דאס די געלעגנהייט צו אלע די וועלכע האבן נאך ניט געמאכט א סיום, אז זיי זאלן דאס טאן בימים הסמוכים - בכל מקום ומקום, וברוב עם,

ואיש את רעהו יעזורו צו מאכן די סיומים, און אויך מעורר זיין אנדערע צו זיך משתתף זיין אין לימוד שיעור היומי בספר הרמב״ם (ג׳ פרקים ליום, אדער פרק א׳ ליום), ובאופן אז דערפון זאלן ארויס פירות ופירי פירות,

און דאס וועט צוגעבן אין די ענינים הפרטיים פון כאו״א, אין די ענינים וואס ער דארף האבן, אפילו אויב ער זעט דאס דערווייל ניט, וועט עס ארויס בגלוי, מחר אדער מחר לאחר זמן וכו׳.

---

25) זכרי׳ ח, יט. 26) ב״ב עד, ב ואילך. וראה פסחים קיט, ב.

י. דערפאר איז כאן הזמן, אז די וואס האבן שוין צוגעשטעלט בוטלעך משקה פאר סיומים בספר הרמב״ם וכיו״ב, זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן דעם און מזמין זיין די מסובים כאן,

און דאס וועט אויך מעורר זיין די וואס האבן דאס דערווײלע ניט געטאן, אז זיי זאלן דאס אויך טאן.

און שוין די החלטה בזה ברענגט דער שכר, ביז שלימות השכר - גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

יא. וויבאלד מ׳שטייט בכ״ג טבת לאחרי חצות היום, בזמן רעוא דרעוין, האט עס שוין א שייכות און עס הויבן זיך אן די ענינים פון כ״ד טבת, דער יום ההילולא פון דעם אלטן רבי׳ן.

און דערפאר יש לעורר כאו״א - כל א׳ לפום שיעורא דילי׳ - צו מוסיף זיין אין די ענינים פארבונדן מיט דעם בעל ההילולא, אנהויבנדיק נאך אין דעם שבת (באופן המותר), ועאכו״א לאחרי השבת - אין דעם טאג פון כ״ד טבת.

כולל ובמיוחד - הוספה בלימוד תורת בעל ההילולא: ספר התניא [בחלק ראשון טיילט זיך אויף נ״ג פרקים, און ווי חסידים זאגן - כנגד די נ״ג פרשיות התורה, ועד״ז בשאר חלקי התניא], און תורה ולקוטי תורה [ובפרט אין דעם ענין שהזמן גרמא - די חסיד׳ישע פרשה אין תו״א ולקו״ת], און די מאמרים שלו וואס זכה דורנו און זיי זיינען געדרוקט געווארן לאחרונה [וואס אויך אין דעם זעט מען, אז אע״פ וואס ״אכשור דרי בתמי׳״, זיינען דוקא בדור זה נתגלה געווארן ענינים נעלים].

ועד״ז אין מאמרי רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו, אנהויבנדיק פון דעם מיטעלן רבי׳ן, וואס זיינע מאמרים זיינען א ביאור וביאור רחב כו׳ בדרושי אדה״ז, און די הגהות והערות פון דעם צ״צ אויף די דרושים פון דעם אלטן רבי׳ן, ועד״ז די מאמרים שלאח״ז, ביז פון נשיא דורנו וכו׳.

ותן לחכם ויחכם עוד.

יב. ובהתאם ליום ההילולא פון דעם אלטן רבי׳ן (ובפרט

שטייענדיק בזמן רעוא דרעוין), איז מתאים אז מ'זאל זינגען (באופן יוצא מן הכלל, כידוע די זהירות כמ"פ פון כ"ק מו"ח אדמו"ר בנוגע זינגען) דעם ניגון פון די ד' בבות פון דעם אלטן רבי'ן.

ולפני זה - דעם ניגון "פדה בשלום נפשי", ולפני זה - זאל יעדערער זאגן "לחיים" און "לחיים ולברכה" און ווינטשן איינער דעם צווייטן מיט אלע גוטע זאכן ובמיוחד - הוספה בלימוד התורה, ובפרט פנימיות התורה, באופן פון "שני אור".

[סיום השיחה - נדפס לעיל].

ניגנו "פדה בשלום נפשי". ניגון הכנה. ניגון אדה"ז (בבא הרביעית - פעם אחת). ניע זשוריצי כלאפצי. אח"כ צוה כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---- * ----

הנחת הת' בלתי מוגה

לעילוי נשמת

האשה החשובה

מרת **רחל גיטל** בת ר' **יחיאל מיכאל**

זימרמן

נפטרה כ"ח טבת תשמ"ח

•

נדפס ע"י משפחתה שיחיו

הכתובת לחשיג "התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 03-9606887-0

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ וארא, ר״ח שבט
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ וארא, ר"ח שבט ה'תשמ"ט.

א. ענינו המיוחד של חודש שבט (החל מראש חודש) — הענין הראשון השייך אלינו[1], דורנו זה — שהעשירי שבו, "העשירי יהי' קודש"[2], הוא יום ההסתלקות־הילולא של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, שביום זה מתעלים "כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד[3] כל ימי חייו" עד לתכלית העילוי, ובאופן ש"מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמעלה למטה . . ופועל ישועות בקרב הארץ" (כפי שמבאר רבינו הזקן באגה"ק הידועה[4]), ומכיון ש"הנשיא הוא הכל"[5], מובן, שהעילוי המיוחד ביום ההילולא שלו שייך ופועל גם בכל הדור, "בתר רישא גופא אזיל"[6].

וענין זה מתחיל כבר מר"ח שבט[7], להיותו "ראש[8] (חודש)", שכולל ומנהיג כל ימי החודש (בדוגמת הראש שכולל ומנהיג כל אברי הגוף)[9], ועאכו"כ ימים המיוחדים שבו, ובנדו"ד — "העשירי יהי' קודש", יום ההילולא של ראש ונשיא הדור.

---

1) ע"פ הכלל ש"אדם קרוב אצל עצמו" (יבמות כה, רע"ב. וש"נ). ולהעיר גם מהסדר בנוסח התפלה — "אלקינו ו(אח"כ)אלקי אבותינו" (ראה פי' "עיון תפלה" בסידור אוצר התפלות. ועוד).

2) בחוקותי כז, לב. וראה לקו"ש ח"ו ס"ע 290. וש"נ.

3) ע"פ לשון הכתוב (יחזקאל כט, כ) "פעולתו אשר עבד בה" — בהפטרה דפ' וארא*. וראה בארוכה לקו"ש חכ"א ע' 52 ואילך.

4) סי' ז"ך וכ"ח. וראה בארוכה סידור (עם דא"ח) שער הל"ג בעומר דש, סע"ב ואילך. ובכ"מ.

5) פרש"י חוקת כא, כא. וראה רמב"ם הל' מלכים פ"ג ה"ו.

6) עירובין מא, א. וראה סוטה מה, ב.

7) להעיר גם ממשנ"ת בשנים שלפנ"ז השייכות דחודש שבט (בכללותו) לכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — ע"פ הידוע שחודש שבט הוא כנגד שבטו של יוסף** (שמו הראשון דכ"ק מו"ח אדמו"ר), וצירוף שם הוי' שבו מרומז בכתוב "(ואם) המר ימירנו והי' הוא (ותמורתו יהי' קודש)"* — תוכן עבודתו של נשיא דורנו, "יוסף", ע"ש "יוסף ה' לי בן אחר", להמיר ולהחליף "אחר" ל"בן" שיהיו שניהם קודש (ראה לקו"ש חכ"ו ע' 90 ואילך. וש"נ).

ושייכות מיוחדת לר"ח שבט — "בעשתי עשר חודש באחד לחודש גו' הואיל משה (כולל אתפשטותא דמשה שבכל דור) באר את התורה גו'", "בשבעים לשון פירשה להם" (דברים א, ג־ה ובפרש"י), שזו היתה עבודתו המיוחדת של נשיא דורנו בהפצת התורה והמעיינות גם לאלו שנמצאים במעמד ומצב ד"אחר", שבשביל להמירם שיהיו במעמד ומצב ד"בן" (בפועל ובגלוי), צריכים לתרגם להם עניני התורה "בשבעים לשון".

8) ראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א ואילך. עט"ר שער ר"ה בתחלתו. ובכ"מ.

9) כמודגש גם בנוסח התפלה דר"ח — "חדש עלינו . . את החודש הזה לטובה ולברכה וכו'", המשכת כל עניני ברכה על כל ימי החודש ע"י ברכה בשם ומלכות**, ובחזרת הש"ץ עונים בסיומה "אמן", שתוכנה גמר ושלימות הענין באופן של נצחון (כדאיתא בסוף נזיר***), ובהדגשה יתירה בחודש הקשור עם נשיא הדור — שענין הנצחון נעשה באופן של נשיאות.

---

*) שנוהגים לאמרה גם כשחל בר"ח (שאז מפטירין השמים כסאי) — כ"א לעצמו, כשמעבירים הסדרה שנים מקרא ואחד תרגום (ספר המנהגים חב"ד ע' 25).

) להדעות שסדר החדשים מכוון לסדר **תולדותם של השבטים. ולהעיר, שגם להדעות שסדר החדשים מכוון לסדר **דקרבנות הנשיאים**, שעפ"ז חודש שבט מכוון כנגד שבט **אשר** ("ביום עשתי עשר יום נשיא לבני אשר") — יש שייכות מיוחדת בין אשר ליוסף, כי, "שרח בת **אשר** היא שבשרה ליעקב **שיוסף** חי הוא . . והיא היא שהראתה למשה היכן **יוסף** קבור כו'" (ראה לקוטי לוי"צ אגה"ק ע' תיט. וראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ וארא ר"ח שבט תשמ"ו ס"ה ואילך. וש"נ).

*) להעיר שכתוב זה בא בהמשך לכתוב "העשירי יהי' קודש", שעפ"ז י"ל, שבחודש שבט (שצירופו "המר ימירנו והי' הוא") יש הדגשה מיוחדת בהענין ד"העשירי יהי' קודש".

**) נוסף על המשכת הברכה בשבת מברכים החודש — ומוסף ר"ח, כמו כל תפלות העמידה — "הגדול" הנאמר בתחלתו חשוב כמו "מלכות" (ב"י או"ח סרי"ד).

***) להעיר שיוסף נקרא "**נזיר** אחיו" (ויחי מט, כו)

ומכיון שבשנה זו חל ר״ח שבט ביום השבת, ובשבת פרשת וארא (שבו קורין כל הפרשה כולה בברכות לפני׳ ולאחרי׳) — יש לבאר הלימוד וההוראה מהחיבור דר״ח ושבת, ומפרשת השבוע[10] (שתוכנה מתבטא בשמה) ״וארא״, בנוגע לעבודה המיוחדת (דחודש זה) הקשורה עם יום ההילולא דעשירי בשבט.

ב. ויובן בהקדם המבואר בדרושי רבינו הזקן[11] בתורה אור ריש פרשתנו (התחלת הפרשה החסידית) בהפירוש ד״וארא״, וז״ל:

״וארא יש בו ב׳ פירושים, א׳ לשון עבר שנתגלה לאבות, והב׳ לשון עתיד שהוא לשון הוה, שתמיד יש בחינה זו בכל זמן בכל אדם, כי הנה אין קורין אבות אלא לשלשה[12] . . שבחי׳ האבות היא ירושה לבניהם אחריהם בכל דור ודור לכל חד לפום שיעורא דילי׳, ולכן אומרים אלקי אבותינו אלקי אברהם[13] וכו׳ . . בחי׳ האבות צריך להיות בכל אדם שהם שרש ומקור כל נשמות ישראל״, וממשיך לבאר ״ענין גילוי . . בחי׳ ומדריגת האבות שבכל אדם מישראל״[14].

וצריך להבין:

מכיון שתוכן הדרוש הוא לבאר ״שתמיד יש בחי׳ זו (״וארא״) בכל זמן בכל אדם״ — נוגע בעיקר ש״וארא״ הוא ״לשון הוה״ [ומכיון שהתורה היא נצחית, ה״ז ענין תמידי, ובפרט בזמן המיוחד שבו לומדים וקורין ענין זה בתורה], ומדוע מוסיף ומקדים רבינו הזקן גם הענין ד״לשון עבר״[15] ו״לשון עתיד״?!

ומסתבר לומר, שכוונת רבינו הזקן להדגיש שכל פרטי הענינים ד״וארא״ — לשון עבר, לשון הוה ותמיד, ולשון עתיד — קשורים ומאוחדים זה עם זה (להיותם פירושים דתיבה אחת[16]), היינו,

---

10) כפתגם הידוע שצריכים ״לחיות״ עם הזמן, עניני התורה שקורין ולומדים באותו זמן, החל מפרשת השבוע (״היום יום״ ב׳ חשון. ובכ״מ). וראה לקמן ס״ו.

11) שיום ההילולא שלו — כ״ד טבת — הי׳ בהתחלת שבוע זה (כהקביעות בפעם הראשונה — ״במוש״ק דשמות כ״ג אור לכ״ד טבת״), שעלייתו ושלימותו (באופן ד״ויכולו״) — ביום הש״ק זה.

12) ברכות טז, ב.

13) להעיר משיעור היומי ברמב״ם — פרק עשירי דהלכות תשובה — שבו נתבאר העילוי דעבודה מאהבה, ״מעלת אברהם אבינו שקראו הקב״ה אוהבו״ (ה״ב), וממשיך לבאר (בה״ה) ״לפיכך כשמלמדין את הקטנים ואת הנשים וכלל עמי הארץ, אין מלמדין אותן אלא לעבוד מיראה וכדי לקבל שכר. עד שתרבה דעתן ויתחכמו חכמה יתירה מגלים להם רז זה מעט מעט ומרגילין אותן לענין זה בנחת, עד שישיגוהו וידעוהו ויעבדוהו מאהבה״, היינו, שעבודתו של אברהם אבינו שייכת גם לכל אחד ואחת מישראל.

14) ויש לומר, שענין זה מרומז גם בפירוש רש״י — ״וארא, אל האבות״, דלכאורה אינו מובן: מה מוסיף רש״י על מש״נ בכתוב ״וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב״?! ויש לומר הביאור בזה — ב״יינה של תורה״ שבפרש״י — שכוונתו לרמז שלהיותם ״אבות״ דכאו״א מישראל, לכן, שייך גם אצל כאו״א מישראל הענין ד״וארא״ (כמו שהי׳ אצל האבות), אלא שאעפ״כ נאמר בכתוב ״וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב״, כדי לרמז שאצל כאו״א נעשה (לא רק ענינם המשותף שעש״ז נקראים ״אבות״, אלא) גם ענינם הפרטי דאברהם יצחק ויעקב — אהבה יראה ורחמים, ג׳ הקוין דתורה עבודה וגמ״ח (ראה מגלה עמוקות עה״פ ר״פ לך לך. זהר ר״פ ויצא (ס״ת). ועוד).

15) ואף שי״ל שזוהי הסיבה וההכנה לגילוי ד״וארא״ בלשון הוה ותמיד, מכיון שהי׳ ״וארא״ ב״לשון עבר, שנתגלה לאבות״ — מ״מ, ע״פ הידוע גודל הדיוק בלשונו הזהב של רבינו הזקן, מסתבר לומר שהענין ד״לשון עבר״ (אינו רק סיבה והכנה, אלא) שייך גם לעבודה ד״וארא״, ב״לשון הוה ותמיד״ (כדלקמן בפנים).

16) ע״ד שמצינו ב״שעטנז״ — שמכיון שג׳ התיבות ״שוע טווי ונוז״ נכללו בתיבה אחת, למדים שהחיוב (מן התורה) הוא רק כששלשתם יחד (כלאים פ״ט מ״ח. נדה סא, ב. וראה לקו״ש ח״ג ע׳ 782. וש״נ).

ששלימות העבודה ד"וארא" בלשון הוה, היא, כשישנו גם הענין דלשון עבר ולשון עתיד.

ג. והביאור בזה — בהקדמה:

בגדר הזמן —, שנחלק לעבר הוה ועתיד — ישנם שני ענינים: (א) כל רגע ורגע הר"ע בפ"ע, נקודה אחת של זמן, (ב) כללות המשך הזמן[17].

וכמודגש בכללות ענין הבריאה (כולל בריאת הזמן שגם הוא נברא ומחודש[18]) — שיש בה שני ענינים: (א) חידוש ההתהוות מאין ואפס המוחלט בכל רגע ורגע (כתורת הבעש"ט הידועה[19]), כלומר, התהוות חדשה לרגע אחד בלבד, (ב) וביחד עם זה — "לא ישבותו"[20], היינו, שההתהוות ברגע זה היא בהמשך להתהוות ברגע שלפנ"ז, והמשכה בהתהוות ברגע שלאח"ז, באופן תמידי.

ושני ענינים אלו מתבטאים גם בחילוק שבין הוה לעבר ועתיד: בהוה — מודגשת בעיקר נקודה אחת של זמן, כענין בפ"ע, ואילו בעבר ועתיד — מודגש בעיקר המשך הזמן, היינו, שהעבר והעתיד הם חלק מכללות המשך הזמן.

ומזה מובן גם בנוגע להוה גופא — שב"הוה" כמו שהוא בפ"ע מודגשת בעיקר היותו נקודה אחת בפ"ע, משא"כ ב"הוה" שבא ביחד עם העבר והעתיד, מודגש בעיקר היותו חלק מהמשך הזמן, עבר הוה ועתיד.

ויש לומר, שהנקודה אחת שבהוה כמו שהיא בפ"ע (לא זו בלבד שאין בה חסרון בגלל העדר ההמשכיות[21], אלא יתירה מזה) היא נעלית יותר מהמשך הזמן שבהוה — כי, בהמשך הזמן שבהוה מודגש שמציאותו של רגע זה קשורה ותלוי' בענין אחר, הרגעים שלפניו ושלאחריו, היינו, שהוא חלק מכללות הזמן שגדרו הגבלה והתחלקות; משא"כ הנקודה אחת שבהוה כמו שהיא בפ"ע — היא ענין עצמי, שלכן, אינה תלוי' בהמשך שלפני' ושלאחרי', למעלה מההגבלה וההתחלקות דגדר הזמן, מעין ודוגמת נקודה עצמית שלמעלה מגדרי הזמן (אלא שבהיותה במציאות הזמן בהכרח שתתבטא ב"שטח" — נקודה אחת).

ד. ודוגמתם בעבודת האדם — שיש עבודה שמודגש בה בעיקר החידוש שברגע זה כפי שהוא בפ"ע, ויש עבודה שמודגש בה בעיקר ההמשך לכללות העבודה. ומהדוגמאות לזה — החילוק בין שני אופני העבודה ד"תמידים כסדרם" ו"מוספים כהלכתם":

"תמידים כסדרם" — היא העבודה בסדר מסודר, במדידה והגבלה (גדרי העולם), שלכן, ה"ה באופן תמידי, אתמול (עבר) היום (הוה) ומחר (עתיד).

---

17) להעיר מהידוע שמכו"כ הלכות הקשורות בזמן, מוכח, שבגדר הזמן יש כו"כ ענינים: עצם אחד, זמן מצורף, זמן נקודה, זמן שטחי, ועוד — ראה בארוכה מפענח צפונות פ"ג. וש"נ.

18) סידור (עם דא"ח) שער הק"ש עה, סע"ד. לקו"ש ח"י ס"ע 176 ואילך. וש"נ.

19) שעהיוה"א בתחלתו.

20) נח ח, כב.

21) וי"ל דוגמא לדבר — כו"כ מצוות שנצטוו רק לפי שעה, ואינן נוהגות לדורות (ראה ספהמ"צ להרמב"ם שרש ג'), שזה שאינן נוהגות לדורות אינו מחליש תוקף הציווי שהי' לפי שעה.

ואולי י"ל, שבמצוות שנצטוו לפי שעה יש עילוי (בפרט מסויים) — שהם למעלה מהמשך הזמן. אלא, שבמנין המצוות נכללו רק המצוות שנוהגות לדורות, שנמשכות בגדרי הזמן — בהתאם לכך שתוכן המצוות הוא לפעול בגדרי העולם, כמודגש במנינן, רמ"ח מ"ע כמנין רמ"ח אברי האדם, ושס"ה מל"ת כמנין ימי שנת החמה (רמב"ם בהקדמתו לספר הי"ד בסופה — ממכות כג, ב), "שכל אבר ואבר כאילו מצוה לאדם לעשות מצוה, וכל יום ויום כאילו מזהירו מעבירה" (ספהמ"צ שם).

ואילו "מוספים כהלכתם" — היא עבודה שאינה ע"פ סדר והדרגה, "לדלג שור"[22], למעלה ממדידה והגבלה, אשר, מצד גודל מעלתה אינה יכולה להיות באופן תמידי, כי אם, מזמן לזמן, חידוש ברגע מיוחד זה, שמצד עצמו יכול להשאר חד־פעמי, מציאות בפ"ע, שלמעלה ממדידה והגבלה, שאין לו קשר ושייכות לעבודה שע"פ סדר והדרגה, "תמידים כסדרם".

ה. והנה, אף ש"תמידים כסדרם" ו"מוספים כהלכתם" הם שני אופני עבודה שונים זה מזה, מ"מ, שלימות העבודה היא ע"י חיבור שניהם, היינו, שהחידוש ד"מוספים כהלכתם" באופן חד־פעמי יומשך ויפעל גם בעבודה הרגילה ד"תמידים כסדרם", היינו, שהעבודה הרגילה ד"תמידים כסדרם" תהי' חדורה בהחידוש ד"מוספים כהלכתם".

ויש לומר, שענין זה נרמז בדברי רבינו הזקן ש"וארא יש בו ב' פירושים, א' לשון עבר . . והב' לשון עתיד שהוא לשון הוה":

אילו הי' רבינו הזקן כותב רק ש"וארא" הוא (גם) לשון הוה (הוה ותמיד) — הי' הפירוש בזה (רק) הוה כפי שהוא חלק מכללות המשך הזמן, כלומר, הענין ד"וארא" כפי שהוא בעבודה ע"פ סדר והדרגה, "תמידים כסדרם";

אבל, מכיון שמקדים ש"יש בו ב' פירושים, א' לשון עבר . . והב' לשון עתיד שהוא לשון הוה", היינו, שכולל כל ג' חילוקי הזמן (עבר עתיד והוה) בתיבה אחת — י"ל שכוונתו לרמז לבחי' שלמעלה מהזמן שמצדה ועל ידה נעשה החיבור והאחדות דעבר עתיד והוה, ובמילא, הפירוש ב"הוה" כאן הוא (לא רק היותו חלק מהמשך הזמן, אלא גם) נקודה אחת עצמית שלמעלה מהמשך הזמן, אלא שאעפ"כ, נקודה עצמית זו מתחברת ומתקשרת גם עם המשך הזמן, באופן שהמשך הזמן (עתיד) חדור עם הנקודה העצמית דההוה — "לשון עתיד שהוא לשון הוה".

כלומר, שהעבודה ד"וארא" צריכה להיות באופן שלמעלה מסדר והדרגה, "מוספים כהלכתם", וביחד עם זה, שהחידוש ד"מוספים כהלכתם" מתחבר ונמשך גם בעבודה ד"תמידים כסדרם" שתהי' חדורה עם הנקודה העצמית שלמעלה מהגבלה.

ויתירה מזה — שהפעולה ד"וארא" באופן שלמעלה מסדר והדרגה (הנקודה העצמית דהוה שלמעלה מהמשך הזמן) על העבודה שע"פ סדר והדרגה (המשך הזמן) היא (לא רק על העתיד, אלא) גם על העבר ("וארא . . לשון עבר"), היינו, שמשנה ומהפך גם מעמדו ומצבו שבעבר (ע"י בחי' שלמעלה מהזמן לגמרי) — ע"י עבודת התשובה[23] (שענינה "לדלג שור", "מוספים כהלכתם")[24].

---

22) ראה לקו"ת דרושי ש"ש סה, א. ובכ"מ.

23) ועפ"ז יומתק שעבודת התשובה היא "בשעתא חדא וברגעא חדא" (זח"א קכט, סע"א) — דמכיון שעבודת התשובה היא למעלה ממדידה והגבלה לגמרי, לכן, התלבשותה בהזמן היא בנקודה אחת, נקודה עצמית שלמעלה מהגבלות דהמשך הזמן, מעין ודוגמת נקודה שלמעלה מהזמן לגמרי (סה"מ מלוקט ח"א ע' קסז ואילך. ע' שסח).

24) ראה גם ד"ה וארא אל אברהם לרבינו הזקן (מאמרי אדה"ז על התורה בראשית שמות ע' רלח. ובהוצאה שני'* הוספות ע' 26), בביאור מארז"ל (סנהדרין צז, סע"ב. וראה רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה) "אם ישראל עושין תשובה נגאלין ואם לאו אין נגאלין", ד"לכאורה אינו מובן הלשון ואם לאו כו', דמשמע דלא סגי בלא"ה הגם שלא יהי' בידם חטא ועון כלל", ומבאר, שענין זה הוא מצד גודל העילוי

*) שהובא מבית הדפוס (בהשגחה פרטית) בערב ש"ק זה (וראה לקמן הערה 40).

ו. ויש לקשר זה עם שיעור היומי ברמב"ם — סיום הלכות תשובה[25] (וספר המדע):

בהתחלת הלכות תשובה[26] — כותב הרמב"ם: "ומה היא התשובה הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד .. וכן יתנחם על שעבר .. ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם", כלומר, אע"פ שעבודת התשובה היא תנועה שלמעלה ממדידה והגבלה, "מוספים כהלכתם", התעוררות שבאה ברגע מיוחד[27], מ"מ, יש לחברה עם המשך הזמן שלאח"ז (עתיד)[28] — "שלא יעשהו עוד .. ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם", וגם עם המשך הזמן שלפנ"ז (עבר) — "יתנחם על שעבר".

ויתירה מזה — שהחיבור עם המשך הזמן דהעבר הוא לא רק ע"י ש"יתנחם על העבר" (עבר כפי שנוגע להוה), אלא שפועל על מציאות העבר[29] (כמו שהוא במקומו), כמרומז בסיום הלכות תשובה:

סיום הלכות תשובה הוא בענין עבודה לשמה, עבודה מאהבה[30], ודוגמתו בתשובה — שלימות (סיום) התשובה (פרק עשירי, "העשירי יהי' קודש") שהיא תשובה מאהבה.

והרי, תשובה מאהבה פועלת (לא רק בנוגע לעתיד, כמו תשובה מיראה שמהני רק "מכאן ואילך"[31], אלא גם) בנוגע להעבר, שנעשה שינוי במציאות העבר גופא (כפי שהיא במקומה), כמודגש בהנפק"מ להלכה — המקדש את האשה על מנת שאין עלי' עבירות, שאם עשתה תשובה רק מיראה, אינה מקודשת, מכיון שהעבירות שהיו בשעת הקידושין לא נעקרו, ואם עשתה תשובה מאהבה, מקודשת, דמכיון שע"י התשובה מאהבה "נעקר עוונו מתחלתו"[32], נמצא, שבשעת הקידושין לא היו עלי' עבירות[33] (ע"ד החילוק שבין נדרים למומים — "הלכה אצל חכם והתירה מקודשת, אצל רופא וריפא אותה אינה מקודשת", כי, "חכם עוקר

וההפלאה דעבודת התשובה, עיי"ש (וראה גם שם ע' רלא). וראה לקמן בשוה"ג להערה 78).

25) להעיר מהשייכות דתשובה ליום השבת — שבת אותיות תשב, תשובה עילאה (אגה"ת ספ"י). וראה לקמן הערה 43.

26) פ"ב ה"ב.

27) "בשעתא חדא וברגעא חדא" (ראה לעיל הערה 23).

28) ומרומז גם בהחיבור דהלכות תשובה עם הלכות ק"ש (בשיעור דיום אחד) — שתנועת התשובה שלמעלה ממדידה והגבלה נמשכת בגדרי הזמן, החיוב דק"ש פעמיים בכל יום.

29) כשם שהחיבור עם המשך הזמן דהעתיד הוא באופן שפועל על העתיד "שלא יעשהו עוד".

30) ונעוץ סופן בתחלתן — התחלת ספר המדע, כמ"ש הרמב"ם בסיום הלכות תשובה ש"אינו אוהב הקב"ה אלא בדעת שידעהו, ועל פי הדעה תהי' האהבה .. לפיכך צריך האדם ליחד עצמו להבין ולהשכיל בחכמות ותבונות המודיעים* לו את קונו כפי כח שיש באדם להבין ולהשיג, כמו שבארנו בהלכות יסודי התורה"; ומזה באים לספר אהבה (בהמשך שיעור היומי), שפותח בפסוק "מה אהבתי תורתך גו'", וכולל "כל המצוות שהן תדירות שנצטווינו בהן כדי לאהוב את המקום ולזכרו תמיד" (לשון הרמב"ם בהקדמה במנין המצוות). החל מהלכות ק"ש, שענינה — "ואהבת את ה' אלקיך", "לית פולחנא כפולחנא דרחימותא" (ראה זהר ח"ב נה, ב. ח"ג רסז, א).

31) יומא פו, סע"א ואילך ובפרש"י.

32) פרש"י שם.

33) ראה לקו"ש חי"ז ע' 185. וש"נ.

*) להעיר שבלשון הרמב"ם נכללים כל פרטי הענינים דחכמה בינה דעת (וראה גם לקו"ש חכ"ג ע' 86 הערה 49).

ויש לקשר זה לה"פגישה עם **חב"ד**" שמתקיימת (בהשגחה פרטית) בשבת זו, שתכליתה ומטרתה לפעול אצל אלו שצריכים **להפגש** עם חב"ד — שהענין דחב"ד (חכמה בינה ודעת) **יחדור בפנימיותם**, ע"י ההבנה וההשגה בתורה, כולל ובמיוחד — פנימיות התורה כפי שנתבארה באופן של הבנה והשגה בתורת חסידות חב"ד, ועד שהמציאות שלהם נעשית חב"ד, שאז, כשאחרים **יפגשו** בהם, תהי' זו "פגישה עם **חב"ד**".

את הנדר מעיקרו, ורופא אינו מרפא אלא מכאן ולהבא״[34].

ומכיון דאתינן להכי — יש לעורר עוה״פ אודות ההשתתפות בלימוד שיעור היומי ברמב״ם במחזור הנוכחי, שביום הש״ק זה מסיימים ספר ראשון שבו, כולל גם עריכת חגיגת סיום דספר זה[35] ״ברוב עם הדרת מלך״[36], שעי״ז ניתוסף שמחה וחיות כו׳ בלימוד שיעור היומי ברמב״ם.

ולהעיר, שבכללות הענין דלימוד שיעורים יומיים בתורה מודגש גם תוכן הענין דחיבור למעלה מהזמן עם זמן — שהרי התורה (חכמתו של הקב״ה) היא למעלה מהזמן[37] (משא״כ מצוות, ציוויים להאדם איך להתנהג בעולם, הם בגדר הזמן, גדרי העולם[38]), ואעפ״כ, נמשכת ובאה בגדרי הזמן, שחלק מסויים בתורה שייך ליום זה[39], כמו, פרשת השבוע (״לחיות״ עם הזמן[10]), שיעור היומי ברמב״ם, ועד״ז בשעה שיו״ל בדפוס ספר חדש בעניני תורה, נגלה דתורה או פנימיות התורה[40], שמצד גודל החביבות דדבר חדש, יש ללמוד ענין מסויים עכ״פ בספר חדש זה[41].

ז. ענין הנ״ל — החיבור ד״מוספים כהלכתם״, תנועה שלמעלה ממדידה והגבלה (נקודה העצמית דההוה), עם ״תמידים כסדרם״, עבודה מסודרת (המשך הזמן, עבר הוה ועתיד) — מודגש גם בחיבור דשבת ור״ח[42]:

---

34) כתובות עד, רע״ב.

35) נוסף על החגיגות דסיום מחזור חמישי דלימוד הרמב״ם — במקומות שעדיין לא נתקיימו החגיגות, כמדובר כמ״פ.

36) ל׳ הכתוב — משלי יד, כח. וראה אנציק׳ תלמודית בערכו. וש״נ.

37) ולכן, ״כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה״ (מנחות בסופה), גם בזמן שאין ביהמ״ק קיים, בחו״ל ובלילה (ראה לקו״ת במדבר יג, א־ב).

38) לא מבעי במצוות שחיובם רק מזמן לזמן, אלא אפילו ב״מצוות שהן תדירות״, בכל יום, כמו ק״ש ותפלה, הרי חיובם הוא בזמנים קבועים ביום* (ורק פעולתם נמשכת על כל היום), ולא עוד, אלא, שאפילו שש המצוות ש״חיובן תמידי לא יפסק מעל האדם אפילו רגע אחד בכל ימיו״, אמונת ה׳, יחודו, אהבתו ויראתו כו׳ (אגרת המחבר בריש ספר החינוך) — הם גם בגדר הזמן, אלא שזמנם הוא כל רגע ורגע**.

---

*) כמו קרבן תמיד (תפלות כנגד תמידים תקנום), שאף שנאמר בו ״עולת תמיד״, ״אינה אלא מיום ליום״ (פרש״י ר״פ תצוה).

) ולהעיר גם ממארז״ל (סוטה כא, א) ״מצוה אינה מגינה אלא **לפי שעה״, דקאי (בפשטות) גם על המצוות שחיובן תמידי בכל רגע — מכיון שגם מצוות אלו שייכות לעולם שהוא בגדרי הזמן (וראה אוה״ת נ״ך משלי ע׳ תקע. קונטרס עה״ח ספ״ב).

39) ולכן, יש להשתדל ללמדם במשך היום, לפני הלילה, אע״פ שאם מאיזו סיבה לא הספיקו ללמדם במשך היום, יכולים וצריכים להשלימם בלילה, עד חצות, ואפילו עד שיעלה עמוד השחר, כמו הקטר חלבים ואיברים שמצוותן עד שיעלה עמוד השחר* (ורק כדי להרחיק את האדם מן העבירה אמרו חכמים עד חצות)**.

40) להעיר, שבערב ש״ק זה הובא מבית הדפוס ספר מאמרי אדמו״ר הזקן עה״ת בראשית שמות (הוצאה שני׳ עם הוספות), ובודאי ישתדלו לרכשו בהקדם, וללמוד בו, ובפרט מענינא דיומא — פרשת השבוע (וראה לעיל הערה 24. לקמן הערה *52).

41) ועד שמצינו אצל ר״א הגדול (ש״דומה לארון הברית״ — שהש״ר פ״א, ג (א)) שאמר ״מה חידוש הי׳ לכם בבית המדרש היום״ (ידים פ״ד מ״ג). ולהעיר, שהנהגה זו אינה רק מצד גודל מעלתו של ר״א הגדול, כי, גם מצד הטבע דנה״ב יש חביבות מיוחדת בענין של חידוש. ובלשון חז״ל (ספרי ופרש״י ואתחנן ו, ו) — ״דיוטגמא . . חדשה שהכל רצין לקראתה״.

42) ראה גם קונטרס משיחות ש״פ וארא ר״ח שבט תשמ״ו ס״ב ואילך. ובהמשך הענין שם (ס״ה ואילך), שענין זה הוא בהדגשה יתירה בשבת פ׳ וארא ור״ח שבט, עיי״ש.

---

*) ואעפ״כ, ״משתדלין להקטיר הכל ביום, חביבה מצוה בשעתה״ (רמב״ם הל׳ מעשה הקרבנות פ״ד ה״ג).

**) להעיר משיעור היומי ברמב״ם (הל׳ ק״ש פ״א ה״ט) — ״קריאת שמע בלילה מצותה . . עד חצי הלילה, ואם עבר ואיחר וקרא עד שלא עלה עמוד השחר, יצא ידי חובתו, שלא אמרו עד חצות אלא כדי להרחיק אדם מן הפשיעה״.

שבת (ימי השבוע) ור"ח (ימי החודש) מורים על שני אופנים הנ"ל בהתחלקות הזמן: ימי השבוע (שבת) קשורים עם מהלך החמה, שאין בו שינויים, שבזה מודגשת המשכיות הזמן באופן ד"לא ישבותו" — בדוגמת המשך הזמן דעבר הוה ועתיד; ואילו ימי החודש (ר"ח) קשורים עם מהלך הלבנה, שיש בו שינויים, שבכל חודש נעשה מולד הלבנה מחדש, חידוש שמסתיים בסוף החודש, שאז צ"ל חידוש נוסף, וכן הלאה — בדוגמת חידוש ההתהוות לרגע זה בלבד, הנקודה העצמית דההוה בפ"ע.

וענינם בעבודה — ששבת מורה על אופן העבודה ד"תמידים כסדרם", עבודה בסדר והדרגה, ע"פ גדרי העולם (כולל גדרי הזמן, עבר הוה ועתיד), ואילו ר"ח מורה על אופן העבודה ד"מוספים כהלכתם", למעלה ממדידה והגבלה[43] (החידוש שבנקודה העצמית דההוה).

ונמצא, שהחיבור דשבת ור"ח[44] מורה על החיבור ד"תמידים כסדרם" עם "מוספים כהלכתם", היינו, שהעבודה שלמעלה ממדידה והגבלה ד"מוספים כהלכתם", מתחברת ונמשכת גם בעבודה המסודרת ד"תמידים כהלכתם", שגם היא נעשית חדורה בתנועה שלמעלה ממדידה והגבלה.

ובסגנון אחר קצת — החיבור דהחידוש שבנקודה העצמית דההוה עם התמידיות שבכללות המשך הזמן[45], שענין זה מתבטא בעבודה בפועל עי"ז שבכל ענין של עבודה שבכל זמן ישנם ב' קצוות: מחד גיסא — רגע מיוחד במינו, חד־פעמי (נקודה העצמית דההוה), ובלשון חז"ל[46] "אם לא עכשיו אימתי", ולאידך גיסא — רגע הקשור גם עם כללות הזמן (עתיד), שגם בזה יש עילוי מיוחד, שהפעולה שברגע זה היא (לא רק חד־פעמית, אלא) באופן שיש לה המשך נצחי (ועד שפועל אפילו על העבר) — כפי שרואים במוחש בטבע האדם שכל א' משני מצבים אלו (ענין חד־פעמי, וענין שיש לו המשך נצחי) פועל התעוררות מיוחדת בעבודה בפועל שתהי' ביתר שאת וביתר עוז, ועאכו"כ בצירוף שניהם גם יחד.

ח. וענין זה מודגש גם בנוגע ל(עבודה הקשורה עם ה)עשירי בשבט — יום ההילולא של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו:

ענינו של יום ההילולא הוא — כאמור — ש"כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו . . מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמעלה למטה . . ופועל ישועות בקרב הארץ", שיש בזה חיבור של שני קצוות: מחד

43) להעיר גם מהשייכות דר"ח לעבודת התשובה — כמארז"ל (חולין ס, רע"ב) "שעיר זה (דר"ח) יהא כפרה על שמיעטתי את הירח" (וראה אוה"ת בראשית ט, ב ואילך).

ומשנת"ל (בהערה 25) ששבת קשור עם ענין התשובה — ה"ז תשובה עילאה, משא"כ התשובה דר"ח שקשורה עם ענין של כפרה (תשובה תתאה), והרי תנועת הדילוג שבתשובה ("לדלג שור"), לצאת מהמצב הקודם, מודגשת בעיקר בתשובה תתאה ("אסורה מכאן"), משא"כ בתשובה עילאה, "אתדבקות רוחא ברוחא" (אגה"ת פ"ט), שמודגש בה בעיקר העלי' והדביקות למעלה ("להתקרב לשם"), אם כי זוהי עלי' שבאין ערוך לדרגא הקודמת, ע"ד ובדוגמת הדילוג שבתשובה תתאה.

44) נוסף לכך שהשנה כולה היא שנת העיבור — שבה מודגשת ההשתוות (חיבור) דמהלך הלבנה עם מהלך החמה.

45) להעיר, שיש דוגמתו בשבת גופא — כידוע ששבת הוא למעלה מהזמן (ראה לקו"ת שה"ש כה, סע"א), וביחד עם זה, ה"ה המקור שממנו באים כל ימי השבוע, "מיני' מתברכין כולהו יומין" (זח"ב סג, ב. פח, א). ומעין זה גם בר"ח — ההתכללות דכל ימי החודש בנקודה ד"ראש חודש".

46) אבות פ"א מי"ד.

גיסא — נקודה עצמית שלמעלה מכל מדידה והגבלה והתחלקות הזמן, שלכן, כוללת "כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו", ולאידך גיסא — שעילוי זה שלמעלה ממדידה והגבלה "מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מלמעלה למטה", במדידה והגבלה והתחלקות הזמן, הן בנוגע לפעולה על כל המשך הזמן שלאח"ז (עתיד), ש"אשתכח בכולהו עלמין יתיר מבחיוהי"[47], ע"י תלמידיו ותלמידי תלמידיו כו' שהולכים בדרכיו ואורחותיו נצח סלה ועד[48], והן בנוגע לפעולה על העבר (ענין התשובה) — "לכפר על עון הדור כו'"[49].

זאת ועוד:

הפעולה דיום ההילולא היא באופן ד"פועל ישועות בקרב הארץ" — חיבור של שני קצוות: "ישועות" — ש"ע נהורין[50], גילוי נעלה ביותר שלמעלה ממדידה והגבלה דכל סדר השתלשלות, וביחד עם זה, ה"ז פועל (גם) "בקרב הארץ", לא רק בארץ סתם, אלא "בקרב הארץ"[51], תחתון שאין תחתון למטה ממנו.

ט. ויש להוסיף ולקשר גם עם הפרשה שקורין במנחת שבת — "בא אל פרעה" (הפרשה שממנה מתברך יום ההילולא דעשירי בשבט[52]), שיש בזה ב' ענינים (פירושים), מן הקצה אל הקצה:

מחד גיסא — פרעה דקדושה*[52], ד"אתפריעו[53] ואתגליין מיני' כל נהורין"[54], גילוי שלמעלה מכל סדר ההשתלשלות ("חמישית לפרעה", דרגא חמישית[55]) "אתפריעו" (גם) מלשון פרוע, שלא ע"פ סדר והדרגה.

ולאידך גיסא — פרעה (כפשוטו) דלעו"ז*[52], תוקף הקליפה ("התנים הגדול הרובץ בתוך יאוריו"[56]), עד כדי כך, שאפילו משה הי' ירא לילך אליו, והקב"ה לא התרעם עליו[57] היתכן שמפחד לקיים הציווי לילך אל פרעה*[57], כדאיתא בזהר[58] בפירוש הכתוב "בא אל פרעה" (ולא "לך אל פרעה"), "דעייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין לגבי תנינא חדא עלאה תקיפא . . תנין הגדול (ש)משה דחיל מני'", שמזה מובן התוקף דקליפת פרעה.

והתיווך והחיבור דשני הענינים — שהגילוי דבחי' פרעה דקדושה, ד"אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין", למעלה ממדידה והגבלה, סדר והדרגה

---

47) זח"ג עא, ב. הובא ונת' באגה"ק ביאור לסז"ך.

48) לשון אדה"ז באגה"ק סז"ך. ולהעיר ממארז"ל (עירובין נד, א) "כל מקום שנאמר נצח סלה ועד אין לו הפסק עולמית".

49) אגה"ק סכ"ח.

50) ראה זהר ח"א ד, ב. ח"ג קלג, ב. אגה"ק ס"ג.

51) להעיר גם ממ"ש בפרשת השבוע (ח, יח) "למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ", "אע"פ ששכינתי בשמים גזרתי מתקיימת בתחתונים" (פרש"י עה"פ) — דקאי על ארץ מצרים, "ערות הארץ", ובארץ מצרים עצמה — "בקרב הארץ".

52) ויתירה מזה — שההסתלקות היתה ביום השי"ק פ' בא.

*52) ראה גם ד"ה וארא גו' לרבינו הזקן (שבהערה 24) ע' רמג. הוספות ע' 29.

53) זח"א רי, א.

54) ועפ"ז מובן השייכות לענין ההסתלקות — עליית הנשמה לבחי' ד"אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין".

55) ראה לקו"ת ס"פ פינחס. ובכ"מ.

56) יחזקאל כט, ג. הפטורת שבת וארא.

57) כבהתחלת פרשתנו, ש"דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה" (פרש"י ריש פרשתנו), "אמר לו הקב"ה למשה חבל על דאבדין ולא משתכחין. יש לי להתאונן על מיתת האבות . . לא הרהרו אחר מדותי, ואתה אמרת למה הרעותה" (שם ו, ט).

*57) ועד"ז מצינו בשמואל ששלחו ה' למשוח את דוד (כולל גם דוד מלכא משיחא), אמר, "איך אלך ושמע שאול והרגני", והקב"ה השיבו "עגלת בקר תקח בידך ואמרת לזבוח לה' באתי" (ש"א טז, ב) — שלא התרעם עליו היתכן שמפחד לקיים הציווי, אלא נתן לו עצה כו'.

58) ח"ב לד, א.

כו', נמשך ופועל גם בבחי' פרעה דלעו"ז, תוקף הקליפה, בתחתון שאין תחתון למטה ממנו[59].

וענין זה מהוה גם נתינת כח יתירה בנוגע למילוי התפקיד והשליחות דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בעל ההילולא דעשירי בשבט — שמכיון שמתעלה בעילוי אחר עילוי ("אדרין בתר אדרין") בבחי' ד"אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין", ומשם מעורר רחמים וממשיך כח כו' לתלמידיו ותלמידי תלמידיו בעבודתם בעלמא דין, אין לפחד מפני קשיים וסכנות (אפילו קשיים וסכנות אמיתיים, ע"פ תורה)[60] בכל הקשור למילוי השליחות של נשיא הדור, מכיון שהולכים בכחו של נשיא הדור, שאצלו נעשה הענין ד"בא אל פרעה" (כמו אצל משה רבינו, ועד"ז באתפשטותא דמשה שבכל דור[61], שעל ידו נמשך גם בניצוץ משה שבכאו"א מישראל[62]), "דעייל לי' קב"ה אדרין בתר אדרין לגבי תנינא כו'", שיוכל לבטל לגמרי כל הענינים הבלתי־רצויים (ועד — להפכם לטוב).

י. ההוראה מכל האמור לעיל בנוגע למעשה בפועל:

בעמדנו ביום הש"ק ר"ח שבט, יש לעורר ולהתחיל בכל ענייני העבודה הקשורים עם יום ההילולא דעשירי בשבט (כפי שכבר נתפרסמו פרטי ההנהגות דיום ההילולא, החל מהשבת שלפנ"ז[63]), כולל ובמיוחד — עריכת התוועדויות בכל מקום ומקום, ולכל לראש — כאן, ב"עיר הבירה", ד' אמותיו של בעל ההילולא, ובארצנו הקדושה, שבהם יתעוררו ויקבלו החלטות טובות להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בהליכה "בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו נס"ר"[48], ע"י הפצת התורה והיהדות, והפצת המעיינות חוצה.

והדגשה מיוחדת בשנה זו — שנת העיבור, "שנה תמימה"[64], שכל ענינים אלו צריכים להיות באופן של תמימות ושלימות, כולל גם ההשלמה והשלימות דעניני העבר (ענין התשובה), כמודגש במנינה של השנה — "תשמט ידך"[65], השמטת כל החובות כו'.

ועוד ענין עיקרי בכל הנ"ל — בהתאם להוראה שלמדים מהחיבור דשבת ור"ח, המודגשת גם בהתחלת הפרשה החסידית דשבת זו — שהעבודה תהי' באופן של "מוספים כהלכתם" ו"תמידים כסדרם" גם יחד, שתנועת הדילוג והחידוש שברגעים מיוחדים חודרת ונמשכת בעבודה המסודרת שבהמשך הזמן, היינו, שבכל עבודה שבכל רגע נרגש יחודו של רגע זה, "אם לא עכשיו אימתי"[66], וביחד עם זה, שיש לו גם המשך נצחי, כנ"ל בארוכה.

---

59) להעיר גם מהמבואר בהמשך ההילולא (ד"ה באתי לגני השי"ת פ"ה) בענין שטות דקדושה, שעל ידה מהפכים שטות דלעו"ז.

60) ואין לטעון שמ"עלמא דקשוט" אי־אפשר לידע הקשיים והסכנות שבעלמא דין (וע"ד שאמרו חז"ל (אבות פ"ב מ"ד) "אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו", במקומו דוקא, ופשיטא בעלמא דין דוקא, ולא מעלמא דקשוט) — כי, ההוראות בנוגע לקיום השליחות דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו באים (גם) ע"י ההשתטחות וקריאת הפדיונות כו' על הציון הקדוש, בעלמא דין, שלכן, יש בזה גם המעלה של הוראה ופס"ד ע"י מורה־הוראה שנמצא בעלמא דין.

61) ראה תקו"ז תס"ט (קיב, רע"א. קיד, רע"א). וראה אגה"ק ביאור לסז"ך.

62) תניא רפמ"ב.

63) ספר המנהגים חב"ד ע' 95 ואילך.

64) בהר כה, ל. ערכין לא, א — במשנה. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פי"ב ה"ה.

65) ל' הכתוב — ראה טו, ג.

66) להעיר גם מהמשך ההילולא (ד"ה באתי לגני שם) "מי הוא היודע עתו וזמנו כו'", שבזה נכלל גם היוקר דיחודו של רגע זה, כי, מי יודע אם רגע מיוחד זה יחזור עוה"פ.

יא. ויה"ר ש"מעשינו[67] ועבודתינו"[68] בכל הענינים האמורים ימהרו ויזרזו עוד יותר את "תכלית השלימות . . של ימות המשיח ותחיית המתים"[67], שאז, יעסקו בכל עניני העבודה דיום ההילולא ביחד עם בעל ההילולא, נשמה בגוף — "הקיצו[69] ורננו שוכני עפר"[70] (שהרי צדיקים [illegible] מיד[71]).

ואז יהי' גם הענין ד"בא אל פרעה" בתכלית השלימות — הן כפשוטו, בנוגע לגאולה מהגלות, "כימי צאתך מארץ מצרים"[72], שמשה בא אל פרעה בשליחותו של הקב"ה ואומר לו "עד[73] מתי"... וממשיך ואומר "בנערינו ובזקנינו נלך בבנינו ובבנותינו גו' נלך"[74] (כפי שקורין תיכף בתפלת מנחה), עד ליציאה ממצרים בפועל ממש — "בעצם היום הזה יצאו כל צבאות ה' מארץ מצרים", "בעצם היום הזה הוציא ה' את בני ישראל מארץ מצרים על צבאותם"[75], והן הפירוש הפנימי, שלימות הגילוי ד"אתפריעו ואתגליין מיני' כל נהורין", שעי"ז נעשית גם הגאולה כפשוטה[76] (או בסדר הפוך, שתחילה באה הגאולה כפשוטה, ולאח"ז נעשה שלימות הגילוי ד"אתפריעו כו' כל נהורין").

וגם הגילוי ד"וארא" לכאו"א מישראל יהי' אז בתכלית השלימות — "כי עין בעין כו' ביתר שאת ויתר עז מבמ"ת"[77].

והעיקר — שכל זה יהי' בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש[78], שבעיצומו של יום השבת ור"ח[79] זוכים לקיום היעוד[80] "והי' מידי חודש בחדשו ומידי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחוות לפני" — בבית המקדש השלישי (בירושלים עיר הקודש שבארצנו הקדושה) שיבנה במהרה בימינו ממש.

---

67) לשון רבינו הזקן בתניא רפל"ז. ועד"ז בתו"א פרשתנו נה, ב.

68) להעיר מדיוק לשון הרמב"ם בפ"י מהלכות תשובה (שיעור היומי) — שמשתמש בשתי הלשונות "מעשה" ו"עבודה": "הריני עושה מצוות התורה . . כדי שאקבל כל הברכות כו' אין ראוי לעבוד את ה' על הדרך הזה . . עובד מיראה . . יעבדו מאהבה" (ה"א), "העובד מאהבה . . עושה האמת מפני שהיא אמת . . לא עבד אלא מאהבה . . יעשה כל המצוות מאהבה" (ה"ב), "לא תעשו אלא מאהבה . . עבדו מאהבה" (ה"ד).

וי"ל שזה המקור לדיוק לשונו של רבינו הזקן "מעשינו ועבודתינו" (וראה גם לקוטי לוי"צ הערות לתניא שם. ד"ה ועתה ישראל תשכ"ז (קונטרס כ"ף מנ"א תשמ"ז) פ"ג ואילך).

69) ישעי' כו, יט.

70) כולל גם הרבניות הצדקניות ממשפחת בית הרב שנסתלקו בחודש זה — אמו זקנתו (ביו"ד שבט), אמו (בי"ג שבט), ובתו (בכ"ב שבט).

71) ראה זח"א קמ, א.

72) מיכה ז, טו.

73) בא יו"ד, ג.

74) שם, ט.

75) שם, מא־נא. וראה תו"א ר"פ בא.

76) להעיר ש"כל נהורין" כולל גם "אורו של משיח" (ראה זח"ג לד, ב).

77) תו"א פרשתנו נו, ד. ד"ה וארא גו' הנ"ל ע' רלא. וראה גם תניא פל"ו.

78) ובפרט מצד מעלת התשובה* בשלימותה, — הן מצד כללות ענין השבת (ובפרט יום השבת שבו מסיימים הלכות תשובה), הן מצד מעלת הציבור, שה"ציבור כל זמן שעושים תשובה הן נענין, שנאמר כה' אלקינו בכל קראנו אליו", כמו היחיד ב"עשרת הימים שבין ראש השנה ויום הכיפורים" (כולל גם שלימות התשובה דיוהכ"פ עצמו), כמ"ש הרמב"ם בהל' תשובה (פ"ב ה"ו), והן מצד מעלת המקום, ד' אמותיו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ששמו (הראשון) מורה על ענין ועבודת התשובה — "יוסף ה' לי בן אחר", לעשות מ"אחר" "בן" (כנ"ל הערה 7) —

ש"הבטיחה תורה" שעל ידה "מיד הן נגאלין", כפס"ד הרמב"ם (הל' תשובה פ"ז ה"ה), מיד כפשוטו, כהמשך הענין (שם ה"ז) — "צועק ונענה מיד, שנאמר והי' טרם יקראו ואני אענה".

79) להעיר מהשייכות דשבת ור"ח לגאולה: שבת — מעין "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" (ובפרט לאחרי חצות, "רעוא דרעוין" (ראה המשך תרס"ו ע' תקמב)), ור"ח — "שהם עתידים להתחדש כמותה".

80) ישעי' סו, כג — הפטרת שבת ר"ח. וראה יל"ש עה"פ (רמז תקג): "הרי שחל ר"ח להיות בשבת . . באים שני פעמים, אחד של שבת ואחד של ר"ח . . בהשכמה . . (וב)מנחה".

---

*) ראה ד"ה וארא הנ"ל, ש"בכל מאדך (אופן העבודה דבעלי תשובה) הוא המדרגה שיהי' מזה לע"ל דכתי' עין בעין יראו כו' שזה תלוי בתשובה דוקא, כמארז"ל אם ישראל עושין תשובה נגאלין כו'" (וראה לעיל הערה 24).

בס"ד. שיחת ש"פ וארא, ר"ח שבט ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

[בענין המצוות שנצטוו רק לפי שעה ואינן נוהגת לדורות]:

א. וואס אזוי וועט אויך זיין לע"ל (וואס דעמולט וועלן אלע ענינים זיין בתכלית השלימות) - בנוגע צו כמה ענינים וואס וועלן זיין בחנוכת בית שלישי ווי עס רעדט זיך אין יחזקאל, וואס "כל שיעורי הנסכים האמורין בספר יחזקאל ומנין אותן הקרבנות וסדרי העבודה הכתובים שם - כולם מלואים הן ואין נוהגין לדורות אלא הנביא צוה ופירש כיצד יהיו מקריבין המלואין עם חנוכת המזבח בימי המלך המשיח כשיבנה בית שלישי"[1].

[בענין החידוש דהוה לגבי עתיד]:

ואע"פ אז אויך דורך אננעמען א החלטה טובה באקומט מען דעם שכר[2], ווארום ה' יראה ללבב[3] - האט מען אבער א כלל אז המעשה הוא העיקר[4], און מעשה בפועל איז פאראן דוקא בהוה, משא"כ בנוגע צו א החלטה, איז דאס א החלטה וואס די מעשה שבזה וועט ערשט ארויסקומען בעתיד.

[בענין הטענה שמ"עלמא דקשוט" אא"פ לידע הקשיים והסכנות שבעלמא דין]:

וע"פ הלכה - טענה'ט דער קלוגינקער - געפינט זיך כ"ק מו"ח אדמו"ר אין עולם האמת, והראי' - אז מ'פארט אויפן אוהל און מ'ברענגט דארטן קוויטלעך.

הערט מען אבער דארטן הוראות פון נשיא דורנו (אדער ער טראכט אז ער הערט), אדער ער הערט פון א צווייטן וואס האט געהערט אז ער האט געזאגט כך וכך וכו'. וואס דערפון איז מובן אז די הוראות זיינען אראפ למטה אין עלמא דין,

ובפשטות: בשעת מ'גייט פרעגן ביי א רב אדער א ב"ד, וועלן זיי זיכער פסק'נען אז מ'דארף גיין מקיים זיין די שליחות פון נשיא דורנו אפילו אויב דאס איז פארבונדן מיט סכנה לכאורה (אדער לכאורה בפירושו אז אזוי איז טאקע די מסקנא).

* * *

---

1) רמב"ם הל' מעשה הקרבנות פ"ב הי"ד. 2) ראה שו"ע או"ח סתקע"א ס"ג. וראה תענית ח, ב. 3) ש"א טז, ז. 4) אבות פ"א מי"ז.

השלמות לשיחה ב׳

ב. בשעת מ׳האט עטלעכע ענינים - איז ע״פ הלכה דארף מען אנהויבן מיט דעם ענין שהזמן גרמא.

ובנדו״ד: מ׳פארענדיקט היינט דעם ערשטן ספר אין רמב״ם (ספר המדע). דערפאר איז כאן הזמן צו מעורר זיין, אז די וואס האבן נאך ניט פארענדיקט לערנען היינטיקן שיעור - זאלן זיי דאס פארענדיקן נאך בעוד יום, אזוי ווי דאס איז בנוגע צו אנדערע שיעורי היום, אז מצוה מן המובחר אז מ׳זאל זיי פארענדיקן בו ביום, אדער אויב מ׳האט דאס ניט פארענדיקט ביום (מאיזה סיבה) - עכ״פ ביז חצות לילה, אדער ביז עלות השחר (ווי דאס איז ע״פ תורה בנוגע צו זמן קריאת שמע. און נאר כדי להרחיק את האדם מן העבירה זאגן די חכמים ״עד חצות״).

[ויש לומר א לימוד מזה אויך בנוגע צו גלות, שנמשלה ללילה: לכולי עלמא געפינט מען זיך איצטער נאך חצות ליל הגלות, קרוב לסיום הלילה, ס׳איז שוין ״כלו כל הקצין״[5], ווי מ׳האלט אין איין שרייען און מאנען ״עד מתי״, און משיח האט שוין פון לאנג געדארפט קומען, נאר מפני סיבות שונות איז עדיין לא בא.

האט יעדער איד דעם כח צו משלים זיין עבודתו בסיום ליל הגלות - וואס מן התורה איז דאס עד עלות השחר - און ברענגען אור הגאולה].

צווישן די טעמים לזה (פארוואס מ׳דארף מסיים זיין דעם שיעור יומי בו ביום און דאס ניט דוחה זיין לימים שלאח״ז): א) לימוד התורה בכלל (אזוי ווי אלע מצוות) דארף זיין מתוך זריזות. ב) ובפרט אין חלק ההלכות שבתורה - ווייל ידיעת ההלכה קען זיין נוגע למעשה בפועל, דארף ער דאס לערנען וואס פריער, טאמער עס וועט זיין נוגע לפועל. ג) ובפרט אין הלכות וואס זיינען נוגע ליום זה במיוחד, ובנדו״ד - הל׳ תשובה, וואס האט א שייכות מיט שבת.

* * *

השלמות לשיחה ג׳:

[בנוגע לשימת לב מיוחדת שצ״ל בהו״ל ספר חדש]:

ג. ע״ד ובדוגמא א יום הולדת, וואס איז א התגלות חדשה, און דערפאר פארבינדט מען דאס מיט א שמחה מיוחדת מיט כמה מנהגים

---

5) סנהדרין צז, ב.

וכו׳.

[בענין שהתפעלות בהו״ל ספר חדש הוא גם מצד טבע הנה״ב]:

נאר די ״בהמה״ אין זיין נה״ב קען אים אמאל איינרעדן אז דער ענין האט ניט קיין שייכות מיט אים בנוגע למעשה בפועל, אבער בכל אופן - בשעת ס׳איז דא א דבר חדש, איז אפילו מצד טבע פון נה״ב וויל ער וויסן וואס דאס איז.

ד. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב פארשידענע פעולות טובות, כולל פעולות במוצאי שבת זה, און נאך ביום השבת

- וואס צווישן די צעטלעך וואס כ׳באקום, האב איך אויך באקומען א צעטל אז דעם שבת קומט פאר א ״פגישה עם חב״ד״ (אז מ׳טרעפט זיך מיט חב״ד) אין 770 אין ברוקלין (ווי מ׳האט עס אפדדרוקט אויף לשון המדינה). וויבאלד אז מ׳נוצט דעם לשון אז מ׳טרעפט זיך מיט חב״ד, איז א ראי׳ אז מ׳איז נאך ניט חב״ד - איז יהי״ר אז זיי זאלן ווערן אינגאנצן דורכגענומען מיט חב״ד, ביז זיי ווערן ״חב״ד׳ניקעס״, אזוי אז בשעת זיי טרעפן זיך מיט אנדערע ווערט דאס א ״פגישה עם חב״ד״, און זיי פועל׳ן אז אויך אנדערע ווערן ״חב״ד׳ניקעס״ -

זאלן זיי (די וואס האבן צוגעשטעלט משקה) ארויפגיין אויבן, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די מסובים כאן. און מאכן א התחלה בזה איצטער - דורך טיילן פון דער משקה, עכ״פ א מקצת, צו א מקצת פון די מסובים כאן, וועלכע זיינען כולל כולם.

ויה״ר אז די פעולות זאלן שוין מסיים זיין דער גמר הבירורים פון מעשינו ועבודתינו, וועלכע ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, און אלע אידן גייען אין ארץ ישראל, ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו״[6].

דערפאר איז מען אויך מסיים מיט א שירה וזמרה (וואס איז שייך צו אלע אידן בשוה, בנערינו ובזקנינו גו׳) וועגן דעם ענין פון ״בנין״ - ״שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״.

ויה״ר אז אין ״בימינו״ (לשון רבים) גופא, זאלן דאס זיין ביום זה עצמו, ובתחלת היום, וויבאלד אז מצדו (מצד משיח) ומצדנו איז אלץ גרייט, מ׳דארף נאר האבן ״תשועת ה׳״ וואס איז

---

6) בא י, ט.

״כהרף עין״, ובזה גופא - הרף עין הראשון,

ובנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, קהל גדול ישובו הנה[7].

[לאחר חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ה. אזוי ווי מ׳גייט איצטער לייענען דער אנהויבס פון פ׳ בא, וועלכע איז כולל כל הפרשה כולה, וואס אין דער פרשה זיינען פאראן ענינים עיקריים ויסודיים בתורה, ביז אן ענין וואס איז כולל כל התורה כולה -

איז יהי רצון אז יעדער איד זאל מגלה בפועל זיין שייכות מיט כל התורה כולה, און אלע כחות וואס מ׳גיט אים מלמעלה,

ובפרט אז בא יעדער איד איז געווען מלמדין אותו כל התורה כולה בשעת ער איז געווען במעי אמו, און ס׳איז געווען ״נר דלוק על ראשו״[8], אפילו על ראשו, עאכו״כ אז ס׳איז דולק ומאיר בכל הגוף כולו, ביז דער חלק הכי תחתון, און דאס איז בא יעדער איד בשוה.

און אלע אידן גייען צוזאמען - מתוך אהבת ואחדות ישראל - אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, ״עיר שחוברה לה יחדיו״[9], להר הקודש, ולבית המקדש (עומדים צפופים ומשתחוים רווחים[10]) ולקדש הקדשים,

ומתוך שמחה וטוב לבב.

כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה לנגן ״שיבנה ביהמ״ק״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---

7) ירמי׳ לא, ז. 8) נדה ל, ב. 9) תהלים קכג, ב. ירושלמי חגיגה פ״ג ה״ו. 10) אבות פ״ה מ״ה.

---- * ----

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

הכתובת לחשיג "התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ בא, ח' שבט
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ בא, ח' שבט ה'תשמ"ט.

א. היינט איז דער שבת פאר יו"ד שבט, דער יארצייט-הילולא פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

וואס אין דעם שבת (שמיני' מתברכין די קומענדיקע ימי השבוע[1]) הויבט מען זיך אן גרייטן און מ'שטעלט דעמולט אויס די עבודה פון דער קומענ-דיקער וואך, כולל ובמיוחד די ספעציעלע טעג פון דער וואך, ובענינינו - דער טאג פון יו"ד שבט,

ביז אז אין דעם שבת הויבט מען שוין אן פראוועז דעם יאר-צייט - כידוע די פארשידענע מנהגי ישראל אין דעם שבת פאר א יארצייט: מ'איז דעמולט עולה לתורה[2], וכיו"ב.

ב. איינער פון די ביאורים אין דעם (וואס די הכנות צו דעם יארצייט הויבן זיך אן אין דעם שבת שלפניו):

אין דעם יארצייט (ועאכו"כ פון א צדיק, ווערט אן עלי' שלא בערך אין דער נשמה פון דעם צדיק[3], און "כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד בה כל ימי חייו" איז דעמולט עולה ונכלל למעלה[4], און דאס איז "מתגלה ומאיר בבחי' גילוי מל-מעלה למטה..ופועל ישועות בקרב הארץ"[5].

דערפון איז פארשטאנדיק בנוגע דעם יארצייט פון א נשיא הדור, ווי דער יארצייט בנדו"ד פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו - אז דורך דער עלי' שלא בערך וואס ווערט דעמולט אויפ-געטאן אין דעם נשיא הדור, ווערט אויך אן עלי' (שלא בערך) אין כל אנשי הדור, ווא-רום "הנשיא הוא הכל"[6], ו"בתר רישא גופא אזיל"[7].

און וויבאלד אז דער טאג פון יארצייט ווערט געבענטשט פון דעם שבת שלפניו, דעריבער הויבט זיך שוין אן דעמולט די עלי' (אין דעם צדיק ונשיא, און אין כל אנשי הדור). ובפרט

---

1) זח"ב סג, ב. פח, א.

2) ס' המנהגים-חב"ד ע' 79. וש"נ.

3) כמובן ממ"ש בכתבי האריז"ל (שער הכוונות ענין הקדיש. פע"ח שער הקדישים ספ"א בהג"ה. סידור האריז"ל קודם עלינו. ועוד. הובא בשיורי ברכה לשו"ע יו"ד סו"ס שעו) שאמירת קדיש (אפילו בתוך הי"א חודש) שייך ג"כ לעליית הנשמה ממדריגה למדריגה בג"ע עצמו, ועאכו"כ אמירת קדיש ביום היארצייט בכל שנה, ועאכו"כ בנוגע לצדיק (שגם בתוך הי"א חודש הרי אמירת הקדיש היא רק בשביל העליות) - ראה בארוכה קונטרס משיחת ש"פ שמות שנה זו.

4) אגה"ק סי' זך (קמז, א-ב). וראה סידור שער הל"ג בעומר (דש, ב-ג). ועוד.

5) אגה"ק סי' כח (קמח, א).

6) פרש"י חוקת כא, כא.

7) עירובין מא, א. וראה סוטה מה, ב.

אז ביום השבת בכלל ווערט אויפגעטאן עליית כל העולמות (ועליית הזמן כו׳), איז דאך זיכער אז דעמולט ווערט אן עלי׳ מיוחדת אין דער נשמה פון דעם בעל ההילולא, און על ידי זה - אין כל הדור כולו.

ובהתאם לזה זיינען פאראן די מנהגים אין דעם שבת לפני יום ההילולא[8], וביניהם - אז מ׳איז דעמולט עולה לתורה, וכידוע[9] אז דורך אן עלי׳ לתורה ווערט אויפגעטאן אן עלי׳ אין דער נשמה פון דעם עולה לתורה, און אין אלע דרגות שבה, ביז אויך אין אלע כחות הנפש, און אויך אין די לבושי הנפש - מחשבה דיבור ומעשה.

ג. אין דער עלי׳ פארבונדן מיט יו״ד שבט קומט צו א חידוש דעם יאר (תשמ״ט) - ווען עס הויבט זיך אן דער **שנת הארבעים** פון דעם יום ההילולא יו״ד שבט תש״י:

די תקופה פון ארבעים שנה איז ספעציעל אויסגעטיילט אין תורה. ווי עס שטייט אין ספר דברים[10], אז אין דעם שנת האר-בעים במדבר האט משה געזאגט די אידן: ״אתם ראיתם את כל אשר עשה ה׳ לעיניכם בארץ מצרים גו׳ המסות הגדולות אשר ראו עיניך האותות והמופתים הגדול-ים ההם״. און דערנאך איז ער ממשיך, אז איצטער, אין דעם שנת הארבעים, ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״.

און חז״ל לערנען דערפון אפ[11], אז ״לא קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳ עד ארבעין שנין״ (לדעת סוף דעתו ותבונתו), ובלשון רש״י (עה״פ): ״אין אדם עומד על סוף דעתו של רבו וחכמת משנתו עד ארבעים שנה״[12].

דאס הייסט, אז דער ערשטער נשיא ישראל, משה רבינו, זאגט אידן, אז שטייענדיק אין דעם פערציקסטן יאר זינט מ׳איז ארויס פון מצרים, און לאחרי וואס מ׳האט געזען די אלע אותות ומופתים - הויבט זיך איצטער אן א נייע תקופה (סיי בנוגע צו משה[13] און סיי בנוגע צו אלע אידן), מצד דעם וואס ״נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳״, און ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״.

אז נאך דער עבודה פון די אלע יארן אין מדבר באקומען אלע אידן[14] (אין דעם שנת האר-

---

8) ראה מכתב מר״ח שבט תשי״א - נדפס בלקו״ש חי״א ס״ע 216 ואילך. ס׳ המנהגים-חב״ד ע׳ 95 ואילך. אגרות קודש ח״ד ע׳ קמד ואילך.

9) לקו״ד ח״א כה, ב ואילך. ס׳ השיחות תש״ב ע׳ 75.

10) תבוא כט, א ואילך.

11) ע״ז ה, ריש ע״ב.

12) וראה אבות ספ״ה: בן ארבעים לבינה. וראה מפרשי המשנה שם.

13) כדמשמע מפרש״י ותוס׳ ע״ז שם. וראה אוה״ת תבוא עה״פ (ס״ע תתשלד). - ולהעיר מאוה״ת דברים (ע׳ יח), שהארבעים יום של משה בהר סיני הם כנגד הארבעין שנין דקאי אינש אדעתי׳ דרבי׳ (כי יום למעלה חשיב שנה).

14) גם מי שהוא בבחי׳ ״אינשי״, שמורה על חלישות ופחיתות האדם

בעים) גאר א נייעס, שלימות׳דיקן פארשטאנד אין ״דעתי׳ דרבי׳״, דער אויבערשטער[15] כביכול (בדוגמא ווי א תלמיד וואס איז ״קאי אדעתי׳ דרבי׳״ דורך זיין התעמקות במשך ארבעים שנה אין שכל הרב). ביז אין אן אופן פון ״קאי אדעתי׳ דרבי׳״, ער שטעלט זיך אוועק און ער בלייבט קיים אויף ״דעתי׳ דרבי׳״, אזוי אז דאס נעמט דורך זיינע גאנצע מוחין: ״סוף דעתו ותבונתו״ ״וחכמת משנתו״[16] - חכמה בינה ודעת.

און נאכמער: נוסף[17] צו דעם וואס ״קאי אדעתי׳ דרבי׳״ (דורך עבודת האדם במשך די ארבעים שנה), איז צוגעקומען א סיוע וכח מלמעלה[18] - ״נתן ה׳ לכם לב לדעת וגו׳״.

און די נתינה מה׳ נעמט אינגאנצן דורך זייער גאנצע מציאות - ״לב לדעת עינים לראות ואזנים לשמוע״, וואס יש לומר אז דאס איז כולל כל כחות האדם: ״עינים לראות״, ״אזנים לשמוע״ און ״לדעת״ - כנגד די ג׳ מוחין חכמה בינה דעת[19], און ״לב״[20] - די מדות[21], און וואס דערפון קומט עס אראפ אין די ג׳ לבושים, מחשבה דיבור ומעשה.

ד. אזוי איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו משה שבדורנו, נשיא דורנו:

בתחלת שנת הארבעים[22] פון זיין הילולא ביו״ד שבט תש״י (ווען עס איז געשטאנען בגלוי דער סך-הכל פון ״כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד בה כל ימי חייו״), לאחרי ווי מ׳האט געזען ״אותות ומופתים״ און מ׳איז דורכגעגאנגען די אלע ארבעים שנה אין ״מדבר העמים״

(כידוע החילוק בין ד׳ תוארי האדם) - ראה לקו״ת שה״ש כה, א. ד״ה ואיש כי ימרט תרכ״ט. ובכ״מ.

15) וכמ״ש בנוגע להמן (שעי״ז נעשה הכנה ל״נתן לכם ה׳ לב לדעת גו׳ כלדקמן הערה 18) ״ויענך וירעבך ויאכלך את המן גו׳ למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם כי אם על מוצא פי הוי׳ יחי׳ האדם״ (עקב ח, ג). וראה אוה״ת תבוא ע׳ כ׳שצו, ש״נתן ה׳ לכם לב לראות ואזנים לשמוע״ - ״פי׳ לראות שהכל רק דבר ה׳ כו׳״.

16) ולהעיר אשר ״משנתו״ - כפשוטו - היינו מה שמבין מלבו מתוך מה ששמע מאחרים ולמד, שזה ״תבונה״ (פרש״י תשא לא, ג).

17) ראה לקו״ש ח״י ע׳ 337 ואילך.

18) ראה לקו״ת ס״פ תבוא (מד, רע״א-ב), ש״ולא נתן ה׳ כו׳, פי׳ בחינת לב טהור שנותנים מלמעלה לא יכול נברא להשיג על ידי אתערותא דילי׳״ (וראה שיחת י״ב תמוז תשכ״ז), וגילוי זה הי׳ ע״י עינויים וסיגופים של ענין המן (ויענך וירעיבך גו׳). וראה אוה״ת תבוא ע׳ תתשכב.

19) ראה לקו״ש שם ע׳ 338 הערה ד״ה לב..נשמע.

20) ולב לדעת - כי דעת מפתחא דכליל שית כו׳ (אוה״ת שם).

21) ויש לומר הטעם שדוקא ע״י הנתינה מה׳ (״נתן ה׳ לכם״) נאמר גם ״לב״ (המדות), משא״כ בע״ז שם שמדבר בהעילוי שע״י עבודת האדם (״קאי״) נזכר רק ״דעתי׳ דרבי׳״, מוחין - כי: ע״י עבודת האדם (אתעדל״ת) בכחו לפעול רק במוחין שלו, ואילו המשכת מדות הלב הוא דוקא מלמעלה, כתורת אדה״ז בהטעם שנאמר ״והסירותי לב האבן״ ולא ״מוח האבן״.

22) ואף שזהו רק התחלת שנת הארבעים - הרי גם דיבורו של משה לבנ״י (״לא נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳ עד היום הזה״) לא הי׳ בסיום הארבעים

אין גלות - הויבט זיך אן א נייער סדר און א נייע תקופה, אז עס ווערט ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״, און ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״.

יעדער איד פון דעם דור[23] דערגרייכט צו א נייעם שלב אין זיין פארשטאנד און פארבונד מיט ״רבי׳״ - נשיא דורנו, ביז אז ער שטעלט זיך אוועק (קאי) אויף ״דעתי׳ דרבי׳״ (אע״פ וואס אויך דעמולט בלייבט ער ״רבי׳״ שלמעלה ממנו),

אזוי אז דאס נעמט דורך און הויבט אויף זיין גאנצן מציאות, סיי די מוחין און סיי די מדות, ביז אז דאס קומט ארויס אין זיין הנהגה בפועל במחשבה דיבור ומעשה, אז דאס אלץ ווערט בתכלית השלימות.

ה. דער פארגלייך פון די ארבעים שנה של דור זה מיט די ארבעים שנה בדור משה - איז נאך שטארקער:

יש לומר אז די שלימות צו וועלכע אידן האבן דערגרייכט בשנת הארבעים (אז ״נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳״, ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״) איז אויך געווען א הכנה צו ארייינגיין דערנאך (לאחרי די ארבעים שנה[24]) אין ארץ ישראל[25] - ווארום די כניסה לארץ ישראל איז די שלימות (הכוונה) פון יציאת מצרים[26]. און דעריבער,

שנה ממש* (כ״א בחודש שבט, ב׳ חדשים לפני הכניסה לארץ)**. ומזה מוכח שהענין ד״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״ הוא לאו דוקא בסיום שנת הארבעים, אלא גם באמצע השנה, ועד שהתחלתה היא - בתחלת שנת הארבעים.

23) גם אלו שהיו קטנים בשנת תש״י (ראה, גם תויו״ט שם), ואפילו אלו שנולדו אח״כ - כמו שדברי משה היו לכל הדור (״נתן ה׳ לכם״), גם אלו שנולדו במשך הארבעים שנה לאחרי יצי״מ.

ויתירה מזה: דברי משה היו לא רק בנוגע ל״האותות ומופתים״ שהיו במצרים, אלא גם אלה שהיו במשך הארבעים שנה [וגם זה ש״מכאן ואילך יקפיד״ (פרש״י תבוא שם) - ה״ז לא רק בנוגע להמצוות שנצטוו במ״ת, אלא גם המצוות שנצטוו עליהם במשך הארבעים שנה, עד לסיומם - מצות נחלות וכיו״ב], אף שלא עברו מאז מ׳ שנה.

ויש לומר הטעם: לאחרי שיש איש אחד עכ״פ (ובפועל היו הרבה יותר מזה) שקאי אדעתי׳ דרבי׳ לאחרי (התחלת) מ׳ שנה - ביכלתו להסביר עומק דעת הרב כו׳ גם לאחרים (ראה בארוכה שיחת י״ב תמוז תשכ״ז). ועוד ועיקר: השלימות דמ׳ שנה היא גם בנוגע לנשיא הדור, כנ״ל בפנים (בנוגע למשה רבינו), ועל ידו נמשכת שלימות זו לכל אנשי הדור (כי הנשיא הוא הכל).

*) ואין לומר שכוונת משה היתה לסיום השנה ממש (אלא שאז יחי׳ כבר לאחרי התסלקותו, ולכן דיבר עמהם עכשיו ע״ש העתיד) - כי משה אמר ״עד היום הזה״, היינו היום שדיבר עמהם משה (בחודש שבט).

**) ובפרט ע״פ מדחז״ל (ראה ב״ר ס״פ תבוא. וראה מחז״ו ותויו״ט אבות ספ״ה) ש״לא נתן לכם לב לדעת גו״״ קאי על הארבעים שנה (גם) מזמן מתן תורה, שהי׳ בחודש סיון.

24) ראה לקו״ת מסעי (צא, ריש ע״ב), שאף שהגזירה להתעכב ארבעים שנה במדבר היתה מחמת חטא המרגלים, ״עכ״ז הרי הוא ית׳ הוא סיבת הסיבות כו׳״, עיי״ש.

25) ראה אוה״ת תבוא ע׳ תתשכב, שמקשר הגילוי ד״נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳״ עם הכניסה לארץ ישראל, שהוא גילוי דבחי׳ פב״פ כו׳.

26) כהבטחת הקב״ה כו״כ פעמים: לאברהם בברית בין הבתרים, וכן למשה: ״וארד להצילו מיד מצרים ולהעלותו מן הארץ ההיא אל ארץ טובה ורחבה אל ארץ

נאכדעם וואס עס זיינען דורך ארבעים שנה זינט ״אתם ראיתם את כל אשר עשה ה׳ לעיניכם בארץ מצרים״, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות גו׳״ (אזוי אז דאס האט דורכגענומען זייער גאנצע מציאות - מוחין ומדות כו׳), דעמולט זיינען זיי געווארן אינגאנצן מוכן צו אריינגיין אין ארץ ישראל, ארץ נושבת, און טאן די עבודה פון קיום המצוות התלויות בארץ, ביז - בנין בית המקדש, דורך וועלכע עס ווערט השראת השכינה למטה (- כוונת כל הבריאה כולה[27]).

וע״פ המבואר בכ״מ[28], אז די עבודה אין גלות זה האחרון (אין ״מדבר העמים״[29]) אלס הכנה צו דער גאולה העתידה, איז בדוגמא צו דער עבודה אין די ארבעים שנה במדבר אלס הכנה צו דער כניסה לארץ ישראל - איז פארשטאנדיק, אז אזוי איז אויך בדור זה, דור האחרון אין גלות - אז לאחרי ארבעים שנה זינט דער הילולא פון משה רבינו שבדורנו בשנת תש״י, ווערט בא יעדערן פון דעם דור ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״,

און דאס ווערט אויך די הכנה צו דער כניסה וביאה לארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה, אזוי ווי ס׳איז געווען בא יציאת מצרים - ״כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״[30], וואס די שלימות בזה איז די כניסה לארץ ישראל כנ״ל.

ו. די תקופה חדשה פון ארבעים שנה וועלכע הויבט זיך אן דעם קומענדיקן יו״ד שבט ווערט געבענטשט פון דעם שבת, וועלכער איז ממשיך נאכמער כח אין דער עבודה פון דער נייער תקופה,

ווארום ביום השבת ווערט אויפגעטאן אן עלי׳ אין אלע ענינים (כנ״ל), און די עלי׳ נעמט אינגאנצן דורך א אידן, מיט אלע זיינע כחות, ומתוך תענוג (וקראת לשבת עונג[31]) און שמחה (וביום שמחתכם אלו השבתות[32]) וועלכע איז מרחיב כל כחות האדם, און אויך די לבושים מחשבה דיבור ומעשה.

און דעריבער, גיט דאס נאכמער כח אין דער עבודה פון ארבעים שנה, וועלכע טוט אויף א חידוש אין דער גאנצער מציאות וכל הכחות פון א אידן - ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״, סוף דעתו ותבונתו וחכמת משנתו. ״לב לדעת עינים לראות ואזנים לשמוע״, ביז אין מחשבה דיבור ומעשה, כנ״ל.

וביום השבת עצמו איז דאס

זבת חלב ודבש״, ״והוצאתי אתכם גו׳ והבאתי אתכם אל הארץ גו׳״.

27) ראה המשך ההילולא - באתי לגני ה׳שי״ת.

28) ראה לקו״ת ד״ה אלה מסעי וביאורים. אוה״ת וכו׳ עה״פ. וראה בחיי, אוה״ת, ועוד - ר״פ מסעי. לקו״ת ר״פ נשא. ובכ״מ.

29) יחזקאל ל, כה.

30) מיכה ז, טו.

31) ישעי׳ נח, יג.

32) ספרי בהעלותך יא, יא.

נאך שטארקער לאחרי קריאת התורה, וועלכע טוט אויף אן עלי' אין דעם עולה לתורה בכל הדרגות והכחות שלו, ובפרט אז די עלי' איז מיט א ברכה (לפני' ולאחרי') **בשם ומלכות**[33], וואס דאס באווייזט אז די ברכה והמשכה נעמט דורך כל הדרגות, ביז סופא דכל דרגין (מלכות), ובעבודה - כל כחות האדם (מוחין ומדות), ביז די לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה[34].

ז. אין קריאת התורה עצמה לייענט מען דעם שבת - פ' בא[35].

וע"פ המבואר לעיל איז פאר-שטאנדיק דער קשר פון דער פרשה מיט התחלת שנת הארבעים:

דער תוכן פון דער פרשה איז וועגן (דער סוף פון גלות מצרים און) **יציאת מצרים**. וואס די שלימות בזה איז די כניסה לארץ ישראל וואס איז געווען **ארבעים שנה** לאחרי זה, וואס דעמולט איז "נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות גו'" צו זען בשלימות "כל אשר עשה ה' לעיניכם בארץ מצרים גו'", און דערנאך (לאחרי סיום הארבעים שנה) איז מען אריין בפועל אין ארץ ישראל, כנ"ל.

ועד"ז איז אויך איצטער, אין דעם דור האחרון פון גלות - כמ"ש "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", "כימי" לשון רבים, ווייל "מזמן יציאת מצרים עד גאולה העתידה לבוא בב"א הם ימי צאתך מארץ מצרים"[36] [נאר בגאולה העתידה וועלן זיין "נפלאות" אפילו בערך צו די נפלאות ביצי"מ[37], אבער דאס איז אלץ א המשך פון גאולת מצרים, ווען עס האט זיך אויפגעעפנט - פתיחת הצנור דגאולה[38]] - אז לאחרי די לעצטע תקופה פון ארבעים שנה אין סוף גלות זה האחרון, ווערט די שלימות פון "ימי צאתך מארץ מצרים", ווארום אידן האבן דעם "לב לדעת וגו'", און מ'גייט גלייך אריין אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה.

ח. צווישן די מצוות עיקריות וועלכע באצייכענען דעם ענין פון יציאת מצרים - איז די מצוה פון **תפילין**, וואס דער **היינטיקער** שיעור חומש (כולל - די עלי' למפטיר) באשטייט פון די ערשטע[39] צוויי פרשיות

---

33) נוסף לשאר הברכות בשם ומלכות ביום שבת זה, כולל הברכות בתפלת העמידה (של ערבית ושחרית ומנחה), גם ברכות הראשונות - שהרי "הגדול" הנאמר בתחלתו הוא (חשוב כמו) "מלכות", ו"כולהו בתר דראשונה גרירי" (ב"י או"ח סרי"ד. ט"ז ובאר היטב שם).

34) שהם כנגד הג' קוים בה"א האחרונה (תו"א צה, סע"ב. לקו"ת ר"פ בלק. ד"ה היושבת בגנים (בהמשך ההילולא) ה'שי"ת פ"ח) - ספירת המלכות.

35) ולהעיר שההסתלקות היתה בשבת פ' בא.

36) רד"ה כימי צאתך תש"ח (ע' 159. ע' 164).

37) אוה"ת נ"ך עה"פ מיכה שם.

38) ד"ה כימי צאתך שם (ע' 164).

39) ראשונות גם במעלה - ראה לקו"ש חכ"ו ע' 321 הערה 12.

שבתפילין[40].

אין דעם שיעור חומש שטייט[41]: ״והי׳ לך (יציאת מצרים[42]) לאות על ידיך ולזכרון בין עיניך למען תהי׳ תורת ה׳ בפיך כי ביד חזקה הוציאך ה׳ ממצרים״[43].

דער ענין פון מצות תפילין איז צו אויפטאן שעבוד הלב והמוח[44] (ביז אז די כוונה איז א חלק פון מצות תפילין[45]) - ״לאות על ידיך״ (כנגד הלב) ״ולזכרון בין עיניך״ (על המוח שבראש), צו משעבד זיין דעם לב ומוח צו דעם אויבערשטן,

ביז אין אן אופן אז דאס קומט אראפ און נעמט דורך די מחשבה דיבור ומעשה[46] פון דעם אידן - ״למען תהי׳ תורת ה׳ בפיך״, און אין קיום כל המצוות, וואס הוקשה כל התורה (המצוות) לתפילין[47].

ועפ״ז יש לומר, אז דער ענין התפילין בשיעור חומש (מיט וועלכע מ׳דארף לעבן דעם שבת[48] וועלכע בענטשט תחלת שנת הארבעים פון דעם יום ההילולא) גיט א כח מיוחד אין דער שלימות וואס ווערט אויפגעטאן אין דעם מוח ולב פון אידן (״לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״, ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״) בשנת הארבעים[49].

ויש לומר נאכמער, אז כשם ווי שלימות יציאת מצרים בכלל איז בשנת הארבעים, און בפרט ע״י הכניסה לארץ (כנ״ל) - אזוי איז דאס אויך בנוגע צו שעבוד הלב והמוח ע״י תפילין, אז די שלימות בזה איז בשנת הארבעים, ווען מ׳איז אריין אין ארץ ישראל[50], ווארום דעמולט איז געווען דער ״נתן ה׳ לכם לב לדעת וגו׳״.

ט. ולהוסיף, אז אויך דער היינטיקער שיעור רמב״ם איז אין הלכות תפילין. ובסיום השיעור[51] שטייט[52]: כל הרגיל

---

40) ראה מכליתא סוף פרשתנו. מנחות לד, ב. טושו״ע (ואדה״ז) או״ח ר״ס לב.

41) יג, ט.

42) פרש״י עה״פ.

43) ועוה״פ בסיום הפרשה ממש (שהכל הולך אחר החיתום): והי׳ לאות על ידכה ולטוטפות בין עיניך כי בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים.

44) טושו״ע או״ח סכ״ה ס״ה. שו״ע אדה״ז שם סי״א.

45) ב״ח לטואו״ח שם. ועוד.

46) ראה לקו״ש חכ״ו שם ואילך, שבמצות תפילין במיוחד מתאחדים הג׳ ענינים דמחשבה דיבור ומעשה. ועיי״ש השייכות עם חב״ד ונשיאי חב״ד, כולל - נשיא דורנו, בעל ההילולא דיו״ד שבט.

47) קידושין לה, א.

48) די״ל שגם בשבת (ויו״ט) לא חסר (האות ד)מצות תפילין - ראה לקו״ש שם ע׳ 322 הערה 21.

49) ולהעיר מקידושין לז, סע״ב: עשה מצוה זו (תפילין) שבשבילה תכנס לארץ.

50) להעיר מהשקו״ט באם הניחו תפילין במדבר. וגם להדיעות שהניחו תפילין - עד שנת הארבעים הניחו תפילין רק עם ב׳ פרשיות הראשונות, כי ב׳ פרשיות האחרונות נאמרו בשנת הארבעים (ראה בכ״ז תורת שלימה כרך יב במילואים ע׳ רמט ואילך).

51) ע״ד סיום השיעור חומש בתושב״כ - ראה לעיל הערה 43.

52) פ״ד הכ״ו. ממנחות מד, סע״א ואילך.

בתפילין מאריך ימים שנאמר[53] ה׳ עליהם יחיו [אותם שנושאין עליהם שם ה׳ בתפילין יחיו[54]].

דער לימוד דערפון בשייכות מיט התחלת שנת הארבעים פון דער הילולא:

די עלי׳ שלא בערך וואס ווערט אויפגעטאן אין כל אנשי הדור (דורך דער עלי׳ אין דער נשמה פון דעם בעל ההילולא, נשיא הדור), ובפרט בתחלת שנת הארבעים וועט עס קומט צו א חידוש אין דעם שעבוד הלב והמוח (״לב לדעת גו׳״) פון יעדער איד צו דעם אויבערשטן, אזוי אז ער ווערט ״רגיל״ באופן חדש לגמרי אין דעם ״ה׳ עליהם״ (ענינו פון מצות תפילין), וואס ער איז דער מקור החיים ומחי׳ חיים - דריקט זיך אויס לכל לראש אין א הוספה בחיים גשמיים פון יעדער איד - אריכות ימים ושנים טובות בא כל אנשי הדור אלס נשמות בגופים בפשטות ובגשמיות.

ויש לומר אז דורך די רגילות בתפילין ע״י ראש המשפחה - ווערן נמשך אלע המשכות והשפעות (פון אריכות ימים) צו דער עקרת הבית און צו כל בני המשפחה (אויך די וואס זיינען פטור פון תפילין)[55]. ובפרט אז בא כל בני המשפחה קומט אויך צו אין תוכן ענין של מצות תפילין - שעבוד הלב והמוח, ״לב לדעת גו׳״.

און בשעת מ׳גיט א אידן גשמיות, מאכט ער דערפון רוחניות, כפתגם הידוע פון דעם אלטן רבי׳ן[56]: ״דער אויבערשטער גיט אונז גשמיות מיר זאלן דערפון מאכן רוחניות״. ועאכו״כ בשעת מ׳גיט דעם אידן חיים גשמיים מתוך בריאות הנכונה - מאכט ער דערפון חיים רוחניים, דורך פארבינדן זיין טאג טעגלעכן לעבן ואריכות ימים מיט אמיתית מקור החיים - ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים גו׳[57], וואס ווערט נמשך דורך תורת חיים און מצוות שעליהן נאמר ״וחי בהם״[58].

ביז אז עס ווערט ביי אים אריכות ימים אויך לויטן פירוש[59] אין ״יום שכולו ארוך״ - אז ״גם בתחלתו הוא ארוך״, ד.ה. אריכות ימים אויך באיכות, ווי פארשטאנדיק בפשטות צו יעדערן: דורך דעם וואס א איד פילט אן זיין טאג מיט א אן אמת׳ן אינהאלט, פון טוב וצדק ויושר, ועאכו״כ אין טוב אויף וועלכן מ׳זאגט אין טוב אלא תורה - איז יעדער רגע פון דעם טאג (אויך די ערשטע

53) ישעי׳ לח, טז.

54) פרש״י מנחות שם. הובא בכס״מ לרמב״ם שם.

55) דאף שפטורים ממצות תפילין - אא״פ לומר שחסר אצלם ההמשכות שעל ידו.

56) ״היום יום״ כ״ז טבת. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ רסה. וראה ״היום יום״ כ״ז אלול.

57) ואתחנן ד, ד.

58) אחרי יח, ה.

59) תו״א יח, ד.

רגעים) א ״לאנגער״ און ״פולער״.

י. ע״פ על הנ״ל איז מובן, אז שטייענדיק בא דעם שוועל פון התחלת שנת הארבעים מהילולא כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, ווען ״נתן ה׳ לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״, און ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״ - דארף זיך אנהויבן בא יעדערן א נייער סדר העבודה בכל כחות הנפש ולבושי מחשבה דיבור ומעשה - אין אלע ענינים פאר-בונדן מיט נשיא דורנו, אין גיין ״בדרך ישרה אשר הורנו מדרכיו ונלכה באורחותיו נס״ו״, מיט אזא שטורעם אז בערך צו דער עבודה ביז איצטער איז די עבודה מכאן ולהבא מיט א נייעם אופן פון ״לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״ אין עצם ופנימיות כוונת נשיא דורנו.

ובכללות - אויסנוצן די טעג [ובפרט אז דער אויבערשטער בענטשט מיט אריכות ימים], אז זיי זאלן זיין ימים ארוכים ומלאים ברוחניות (אזוי אז אויך בתחלתו הוא ארוך) - אנ-געפילט מיט לימוד התורה וקיום המצוות בהידור (וואס הוקשה כל התורה כולה לתפילין),

און אזוי אויך משפיע זיין אויף אנדערע, ובדרכי נועם ובדרכי שלום, צוזאמען מיטן תוקף המתאים - הפצת התורה והיהדות, און הפצת המעינות חוצה, בהתאם צו די הוראות פון דעם בעל ההילולא,

ובכללות - ווי מרומז אין דעם נאמען פון דעם בעל ההילולא: ״יוסף״ - די עבודה פון ״יוסף ה׳ לי בן אחר״[60], מאכן אז אויך פון ״אחר״ זאל ווערן בגלוי א בן להקב״ה. און ״יצחק״ - מתוך צחוק ושמחה וטוב לבב.

יא. אנהויבנדיק, כמובן, פון דעם ענין שהזמן גרמא - די מנ-הגים פארבונדן מיט דעם יאר-צייט, מתחיל פון דעם שבת (די עלי׳ לתורה וכו׳), און דערנאך בערב יום ההילולא, ועאכו״כ אין דעם יום ההילולא עצמו (ווי שוין געדרוקט בפרטיות[8]) - בנוגע לתפלות היום, הוספה מיוחדת אין נתינת הצדקה, און קיום המצוות בכלל, און אין הפצת המעינות חוצה, אין די ענינים וואס דער בעל ההילולא מאנט,

כולל ובמיוחד - לימוד תורתו פון דעם בעל ההילולא, ובפרט אין דעם המשך ההילולא - באתי לגני, ובזה גופא - בפרט אין פרק י״ט פון דעם המשך[61] (המתאים לשנה זו, שנת הי״ט מההילולא בפעם השני׳[62]).

און דער לימוד דארף זיין מיט גאר א נייעם עומק והבנה - בהתאם צו ״קאים איניש אדעתי׳ דרבי׳״, צו פארשטיין עצם

60) ויצא ל, כד. וראה אוה״ת עה״פ (רכ, א ואילך). ועוד.

61) ראה ד״ה באתי לגני תשכ״ט (שנאמר בפעם הא׳ שלמדו פרק זה) - י״ל ז״ע בקונטרס בפ״ע.

62) ראה ״פתח דבר״ לד״ה באתי לגני תשכ״ח - סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ רלח.

ופנימיות כוונת דברי הרב.

ומה טוב - אז דער לימוד זאל זיין ברבים (עכ״פ בשנים), וואס דאס גיט נאכמער צו אין הצלחה בהבנת הלימוד[63]; און אויך - לאחרי הקדמת נתינת הצדקה, וואס גיט אויך צו אין הצלחת הלימוד[64].

ועד״ז אויך מקיים זיין ובהוספה כל ההוראות והתקנות פון דעם בעל ההילולא, הן בלימוד התורה - לימוד שיעורי חת״ת וכיו״ב, והן אין עבודת התפלה און הן אין גמילות חסדים.

ובפרט די הוראות ותקנות וועלכע מ׳האט זוכה געווען הערן פון דעם בעל ההילולא אליין (פנים אל פנים, אדער דורך זיינעם א מכתב, א שיחה ותורה - וואס ער האט זיך אין דעם אינגאנצן אריינגעגעבן, ע״ד[65] כביכול ״אנא נפשית כתבית יהבית״[66]), דורך מצייר זיין ווי מ׳האט עס פון אים געהערט (אדער געלערנט) דעם ערשטן מאל, על מנת להחזיקו און מיט א הוספה.

ועד״ז מוסיף זיין אין די תקנות פרטיות ושיעורים פרטיים וואס יעדערער נעמט אויף זיך אליין, כל אחד ואחת לפום שיעורא דילי׳ [אבער וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט דעם נשיא הדור - איז דאס כולל אין זיך א ריבוי הכי גדול].

וכל זה - ביתר שאת וביתר עוז, מיט א הוספה בכמות ובאיכות, ביז א הוספה שלא בערך, ביז - באופן חדש לגמרי, בהתאם לזה וואס מ׳האט דערגרייכט צו ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״, און ״נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳״.

יב. ועוד ועיקר:

נוסף צו די אלע ענינים והחלטות טובות הנ״ל בקשר מיט דעם יום ההילולא עצמו - דארף זיך איצטער אנהויבדן א נייע תקופה פון ארבעים שנה מיום ההילולא שלו.

ובפשטות: יעדערער און יעדערע זאל אננעמען נייע ענינים ופעולות אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, נייע סיי בכמות און סיי באיכות, ביז אין אן אופן חדש לגמרי, בהתאם לזה וואס עס ווערט איצטער דער ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״, און מ׳באקומט אויך פון דעם אויבערשטן ״לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״.

זיכער וועט זיך יעדערער מתבונן זיין בזה באופן, און גע-

63) ראה ברכות סג, ב. וראה אבות פ״ג מ״ו. אגה״ק סכ״ג.

64) ע״ד ״יהיב פרוטה לעני והדר מצלי דכתיב אני בצדק אחזה פניך״ (ב״ב י, א). ואף שנאמר בב״ב שם בנוגע לתפלה, הרי מובן שכן הוא בנוגע ל״אחזה פניך״ שע״י לימוד התורה. וכידוע שע״י צדקה נעשו מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה (תו״א בראשית א, ב. אוה״ת שם תתרכו, ב ואילך). וראה ס׳ השיחות ה׳ת״ש ע׳ 98 ואילך - סיפור הצ״צ.

65) כי צדיקים דומים לבוראם (ב״ר פס״ז, ח. ובכ״מ).

66) שבת קה, א (כגירסת הע״י).

פינען די ענינים המתאימים לו צו טאן אין התחלת תקופה זו של ארבעים שנה. און מ׳האט דעם כלל אז ״איני מבקש כו׳ אלא לפי כחן״[67], מ׳גיט יעדערן די כחות אויף דעם.

יג. בענין זה ובכגון דא יש להעיר אויף נאך א נקודה:

אמאל קען ביי איינעם איינפאלן א קס״ד אז בשעת עס ווערט ביי אים נתעורר א שאלה אדער א ספק אין אן ענין בתורה אדער בנוגע צו זיין סדר עבודה אדער בנוגע הנהגתו בחיים בכלל - קען ער יוצא זיין דערמיט וואס ער וועט דאס פרעגן ביי א צווייטן, הגדול ממנו, און מער דארף ער גארניט טאן - ער פארשפארט אליין הארעוועט דורך דעם וואס ער פרעגט דאס ביי א צווייטן אוןווארפט די אחריות אויף יענעם!

האט מען דעם כלל ויסוד - אז דער אויבערשטער האט געגעבן יעדערן דעם כח צו הארעווען מיט די אייגענע כחות, און זוכן אן ענטפער און א פתרון אויף זיינע שאלות וספיקות, און חז״ל זיינען מבטיח[68]: ״יגעתי ומצאתי״ (און טאמער ער זאגט ״יגעתי ולא מצאתי - אל תאמין״)!

ואע״פ אז מ׳האט די הוראה אז ״לא הביישן למד״[69], און ״עשה לך רב״[70] וכיו״ב - איז דאס לאחרי ווי ער האט אליין געהארעוועט, און געפונען די תירוצים וועלכע זיינען בכחו, איז דערנאך זיינען דאך זיכער פאראן נאך ענינים וועלכע ער פארשטייט (נאך) ניט אליין (ובפרט אין תורה וועלכע איז ״ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים״[71]), דארף ער זיך ניט שעמען (און זיכער ניט איינרעדן זיך אז ער קען אליין אלץ פארענטפערן) און פרעגן ביי א צווייטן.

נאכמער: אויך די הוראה פון ״עשה לך רב״ איז (ניט בכדי פטר׳ן זיך פון אליין הארעווען, נאר אדרבה - דאס איז) א חלק פון זיין עבודה (און ניט פון עבודת הרב): ״עשה לך רב״, כולל עשי׳ לשון כפי׳ [נאר - דאס איז א כפי׳ וואס לייגט זיך ביי אים בשכל אז ער דארף דערצו אנקומען]: ער דארף גיין זוכן און באשטימען פאר זיך א ״רב״ מיט וועמען ער וועט זיך באראטען וכו׳; און דער ״עשה לך רב״ איז בכדי משפר ומרחיב זיין די חכמה בינה דעת פון דעם תלמיד.

יד. דערפון איז פארשטאנדיק נאך א זאך:

אפילו ווען מ׳דארף גיין פרעגן ביי א צווייטן - דארף דאס זיין ביי אזא ״רב״ וואס איז בערך צו ענטפערן די שאלה.

67) במדב״ר פי״ב, ג.
68) מגילה ו, ב.
69) אבות פ״ב מ״ה.
70) שם פ״א מ״ו. מט״ז.
71) איוב יא, ט.

לדוגמא: עס האט קיין ארט ניט אז א בן חמש למקרא זאל גיין פרעגן א שאלה אין פשטות הכתובים ביי א גרויסן ראש ישיבה וואס ליגט איצטער אין לערנען טיפע סוגיות אין ש״ס וכו׳! ערשטנס נעמט דאס צו צייט בא דעם ראש ישיבה, און נעמט אים אוועק פון זיין עיקר עסק. צווייטנס, וועט דעמולט אויך פעלן בא דעם בן חמש, ווייל עס וועט נעמען צייט בא דער ראש ישיבה צו זיך אפרייסן פון זיין לימוד און זיך צו-טראגן צו דער שאלה פון דעם קינד[72]. נאר דער בן חמש דארף זיך ווענדען מיט זין שאלה צו א (זיין) מלמד וואס לערנט מיט קינדער פשוטו של מקרא. וואס דאס וועט פארשפארן די צייט, נוסף על העיקר - אז דער מלמד קען אים שנעלער ענטפערן מיט אותיות מתאימות צו דעם קינד.

וכל זה איז נאכמער בהדגשה - בשעת עס הויבן זיך אן ארבעים שנה, ווען ״קאים איניש אדעתי׳ דרבי׳״, און מ׳באקומט ״לב לדעת גו׳״ - דארף מען לכל לראש אויסנוצן דעם אייגענעם שכל און די אייגענע כחות צו פארשען און ארויסבאקומען אן ענטפער אויף שאלות וכו׳, און בפרט - אז נוסף אויף ״קאי איניש אדעתי׳ דרבי׳״ דורך דער עבודה בכח עצמו, באקומט ער אויך מלמעלה כחות, ״נתן ה׳ לכם לב לדעת גו׳״;

און אפילו ווען מ׳דארף פרעגן - דארף מען לכל לראש פרעגן ביי אזא וואס איז בערך צו ענטפערן די שאלה, און נאר לאחרי זה וואס יענער קען דאס ניט ענטפערן - פרעגן ביי א גדול ממנו וכו׳.

*

טו. צווישן די ענינים חדשים וואס מ׳קען טאן בהתאם צו התחלת ארבעים שנה פון דער הילולא:

דעם קומענדיקן שבת (לאחרי יום ההילולא) איז חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות.

ס׳איז ידוע די פארשידענע מנהגי ישראל פארבונדן מיט דעם טאג. אנהויבנדיק פון דעם מנהג הכי נפוץ: ״נוהגין להרבות בו מיני פירות של אילנות״[73], ובפרט מיני פירות שנשתבחה בהן ארץ ישראל (״גפן תאנה ורמון גו׳ זית שמן ודבש״[74]). [ועד״ז נאך מנהגים ב(חוגי) ישראל[75] - נהרא נהרא ופשטי׳[76]].

בכלל איז אבער ניטא קיין דיוק אז מ׳זאל מקיים זיין דעם מנהג פון אכילת פירות דוקא ברבים. ע״פ רוב עסט מען די פירות יעדערער פאר זיך, בא

---

72) נוסף על זה שצ״ל ״שואל כענין״ (אבות פ״ה מ״ז). וראה שבת ג, ריש ע״ב: כי קאי רבי בהא מסכתא לא תשיילי׳ במסכתא אחריתי דילמא לאו אדעתי׳.

73) מג״א או״ח סקל״א סקט״ז. השלמה לשו״ע אדה״ז שם ס״ח.

74) עקב ח, ח.

75) ראה אנציקלפודי׳ תלמודית ערך חמשה עשר בשבט בסופו. וש״נ.

76) חולין יח, ב. נז, א.

זיך אין שטוב, צוזאמען מיט בני ביתו בתוך הסעודה וכיו״ב.

משא״כ בשנה זו - בהתאם לזה וואס ט״ו בשבט איז ביום השבת, און ס׳איז דער ערשטער שבת נאך התחלת שנת הארבעים פון דער הילולא - איז מען מציע, ובבקשה אז מ׳זאל דאס מפרסם זיין בכל מקום ומקום:

אין דעם טאג פון חמשה עשר בשבט זאל מען מאכן א התוועדות כללית (אדער עכ״פ ברב עם) בכל מקום ומקום, ועאכו״כ אין ארץ הקודש - מ׳זאל זיך צו-זאמענקלייבן מיט וואס מערער אידן פון דעם ארט (שטאט אדער שכונה וכיו״ב),

און מ׳זאל דארטן מקיים זיין אויך ברבים די מנהגים פון חמשה עשר בשבט - אכילת פירות וכיו״ב (נוסף לזה וואס יעדער-ער טוט עס בביתו הפרטי, מיט די היימישקייט בא זיך אין שטוב).

און מ׳זאל דערביי כמובן רעדן און לערנען דברי תורה, ובפרט בהתאם לדברי חז״ל[77] אז ״האדם עץ השדה״[78] גייט אויף א תלמיד חכם, און די שבעה מינים שבהן נשתבחה ארץ ישראל זיינען געגליכן אין חז״ל צו תורה[79];

און אויך מוסיף זיין אין אננעמען החלטות טובות בכל עניני תורה ומצוות, ובכלל - אז בא יעדער איד זאל מען זען בגלוי ווי ער איז ״האדם עץ השדה״, אן עץ וואס האלט אין איין וואקסן אין אלע ענינים פון תורה און אידישקייט, און אילן עושה פרי - ״מאי פירי מצוות״[80], ״פירותיהם של צדיקים מעשים טובים״[81].

טז. ויה״ר אז תיכף ומיד ממש, גלייך בתחלת שנת הארבעים, זאלן אלע אידן, ״בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנות-ינו״[82], גיין אין ארץ ישראל, בגאולה האמיתית והשלימה,

און דעמולט וועט זיין בגלוי ממש די שלימות העבודה פון יעדער איד - ״כמצות רצונך״[83], ובאופן אז דאס נעמט דורך כל מציאותו - שלימות כל הכחות שלו, ושלימות במחשבה דיבור ומעשה, וכל הפרטים ופרטי ופרטים.

ביז אז די שלימות נעמט דורך כל העולם כולו, ״ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״[84], און נאכמער - ״והי׳ ה׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד״[85], כשם שאני נכתב כך אני נקרא[86], ביז דעם גילוי פון שמו הגדול, וואס ״הגדול״ איז (חשוב כמו) מלכות[87] - ״והיתה לה׳ המלוכה״[88].

---

77) תענית ז, א.
78) שופטים כ, יט.
79) ראה ס׳ הליקוטים דא״ח צ״צ ערך תורה. וש״נ.

80) סוטה מו, סע״א.
81) פרש״י ר״פ נח (מב״ר פ״ל, ו).
82) פרשתנו י, ט.
83) תפלת מוסף. וראה המשך וככה תרל״ז פי״ז ואילך. ובכ״מ.
84) זכרי׳ ג, ב.
85) שם יד, ט.
86) פסחים נ, א.
87) ראה הערה 33.
88) עובדי׳ א, כא.

והקיצו ורננו שוכני עפר[89], און אלע נשיאים בראשם, ונשיא דורנו - בראשנו (זייענדיק נשיא דורנו), צוזאמען מיט אלע אידן וואס זיינען איצטער נשמות בגופים - בחיים ארוכים ונצחים, בפרט דורך הרגיל בתפילין (כנ״ל).

ותיכף ומיד ממש, אזוי אז מ׳פארוועט אלע צוזאמען שמחת יום ההילולא, און דערנאך - חמשה עשר בשבט, בארץ הקודש, בירושלים עיר הקודש, בהר הקודש, בבית הקדוש, בביהמ״ק השלישי, ובקדש הקדשים, ומתוך שמחה וטוב לבב.

89) ישעי׳ כו, יט.

* * *

בס״ד. שיחת ש״פ בא, ח׳ שבט ה׳תשמ״ט.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

השלמות

[בשיחה א׳ - בנוגע השייכות דמ׳ שנה בזמן משה (הנשיא בדורו) ומ׳ שנה בדורנו (משנת הילולא של נשיא דורנו)]:

א. און אזוי ווי בזמן משה זיינען די ארבעים שנה פארבונדן מיט אים אלס נשיא און ממלא מקומו, אזוי איז דאס אויך בנדו״ד. וכמדובר כמ״פ, אז בא נשיא דורנו זיינען געווען צוויי ענינים: דער נשיא הדור, און אויך ממלא מקומו ובנו יחידו פון זיין פאטער, דער רבי (מהורש״ב) נ״ע, און ווי ער איז געווען נהוג צו זיך אפרופן און זיך מתייחס זיין בנוגע לכו״כ ענינים צו זיין פאטער, זייענדיק ממלא מקומו.

[בשיחה ב׳]:

ב. נוסף צו דעם ענין מיוחד פון התחלת שנת הארבעים, איז דאס אויך א שנה מעוברת, שנה תמימה. וכמדובר כמ״פ בתוועדויות האחרונות די הוראה דערפון - אז דאס דארף ארויסברענגען שלימות ותמימות אין עבודת ה׳, ביז אין אן אופן פון עיבור, וואס איז מוסיף א חודש שלם, אזוי דארף אויך צוקומען אין עבודת ה׳, וכמודבר בארוכה במשך השנה.

[בהמשך לשיעור היומי ברמב״ם]:

וכאן המקום נאכאמאל מעורר זיין, בנוגע דער השתתפות אין לימוד שיעור היומי ברמב״ם, טאקע באופן פון ״בלי-נדר״, אבער דאס מקיים זיין בכל יום. און אזוי אויך משפיע זיין אז אנדערע זאל זיך אין דעם משתתף זיין.

[בנוגע לשיעורי חת״ת]:

דער שיעור היומי אין חומש, וואס דערמיט דארף מען לעבן (כפתגם פון דעם אלטן רבי׳ן, איבערגעגעבן דורך נשיא דורנו), און מ׳איז דאס אויך ממשיך אין דעם שיעור תהלים, און שיעור תניא, ווי פאנאנדערגעטיילט דורך נשיא דורנו אויף ימי השנה [און אויך (אין א באזונדער חלוקה) אויף די ימים פון א שנה תמימה, ווי שנה זו]. און אויך - אין דעם שיעור היומי בספר הרמב״ם (כנ״ל).

[בסיום שיחה ב׳]:

ג. ויה״ר אז עס זאל זיין הקיצו ורננו שוכני עפר, בתחיית המתים, און מ׳וועט פראוועט שמחת ההילולא צוזאמען מיטן בעל ההילולא, ווייל ס׳וועט גלייך תחיית המתים, ותיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת!

- אידן זיינען דאך איינגעוואוינט צו נסים ומופתים (אע״פ וואס אמאל איז אין בעל הנס מכיר בנסו[1]). און אמאל זעען דאס גוים נאכמער בגלוי ווי אידן: זיי זעען בגלוי ווי קיום עם ישראל במשך כל הדורות איז אן ענין נסי, אז כאטש אידן זיינען ווי א כבשה אחת בין שבעים זאבים[*1] (אדער שבעים אריות), פונדעטוועגן בלייבן זיי קיים, און נאכמער - עס זיינען פאראן ממשלות של חסד פון אוה״ע וועלכע העלפן ארויס אידן, ביז ווי דער יחס פון א רועה צאן צו דער כבשה אחת (בתכלית ההיפך פון א זאב אדער אן ארי׳), און ניט נאר בנוגע צו דברים מוכרחים פון אידן, נאר אויך בנוגע לכבוד ותפארת שלהם[2], זייענדיק ״ממלכת כהנים״[3], וכמדובר כמ״פ.

[בשיחה ג׳, בנוגע לזה ששאלת הבן חמש צ״ל למלמד שבערכו כו׳]:

ד. ווי דער סדר איז אין לימוד התורה בכלל - בסדר והדרגה: בן[4] חמש למקרא, און ערשט דערנאך - בן עשר למשנה, און ערשט דערנאך - בן חמש עשרה לגמרא. און יעדער סוג תלמיד האט א מלמד וואס איז בערכו דוקא. און אפילו איצטער, ווען מ׳לערנט אויך מיט א בן חמש ענינים פון משנה וגמרא, ביז אויך פון פנימיות התורה - בענינים המתאימים ובאותיות המתאימות לו [און מ׳זעט אז מ׳איז מצליח אין דעם] - איז דאס דוקא לפי ערכו, און דורך א מלמד וואס זיין עיקר עסק איז לערנען מיט קינדער וכו׳.

ויה״ר אז מ׳זאל עולה זיין בידיעות מחיל אל חיל, ביז ״יראה אל אלקים בציון״[5].

ביז מ׳וועט זוכה זיין צו דעם זמן ווען ס׳וועט זיין ״לא ילמדו איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם״[6], בגאולה האמיתית והשלימה, ולמטה מעשרה טפחים.

---

1) נדה לא, א. *1) ראה תנחומא תולדות ה. אסת״ר פ״י, יא. 2) ראה זבחים יט, רע״א. 3) יתרו יט, ו. 4) אבות ספ״ה. 5) תהלים פד, ח. 6) ירמי׳ לא, לג.

[סיום שיחה ד׳]:

ה. כאן המקום להציע, אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב סיומים בספר הרמב״ם, אדער פעולות פארבונדן מיט לימוד תורתו פון דעם בעל ההילולא וקיום תקנות בעל ההילולא, ובכלל - אין עניני תומ״צ, וואס נעמט זיך פון דעם נותן התורה, עצמות ומהות - זאלן ארויפגיין, און מכריז זיין וואס און וואו וכו׳, און מציע זיין אז מ׳זאל זיך אין דעם משתתף זיין בגופם, ועכ״פ בממונם ובנשמתם.

און דורך דער עצם החלטה בזה וועט אויפטאן א הוספה אין אחדות ישראל, דורך דער הקדמה פון קירוב הלבבות און אהבת ישראל, וואס איז מבטל אלע עניני פירוד, אפילו א שמץ מינהו,

און דורך ביטול סיבת הגלות[7] - ווערט בטל דער מסובב און עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה, ע״י משיח צדקנו, למטה מעשרה טפחים, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו׳ - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

[סיום שיחה ה׳ - לאחרי ההצעה בנוגע לעריכת התוועדויות בשבת ט״ו בשבט]:

ו. ובכדי להוסיף הצלחה בכל זה - וועט מען איצטער זאגן ״לחיים״, וואס דאס וועט מוסיף זיין חיים וחיות בכל הנ״ל, ובפרט אז מ׳האט אויך די חיים ואריכות ימים דורך הרגיל בתפילין (כנ״ל).

און צוזאמען דערמיט - אויך זינגען דעם ניגון ״שיבנה בית המקדש״, לאחרי ההחלטות טובות אין אלע ענינים הנ״ל, כולל ובמיוחד - די ענינים פארבונדן מיט דעם יום ההילולא, און די אלע תקנות, כמדובר לעיל.

ויה״ר, אז נאך אין דעם שבת פ׳ בא, וואו עס רעדט זיך וועגן גאולת מצרים, וואס ״כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״ - זאל מען זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו. און דער עיקר - יא זוכה ניט זוכה - זאל קומען בפועל די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, ביום זה עצמו, און מ׳פראוועט דערנאך סעודתא דדוד

---

7) ראה יומא ט, ב.

מלכא משיחא, ובמילא וועט מען שוין זיין אין ארץ הקודש צו דעם ראש השנה לאילנות, בירושלים עיר הקודש, בביהמ"ק השלישי ובקדש הקדשים, ותיכף ומיד ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'". ואח"כ התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "ניעט ניעט ניקאווא".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

הילד **אהרן** שיחי'

נולד ביום ה' כ"ח טבת

ונכנס לבריתו של אאע"ה

ביום ה' ו' שבט

תהא **ש**נת **מ**עשים **ט**ובים

•

נדפס ע"י הוריו

הרה"ת ר' **זאב מאיר** וזוג' מרת **דבורה חי' רייזל** שיחיו

קדנר

זקניו

הרה"ת ר' **משה נחום** וזוג' מרת **צפורה פריידא** שיחיו

קדנר

הרה"ת ר' **איסר חיים** וזוג' מרת **שיינע** שיחיו

טשארטער

מרת **מרים** שתחי' **שולמאן**

מרת **שיינדל** שתחי' **טשארטער**

מרת **מינאביילא** שתחי' **ממוכן**

הכתובת לחשיג "התוועדות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ בשלח ט״ו בשבט
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ בשלח, שבת שירה, חמשה עשר בשבט ה'תשמ"ט.

א. בחמשה עשר בשבט ישנם שני ענינים:

א) ענין הכללי שבחמשה עשר שבכל חודש — שבו נעשה מילוי הלבנה[1], "קיימא סיהרא באשלמותא"[2], ודוגמתו בישראל ש"דומין ללבנה"[3] ו"מונין ללבנה"[4] — "שהם עתידים להתחדש כמותה"[5], מולד וחידוש הלבנה בר"ח, ועד"ז בנוגע למילוי ושלימות הלבנה בחמשה עשר בו, שמורה על המילוי והשלימות[6] דישראל.

ב) וענין הפרטי המיוחד לחמשה עשר בשבט — "ראש[7] השנה לאילן"[8], שבו מתחדשת צמיחת (חנטת) פירות האילן בשנה זו, ודוגמתו בישראל — "כי האדם[9] עץ השדה"[10], שנמשל לאילן עושה פירות — "מאי פירי מצוות"[11], "פירותיו של צדיק ("ועמך כולם צדיקים"[12]) מצוות ומעשים טובים"[13], היינו, שחמשה עשר בשבט הוא זמן מסוגל לחידוש הצמיחה שבישראל, ובלשון הכתוב[14] "עץ פרי גו' אשר זרעו בו גו'", "גרעיני כל פרי שמהן האילן צומח כשנוטעין אותו"[15], היינו, שחידוש הצמיחה הוא לא רק בנוגע לעצמו, אלא גם בנוגע לפעולה על הפרי — הזולת, שגם הוא נעשה אילן עושה פרי, ועד "פירותיהן ופירי פירותיהן עד עולם"[16].

ב. ויש לומר, ששני ענינים אלו — "ראש השנה לאילן" ו"קיימא סיהרא באשלמותא" — שייכים זה לזה:

מבואר בכ"מ[17] שהקביעות דחג הפסח וחג הסוכות בחמשה עשר בחודש (ניסן ותשרי) קשורה עם המעלה דחמשה עשר בחודש שבו קיימא סיהרא באשלמותא, כאמור, שמילוי ושלימות הלבנה מורה על המילוי והשלימות דישראל, ולכן, בזמן מעמד ומצב זה

---

1) להעיר משיעור הרמב"ם דיום השי"ק זה (הל' ברכות פ"י הי"ז) "מברך עלי' (על חידוש הלבנה) עד ששה עשר יום בחודש עד שתמלא פגימתה" (עד ט"ז, ולא ט"ז בכלל, שהרי אחר שעברו ט"ו יום נתמלא פגימתה — כס"מ שם).

2) זהר ח"א קנ, רע"א. רכה, סע"ב. רמט, ב. ח"ב פה, רע"א. רטו, א. וראה שמו"ר פט"ו, כו.

3) ראה סוכה כט, א. ב"ר פ"ו, ג.

4) סוכה שם. וראה אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. ועוד.

5) נוסח הברכה דקידוש לבנה — סנהדרין מב, א. רמב"ם שם הט"ז (שיעור היומי).

6) ובהדגשה יתירה בשנה זו — שנת העיבור, שהיא "שנה תמימה" (ערכין לא, א), כולל גם שעבודתם של ישראל היא באופן של תמימות ושלימות.

7) ריש מס' ר"ה.

8) כ"ה — "לאילן", לשון יחיד — במשנה, אבל בכמה ספרים, ו"פוק חזי מאי עמא דבר" — "ראש השנה לאילנות", לשון רבים. וראה לקוטי לוי"צ (אג"ק ע' תיג) "ראש השנה לאילנות, כי אילן במלואו אל"ף יו"ד למ"ד נו"ן גימט' שב"ט . . אילן הוא הוי' אד' כמספרו . . ונרמז זה באותיות אילן א"י ר"ת אד' הוי' כו'", וממשיך לבאר הענין ד"אילנות לשון רבים כו'", עיי"ש.

9) אדם האמיתי (למטה) — "אתם קרויין אדם" (יבמות סא, רע"א), ע"ש אדמה לעליון (ראה של"ה ג, רע"א. ועוד).

10) שופטים כ, יט. תענית ז, א.

11) סוטה מו, סע"א.

12) ישעי' ס, כא.

13) ב"ר פ"ל, ו.

14) בראשית א, יא.

15) פרש"י עה"פ.

16) ל' חז"ל — כתובות רפ"ט.

17) ראה פע"ח שער חגה"ש בסופו — לאחרי סיומו (בכותרת — דרוש סוד ט"ו באב). סה"מ עת"ר ע' ריח ואילך. ועוד.

נקבעו הימים טובים[18].

ועפ"ז י"ל גם בנוגע ל"ראש השנה לאילן" — שקביעותו בחמשה עשר בשבט קשורה עם המעלה דחמשה עשר בחודש, מילוי ושלימות הלבנה, כלומר, מכיון שישראל נמצאים במעמד ומצב של מילוי ושלימות, לכן, נעשה אצלם גם חידוש הצמיחה.

ג. וצריך להבין:

מילוי ושלימות (קיימא סיהרא באשלמותא) וחידוש הצמיחה (ראש השנה לאילן) הם לכאורה תרתי דסתרי, כי, חידוש הצמיחה מדגיש שלא רק שעדיין לא נשלמה מציאותו, אלא יתירה מזה, שעכשיו מתחיל לגדול ולצמוח?!

ויש לומר הביאור בזה — שהיא הנותנת:

מכיון שישראל קשורים עם הקב"ה שהוא אין־סוף, הרי, השלימות האמיתית שלהם היא גם באופן של אין־סוף, היינו, שככל שתגדל מעלת עבודתם באופן של מילוי ושלימות, עד לדרגת צדיק ("ועמך כולם צדיקים") — יודעים ומרגישים שצריכים להתעלות לדרגא ושלימות נעלית עוד יותר, ובזה גופא — לא רק שעדיין לא נגמרה השלימות שלהם[19], אלא יתירה מזה, שעכשיו צריכים להתחיל לגדול ולצמוח[20], היינו, להתעלות בעילוי שבאין־ערוך לגבי מעמדם ומצבם הקודם, עד כדי כך, שנחשב כמו שרק עתה מתחילה צמיחתם!

ד. ונמצא, שבחמשה עשר בשבט יש עילוי לגבי כל חמשה עשר דכל חדשי השנה, כולל גם (בפרטים) חמשה עשר בניסן וחמשה עשר בתשרי[21]:

בחמשה עשר שבכל חדשי השנה מודגש (בעיקר) ענין המילוי והשלימות, היינו, שמעמדם ומצבם ועבודתם של ישראל (צ"ל ו)נעשה באופן של מילוי ושלימות; ואילו בחמשה עשר בשבט, "ראש השנה לאילן", מודגש בעיקר (לא המילוי והשלימות שהיו עד עתה, כי אם) שגם לאחרי המילוי והשלימות דהעבר נדרשת עבודה נעלית יותר, עד לעילוי שבאין־ערוך — התחלת צמיחה וגידול מחודשים.

בסגנון אחר קצת: השלימות דחמשה עשר בכל החדשים, היא, שלימות שע"פ סדר והדרגה, מדידה והגבלה, החל ממולד הלבנה בר"ח, ומוסיף והולך מיום ליום, עד למילוי ושלימות הלבנה

18) ובפרטיות: חג הפסח* — התחלת העבודה דחדשי הקיץ, וחג הסוכות — התחלת העבודה דחדשי החורף.

19) וי"ל, שלכן נקראים בתואר "צדיקים" סתם, ולא "צדיקים גמורים" — מלשון כלי שנגמר מלאכתו (ראה לקו"ת דרושי סוכות פא, א), גמור ושלם, שאין מה להוסיף עוד, שאז, לא יוכלו להגיע לדרגת בעלי תשובה, "מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו" (רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ד).

20) וי"ל, שגם ענין זה נרמז בהמילוי והשלימות דחמשה עשר בחודש — שלאח"ז הלבנה פוחתת והולכת, שרומז לענין הביטול, היינו, שגם לאחרי המילוי והשלימות נדרשת ממנו עבודה נעלית יותר, ועד לעילוי שבאין־ערוך, שלכן צ"ל הקדמת הביטול, עד לתכלית הביטול שלאח"ז נעשה מולד הלבנה מחדש*.

21) להעיר מלקוטי לוי"צ (אג"ק שם) שחמשה עשר בשבט, חודש החמישי דחדשי החורף, מקביל לחמשה עשר באב, חודש החמישי דחדשי הקיץ ("ששניהם הם יו"ט דעץ (צמיחה וגידול), אלא שבאב הוא הסיום ובשבט . . הוא ההתחלה, שאז הוא החנטה") — והרי בחמשה עשר באב יש עילוי גם לגבי חמשה עשר דניסן ודתשרי, כמארז"ל "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב"* (תענית כו, ב. וראה מקומות שנסמנו בהערה 17).

*) כולל גם חג השבועות — שקביעותו אינה תלוי' בימי החודש כי אם, חמישים יום בהמשך לחג הפסח, ונמצא, שגם הוא קשור עם מילוי הלבנה דחודש ניסן.

*) דוגמת הצמיחה שנעשית לאחרי ביטול ורקבון הגרעין בארץ (ראה גם תו"א ריש פרשתנו).

*) ועד שיש בו עילוי גם לגבי יוהכ"פ, "אחת בשנה".

בחמשה עשר בו; ואילו השלימות דחמשה עשר בשבט, היא, שלימות שלמעלה מסדר והדרגה, מדידה והגבלה, שלימות אמיתית באופן של אין־סוף, שלכן, מעלת השלימות ה"ז רק התחלת הצמיחה לגבי שלימות נעלית יותר, עד אין־סוף.

ומכיון שחמשה עשר בשבט הוא "ראש השנה לאילן" — "ראש" דייקא (לא רק תחילה), בדוגמת הראש שכולל החיות דכל אברי הגוף ומנהיגם כו'[22], ה"ז נמשך על כל השנה כולה, היינו, שהעבודה בכל השנה כולה תהי' לא רק בשלימות שע"פ סדר והדרגה, אלא גם שלימות אמיתית באופן של אין־סוף.

ה. ויש להוסיף ולבאר הטעם שהשלימות ד"ראש השנה לאילן" (שלימות אמיתית, באופן של צמיחה תמידית) מודגשת בחודש שבט דוקא:

ידוע[23] שי"ב חדשי השנה הם כנגד י"ב שבטי ישראל[24]. ועפ"ז, חודש שבט, חודש הי"א (מניסן), הוא כנגד שבט יוסף*[24], הי"א לפי סדר תולדותם של השבטים.

וענינו של יוסף (כמודגש ב"שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש (ש)הוא "כלי לחיות" שלו, ומורה על מהותו כו'[25]) — בחי' הצומח, "כידוע[26] דבחי' יסוד (בחינתו של יוסף) נק' עץ[27] עושה פרי, ונק' עץ השדה . . ולכך נק' יוסף . . שתמיד יוסיף אור ושפע כצומח שצומח וגדל בתמידות בלי שיעור כלל וכלל, וזהו ענין יוסף לשון תוספת תמידית, וכמ"ש[28] יוסף ה' לי בן אחר".

ולכן, "ראש השנה לאילן", התחלת הצמיחה בכל השנה כולה, שייך לחודש שבט[29] — שבטו של יוסף[30], שאצלו מודגש ענין ההוספה והצמיחה[31].

ומיוסף נמשך ענין ההוספה והצמיחה לכל השבטים — ע"י התכללות השבטים זב"ז[32], ע"ד מ"ש בברכת יעקב להשבטים "איש אשר כברכתו ברך אותם"[33], שלאחרי שברך כל שבט ושבט בברכה מיוחדת בהתאם לתוכנו ומהותו של שבט זה, "איש אשר כברכתו" — "ברך אותם", שחזר ו"כללן כולם בכל הברכות"[34], שעי"ז

22) ראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, סע"א ואילך. עט"ר שער ר"ה בתחלתו. ובכ"מ.

23) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 90. וש"נ.

24) להעיר מהשקו"ט בנוגע לחודש העיבור — כנגד שבט לוי (ראה אוה"ת בראשית ח, א), או כנגד שבט יוסף שנחלק לב' שבטים, והם ב' אדרים, שמזלו דגים, כברכתו של יוסף (חדא"ג מהרש"א לסנהדרין יב, א).

*24) או אשר (ראה הערה 31).

25) שעהיוה"א בתחלתו.

26) תו"ח ויגש צג, ב. וראה גם תו"א שם מד, א.

אבל כשיהודי חי עם התורה, עד שהתורה נעשית חיותו הגשמית — אזי "אין צריכין עירוב", אין צורך בפעולה ועשי' שתאחד אותם, מכיון שמלכתחילה אין התחלקות ביניהם, שכן, "אע"פ שכל אחד ואחד יש לו בית בפני עצמו .. כולן סומכין על שולחן אחד", חיות אחת ע"י תורה אחת[68].

---

58) ע"י בחי' היחידה שבנפש, "יחידה לייחדך". — ולהעיר, ששולחנו של אדם (חיותו) דומה למזבח (כנ"ל ס"ה), כולל "מזבח אבנים", שמורה על התוקף ד"איתן" שבנשמה (כנ"ל הערה 29).

59) ראה זח"ג עג, א.

60) "אע"פ .. שיש לו בית בפני עצמו", "בית" עם ריבוי ענינים שהם (לכאורה) מחוץ לרשות היחיד ("בפני עצמו"), מכיון שעוסק גם בעניני העולם, "עלמא דפרודא", "רשות הרבים" — כי, עיקר חיותו היא התורה, שעל ידה נעשה מיוחד עם "יחידו של עולם", ועי"ז פועל שגם עניני העולם (שעוסק בהם) יוצאים מ"רשות הרבים" ל"רשות היחיד".

61) להעיר גם מהמבואר במפרשי הרמב"ם (כס"מ שם) ש"שולחן אחד דנקט רבינו, לאו דוקא, דאפילו אוכלין על שני שולחנות נמי, מאחר דמקום פיתא דכולהו הוי בבית אחד, חשיבי כאנשי בית אחד". וענינו בעבודת האדם — ש"שני שולחנות" מורה על החילוק שבין ב' הסוגים דישכר וזבולון (ב' הסוגים הכלליים שנחלקים בנ"י), או ב' הסוגים דעשיר ועני (כפי שהטביע הקב"ה בהבריאה שהיא באופן דמשפיע ומקבל), היינו, שיש חילוק באופן השפעת הפרנסה משולחנו של הקב"ה, "שני שולחנות". ואעפ"כ, "מקום פיתא דכולהו הוי בבית אחד", היינו, שאצל כולם ניכר ונרגש שפרנסתם היא מהקב"ה, היינו, ששני השולחנות הם ב"בית אחד", דיחידו של עולם.

62) ולדוגמא — ע"י אמירת ברכה על דבר גשמי "שהכל נהי' בדברו"* (ושאר ברכות), וכיו"ב.

---

*) להעיר, ש"על כולם אם בירך שהכל **יצא**" (רמב"ם הל' ברכות פ"ח ה"י) — "יצא" דייקא, יציאה מרשות הרבים לרשות היחיד, ל"דברו" וליחידו של עולם.

63) אף שעיקר קביעות הסעודה הוא על הלחם, וכמודגש גם בהלכות עירובין — "אין מערבין .. אלא בפת" (פ"א ה"ח), היינו, שהעירוב הקובע את מקום שולחנו הוא ע"י "פת" דוקא.

64) ראה רמב"ם שם ה"י: "כל שהוא לפתן ודרך העם לאכול בו פתן, כגון .. בשר צלי כו'".

65) כנ"ל הערה 51.

66) וכמ"ש הרמב"ם (שם ה"ה) "האב ובנו .. שהן שרויין בחצר אינן צריכין לערב מפני שהן כבית אחד".

67) תניא רפל"ב.

68) נוסף על האחדות שע"י התורה — כידוע ש"ישראל" ר"ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה

והחידוש שבדבר — שהאחדות היא לא (רק) באופן ש"נפשם עיקר וגופם טפל", אלא יתירה מזה — שהאחדות היא גם מצד הגוף ועניניו, כאמור, ש"כולן סומכין על שולחן אחד", שגם האכילה (פרנסה) הגשמית — לחם ובשר, שנעשים דם ובשר כבשרו — היא "על שולחן אחד" ד"יחידו של עולם", ובמילא, האחדות שלהם היא לא רק מצד הנשמה, אלא גם מצד בשר הגוף, כלשון הכתוב[69] "אחינו בשרנו".

ולהעיר, שענין האחדות נרמז בתיבת "בשר" גופא, כי: האחדות דישראל מתבטאת (גם) בג' הסימנים דבנ"י, "רחמנים ביישנין וגומלי חסדים"[70], ר"ת "גבר"[71]. ויש לומר, שהר"ת שלהם הוא גם "בשר" — ביישנים[72] שומרי (ע"ד גומלי[73]) חסדים[74] רחמנים, שבזה מרומז שענין האחדות הוא גם מצד ה"בשר".

וע"י ההוספה באחדותם של ישראל, "שכולנו מעורבין כו'", ועד לשלימות האחדות, ש"אין צריכין עירוב", מכיון ש"אוכלין על שולחן אחד" (עי"ז שחיותם היא התורה, כנ"ל) — בטלה סיבת הגלות[75], ובדרך ממילא בטל גם המסובב (הגלות), ואז, רואים בפועל ובגלוי שכל בנ"י מסובים על שולחן אביהם, ב"סעודה" ש"עתיד הקב"ה לעשות לצדיקים"[76] ("ועמך כולם צדיקים"[77]), לויתן ושור הבר[78], סעודה גשמית (דגים ובשר) כפשוטה ממש[79].

ועוד לפנ"ז — ברגעי הגלות האחרונים, נותן הקב"ה לכאו"א מישראל, בנו יחידו[80], כל המצטרך לו, "מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[81], לא רק כפי המוכרח, "די

(מגלה עמוקות אופן קפו), כנגד ששים ריבוא בנ"י*, וכל ס"ר האותיות נעשים תורה אחת, ועד"ז ישראל, שהם "קומה אחת שלימה"**.

69) וישב לז, כז.

70) יבמות עט, א.

71) מגלה עמוקות אופן יא בסופו. של"ה חלק תושב"כ שמות שז, א. ועוד.

ולהעיר, שהסדר בגמרא (רחמנים ביישנין גומלי חסדים) הוא כסדר האבות מלמטה למעלה ("רחמנים הוא מדת יעקב, ביישנים הוא מדת יצחק, שהירא מחבירו הוא בוש ממנו, וגומלי חסדים הוא מדת אברהם" — צוואת הריב"ש סקל"ט. ועוד), והר"ת "גבר" הוא כסדר האבות מלמעלה למטה, היינו, שהאחדות צ"ל בשני האופנים.

72) להעיר, שהרמב"ם (הל' איסורי ביאה פי"ט הי"ז) מקדים "ביישנים" (אף שבגמרא מקדים רחמנים), כי, שלש הסימנים מורים על נקודה אחת, נקודת מהותו של יהודי — ענין הביטול, שמתבטא ברגש הבושה, וכתוצאה מזה באים גם המדות דחסד ורחמים (ראה בארוכה לקו"ש וירא שנה זו). וענין זה מודגש בר"ת ד"בשר", שהסימן הראשון והעיקרי הוא ביישנין, ענין הביטול — כי, כדי שהאחדות תחדור גם ב"בשר", מוכרח להיות הקדמת הביטול תחילה.

73) להעיר גם מהקשר והשייכות שבין האותיות שי"ן וגימ"ל — כי, שי"ן במספר קטן הוא גימ"ל, ושי"ן הוא ג' קוין, ועוד (ראה ספר הערכים חב"ד מערכת אותיות אות שי"ן. וש"נ).

74) ע"ד מ"ש (ר"פ עקב) "ושמר ה' אלקיך לך . . את החסד". ולהעיר, שבירושלמי (קידושין פ"ד ה"א. וכ"ה בכמה מדרשים) יליף הסימן ד"גומלי חסדים" מהכתוב "ושמר גו' החסד" (דלא כהבבלי שיליף מהפסוק "למען אשר יצוה את בניו גו'") — נתבאר בלקו"ש הנ"ל.

75) ראה יומא ט, ב.

76) ב"ב עה, א.

77) ישעי' ס, כא.

78) ראה ויק"ר פי"ג, ג. — נוסף על הרמזים שבדבר, כידוע ש"לויתן" ו"שור הבר" רומזים גם על שני סוגי עבודות, עבודתם רוחנית, ע"ד נוני ימא שמבחי' עלמא דאתכסיא, ועבודה גשמית, כמו שמחת יו"ט, אין שמחה אלא בבשר, ולעתיד לבוא יראו ש"שניהם כאחד טובים, בהא האי עדיף ובהא האי עדיף כו'" (ראה בארוכה לקו"ת ר"פ שמיני).

79) ראה לקו"ת שם. תשובות וביאורים (קה"ת תשל"ד) סי"א בסופו ובהערה 23. וש"נ.

80) כש"ט הוספות סקל"ג. וש"נ.

81) נוסח ברכה ג דברהמ"ז.

---

*) נשמות כלליות (ראה תניא פל"ז), שמהם נמשכים ריבוי פרטים ופרטי פרטים, עד אין סוף, כל הנשמות עד סוף כל הדורות — כמו בתורה, שמששים ריבוא אותיות התורה נמשך ריבוי עד אין סוף, "עלמות אין מספר".

**) להעיר ש"אדם איהו תורה, זאת התורה אדם" (זהר פרשתנו קיז, ב. ועוד).

מחסורו אשר יחסר לו"[82], אלא גם באופן של עשירות, היינו, שהסעודה (על השולחן) היא לא רק בלחם (והשייך לו) בלבד, אלא גם בבשר (ד""סעודת שלמה בשעתו"[83]), הן ברוחניות (בתורה, שנמשלה ללחם ובשר[84] כו'), והן בגשמיות כפשוטו, ובסבר פנים יפות[85], מתוך שמחה וטוב לבב.

ט. ע"פ כל האמור לעיל, מובן, שבשבת פ' משפטים יש נתינת־כח מיוחדת "לחיות" עם התורה, עי"ז שהאור דתורה (הגילוי מלמעלה דמ"ת שבפ' יתרו) חודר בשכלו ומציאותו של האדם, "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם", עד לחיות גשמי ממש, שולחן כפשוטו, כמודגש גם בשיעור היומי ברמב"ם.

ולכן, ה"ז הזמן המתאים לעורר עוה"פ ולפרסם בכל מקום ומקום ע"ד ההוראה "לחיות" עם התורה, כולל ובמיוחד — עניני התורה השייכים לזמן זה (לחיות עם הזמן), החל מלימוד שיעורי חת"ת (כתקנת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו), וי"ל עד"ז שיעורי הרמב"ם (נוסף על השיעורים הקבועים לכל חד וחד כפום שיעורא דילי').

ומצד אהבת ישראל ואחדות ישראל — צריך להשתדל בכל זה (לא רק בנוגע לעצמו, אלא) גם בנוגע לזולת, ע"י הפצת התורה, כולל הפצת המעיינות (פנימיות התורה) חוצה, ובאופן ד"תשים לפניהם", "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם", כולל גם — ע"י תרגום עניני התורה בלשון עם ועם[86].

וכאמור, שהחיות עם התורה היא מתוך שמחה דוקא, כמ"ש בסיום וחותם "אורח חיים" — "טוב לב משתה תמיד", שמחה תמידית, שעי"ז ממהרים ומזרזים עוד יותר את השמחה התמידית בשלימותה — "שמחת עולם על ראשם"[87], בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, שאז, תהי' גם שמחת המועדים שבפרשתנו ("שלש רגלים תחוג לי בשנה") בתכלית השלימות, ע"י הקרבת שלמי שמחה, שלמי חגיגה ועולת ראי'[88], כי, "יראה כל זכורך אל פני האדון ה'"[89], בביהמ"ק השלישי[90], שהציווי על בנינו נאמר בפ' תרומה (שקורין תיכף בתפלת מנחה) — "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[91].

י. ובהמשך לזה — באה הצעה־בקשה חדשה, על מנת לפרסם בכל מקום ומקום:

מכיון שנכנסים לשבוע דפרשת תרומה (החל מהקריאה במנחת שבת), ולאח"ז פרשת תצוה[92], שבפרשיות אלו[93] נתבארו כל פרטי הציוויים

---

82) ראה טו, ח.

83) ראה ב"מ רפ"ז: אפילו אם אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו לא יצאת ידי חובתך עמהן שהן בני אברהם יצחק ויעקב.

84) ראה גם רמב"ם הל' יסוה"ת ספ"ד. ועוד.

85) באופן הנראה ונגלה גם להמקבל, כפשוט.

86) להעיר מהמבואר בתו"א פרשתנו (עז, ג ואילך) מעלת הבירור דשבעים לשון עי"ז ש"ישראל מפוזרים בע' אומות ומדברים ג"כ כלשון עם ועם שהם דרים בתוכם בכל צרכי מו"מ, ואח"כ כשמתפללים במס"נ ולומדים תורה לשמה מגיעת העסק במו"מ אזי מעלים כל צירופי אותיות שדיברו בהם כו'", ומזה מובן — במכ"ש וק"ו — העלי' דצירופי אותיות דע' לשון ע"י לימוד התורה בלשונות אלו, ש"מהאותיות של ע' לשון נעשה . . בחינת חומה זו תורה" (תו"א שם עת, רע"ג).

87) ישעי' לה, יו"ד. נא, יא.

88) רמב"ם ריש הל' חגיגה.

89) פרשתנו כג, יז.

90) להעיר גם מהמג"א (ע"פ הגהת יד אפרים) ובאה"ט בסיום "אורח חיים" — בהמשך ולאחרי "טוב לב משתה תמיד" — שמסיימים בבנין ביהמ"ק (נתבאר בלקו"ש חכ"ו ע' 8־217).

91) כה, יח. רמב"ם ריש הל' ביהב"ח.

92) וכן בהתחלת פ' תשא — הציווי דעשיית כיור וכנו, ומעשה הקטורת.

93) משא"כ בפרשיות ויקהל פקודי — שחוזר ונשנה בנוגע להעשי' בפועל.

דמעשה המשכן, כלי המשכן, בגדי כהונה וכו' — כדאי ונכון ביותר שנוסף על לימוד חלק מהפרשה בכל יום (עם פירוש רש"י) בשיעורי חת"ת, יוסיפו וילמדו גם מפירושי חז"ל בתושבע"פ[94] (עכ"פ מאמר ופירוש אחד על פסוק אחד), כפי שנלקטו כבר בספרים[95] (ואין צורך לחפש בספרים), "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם".

ומה טוב — לתרגם (עכ"פ חלק מפירושים אלו) גם בלשון עם ועם, כדי שיהי' "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם" — גם עבור אלו שלעת־עתה אינם יודעים ללמוד אלא בלשון עם ועם[86].

ומהמעלות שבזה: (א) בנוגע לכללות ההוראה "לחיות" עם התורה, לחיות עם הזמן, פרשת השבוע — שעי"ז שמוסיפים גם פירוש מתושבע"פ, ה"ז חודר יותר בשכל האדם, באופן ד"משפטים", "כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם", (ב) ועוד ועיקר — שההוספה בלימוד עניני המשכן ומקדש ממהרת ומזרזת עוד יותר את בנין ביהמ"ק השלישי — לא רק "אני מעלה עליהם כאלו הם עוסקין בבנין הבית"[96], אלא בנין הבית בפועל ממש.

יא. ויה"ר — והוא העיקר — שעוד לפני הקריאה במנחה "ועשו לי מקדש", יגלה ויבוא מן השמים מקדש העתיד שכבר בנוי ומשוכלל[97], "מקדש אדנ־י כוננו ידיך"[98], "בנינא דקב"ה"[99], ומכיון שכולל גם המקדשות שלפניו[100], יש בו גם העילוי ד"ועשו לי מקדש", מעשה ידי אדם[101], כל בנ"י, כפס"ד הרמב"ם[102] "הכל חייבין לבנות ולסעד בעצמן ובממונם אנשים ונשים כמקדש המדבר" (וכדאיתא באדר"נ[103] שגם ה"טף" השתתפו בנדבת המשכן).

ובפשטות — שתיכף ומיד, ברגע כמימרא, בעיצומו של יום השבת[104], באים כל בנ"י ל(ארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש ול)בית המקדש עד לקדש הקדשים — בחי' "אחת" במקום, מקומו העיקרי והאמיתי (שולחנו) של כאו"א מישראל מצד בחי' היחידה ("אחת") שבו, שהיא אצל כל ישראל בשוה, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[105], "קהל גדול"[106] (לשון יחיד), מציאות אחת, כי, אע"פ שישנו החילוק (ע"פ תורה) דכהן לוי וישראל, נעשים הם מציאות אחת[107] — ר"ת "כלי"[108] (מלמעלה למטה[109]), או (מלמטה למעלה[109]) ר"ת "ילך", "ילכו מחיל אל חיל"[110], ועד — "יראה אל

---

94) נוסף על פירוש רש"י, פשוטו של מקרא — גם הלימוד ע"ד הדרש וכו'.

95) כמו "תורה תמימה", "תורה שלמה", וכיו"ב.

96) תנחומא צו יד.

97) ראה פרש"י ותוס' סוכה מא, סע"א. ועוד.

98) בשלח טו, יז.

99) זהר ח"א כח, א. ח"ג רכא, א.

100) זח"ג רכא, א. — ולהעיר גם מדרשת חז"ל "משכן משכן, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין" (פרש"י ר"פ פקודי), מלשון משכון, שמחזירים אותו בשלימותו (ראה לקו"ש חכ"א ע' 262).

101) נוסף לכך שהשערים דביהמ"ק העתיד יעמידו בנ"י, ועי"ז קונים הבנין כולו (ראה לקו"ש חי"א ע' 98. וש"נ).

102) הל' ביהב"ח פ"א הי"ב.

103) רפי"א. וראה ג"כ אוה"ת ר"פ ויקהל.

104) ובפרט לאחרי חצות, "רעוא דרעוין", ששייך לגאולה העתידה (ראה המשך תרס"ו בסופו), ובפרט שבסמיכות לזה, במוצאי ש"ק, בא הזמן ד"סעודתא דדוד מלכא משיחא", ועילוי נוסף במוצש"ק זה — ראש חודש, "שהם עתידים להתחדש כמותה".

105) בא יו"ד, ט.

106) ירמי' לא, ז.

107) מעין דוגמא לדבר בזמן הגלות — בעבודת התפלה, שכנגד קרבנות, כאו"א מישראל פועל כל פרטי הענינים דכהנים בעבודתם לוים בדוכנם וישראל במעמדם.

108) דעת זקנים מבעלי התוס' חוקת יט, יז.

109) כי, האחדות צ"ל בב' האופנים, כנ"ל הערה 71.

110) תהלים פד, ח.

אלקים בציון"[110], כי, "לציון[111] יאמר איש ואיש יולד בה . . סלה"[112], שמקומו האמיתי (שולחנו[113]) ב"ציון"[114] (ש"הוא יכוננה עליון"[111]), עד לקדש הקדשים[115] (עיקרה של ירושלים וביהמ"ק).

ומהדיבור בזה — למעשה בפועל כפשוטו ממש, ותיכף ומיד ממש, שאין צורך בפעולה, כי אם, פעולת של "מראה באצבעו ואומר זה"[116], הנה בית המקדש, הנה העזרות והלשכות כו',

ועד — "הנה אלקינו זה"[117], ויתירה מזה — "הנה אלקינו זה גו' זה הוי' קוינו לו", ב"פ זה[118], וסיומא דקרא — "נגילה ונשמחה בישועתו", שלימות השמחה דלעתיד לבוא (כנ"ל ס"ט), "עתיד הקב"ה לעשות מהול לצדיקים והוא יושב ביניהם . . וכל אחד ואחד מראה באצבעו"[119].

ולא עוד, אלא, ש"ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו וגו'"[120], שאפילו הבשר הגשמי יזדכך ויראה "כי פי ה' דיבר"[121], ובלשון הכתוב (בנוגע לשבת ור"ח, ובהדגשה בשבת זו, ערב ר"ח, שבת שממנה נכנסים תיכף לר"ח) — "והי' מידי חודש בחדשו ומידי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחוות לפני"[122], וכאמור, תיכף ומיד ממש.

---

111) שם פז, ה־ו.

112) ובפרט בעמדנו בהתחלת שנת הארבעים, ש"נתן ה' לכם לב לדעת וגו'" (כמ"ש בנוגע לשנת הארבעים במדבר בסמיכות ממש לכניסה לארץ, ועד"ז בסמיכות ממש לכניסה לארץ בגאולה העתידה (ראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ בא ס"ג ואילך)) — שאז מתגלה הענין ד"לציון יאמר איש ואיש יולד בה" (ראה קונטרס משיחות ש"פ בשלח ס"ח).

113) ואף שיש בזה חילוקי דרגות, ע"ד "שני שולחנות" (כנ"ל הערה 61), שבכהנים נאמר "משולחן גבוה קא זכו" (ביצה כא, א. וש"נ), ועד"ז כל שבט לוי שנאמר בו "אני חלקך ונחלתך" (קרח יח, כ) — הרי, "לא שבט לוי בלבד, אלא כל איש ואיש . . אשר נדבה רוחו אותו . . ה"ז נתקדש קדש הקדשים (דרגת הקדושה דכה"ג), ויהי' ה' חלקו ונחלתו . . כמו שזכה לכהנים ללוים" (רמב"ם סוף הל' שמיטה ויובל).

114) להעיר, ש"ציון" קאי על בחי' היחידה שבנפש (ראה לקו"ת ר"פ דברים. ובכ"מ).

115) להעיר, שכאו"א מישראל הוא בדרגת כהן גדול, "ממלכת כהנים", "כהנים גדולים" (בעה"ט יתרו יט, ו), עד לדרגת אהרן הכהן, ש"בכל שעה שהוא רוצה ליכנס יכנס" (ויק"ר פכ"א, ז).

116) ראה תענית בסופה. שמו"ר ספכ"ג. פרש"י בשלח טו, ב.

117) ישעי' כה, ט.

118) שמו"ר שם. — נתבאר באוה"ת נ"ך עה"פ (ע' רג ואילך). ד"ה ויבא משה בתוך הענן (דש"פ משפטים) תרנ"ד פ"ד. ועוד.

119) תענית שם.

120) ישעי' מ, ה.

121) להעיר מתו"א פרשתנו (עח, א): "צירוף בשר . . דאותיות אלו בי"ת שי"ן רי"ש הן מחי' ממש את הבשר בדבר ה' שבששת ימי בראשית". ואולי י"ל (בדוחק עכ"פ, אבל ראה הערה הבאה) שרבינו הזקן נקט דוגמא מ"בשר" דוקא (אף שלא נזכרה תיבה זו כאן, ולכאורה אי"ז נוגע לתוכן הענין המבואר שם ע"ד החילוק שבין לה"ק לשאר הלשונות) — לרמז שבירור התחתון (ע' לשון) הוא באופן שחודר אפילו ב"בשר".

122) ישעי' סו, כג. וראה לקו"ת ברכה צז, ד, שאפילו "בשר", שהוא בדרגא תחתונה (ע"ה אסור לאכול בשר) יבוא ויגיע למדרגת השתחוואה וביטול.

בס"ד. שיחת ש"פ משפטים, מבה"ח וער"ח אדר ראשון ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות

[בנוגע להוראה שצריכים לחיות עם הזמן, עם פרשת השבוע]:

א. ואע"פ אז אין יעדער פרשה זיינען פאראן א ריבוי ענינים [ובהדגשה בפרשתנו - ואלה המשפטים לשון **רבים**], איז אבער "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[1], און דער סדר בזה ע"פ טבע האדם (ווי דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט) איז, אז מ'הויבט אן פון איין ענין, און דערנאך גייט מען אריין אין די פרטים שבזה, ביז מ'קומט צו פארבינדן דעם ענין מיט נאך ענינים אין תורה, ובמיוחד - מיט די אנדערע ענינים אין דער זעלבער פרשה (וועלכע האבן צווישן זיך א שייכות מיוחדת, זייענדיק אלע אין איין פרשה), ביז - מיט כל התורה כולה, וועלכע איז א תורה **אחת**;

און די הבנה אין דעם איין ענין בתורה גיט צו אין דער הבנה בשאר עניני תורה וואס ער וועט לערנען ווייטער, און אויך - וואס ער האט געלערנט פריער (ובפרט אז תורה איז בעה"ב אויף משנה זיין אויך דעם עבר).

ב. עד"ז איז אויך אין שולחן ערוך: פון איין זייט זיינען פאראן ד' חלקי שולחן ערוך, און יעדער חלק האט א ריבוי דינים מיוחדים, וכמה דינים זיינען שייך צו איין סוג פון אידן (אנשים, נשים, טף וכו'); ביחד עם זה איז דאס א שולחן ערוך וואס איז שייך צו אלע אידן, ובכללות - זיינען אלע ד' חלקי שו"ע אן ענין פון "אורח חיים", א מורה דרך בחיי יום יום פון א אידן [ביז אז מ'קען זאגן א קינד א דין פון חושן משפט און אים מסביר זיין די שייכות מיט אים]. נאר דער סדר בזה איז, אז מ'הויבט אן מיט איין ענין, און דערפון קומט מען צו פארשטיין ווי דאס איז פארבונדן מיט כל השולחן ערוך.

[בהשאלה בפרש"י ריש פרשתנו - שרש"י מחבר הענין דסמיכת פ' דינין ופ' מזבח (לומר לך שתשים סנהדרין אצל המזבח) עם ענין המשפטים ש"אף אלו מסיני"]:

ג. ובפרט אז די צוויי ענינים (סמיכת סנהדרין אצל המזבח און

---

1) במדב"ר פי"ב, ג.

די דיני משפטים) זיינען באזונדערע סוגי חיובים: משפטים זיינען שייך צו יעדער איד בפרט, ווי עס שטייט דערנאך ״כי תקנה גו׳״ לשון יחיד [און ווי ער איז מדייק אין דער חסיד׳ישער פרשה פון דער וואך[2]: ״וצ״ל דלפניהם משמע לשון רבים וכי תקנה הוא לשון יחיד כו׳״]; משא״כ קביעת מקום סנהדרין אצל המזבח איז ניט קיין חיוב אויף יעדער יחיד [ווייל אע״פ אז ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ איז געזאגט געווארן צו אלע אידן, און אלע אידן האבן זיך משתתף געווען אין נדבת המשכן, אנשים ונשים און אויך טף (כדאיתא באבות דר׳ נתן), פונדעטוועגן איז די בני׳ בפועל געווען נאר דורך געוויסע מענטשן, און נאר זיי (און ניט צו אלע אידן) איז געווען נוגע וויסן וואו צו קובע זיין מקום הסנהדרין].

נאר בענין זה יש לומר, אז יעדער יחיד האט א שייכות אויך מיט די עניני ציבור אין משכן ומקדש - ווייל דורך תרומת ישראל, אע״פ וואס די מסירה האט געדארפט זיין ״יפה יפה״[3], כדי עס זאל ווערן ממון צבור, פונדעסטוועגן האט יעדער יחיד א שייכות מיט דעם מחצית השקל וואס ער האט געגעבן, כמובן מבקשת משה ״אל תפן אל מנחתם״ (״יודע אני שיש להם חלק בתמידי צבור״)[4] [ווייל זיי זיינען דעמולט נאך געווען קודם התשובה, אבער לאחרי מיתתם, איז שוין געווארן א תיקון בזה, כמובן פון דעם וואס די גמרא זאגט אין ב״ב[5], אז ״דמו כמאן דמיבסמי״].

[בהמשך לדברי הרמב״ם ש״באותו הזמן לא יהי׳ שם..קנאה ותחרות״]:

ד. ווי דער רמב״ם שרייבט בסיום ספרו [וואס מ׳האט מסיים געווען לערנען עטלעכע וואכן צוריק], אין די לעצטע צוויי פרקים פון זיין ספר, וואס זיינען פארבונדן מיט הלכות משיח, וואס זיינען נוגע לפועל בביאת המשיח (און ניט נאר ווי ״כל העוסק בתורת כו׳ כאילו הקריב כו׳״[6]).

* * *

[בהמשך הלימוד משיעור היומי ברמב״ם, שכל בנ״י הם ״כאנשי בית אחד״]:

ובפשטות דריקט זיך דאס אויס אין מצות הצדקה, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מ׳זעט בגלוי חילוקים צווישן אידן, און ״כל אחד ואחד יש לו בית בפני עצמו״, ביז אז איינער איז אן עשיר און א

2) תו״א ר״פ משפטים. 3) ר״ה ז, ריש ע״ב. 4) קרח טז, טו ובפרש״י. 5) עג, סע״ב. 6) מנחות בסופה.

צווייטער אן עני, ובפרט בזמן הגלות ווען מ'זעט און פילט בגלוי די חילוקים, און אן עני דארף ניט קיין לאנגע התבוננות צו וויסן א ער איז אין א מצב של עניות, ווייל ע"פ רוב פילט ער דאס בפשטות [מלבד יחידי סגולה - ווי ר' זוסיא אניפאלער וועלכער האט געזאגט אז ער פילט ניט קיין עניות (כאטש ער איז געווען אן עני מרוד), ועד"ז ר' נחום טשערנארבליער, וואס אויף אים איז אויך ניט געווען ניכר זיין עניות, ואדרבה - ער איז געווען א שמן בגופו פון אמירת יהא שמי' רבא[7]] -

ווערט דער עני ועשיר נתאחד דורך מצות צדקה, ביז אז יותר ממה שהבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם הבעה"ב[8], ד.ה. אז דער עשיר ווערט גאר דער מקבל פון דעם עני!

וואס דורך דעם איז ניכר בגלוי ובגשמיות ווי אידן זיינען "כאנשי בית אחד", "אוכלין על שולחן אחד".

ה. וואס דאס איז דער לימוד פון היינטיקן שיעור רמב"ם, דער "מורה נבוכים" פון כל הדורות. וידוע אויך אז דער נאמען פון רמב"ם איז מרומז אין (די ראשי תיבות פון) דעם פסוק "רבות מופתי בארץ מצרים"[9] - ד.ה. אז אפילו געפינענדיק זיך אין מצרים, די מיצרים וגבולים פון גלות, און דארטן גופא - "בארץ מצרים", אין די ארציות שבמצרים, ווערט נתגלה "מופתי", ניט נאר א נס המלובש בטבע, נאר א נס גלוי, מלשון ארים נסי, ביז אז נס וואס קומט דורך משה רבינו (און דורך דער משה שבכאו"א), ובזה גופא - "רבות מופתי".

ובפרט אז מ'האט לאחרונה מסיים געווען דעם לימוד בספר הרמב"ם, און מ'האט אנגעהויבן דעם לימוד פון מחזור הששי, וואס איז מרמז אויף דעם אלף הששי, מיט אלע מעלות פון ששי, וואס דעמולט האט מען מעין פון עניני שבת וכו'.

ביז אז מ'קומט בפועל צו דעם יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[10], בגאולה האמיתית והשלימה, ובנין ביהמ"ק השלישי, ובאופן גלוי לעיני בשר, ביז אז מראה באצבעו ואומר זה, און מ'וועט ניט דארפן אנקומען צו ארייננקוקן אין ספרים וואס רעדן וועגן דעם, וועגן די פארשידענע לשכות און כלים אין ביהמ"ק וכו', און קוקן אין דעם מאמר און אין יענעם מאמר וכו', ווייל

7) ד"ה וקבל היהודים תרע"ח. ד"ה פתח אליהו תש"ב. "היום יום" ט"ו תמוז.
8) ויק"ר פל"ד, ח. 9) בא יא, ט. 10) תמיד בסופה.

מ'וועט עס זען בעיני בשר, ומראה באצבעו ואומר זה - אט איז דער בית המקדש, אט זיינען די לשכות, אט זיינען די כלים וכו'.

און אלע ענינים וועלן דעמולט זיין בתכלית השלימות - "כמצות רצונך", ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט "עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו"[11].

און פון דעם דיבור בזה - זאל זיין די מעשה בפועל כפשוטו ממש, אז נאך "בארץ מצרים" ווערט "רבות מופתי", און אין אן אופן פון א שפרונג מן הקצה אל הקצה - ניט נאר "רבות מופתי" "כימי צאתך מארץ מצרים"[12], נאר באופן פון "אראנו נפלאות"[12] אפילו בערך צו די נפלאות ומופתים בארץ מצרים[13],

והיו עיניך רואות את מוריך[14], ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו וגו', וכתיב לבוא בנקרת הצורים וגו'[15] (ווי געבראכט אין תניא[16] די דריי, פיר פסוקים),

און דאס ווערט בפרט דורך דער הכנה מעין זה נאך אין סוף זמן הגלות, ווי גערעדט כו"כ פעמים, און זינט דעם לעצטן דיבור בזה, איז שוין דורך נאך כו"כ רגעים, וואס יעדער רגע איז א רגע צו לאנג, ווייל דער גלות האט זיך געענדיקט שוין פון לאנג, וכלו כל הקצין, און איצטער דארף שוין זיין די גאולה בפועל ממש, ותיכף ומיד ממש.

* * *

ו. ס'איז אנגעקומען די הודעה אז מ'האט זיך צוזאמענגעקליבן בכדי מוסיף זיין ידיעות אין אידישקייט בא אידן וואס בא זיי פעלט אין דער ידיעה בזה, אדער עכ"פ אין א ידיעה בשלימותה וכדבעי, און משפיע זיין אויף זיי ביז בנוגע צו ענינים פון מעשה בפועל.

וואס די התחלה פון דער צוזאמענקלייבן זיך איז געווען אין מעלי שבתא, בערב שבת, וועלכער איז א יום סגולה, פארבונדן מיט "לחם משנה" וכו', און דער המשך דערפון - היינט, ביום השבת, און דערנאך - בימים שלאחרי זה.

וואס אזא צוזאמענקלייבן זיך איז מעורר אויף דער השתדלות וואס דארף זיין בא יעדערן צו משפיע זיין אויף אנדערע אידן אין

---

11) אבות פ"ב מ"ד. 12) מיכה ז, טו. 13) ראה אוה"ת עה"פ מיכה שם. 14) ישעי' ל, כ. 15) שם ב, כא. 16) פל"ו. וראה לקוטי לוי"צ לתניא שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

עניני אידישקייט, צו מוסיף זיין ביר״ש און קיום התומ״צ וכו׳.

ובפרט בסוף זמן הגלות, וואס דעמולט איז דא נאכמער הדגשה אויף דער עבודה - צו איינווירקן אויף אנדערע אידן זיי זאלן זיך מחזק זיין בקיום התורה ומצוותי׳.

ויש להדגיש (און אפשר האט מען אליין מכוון געווען אויף דעם), אז די השפעה על הזולת בעניני תומ״צ דארף זיין אין אן אופן, אז זיי (אומקערנדיק זיך למקומם) זאלן משפיע זיין אויף סביבתם בכל עניני יהדות.

ווייל עס קען ניט זיין אז די הוספה וואס איז צוגעקומען אין זייער אידישקייט זאל גורם זיין אז זיי זאלן אפגעשניטן ווערן פון זייער סביבה. אדרבה: א הוספה אין אידישקייט דארף ברענגען א הוספה אין אהבת ישראל, עס זאל ווערן גרעסער, לענגער, בריי-טער און טיפער, און דעריבער - דארף די תוצאה מזה זיין, אז דערפון זאל ארויסקומען אז זיי זאלן משפיע זיין אויף סביבתם בכל עניני יהדות.

ויש להוסיף, אז די הוראה הנ״ל פון דעם צוזאמענקלייבן זיך - דערמאנט אויך א אידן בנוגע צו דער השתדלות וואס דארף זיין אויף חינוך בני ביתו,

און אויך - די השפעה אויף זיך אליין, וואס ער דארף עולה זיין בעבודתו מחיל אל חיל, ובעבודה שלו האט ער אויך בדוגמא צו ענין הנ״ל (בנוגע צו משפיע זיין אויף אנדערע וועלכע האבן ניט א שלימות׳דיקע ידיעה אין אידישקייט - ווייל זיין איצטיקער מעמד ומצב (זיין יראת שמים וכו׳) לגבי א רגע לפני זה, איז בדוגמא צו אזא וואס זיין ידיעה ביהדות ודרגת יראת שמים איז ניט בשלימות.

וכל זה - דארף זיין אין אן אופן אז די עלי׳ אין אידישקייט ברענגט צו א הוספה אין אהבת ישראל, און במילא - אין דער השפעה אויף דער סביבה, כנ״ל. און די השפעה אויף א צווייטן גיט אויך צו אין דעם משפיע, כמאחז״ל[17] ומתלמידי יותר מכולם.

ז. כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה בקשר מיט דעם צוזאמענקלייבן זיך הנ״ל, ועד״ז בנוגע צו דער מלוה מלכה בקשר מיט דעם קרן גמילות חסדים וואס קומט פאר דעם מוצאי שבת (כרגיל

---

17) תענית ז, א.

בכל שנה), וועלכער איז אויך ראש חודש, וואס הם עתידים להתחדש כמותה. און דערצו - אין דעם שבת שנת הארבעים, לאחרי וואס ס׳איז שוין געווען דער ״נתן ה׳ לכם לב לדעת וגו׳״[18],

און זיי זאלן מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך און מזמין זיין די מסובים כאן.

ויה״ר אז דאס זאל נאכמער מזרז זיין די גאולה האמיתית והשלימה, ובאופן גלוי לעיני בשר, און בא אונז מצדנו וועט זיין מראה באצבעו ואומר זה, ״הקב״ה עושה מחול לצדיקים [ועמך כולם צדיקים[19]] והוא יושב ביניהם...וכל אחד מראה באצבעו כו׳״,

והקיצו ורננו שוכני עפר[20], אלע נשמות של כל הדורות, און אלע וועלן זיך משתתף זיין אין דעם טאנץ (מחול), און דער אויבערשטער אינמיטן,

וכל זה - תיכף ומיד ממש, נאך אין דעם שבת פ׳ משפטים שנת תשמ״ט, אין ברוקלין, און עס בלייבט ניט איבער קיינע שיריים פון גלות, און מ׳גייט אלע גלייך אין ארץ הקודש, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו׳ - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ח. ס׳איז רגיל צו מסיים מיט א הצעה חדשה בנוגע צו הוספה בעניני תומ״צ. [ההצעה - נדפסה לעיל בשיחה המוגהת ס״י].

ולפרסם זה אויך צו אנדערע, אנהויבנדיק דורך באווייזן א דוגמא חי׳, וממנו יראו וכן יעשו רבים.

ובכדי נאכמער מוסיף זיין בחיזוק הענין (פון ״ועשו לי מקדש״), זאל מען איצטער זינגען - נאך אמירת לחיים - דען ניגון ״שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״, בשמחה ובטוב לבב, און אזוי זאל זיין בפועל - במהרה בימינו ממש, און דערפון גייט מען אלע גלייך מקבל זיין פני משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש.

לאחרי הניגון אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה.

*

18) תבוא כט, ג. 19) ישעי׳ ס, כא. 20) שם כו, יט.

לזכרון

הרבנית הצדקנית

מרת **חי' מושקא**

בת כ"ק אדמו"ר

אור עולם

נזר ישראל ותפארתו

צדקת ה' עשה

ומשפטיו עם ישראל

ורבים השיב מעון

מרנא ורבנא

יוסף יצחק

ובת הרבנית הצדקנית

מרת **נחמה דינה**

ע"ה ז"ל

נפטרה ביום רביעי פ' משפטים

כ"ב שבט שנת התשמ"ח

ת.נ.צ.ב.ה.

•

אשתו של - יבלחט"א - כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

נדפס ע"י

הרה"ח הרה"ת ר' **נחום אברהם** וזוגתו מרת **רייזל** שרה

ובניהם **שמעון, ישראל, מנחם מענדל, צבי הירש ולוי יצחק** שיחיו

פערשין

הכתובת לחשיג ח"התנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213 בחו"ל:

TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ תרומה,
ו׳ אדר ראשון
ה׳תשמ״ט



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי

״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ

שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ תרומה, ו' אדר[1] ראשון ה'תשמ"ט.

א. ז' אדר[2] - יום ההולדת ויום פטירת משה רבינו[2*] - פאלט אויס אלעמאל בסמיכות צו פרשיות תרומה און תצוה. און היינטיקס יאר - פאלט ער אויס במוצאי שבת פ' תרומה[3], ויום ראשון[4] פ' תצוה.

דערפון איז מובן, אז ס'איז דא א שייכות[5] צווישן ז' אדר (שבו נולד ובו מת משה רבינו) מיט די פרשיות[6].

ב. די שייכות ביניהם זעט מען בגלוי[6*]:

דער תוכן מיוחד פון די ביידע פרשיות (תרומה און תצוה)[7] איז - וועגן דעם ציווי פון דעם אויבערשטן צו משה רבינו אויף מעשה המשכן ופרטיו: בפ' תרומה - "וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה גו' זהב כסף ונחושת גו' ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", ובהמשך לזה - פרטי הציווי אויף כלי המשכן; און דערנאך המשך הציווי בפ' תצוה: "ואתה תצוה את בני ישראל גו'", וועגן העלאת נרות המנורה, און דערנאך - וועגן עשיית בגדי כהונה, חינוך אהרן ובניו, ועשיית מזבח הקטורת.

דער אנזאג אויף עשיית המשכן ופרטיו איז געווען דוקא צו משה רבינו (און דורך אים - צו זיין דור), ווי עס שטייט אין מדרש[7*], אז דוקא משה האט (צוריק) ממשיך געווען די שכינה למטה, "הורידה לארץ כו' ביום שהוקם המשכן". ביז אז דער משכן ווערט אנגערופן על שמו - "משכן שעשה משה"[8], "מעשי ידי"

---

1) שהוא ערב והכנה לז' אדר, שע"י העבודה ביום זה באים לשלימות הגילוי דיום שלאחריו, ע"ד מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (ע"ז ג, א).

2) ראשון - ראה סוטה יב, ב. מגן אברהם או"ח סתק"פ סק"ח. ועוד. וראה לקו"ש חט"ז ע' 342 הערה 5. חכ"ו ע' 204. וש"נ.

*2) מגילה יג, ב. וש"נ.

3) נוסף על זה שהוא מתברך משבת זה, עם שאר ימי השבוע הבא, שמתברכים מיום השבת (זח"ב סג, ב. פח, א).

4) גם מלשון ראש, הכולל כל ימי השבוע (כמו הראש שכולל כל אברי הגוף).

5) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב.

6) וכדאיתא בספרים (מאור עינים פ' תצוה. וראה לקו"ש חט"ז וחכ"ו שם. וש"נ) שהסתלקות משה בז' אדר מרומז בפ' תצוה, שזהו הפרשה היחידה בתורה (לאחרי שנולד משה) שלא נתפרש שמו של משה רבינו (זח"ג רמו, א. וראה לקו"ש שם. וש"נ). אבל מובן שצ"ל שייכות גם לתוכן הפרשה. וראה לקמן הערה 33.

*6) בהבא לקמן (הקשר עם פ' תרומה) ראה גם קונטרס משיחת ש"פ תרומה תשמ"ז.

7) משא"כ פ' תשא שרק התחלתה היא ע"ד הציווי דעשיית כיור וכנו, ומעשה הקטורת (ותוכן שאר הפרשה הוא בענינים אחרים). ובפ' ויקהל פקודי - רק חוזר ונשנה פרטי עשיית המשכן וכלי המשכן וכו' בעשי' בפועל, שנצטוו כבר בפ' תרומה תצוה.

*7) שהש"ר פ"ה, א. וראה המשך ההילולא באתי לגני ה'שי"ת.

8) רמב"ם הל' ביהב"ח בתחלתן. וראה דה"א א, כט: משכן ה' שעשה משה.

משה[9].

און דער ענין פון דעם משכן איז ניט נאר א פרט וחלק פון עבודת משה, נאר דאס איז אן ענין עיקרי וכללי אין עבודת משה, און אין שלימות עבודת משה[*6],

כמובן אויך פון דעם, אז דאס ("ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם") איז דער יסוד ותכלית הכוונה פון "בריאת עולם הזה" און (נאכמער -) פון גאנץ סדר השתלשלות[10]: בכדי מאכן די גשמיות׳דיקע וועלט א "משכן" און "מקדש" פארן אויבערשטן, ובלשון הידוע[*10]: א דירה לו יתברך בתחתונים, אין "תחתונים" דוקא, עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, זאל דער אויבערשטער שטיין בגלוי בכל עצמותו ("לו" - לעצמותו[11]), כביכול ווי א מענטש אין זיין אייגענער דירה.

און דערפאר איז דער ציווי פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" א ציווי כללי ונצחי בכל הזמנים וכל המקומות - דער ציווי גייט אויך אויף בית ראשון ובית שני ובית שלישי[*11], ביז אויך - אויף כל זמן הגלות, כמאחז״ל[12] "ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד", וכדאיתא במדרש[13] (אויף "ועשו לי מקדש") "כל מקום שנאמר לי אינו זז לעולם, לא בעולם הזה ולא בעולם הבא" - דער ענין פון "ושכנתי בתוכם" איז תכלית בריאת העולם וכל סדר השתלשלות[*13].

---

9) סוטה ט, סע״א.

10) ראה תניא רפל״ו: "תכלית בריאת עולם הזה כו׳", ובהמשך הפרק - "תכלית השתלשלות העולמות כו׳".

וממשיך, ש"תכלית השתלשלות העולמות וירידתם ממדרגה למדרגה אינו בשביל עולמות העליונים הואיל ולהם ירידה מאור פניו ית׳ [והתכלית בודאי אינו בשביל ירידה ח״ו] אלא התכלית הוא העוה״ז התחתון", בכדי לעשות דירה בתחתונים, ודוקא ע״יז נעשה עלי׳ (גם בעולמות עליונים).

*10) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא שם.

11) ראה מאמרי אדה״ז תקס״ה ע׳ תפט ואילך. אוה״ת בלק ע׳ תתקצז ואילך. המשך תרס״ו ס״ע ג. ועוד. *11) ראה רמב״ם הל׳ ביהב״ח בתחלתן. וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 302 ואילך. חכ״א ע׳ 149 ואילך.

12) ראשית חכמה שער האהבה פ״ו קרוב לתחלתו (ד״ה ושני הפסוקים). אלשיך עה״פ פרשתנו כה, ח קרוב לסופו (ד״ה עוד יתכן). של״ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב.

13) ויק״ר פ״ב, ב. וראה מדרש שמואל פי״ט. ספרי בהעלותך יא, טז. - וראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ תרומה תשמ״ז.

13) ויש לומר הטעם שהציווי בפועל ("ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם") נאמר למשה בזמן מסויים, כו״כ (כ״ו) דורות לאחרי בריה״ע אף שהוא היסוד ותכלית כל הבריאה וכל סדר השתלשלות - כי:

---

*) ואף שמחשבתה של תורה ומחשבתן של ישראל קדמו לכל דבר (ובזה גופא - קדמה מחשבתן של ישראל) (ב״ר פ״א, ד. תדבא״ר פי״ד) - הרי סוף מעשה במחשבה תחלה (ובמחשבה עצמה - בתחלת המחשבה), היינו שהכוונה במחשבה תחלה של תורה וישראל היא, שיהי׳ דירה בתחתונים, אלא שהגילוי בפועל ע״י עשיית המשכן (בגדרי הזמן והמקום) נעשה לאחרי זה בזמן הראוי (מצד גדרי התחתון), כבפנים ההערה. ויש לומר, שכיון שהמחשבה תחלה היא למעלה מזמן, הרי מילוי הכוונה בפועל ע״י עשיית המשכן פועל גם למפרע, שבזה נשלמה המחשבה תחלה.

דערפון איז מובן אויך בנוגע למשה רבינו (וואס ער איז גע-ווען דער וואס האט ממשיך גע-ווען די שכינה למטה, כנ"ל) - אז דער ציווי "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" איז אן ענין עיקרי וכללי בעבודתו און דורך דעם ווערט אן עלי' ושלימות בעבודתו.

ג. ועפ"ז איז פארשטאנדיק די שייכות פון ז' אדר מיט די פר-שיות תרומה ותצוה, ווען ז' אדר פאלט אויס:

אין דעם יום הלידה פון א צדיק שטייט בכח די גאנצע עב-ודה וואס ער וועט טאן במשך זיין לעבן, ועאכו"כ ביום לידת משה וואס דעמולט האט מען גע-זען בגלוי דער עילוי פון משה[14], כמאחז"ל[15] "בשעה שנולד משה נתמלא בית כולו אור", "מתחלת תולדתו הי' ראוי להאיר את כל העולם על ידי התורה"[16].

ועאכו"כ ביום פטירתו, וואס דעמולט האט מען בפועל כל עב-ודתו, ובפרט בא משה רבינו, וואס יום פטירתו איז געווען ביום לידתו - "היום מלאו ימי ושנותי"[17]. ונוסף לזה - איז ידוע אז ביום פטירת הצדיק שטייט בגלוי "כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו"[18] און דאס איז מאיר בבחי' מלמעלה למטה, ביז אז דאס איז "פועל ישועות בקרב הארץ"[19].

ועפ"ז איז מובן, אז אין דעם טאג פון ז' אדר שטייט בגלוי די עבודה פון משה רבינו "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (דער תוכן פון פ' תרומה ותצוה), וועלכע איז א חלק, און נאכמער - אן ענין כללי ויסוד בעבודת משה רבינו (מילוי תכלית כל ס' השתלשלות, כנ"ל). ועד"ז לאידך גיסא: די פרשיות גיבן ארויס בגלוי דעם אינהאלט פון "מעשיו כו' ועבודתו" פון משה רבינו, וועלכער ווערט נתגלה בז' אדר - די עבודה פון משה "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם".

ד. ויש לומר, אז וויבאלד פ' תצוה קומט נאך פ' תרומה, גייט דאס אין א סדר מלמטה למעלה, אז אין פ' תצוה ברענגט זיך ארויס א העכערער און טיפערער ענין אין עבודת משה פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם".

דאע"פ אז פ' תרומה הויבט

הכוונה בזה היא שיהי' דירה בתחתונים, בגדרי התחתונים, וחלק מגדר התחתון הוא (גדר הזמן והמקום) - שהגילוי בו הוא בזמן מסויים, לאחרי הכנת והכשרת התחתון במשך הדורות עד עשיית המשכן (ע"ד הטעם שמ"ת הי' כ"ו דורות לאחרי בריה"ע).

14) עד שביום לידת משה "שמחו שמחה גדולה" (תוד"ה אמר כמשה - נזיר יד, א). ולא עוד אלא שגוברת על היפך השמחה דיום המיתה - "כדאי הוא יום הלידה שיכפר על המיתה" (פרש"י מגילה יג, ב). - נתבאר בארוכה בלקו"ש חכ"ו ע' 1 ואילך (שהעילוי הוא מצד הלידה).

15) סוטה יב, א. שמו"ר ופרש"י שמות ב, ב.

16) בחיי בס' כד הקמח מע' נר חנוכה. הובא ונתבאר בלקו"ש שם ע' 3 ואילך.

17) ר"ה יא, א. פרש"י ר"פ וילך.

18) ל' אגה"ק סי' זך.

19) שם סי' כח.

זיך אן מיט דערמאנען שמו של משה רבינו - "וידבר ה' אל משה לאמר", משא"כ פ' תצוה הויבט זיך אן "ואתה תצוה", אן דער־מאנען שם משה, ביז אז דאס איז די איינציקע פרשה בתורה (לאח־רי לידת משה) אין וועלכע עס ווערט ניט דערמאנט דער נאמען פון משה רבינו[20] -

אעפ"כ יש לומר, אז אדרבה: דוקא דורך ניט דערמאנען שמו של משה (און במקום זה שרייבן "ואתה (תצוה)", ביז אז דאס ווערט דער ערשטער ווארט דכל הפרשה ושמה[21]), ברענגט זיך ארויס א טיפערער ענין אין משה רבינו[22].

כידוע אז א שם איז ניט עצם מציאות האדם. א שם איז א גילוי וואס איז נוגע פאר דעם זולת, דער מענטש פאר זיך דארף ניט קיין נאמען.

בסגנון אחר: א שם באווייזט אויף א געוויסן תואר וציור. משא"כ דער עצם האדם איז העכער פאר שמות ותוארים.

ועפ"ז יש לומר אז דאס וואס שמו של משה ווערט ניט דערמאנט בפירוש אין פ' תצוה, איז (אויך) ווייל דאס באדייט דעם עצם פון משה, ווי ער איז נאך העכער פאר שמו (משה), וואס ווערט דערמאנט פריער אין פ' תרומה.

ה. וביאור הענין:

דער נאמען משה איז על שם "כי מן המים משיתיהו"[23]. שטייט אויף דעם אין חסידות[24], אז דאס איז ווייל שרש נשמת משה איז פון א דרגא גבוה מאד, פון עלמא דאתכסיא (מים), און בשעת די נשמה איז אראפ למטה (ווען משה איז געבארן גע־ווארן), איז געוווען דער "מן המים - פון עלמא דאתכסיא - "משיתיהו" אין עלמא דאתגליא, ביז אין עולם הזה הגשמי.

דעריבער האט משה געזאגט[25] "לא איש דברים אנכי גו' כי כבד פה גו'", ווייל שרש נשמתו מבחי' עדאתכ"ס איז העכער פון גילוי אין דיבור, נאר דער אויבערשטער (דער "שם פה לאדם"[26]) האט אים געגעבן דעם כח אז אויך זיין מדריגה (שלמעלה מגילוי הדיבור) זאל ארויס בגילוי בדיבור (דורך "אהרן אחיך הוא גו' יהי' לך לפה"[27]).

און די כוונה פון ירידת נשמת משה (פון אזא הויכע דר־גא) איז כדי "לגאול את ישראל ושיהי' מתן תורה על ידו

20) וזהו רמז להסתלקות משה בז' אדר (הבא ע"פ רוב בסמיכות לזמן קריאת פ' תצוה), כנ"ל הערה 6.

21) וגם בתוך הפרשה עצמה נזכר ריבוי פעמים ציוויים למשה. וראה זהר חדש שה"ש בתחלתו (ס, ג): "הו"ל למיכתב שמי' דמשה בכל מלה ומלה ובכל פיקודא ופיקודא דתמן".

22) בהבא לקמן - ראה גם לקו"ש חט"ז ע' 351. חכ"א ע' 174. ע' 205 ואילך.

23) שמות ב, י.

24) תו"א נא, ד. ובכ"מ.

25) שמות ב, י.

26) שם, יא.

27) שם, יד; טז.

כו׳״[28], ויש לומר אויך - דער המשך ושלימות דערפון - ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, וואר־ום בכדי אויפטאן השראת השכינה למטה, ביז די התחלה ונתינת כח אויף מאכן א דירה לעצמותו ית׳ בתחתונים, האט דאס געדארפט זיין בכח פון דער גילוי (״משיתיהו״) ״מן המים״, פון א דרגא וואס איז למעלה מגילוי מצ״ע.

ו. לאחרי כל המעלות אין דעם נאמען פון ״משה״, איז דאס אב־ער פארט א שם, וואס א שם איז ניט עצם מציאות האדם (כנ״ל). א שם באווייזט אויף א געוויסן תואר וציור. משא״כ דער עצם האדם איז העכער פאר שמות ותוארים (ועד״ז אויך בנוגע צו דער נשמה - איז דער עצם הנשמה העכער פאר די חמשה שמות שנק־ראו לה[29]).

ועי״ד כביכול ווי דאס איז בא דעם אויבערשטן, אז די שמות הקדושים זיינען פארבונדן מיט הארות וגילויים כו׳, אבער עצ־מותו ומהותו ית׳ איז העכער פון שמות (לא אתרמיז בשום אותא וקוצא כלל[30]), עד״ז איז דאס בא צדיקים (וועלכע זיינען דומים לבוראם[31]), ובעניננו - משה רבינו, אז זיין עצם ומהות איז העכער פאר שמו (״משה״).

ועפ״ז איז מובן, אז דאס וואס שמו של משה ווערט ניט דערמאנט אין פ׳ תצוה, איז ווייל דאס באדייט דעם עצם פון משה, ווי ער איז נאך העכער פאר שמו[32] משה, בחי׳ ״מן המים משיתיהו״ (דער גילוי פון שרש נשמתו מעלמא דאתכסיא).

דאס הייסט, אז לאחרי הגילוי בפ׳ תרומה פון כחו של משה צו ממשיך זיין דעם ״ושכנתי בתוכם״ מצד זיין דרגא פון שם ״משה״ (״וידבר ה׳ אל משה״), ״מן המים משיתיהו״ - קומט מען דערנאך צו א העכערע, טיפערע הבנה בזה, אין פ׳ תצוה - אז עס ווערט נתגלה עצמותו של משה (ווי ער איז העכער פון שם ותואר), ויש להוסיף - אז דורך דעם ווערט נתגלה דער עצם שלמעלה, עצמותו ומהותו ית׳, וואס דוקא פאר אים (און דוקא בכחו) מאכט מען דעם ״ושכנתי בתוכם״, דירה לו, לעצמותו, בתחתונים.

וכשם ווי דער גילוי בפ׳ תצוה איז פון עצם דמשה און עצמותו ית׳ (העכער ווי דער גילוי פון שמו בפ׳ תרומה), איז אויך די פעולה פון דעם ״ועשו לי מקדש״ דערגרייכט און נעמט מערער דורך - דעם תח־תון:

מצד די מדריגה פון משה וואס איז פארבונדן מיט שמו, א דרגא מסויימת - דערגרייכט דאס ניט

---

28) תו״א שם.

29) ב״ר פי״ד, ט.

30) לקו״ת פינחס פ, ב. וראה זח״ג רנז, ב.

31) ראה ב״ר פס״ז, ח. ובכ״מ.

32) ואולי י״ל שזהו ע״ד הטעם שלא נזכר שם קדוש במגילת אסתר, מפני שקשורה עם עצמותו ית׳ דלא אתרמיז בשום אות כו׳ (תו״א מג״א ק, ב. קכא, רע״ג. ועוד).

אין דעם תחתון ביותר. דוקא דורך דער גילוי העצם פון משה (און דער עצם שלמעלה), וואס איז העכער פאר שם ותואר, דער־גרייכט מען און מ׳טוט אויף דעם ״ושכנתי בתוכם״ אויך אין דעם תחתון ביותר[33].

און דאס איז דער פירוש אין ״ואתה תצוה״: ״ואתה״ ווייזט אויף ״מהות ועצמותך״[34] פון משה, העכער פאר זיין שם, און דוקא אויף דעם זאגט מען ״ואתה״ בלשון נוכח, תכלית הגילוי פון דעם עצם פון משה׳ן[35], וואס פארבינדט זיך מיט דעם ״אתה״ האמיתי אחד שלמעלה[36], עצמותו ומהותו ית׳ (וואס באמת לאמיתו איז דוקא אויף עצמות שייך זאגן ״אתה״ לשון נוכח)[37],

און דאס ווערט באופן פון ״(ואתה) תצוה״, תצוה מלשון[38] צוותא והתקשרות (פון אלע אידן) מיט אתה (עצם) פון משה[39], און דורך אים (ממוצע המחבר[40]) - מיט עצמותו ית׳. וואס דורך דעם ווערט שלימות הענין פון ״ושכנתי בתוכם״ - גילוי עצמותו ית׳ (״אתה״) דא למטה ״בתוכם״, בתחתונים, אויך אלס נתינת כח אויף דער עבודה פון ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ אין די בתי מקדשות שלאחרי זה, און ״בתוכם״, בתוך כל אחד ואחד.

וואס די מדריגה איז העכער פאר דעם וואס רעדט זיך אין פ׳ תרומה: מצד די מדריגה פון משה וואס איז פארבונדן מיט שמו (בפ׳ תרומה), האט מען די גילויים שלמעלה וואס זיינען פארבונדן מיט ״תרומה״, אותיות ״תורה מ׳״, התורה שניתנה למ׳ יום[41], ווי תורה איז געגעבן

---

33) ראה בארוכה לקו״ש חכ״א ע׳ 178 ואילך, שכל הענינים שבפרשת תצוה - העלאת הנרות, עשיית בגדי כהונה, חינוך אהרן ובניו ועשיית מזבח הקטורת - ענינם הוא ההמשכה גם להפשוטים שבישראל, עד לאלו שהם בדרגא הכי תחתונה, שהמשכה זו היא דוקא מצד עצמותו של משה, ואתה תצוה.

34) כלי יקר עה״פ. וראה ד״ה זאת תורת הבית תרפ״ט פי״א (סה״מ קונטרסים ח״א מה, א).

35) וראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 205 ואילך, שזהו גם תוכן ענין הסתלקות (של משה בז׳ אדר) - שאז נעשה גילוי רוחו והעצם של הצדיק, ובתכלית הגילוי (״ואתה״ לשון נוכח) - דאשתכח יתיר מבחיוהי כו׳ (אגה״ק סז״ך וביאורו).

36) ראה ד״ה זאת חנוכת הבית הנ״ל.

37) וענין זה, מרומז לא רק ב״ואתה תצוה״ (כבפנים), אלא גם בתיבת ״תצוה״ (שם הסדרה ע״פ מנהג ישראל הנפוץ ועוד). כי ״שם״ שייך למספר ת״ק כמחז״ל ״הלך הקב״ה מהלך ת״ק שנה לקנות לו שם״ (קה״ר פ״ז, א (ב). מדרש שמואל פנ״ג), ו״תצוה״ בגימטריא תק״א, ת״ק ועוד אחד - רומז על העצם שלמעלה מבחי׳ שם - ראה בארוכה לקו״ש חכ״ו ע׳ 207 ואילך.

38) תו״א תצוה פב, א. ד״ה זאת חנוכת הנ״ל. ד״ה וקבל היהודים תרפ״ז פ״ד.

39) וענין זה מתאים גם לפי הטעם בספרים (בעה״ט ר״פ תצוה. ועוד. וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 342. חכ״א ע׳ 173. וש״נ) שלא נזכר שמו של משה מפני שאמר משה (תשא לב, ב) ״ואם אין מחני נא מספרך גו׳״ (ואמירת ״חכם אפילו על תנאי באה״ - מכות יא, א) - כי גם האמירה ד״מחני נא״ היא מצד ההתקשרות העצמית דמשה עם ישראל שלמעלה מהתורה (נתבאר בארוכה בלקו״ש חכ״א ע׳ 173 ואילך. וש״נ).

40) ד״ה פנים בפנים תרנ״ט.

41) זח״ג קעט, ב. תקו״ז תי״ז (לא,

געווארן למשה רבינו (ענינו של תורה, ״זכרו תורת משה עבדי״[42], כיון שמסר נפשו עלי׳[43]), און ווי תורה איז פארבונדן דוקא מיט זמן גשמי למטה (ארבעים יום), אבער דאס דעגרייכט ניט דעם ארט וואס איז העכער פאר תורה (מחשבתן של ישראל קדמה למחשבתה של תורה[44]), און דערפאר קען מען מצד דער מדריגה ניט דערגרייכן אן ארט וואס איז פארבונדן מיט דעם תחתון ביותר (מקום החטא, וואס איז היפך התורה).

דוקא ״ואתה (תצוה)״, דער עצם פון משה (פארבונדן מיט דעם עצם שלמעלה), פועל'ט דעם ״תצוה את בני ישראל״, דעם צוותא וחיבור פון אלע אידן (אפילו די וואס האבן חוטא גע-ווען און געפינען זיך למטה ביותר) אין איין מציאות[45].

ז. ע״פ הנ״ל איז יומתק אויך פארוואס ״ואתה״ (בריש פ׳ תצוה) שטייט מיט א וא״ו המוסיף בתחלתו (״וַאתה״), דאס קומט בהמשך ובהוספה צו דעם וואס רעדט זיך פריער אין פ׳ תרומה (ווי פשטות הענין, אז דאס איז א המשך צו דעם ציווי בר״פ תרומה ״וידבר ה׳ אל משה לאמר״) -

ווייל דער גילוי העצם (פון ״ואתה״) גיט צו א הוספה אין דעם ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ ווי דאס איז מצד שמו של משה (בפ׳ תרומה), הן מצד דעם גילוי מלמעלה - גילוי עצמותו ית׳, העכער פאר כל שם ותואר, און הן אז דאס דער-גרייכט למטה יותר[46].

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואס ״אות אמת דא אות וא״ו״[47], ווייל דער אות וא״ו (וואס איז בצורה פון א קו וואס ווערט נמשך מלמעלה מעלה ביז למטה מטה) איז בחי׳ בריח התיכון המבריח מן הקצה אל

ריש ע״ב). וראה אוה״ת פרשתנו ע׳ א׳שמה ואילך. ע׳ א׳שפד. דרושים לשבועות ע׳ קלט. סה״מ תרכ״ו ע׳ קמג ואילך. תרכ״ז ע׳ תעה ואילך. תרכ״ט ע׳ קפד. ד״ה וידבר גו׳ ויקחו לי תרומה העת״ר (בהמשך תער״ב ח״ב ע׳ תתפח). סה״מ תש״ט ע׳ 151.

42) מלאכי ג, כב.

43) מכילתא בשלח טו, א. שמו״ר פ״ל, ד. וש״נ.

44) כנ״ל הערה *13.

45) ראה לקו״ש שבהערה 33.

46) ויש לומר יתירה מזה, ש״ואתה״ (בוא״ו המוסיף) מורה גם על זה שגילוי העצם (״אתה״) בהמשכן (אינו ענין בפ״ע מהגילוי בזה שקשור עם בחי׳ שם ותואר כו׳, אלא שהוא) בא בהמשך ובהוספה על זה - כי הכוונה בדירה בתחתונים (לעצמותו) היא, שלא תתבטל המציאות דסדר השתלשלות, אלא שזה יבוא ״בהוספה״ על זה, עד שגילוי העצם יומשך ויחדור ויעלה כל פרטי הדרגות שבסדר השתלשלות* (שמצ״ע הן ירידה מאור פניו ית׳), כולל כל הדרגות וגילויים שמתוארים בשמות ותוארים, וביניהם - דרגת משה, בחי׳ ״מן המים משיתיהו״.

47) זהר ר״פ ויקרא. ולהעיר מתחלת מאמר הזהר שם: יידעין לצרפא אתוון דאתיהיבו לי׳ למשה בסיני כו׳ וידעין כו׳ גו אתוון תתאין חכמתא לאנגהא עובדין בהאי עלמא כו׳.

*) ראה עד״ז אוה״ת תצוה ע׳ איתקנא, סד״ה ואתה תצוה העת״ר (בהמשך תער״ב) - ש״ואתה״ (עם וא״ו המוסיף) מורה על גילוי והמשכת למעלה מסדר השתלשלות בסדר השתלשלות.

הקצה, ראש תוך סוף. וואס דאס איז דער ענין פון אמת, וואס באשטייט פון די אותיות א' מ' ת' - אל"ף דער ראש כל האותיות, מ"ם אמצע האותיות, ותי"ו סוף כל האותיות, "וכלל-ותם הוא אות וא"ו שהוא קו האמצעי"[48] - אז אמת איז בכל הדרגות כולם, מראש כל דרגין עד סוף כל דרגין.

ובעבודה איז דאס דער ענין וואס א איד איז מגלה דער אמת פון "אלופו של עולם", "אמיתת המצאו"[49], אין "כל הנמצאים" (וועלכע נעמען זיך פון "אמיתת המצאו")[49], ביז למטה מטה, בבחי' תי"ו (סוף כל האותיות והדרגות), און אין אלע דרגות בינתיים (כמרומז אין דעם מ"ם, אמצע האותיות)[50].

ויש לומר, אז דאס איז מתאים מיט דעם וואס אות וא"ו באווייזט אויף דער הוספה פון פ' ואתה תצוה אויף פ' תרומה - אז דער אות וא"ו (דא אות אמת) באווייזט אויף דעם גילוי פון "אמיתת המצאו" (עצמותו ית') ביז למטה מטה. און די הוספה איז אין אן אופן (ניט אז ער איז מבטל מציאות העולם, נאר) ער איז מגלה "אמיתת המצאו" אין וועלט גופא (אין אלע דר-גות שבה, מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין), אזוי אז בכל הדרגות כולם פון סדר השתלשלות ווערט א משכן ומקדש לה', דירה לו יתברך.

ח. דערפון איז אויך פארשטאנ-דיק בנוגע צו דער עבודה פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" (בתוך כל אחד ואחד) וואס אידן, כל אחד ואחד, טוען במשך כל הדורות - אז מ'באקומט דעם כח לזה פון דעם ציווי ה' (בפ' תרומה ותצוה) דורך משה רבינו.

ובפרט אז יעדער איד האט אין זיך בחי' משה שבקרבו[51], און דאס ווירקט אויף אים בפועל (אזוי אז לגבי בחי' משה שבו איז "יראה מילתא זוטרתי היא"[52]).

וכשם ווי בא משה'ן זיינען בכללות פאראן די צוויי דרגות, שמו של משה "מן המים משיתיהו", און עצם שלו ("ואתה") - אזוי ווערט אויך נמשך דער כח צו יעדער איד, צו טאן די עבודה הן מצד דער דרגא פון "מן המים משיתיהו", מגלה זיין זיינע כחות הנעלמים, און

---

48) ביאורי הזהר (לאדהאמ"צ ולהצ"צ) ויקרא שם.

49) ל' הרמב"ם בריש ספר היד.

50) ובספירות: ההמשכה מבחי' אל"ף, כתר (או חכמה), בב' דבראשית (מעשה בראשית), בינה אם הבנים, עד לז"א (מ"ם), ועד למלכות (תי"ו), סוף כל דרגין (כנגד ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר, ת' עלמין דכסופין - תו"א ר"פ וישלח).

ולהעיר גם מפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר שצורת אות אל"ף הוא, יו"ד למטה ויו"ד למעלה וקו המחברם באמצע, היינו האיד (יו"ד) דלמטה ויו"ד למעלה (ר"ת דשם הוי'), ושניהם קשורים זב"ז ע"י הוא"ו המחברם באמצע. והן מלמעלה למטה והן מלמטה למעלה (והתהלכתי בתוככם לשון רבים, ב' הליכות).

51) תניא רפמ"ב.

52) ברכות לג, ב.

נאך העכער ובהוספה על זה - מגלה זיין דער עצם שלו (של-מעלה משם ותואר), וואס איז פארבונדן מיט דעם עצם שלמעלה, און דורך דעם אויפטאן כביכול דעם "ושכנתי בתוכם", באופן כזה אז בכל הענינים שלו הערט זיך בגלוי דער "ואתה תצוה", דער פארבונד מיט עצם שלו, ועי"ז - מיט עצם שלמעלה, דער אויבערשטער, ובלשון נוכח - מראה באצבעו ואומר זה[53].

ובאותיות פשוטות מיינט דאס:

דער יסוד ותכלית פון אלע עניני עבודה פון א אידן דארף זיין - "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". אלע זאכן וואס ער טוט - צי א גרויסע זאך אדער א קליינע, צי א הייליקע זאך, ווי לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, אדער א זאך פון (להבדיל) דברי רשות (עסן, טרינקען וכו'), צי בא זיך אין שטוב אדער בא דער ארבעט, אדער אין גאס - דארף ער דערפון מאכן א משכן ומקדש לה', אן ארט אויף וועלכן דער אויבערשטער זאגט "ושכנתי בתוכם".

און די עבודה בזה דארף זיין אין אן אופן, אז נוסף לזה וואס ער טוט עס מצד בחי' משה שבקרבו, ווי דאס איז זיינער א שם ותואר (א דבר נוסף אויף זיין עצם), דארף ער דערצו (כמו וא"ו המוסיף) אויך דער-גרייכן נאך א העכערע מדריגה אין עבודה - אז במקום ותמורת זה ווערט דער גילוי פון "ואתה", אזוי אז כל הכחות שלו, און כל ענינים שלו, אויך די עניני רשות, ווערן איבער-געביטן צו נאך א העכערן ענין[54] - דעם ענין פון "ואתה תצוה", אז עס הערט זיך (ניט קיין דבר של רשות, נאר) מלכ-תחילה קדושה, ווי דאס איז פארבונדן (תצוה לשון צוותא וחיבור) מיטן אויבערשטן.

ט. ובפרטיות יותר:

די עבודה פון "ועשו לי מקדש ושכני בתוכם" ווערט אויפגעטאן דורך דעם ענין פון "ויקחו לי תרומה גו'" (וואס שטייט לפני זה אין דער ציווי)[55], אז א איד נעמט פון זיינע י"ג (ט"ו)[56] דברים גשמיים שבעולם (וואס ווערן דערנאך אויסגע-רעכנט אין פסוק), אין וועלכע עס טיילן זיך כל עניני העולם, און גיט זיי אפ צו מאכן דער-פון א מקדש פאר דעם איבער-שטן.

דער ענין אין עבודה:

בכללות - "תרומה" גייט אויף

---

53) ל' חז"ל - שמו"ר ספכ"ג. וראה תענית בסופה.

54) וי"ל - לא כמו תמורות האותיות (כמבואר בשעהיוה"א מספר יצירה), שהם למטה מן האותיות. אלא ע"ד "הי' הוא ותמורתו יהי' קודש", שהתמורה היא בפשטות למעלה מהדבר שהחליף.

55) וראה לקו"ש חכ"א ע' 152 ואילך, ששם הפרשה הוא "תרומה" כי בזה מתבטא עיקר הענין דהשראת השכינה למטה ע"י עבודת האדם דוקא. עיי"ש.

56) ראה לקו"ש שם ע' 153 הערות 70-71. וש"נ.

תורה[57], וואס דאס איז כולל אלע ענינים אין עבודת ה׳, וועלכע מ׳וויסט זיי דורך דעם וואס זיי ווערן אנגעזאגט אין תורה (מלשון הוראה[58]), תורה אור - א ליכטיקער וועג-ווייזער ווי א איד דארף זיך אויפפירן אין זיין טאג טעג-לעכן לעבן, און מאכן פון אלע זיינע באשעפטיקונגען א מקדש[59] לה׳[60].

מער בפרטיות: די ערשטע דריי זאכן (פון די י״ג דברים), ״זהב כסף ונחושת״ (וועלכע זיינען אויך די ערשטע במעלה, און זיי זיינען כולל די אנדערע) - זיינען כנגד די שלשה עמודים, תורה עבודה וגמילות חסדים[61], וועלכע זיינען כולל אלע ענינים אין עבודת ה׳ - די שלשה עמודים שעליהם העולם (אויך דער עולם קטן זה האדם[62]) עומד וקיים[63].

ויש לומר הטעם, ווייל די דריי עמודים זיינען ענינים עיקריים אין דעם משכן ומקדש, כמדובר כמ״פ[64]:

תורה - ווערט אונטערשטראכן איז דעם ערשטן פרט אין דעם ציווי פון ועשו לי מקדש: ועשו[65] ארון גו׳ ונתת אל הארון את העדות (התורה[66]).

עבודה - ״ביתי בית תפלה יקרא״[67] און ״זה שער השמים״[68], אלע תפלות זיינען געוועגדעט און גייען ארויף דורך דעם בית המקדש (וקדש הקדשים)[69]. און ״ועשו לי מקדש״ איז בכדי עס זאל זיין א ״בית לה׳ מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות״[70] - דער קו העבודה, וואס תפלות במקום קר-בנות תקנום[71] (ובפרט תפלה אין ביהכנ״ס - ״מקדש מעט״[72]).

גמילות חסדים - ווי דער ציווי פרטי באלד נאך ״ועשו ארון״: ״ועשית[73] שלחן גו׳

57) כנ״ל בפנים סו״ס ו.

58) ראה זח״ג נג, ב.

59) ועפ״ז יש לומר הטעם פנימי (ב״יינה של תורה״) שרש״י מעתיק בפירושו בד״ה הראשון בפרשתנו גם תיבת ״תרומה״ (אף שפירושו הוא על תיבת ״לי״)*, כי עיקר ויסוד העבודה דעשיית מקדש לה׳ הוא ע״י ענין התורה שמרומז בתיבת ״תרומה״ (תורה מ׳).

60) ולהעיר שתורה בכלל הוא ענין המשכן ומקדש לה׳, וכמאחז״ל שע״י התלבשותו בהתורה ה׳ נמשך במשכן וכו׳.

61) תו״א בהוספות קיא, ד. ובכ״מ. וכמובן גם מזה שהם כנגד חג״ת (ראה זהר פרשתנו - קלח, ב. קמז, א. קמח, א. ועוד), חסד (גמילות חסדים), גבורה (עבודה), תפארת (תורה).

62) תנחומא פקודי ג. תקו״ז תס״ט (ק, א).

63) אבות ריש וסוף פרק א.

64) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ תרומה תשמ״ז. ועוד.

65) פרשתנו כה, י. וראה רמב״ן שם, כב: עיקר החפץ במשכן הוא מקום מנוחת השכינה שהוא הארון.

66) פרש״י שם, טז.

67) ישעי׳ נו, יז.

68) ויצא כז, יז ובפרש״י.

69) ראה ברכות ל, א. ירושלמי ברכות פ״ד ה״ה. רמב״ם הל׳ תפלה פ״ה ה״ג. טושו״ע ודאדה״ז או״ח סצ״ד ס״א-ב.

70) רמב״ם הל׳ ביהב״ח בתחלתן.

71) ברכות כו, א-ב. זח״ב כ, ב.

72) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

73) פרשתנו כה, כג. שם, ל.

*) חביאור ע״ד הפשט - ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 284 ואילך.

ונתת על השלחן לחם״, וואס דער ביהמ״ק איז געווען דער ארט פון וועלכן און דורך וועלכן דער אויבערשטער האט משפיע גע-ווען אלע זיינע חסדים[74] פאר דער וועלט בכלל און פאר אידן במיוחד.

נוסף על זה - אז ״ויקחו לי תרומה״ (אלס הכנה צו עשיית המשכן) איז בפשטות דער ענין הצדקה.

י. ויש להוסיף, אז אין דעם קו פון גמילות חסדים (צדקה) גופא - זיינען פאראן דריי מדריגות, כמרומז אין ״זהב כסף ונחושת״:

עס שטייט אין ספרים[75] בביאור כתוב זה (״זהב כסף ונחושת״): ״וכנגדן יש צדקות בעולם, אותה שאדם עושה כשהוא בריא נחשבת לו כזהב, כשהוא חולה ונותן מעתה נחשבת לו ככסף, כשהוא נותן לאחר המיתה נחשבת לו כנחשת״.

און מ׳גיט צו[76], אז דאס איז אויך מרומז אין ראשי תיבות שלהם: זה״ב ר״ת זה הנותן בריא, כלומר בעוד שהוא בריא זה מעלה עליונה בנתינת הצדקה. כס״ף ר״ת כשיש סכנת פחד, כלומר שהוא בסכנת פחד, זה מעלה שני׳ בנתינת הצדקה. נחש״ת ר״ת נתינת חולה שאמר תנו, כלומר שהוא שכיב מרע, זהו מעלה התחתונה בנתינת הצדקה.

ויש לומר, אז וויבאלד מצות צדקה איז ״שקולה כנגד כל המצוות״[77] (״עיקר המצות מעשיות״[78]), דעריבער איז אין דעם מרומז די דריי דרגות הנ״ל, וועלכע נעמען ארום אלע מדריגות אין עבודת ה׳, אין ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״:

״זה הנותן בריא״ (זהב) באו-ווייזט אויף שלימות העבודה (עבודת הצדיקים וכיו״ב), בשעת דער ״נותן״ איז א ״בריא״ בכל עניני תומ״צ. וואס דאס איז בהתאם לזה וואס זהב איז דער ערשטער פון די י״ג דברים, בפשטות ווייל זהב איז דער מובחר מכולם. [און מ׳האט עס געניצט פאר די דברים הכי חשובים אין משכן - דער ארון (עיקר החפץ במשכן), ועד״ז אין די מקיפים - די יריעות ובריח-ים מצופים בזהב וכו׳. ביז אז דוקא בנוגע צו זהב זאגן חז״ל[79] אז ״לא הי׳ העולם ראוי להשתמש בזהב ולמה נברא בשביל המשכן כו׳״[80]].

---

74) ראה בחיי פרשתנו שם, ג. אוה״ת פרשתנו ע׳ א׳תעו ואילך. וש״נ. וראה קונטרס הנ״ל.

75) רבותינו בעה״ת ריש פרשתנו. וראה פי׳ הרא״ש שם.

76) אגרות הטיול (לאחיו של המהר״ל) חלק הרמז אות ז׳. וראה גם תורה שלימה עה״פ (אות לח).

77) ב״ב ט, א.

78) תניא פל״ז.

79) שמו״ר פרשתנו רפל״ה. ב״ר פט״ז, ד.

80) אלא שבשביל השלימות דענין הבחירה - נמצא זהב גם בעולם (עד שאפשר להשתמש בו באופן בלתי רצוי, ״וזהב עשו לבעל״ - הושע ב, י. פרש״י

״כשיש סכנת פחד״ (כסף) גייט אויף דרגת העבודה ווען דער מענטש איז אנגערירט געווארן פון דעם העלם והסתר ועניניס בלתי רצויים שבעולם; נאר דורך זיין עבודה (נתינת הצדקה) ווערט ער דערפון אויסגעלייזט[81].

104) במכ"ש וק"ו מההכנה לפורים קטן — ע"י ההוספה בתורה תפלה וגמ"ח במשך כל השבוע (כולל גם יום השבת), כמדובר בהתוועדות דשבת שעברה בפרט קצת.

105) כ"ה בסידור אדה"ז (לפני למנצח יענך). השלמה לשו"ע אדה"ז או"ח סקל"א ס"ח.

106) ע"פ ישעי' א, כז. וראה לקו"ת ר"פ דברים.

107) אסתר ט, כב.

108) רמב"ם הל' מגילה פ"ב הט"ז. טושו"ע או"ח סתרצ"ד ס"ג.

109) תענית כט, סע"א.

110) ראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 344. וש"נ.

111) מגילה ו, סע"ב.

112) מיכה ז, טו.

113) עמוס ז, ב. שם, ה.

114) ש"א יז, יד. וראה חולין ס, ב.

115) ראה סוכה כט, א (ובחדא"ג מהרש"א). ב"ר פ"ו, ג.

116) נוסח ברכת קידוש לבנה (סנהדרין מב, א).

117) זהר ח"א קנ, רע"א. רכה, סע"ב. רמט, ב. ח"ב פה, רע"א. רטו, א. וראה שמו"ר פט"ו, כו.

118) שהרי "הזמן שבין כל מולד ומולד" הוא "כ"ט יום וי"ב שעות ותשצ"ג חלקים" (רמב"ם הל' קדה"ח פ"ו ה"ג — שיעור דיום הש"ק), ונמצא, ששלימות הלבנה — אמצע הזמן שבין כל מולד ומולד — מתחיל כבר ביום השלושים. ולהעיר דחדשי שבט ואדר א' הם של שלושים יום.

י"ד אדר ראשון, ש"ראשון" קשור עם משיח וביהמ"ק, שנקראים "ראשון", "בנין ביהמ"ק, דכתיב[119] כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו ושמו של משיח דכתיב[120] ראשון לציון הנה הנם"[121].

ואז יהי' גם הענין ד"ואתה תצוה"[122] בתכלית השלימות והגילוי — כי, "לא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[123] (ועד שיתגלה ויאיר בכל העולם, מלשון העלם[124], "מערב עד בוקר", שמהפכים ה"ערב" ל"בוקר"[125]), ובאופן שמראה באצבעו ואומר זה, וב"פ זה[124], "הנה אלקינו זה גו' זה הוי' קוינו לו"[126], ומתוך שלימות השמחה — "נגילה ונשמחה בישועתו"[127], "שמחת עולם על ראשם"[128].

וכן תהי' לנו — גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו תיכף ומיד ממש, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[129], ו"הקיצו[130] ורננו שוכני עפר"[131], וכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בראשם, וכולנו יחדיו, "קהל גדול[132]" — "ישובו הנה"[133], לארצנו הקדושה ולירושלים עיר הקודש, ובלשון הכתוב (במזמור פ"ז בתהלים[134]) — "ולציון[135] יאמר איש ואיש יולד בה"[136], ש"הוא יכוננה[137] עליון".

---

119) ירמי' יז, יב.

120) ישעי' מא, כז.

121) פסחים ה, א. וראה לקו"ש חי"ט ע' 356. וש"נ.

122) כולל גם "שמן גו' למאור", גילוי פנימיות התורה — טעמי תורה שיתגלו לעתיד לבוא (ד"ה ואתה תצוה חנ"ל ע' רג). ולהעיר מאוה"ת ע' א'תקמו: ארז"ל שמן למאור זהו משיח, כמ"ש קומי אורי כי בא אורך.

123) ישעי' ל, כ. וראה תניא פל"ו (מו, א).

124) ראה לקו"ת שלח לז, ד. ואתחנן ב, ג. ובכ"מ.

125) כולל גם — עי"ז שמגלים בו הבחי' ד"ישת חושך סתרו", ששם "כחשיכה כאורה", ועד ש"לילה כיום יאיר" (וראה גם אוה"ת פרשתנו ע' א'תקנא).

126) שמו"ר ספכ"ג.

127) ישעי' כה, ט.

128) שם לה, יו"ד. נא, יא.

129) בא יו"ד, ט.

130) ישעי' כו, יט.

131) ובפרט אלו שזכו למלא שליחותו בהפצת המעיינות חוצה, ובאופן דפירות ופירי פירות כו' — ענין השייך במיוחד בקשר להקמת המצבה* ביום ראשון.

132) ועד למציאות אחת ממש (שלא ניכר אפילו הענין ד"קהל", התקהלות של כו"כ), ע"ד "וקבל היהודים" לשון יחיד (כנ"ל הערה 85) — ע"י אהבת ישראל ואחדות ישראל, ביטול סיבת הגלות (ראה יומא ט, ב).

133) ירמי' לא, ז.

134) פסוק ה.

135) להעיר מהמובא שציון בגימט' ו"פ הוי' ויעקב ז"פ הוי' (וראה אגה"ק ס"ז וס"ו).

136) שמתגלה אצל כאו"א מישראל מציאותו האמיתית — "ציון", בחי' היחידה (וראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ בשלח ס"ט ובהערות שם — השייכות לזמן אמירת המזמור, שנת הארבעים).

137) "יכוננה" דייקא, ע"ד מ"ש בביהמ"ק "מקדש אדנ-י כוננו ידיך", "כוננו" דייקא, כי, עשייתו היא ע"י ישראל, כמובן ממארז"ל (כתובות ה, א) "גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ, דמעשה שמים וארץ כתיב אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים, ובמעשה צדיקים כתיב מכון לשבת פעלת ה' מקדש אדנ-י כוננו ידיך", היינו, ש"מקדש אדנ-י כוננו ידיך" הוא "מעשה צדיקים".

וההסברה בזה — כי, הטעם ש"גדולים מעשה צדיקים יותר ממעשה שמים וארץ", הוא, לפי שעושים מיש אין, שזהו"ע גדול יותר ממעשה שו"א, מאין ליש, שאינו אלא בכחם של ישראל ("מעשה צדיקים"), לפי ש"מן שמיא מיהב יהבי (מאין ליש) מישקל (מיש לאין) לא שקלי" (ראה ד"ה גדולים מעשה צדיקים תרפ"ה), ונמצא, שכללות ענין המשכן והמקדש (דירה לו ית' בתחתונים ע"י ביטול היש לאין) נעשה ע"י עבודתם של ישראל, "מעשה צדיקים".

---

*) על קברו של הרה"ג הרה"ח ר' שמרי' גוראריי' ז"ל, יו"ר ועד הפועל דמרכז הישיבות תומכי תמימים ליובאוויטש, חדב"נ כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע, וגיסו של — יבדלח"ט — כ"ק אדמו"ר שליט"א (המו"ל).

בס"ד. שיחת ש"פ תצוה, י"ג אדר ראשון ה'תשמ"ט.

הנחת התי בלתי מוגה

השלמות

[בענין שתורת חיים חודרת בכל פרטי החיים של יהודי, באופן תמידי, הן בבוקר והן בערב]:

א. ווייל "אדם[1] מועד לעולם", אויך בשעת השינה, ער איז אלעמאל א בעל אחריות, סיי בנוגע צו היפך השכר, ועאכו"כ בנוגע לשכר - מרובה מדה טובה.

און תורה (וואס ענינו איז "נר תמיד") איז דער יסוד ומקור אויף אלע עניני עבודה, אויך עבודת התפלה וקיום המצוות - דוקא פון תורה ווייסט מען וואס דאוונען איז, ווי מ'דאוונט, און וואס מ'דארף מיטנעמען פון דאוונען. ועד"ז בנוגע צו מעשה המצוות - ווייסט מען דאס אלץ פון תורה.

[בהמשך ל"ואתה תצוה"]:

ב. דערנאך קומט מען צו פ' כי תשא את ראש בני ישראל - אז אידן ווערן אויפגעהויבן, ביז אפילו דער ראש שלהם ווערט אויפגעהויבן; און די נשיאות ראש איז דורך תורה (משה), אבער דורך דעם ווערט א נשיאות ראש אין אידן ווי זיי זיינען נאך העכער פאר תורה, מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר, אויך למחשבתה של תורה, ווי גערעדט אין דער התוועדות שלפנ"ז, און כמ"פ במשך השנה.

ובהדגשה בשנה זו - א שנה מעוברת, ושנה מלאה ושנה תמימה. ובפרט ווען מ'שטייט אין דעם חודש העיבור (אדר ראשון). און אויך שנת תשמ"ט - מלשון תשמט ידיך, אז דער אויבערשטער איז משמיט אלע חובות פון אידן, ביז אז מ'דערמאנט אפילו ניט וועגן דעם (ווי דער דין איז בענין שמיטה).

וכל זה - מתוך שמחה, שטייענדיק אין חודש אדר (ראשון), וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה, און וויבאלד אַז אין בין אדר הראשון לאדר השני אלא כו'[2], איז מובן אז אויך אין אדר ראשון איז פאראן דער ענין השמחה [ושאר הענינים הקשורים מיט חודש אדר, כולל אויך המרומז אין צירוף החודש, מיט אלע פירושים שבזה].

---

1) ב"ק ג, ב. וש"נ. 2) מגילה ו, ב במשנה.

[בהמשך להאמור ע״ד אלו שזכו למלא שליחות נשיא דורנו בהפצת התורה, ובפרט בהפצת פנימיות התורה, ובאופן דפירות ופירי פירות כו׳]:

ג. וואס פירות ופירי דורות איז כולל ג׳ דורות, וואס באווייזט אז דאס האט א חזקה פון א דבר קיימא[3]. ומובן אז ער איז נוטל חלק בראש אין די אלע פעולות. וכמדובר אויך אין דער התוועדות שלפנ״ז.

ויה״ר אז עס זאל שוין זיין דער קיום היעוד ״והקיצו ורננו שוכני עפר״ - וואס אויך איצטער איז די נשמה נצחית באופן פון ״נר תמיד״, ועאכו״כ עצם הנשמה (״אתה״), שלמעלה פון די חמשה שמות הנשמה, משא״כ אין דעם גוף זיינען פאראן שינויים. אבער די כוונה איז, אז מ׳זאל ממשיך זיין דער ענין הנצחיות (״נר תמיד״) אויך אין דעם גוף - ווי ס׳וועט זיין בגלוי לע״ל, אז די גופים וועלן אופשטיין בתחיית המתים, און אלס נשמות בגופים וועט מען לעבן חיים נצחיים. וביחד עם זה וועלן דעמולט אויך זיין עליות ״מחיל אל חיל״,

וכל זה - תיכף ומיד ממש.

* * *

[בהמשך להשייכות דפורים קטן ופורים גדול]:

ד. ובכללות: דער ענין פון פורים ווי דאס שטייט אין **תורה** איז למעלה מזמן, און דאס איז שייך לכל ימי השנה (אזוי ווי כל עניני תורה). ווי פארשטאנדיק בפשטות, אז בכל השנה קען מען לערנען הלכות ועניני פורים.

און יעדער מאל וואס מ׳לערנט דאס אין תורה ווערט אויפגעטאן אז (כל הקורא ושונה בתורה) הקב״ה קורא ושונה כנגדו[4], ומה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע, אזוי ווי ס׳איז געווען בא מתן תורה. ביז אז מ׳האט דערביי די ד׳ אותיות שם הוי׳, וואס כנגדם זיינען די ד׳ לשונות הנ״ל[5], בדוגמא ווי דער גילוי שם הוי׳ בא מתן תורה - ״פנים בפנים דיבר הוי׳ עמכם״[6]. ביז אז מ׳האט דעם שם הוי׳ ווי ער איז העכער פאר די ד׳ אותיות, ביז ווי ער איז העכער פאר אותיות בכלל - דלא

---

3) ראה ב״מ פה, א. וראה תוספתא עדיות בסופה. 4) ראה תדבא״ר רפי״ח. יל״ש איכה רמז תתרלד. וראה תו״א יתרו סח, ג. 5) לקוטי הש״ס להאריז״ל למס׳ מו״ק. 6) ואתחנן ה, ד. וראה לקו״ת ר״פ ראה.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

אתרמיז לא בשום אות ולא בשום קוץ כו׳[7].

אבער דערנאך איז די כוונה אז די תורה שלמעלה מזמן זאל נמשך ונתלבש ווערן אין גדרי הזמן דא למטה. ובנדו״ד - דער חלק התורה פארבונדן מיט פורים וואס איז מצ״ע למעלה מזמן - ווערט נתלבש אין יום הפורים (א זמן מסויים בשנה), און אין שנה מעוברת - ווערט דאס נתשלשל ונתלבש מלמעלה למטה - פריער אין פורים גדול און דערנאך אין פורים קטן [ווייל פון תורה שלמעלה מזמן, פארבונדן מיט בלי גבול, ״עלמות אין מספר״[8], ווערט פריער נמשך אין גדול, דערנאך אין קטן].

קומט דערפון אויס, אז אין פורים קטן זיינען פאראן די ענינים פון פורים גדול.

[בענין ״בחד קטירא אתקטרנא״ (השייך למזבח הקטורת בפרשתנו)]:

ה. דאס הייסט, אז דורך איין תנועה (״בחד״) ווערט א התקשרות (״קטירא אתקטרנא״) תמידית, און ניט נאר ווי א קשר [אפילו א קשר ״כפול ומכופל״, בלשון פון אגה״ת[9] בנוגע צו עבודת התשובה, ״אם הי׳ רגיל לקרות דף א׳ יקרא ב׳ דפים, לשנות פרק א׳ ישנה ב׳ פרקים כו׳״], וואו ס׳איז נאך ניכר צוויי זאכן (נאר די צוויי זאכן זיינען פארבונדן), נאר אן התאחדות גמורה.

וואס דאס איז געווען עבודתו של רשב״י, און אין תורה - במיוחד דורך פנימיות התורה, ווי ס׳איז נתגלה געווארן ע״י רשב״י בדורו, און דערנאך - דורך רבותינו נשיאינו.

[בקשר ללימוד פנימיות התורה של נשיא דורנו]:

ובפרט די וואס האבן זוכה געווען הערן חסידות פון אים אליין פנים בפנים, אדער האבן דאס מקבל געווען איש מפי איש, תלמיד מפי תלמיד ותלמיד תלמידו וכו׳, אדער (לאחרי הסתלקותו) - דורך לערנען די מאמרים שלו בדפוס.

[בקשר עם ההצעה ללמוד המאמר ד״ה וקבל היהודים תרפ״ז]:

און איצטער - לאחרי ווי מ׳איז דורכגעגאנגען די אלע ענינים בלתי רצויים, כולל די מאורעות בלתי רצויות פארבונדן מיט שנת תרפ״ז (ווען דער מאמר איז געזאגט געווארן) - דער מאסר און פסק וכו׳ - וואס כוונת כל ענינים אלו איז זיכער געווען צוליב

---

7) ראה לקו״ת פינחס פ, ב. וראה זח״ג רנז, ב. 8) שה״ש ו, ח ובשהש״ר עה״פ. וראה זח״ג רטז, א. 9) פ״ט.

[בהמשך להאמור ע״ד אלו שזכו למלא שליחות נשיא דורנו בהפצת התורה, ובפרט בהפצת פנימיות התורה, ובאופן דפירות ופירי פירות כו׳]:

ג. וואס פירות ופירי דורות איז כולל ג׳ דורות, וואס באווייזט אז דאס האט א חזקה פון א דבר קיימא[3]. ומובן אז ער איז נוטל חלק בראש אין די אלע פעולות. וכמדובר אויך אין דער התוועדות שלפנ״ז.

ויה״ר אז עס זאל שוין זיין דער קיום היעוד ״והקיצו ורננו שוכני עפר״ - וואס אויך איצטער איז די נשמה נצחית באופן פון ״נר תמיד״, ועאכו״כ עצם הנשמה (״אתה״), שלמעלה פון די חמשה שמות הנשמה, משא״כ אין דעם גוף זיינען פאראן שינויים. אבער די כוונה איז, אז מ׳זאל ממשיך זיין דער ענין הנצחיות (״נר תמיד״) אויך אין דעם גוף - ווי ס׳וועט זיין בגלוי לע״ל, אז די גופים וועלן אופשטיין בתחיית המתים, און אלס נשמות בגופים וועט מען לעבן חיים נצחיים. וביחד עם זה וועלן דעמולט אויך זיין עליות ״מחיל אל חיל״,

וכל זה - תיכף ומיד ממש.

* * *

[בהמשך להשייכות דפורים קטן ופורים גדול]:

ד. ובכללות: דער ענין פון פורים ווי דאס שטייט אין תורה איז למעלה מזמן, און דאס איז שייך לכל ימי השנה (אזוי ווי כל עניני תורה). ווי פארשטאנדיק בפשטות, אז בכל השנה קען מען לערנען הלכות ועניני פורים.

און יעדער מאל וואס מ׳לערנט דאס אין תורה ווערט אויפגעטאן אז (כל הקורא ושונה בתורה) הקב״ה קורא ושונה כנגדו[4], ומה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע, אזוי ווי ס׳איז געווען בא מתן תורה. ביז אז מ׳האט דערביי די ד׳ אותיות שם הוי׳, וואס כנגדם זיינען די ד׳ לשונות הנ״ל[5], בדוגמא ווי דער גילוי שם הוי׳ בא מתן תורה - ״פנים בפנים דיבר הוי׳ עמכם״[6]. ביז אז מ׳האט דעם שם הוי׳ ווי ער איז העכער פאר די ד׳ אותיות, ביז ווי ער איז העכער פאר אותיות בכלל - דלא

---

3) ראה ב״מ פה, א. וראה תוספתא עדיות בסופה. 4) ראה תדבא״ר רפי״ח. יל״ש איכה רמז תתרלד. וראה תו״א יתרו סח, ג. 5) לקוטי הש״ס להאריז״ל למס׳ מו״ק. 6) ואתחנן ה, ד. וראה לקו״ת ר״פ ראה.

אתרמיז לא בשום אות ולא בשום קוץ כו'[7].

אבער דערנאך איז די כוונה אז די תורה שלמעלה מזמן זאל נמשך ונתלבש ווערן אין גדרי הזמן דא למטה. ובנדו"ד - דער חלק התורה פארבונדן מיט פורים וואס איז מצ"ע למעלה מזמן - ווערט נתלבש אין יום הפורים (א זמן מסויים בשנה), און אין שנה מעוברת - ווערט דאס נתשלשל ונתלבש מלמעלה למטה - פריער אין פורים גדול און דערנאך אין פורים קטן [ווייל פון תורה שלמעלה מזמן, פארבונדן מיט בלי גבול, "עלמות אין מספר"[8], ווערט פריער נמשך אין גדול, דערנאך אין קטן].

קומט דערפון אויס, אז אין פורים קטן זיינען פאראן די ענינים פון פורים גדול.

[בענין "בחד קטירא אתקטרנא" (השייך למזבח הקטורת בפרשתנו)]:

ה. דאס הייסט, אז דורך איין תנועה ("בחד") ווערט א התקשרות ("קטירא אתקטרנא") תמידית, און ניט נאר ווי א קשר [אפילו א קשר "כפול ומכופל", בלשון פון אגה"ת[9] בנוגע צו עבודת התשובה, "אם הי' רגיל לקרות דף א' יקרא ב' דפים, לשנות פרק א' ישנה ב' פרקים כו'"], וואו ס'איז נאך ניכר צוויי זאכן (נאר די צוויי זאכן זיינען פארבונדן), נאר אן התאחדות גמורה.

וואס דאס איז געווען עבודתו של רשב"י, און אין תורה - במיוחד דורך פנימיות התורה, ווי ס'איז נתגלה געווארן ע"י רשב"י בדורו, און דערנאך - דורך רבותינו נשיאינו.

[בקשר ללימוד פנימיות התורה של נשיא דורנו]:

ובפרט די וואס האבן זוכה געווען הערן חסידות פון אים אליין פנים בפנים, אדער האבן דאס מקבל געווען איש מפי איש, תלמיד מפי תלמיד ותלמיד תלמידו וכו', אדער (לאחרי הסתלקותו) - דורך לערנען די מאמרים שלו בדפוס.

[בקשר עם ההצעה ללמוד המאמר ד"ה וקבל היהודים תרפ"ז]:

און איצטער - לאחרי ווי מ'איז דורכגעגאנגען די אלע ענינים בלתי רצויים, כולל די מאורעות בלתי רצויות פארבונדן מיט שנת תרפ"ז (ווען דער מאמר איז געזאגט געווארן) - דער מאסר און פסק וכו' - וואס כוונת כל ענינים אלו איז זיכער געווען צוליב

7) ראה לקו"ת פינחס פ, ב. וראה זח"ג רנז, ב. 8) שה"ש ו, ח ובשהש"ר עה"פ. וראה זח"ג רטז, א. 9) פ"ט.

צוברעכן דעם צד שכנגד, אבער בפועל איז געווען א משך זמן של צער והיפך הטוב כו׳ -

איז אבער איצטער, לאחרי ווי מ׳איז דאס אלץ דורך - קען מען יוצא זיין די אלע ענינים דורך לימוד התורה, ווי עס שטייט בנוגע דעם גלות הראשון (גלות מצרים), אז דורך יגיעה בתורה, ״בחומר דא קל וחומר (דער ערשטער פון די י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן), בלבנים דא ליבון הלכתא כו׳״, איז מען יוצא דעם ״וימררו חייהם בחומר ובלבנים גו׳״, עאכו״כ איצטער לאחרי וואס מ׳האט שוין צוגעפוצט די קנעפ[10], און ס׳איז שוין א מצב פון ״עמדו הכן כולכם״[11], קען מען יוצא זיין די ענינים דורך יגיעה בלימוד התורה, כולל לימוד מאמר הנ״ל פון תרפ״ז.

ובפרט דורך דעם וואס מ׳איז זיך מתעמק אין דעם לערנען און מיט א קאך, וואס דעמולט פארגעסט מען וועגן די אלע ענינים המבלבלים, און מ׳פארגעסט אויף דך צייט וכו׳.

[סיום השיחה]:

ו. ויה״ר אז פון דעם דיבור בזה זאל קומען די גאולה בפועל, וכמדובר כמ״פ, אבער דעם מאל - זאל דאס שוין טאקע זיין בפועל ממש,

און נאך אין דעם חודש אדר ראשון זאל זיין ״מיסמך גאולה לגאולה״ - ניט נאר גאולת פורים לגאולת פסח (דמאי קמ״ל), נאר אויך - גאולת פורים לגאולה האמיתית השלימה, וואס ״כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״,

והיו עיניך רואות את מוריך, און מ׳וועט ממשיך זיין הערן מאמרים פון נשיא דורנו, און עס וועט זיין רואות את מוריך, באופן אז מראה באצבעו ואומר זה, מיטן אצבע הגשמית, באופן פון ממש - אז מ׳קען עס אנטאפן מיטן חוש המישוש,

ותיכף ומיד ממש, ממש היינט, מיט אלע פירושים אין ממש,

וכל זה - מתוך שמחה, ומתוך מרבין בשמחה.

* * *

[בענין ההוספה בצדקה בפורים קטן, שהרי פורים קשור עם ענין הצדקה, מתנות לאביונים, עד באופן דכל הפושט יד נותנים לו]:

---

10) שיחת שמח״ת תרפ״ט. 11) אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רעט.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

ז. און אפילו אויב מ'וועט זיך וועלן דינגען דערמיט, ווייל בנדו"ד רעדט זיך וועגן פורים קטן - זאל די הוספה בצדקה זיין באופן "קטן" עכ"פ; ס'איז אבער פארשטאנדיק אז בנוגע צו נתינת הצדקה בסבר פנים יפות - קען דאס ניט זיין באופן "קטן", במילא דארף מען זוכן נאך א פירוש אין דעם "קטן" (בקשר לצדקה בפורים קטן). אבער אנשטאט זוכן פירושים - זאל מען מוסיף זיין בצדקה בפשטות, ניט נאר בסבר פנים יפות, נאר אויך מיט א נתינה יפה!

ח. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח צוליב אסיפות, וענינים פארבונדן מיט לימוד התורה וכו' - זאלן ארויפגיין למעלה און דערציילן וועגן וואס עס רעדט זיך, און איינלאדן די מסובים זיי זאלן זיך משתתף זיין בנשמחתם, ועאכו"כ בגופם ובממונם.

וכרגיל - וועט מען אויך מסיים זיין מיט זינגען דעם ניגון "שיבנה בית המקדש", און אויך דעם ניגון בשפת המדינה ההיא, וואו ס'איז געווען דער מאסר פון נשיא דורנו, און דערנאך האט געדארפט זיין "הפה שאסר הפה שהיתר" דורך דער זעלבער ממשלה, בלשונם (וכמבואר בתו"א[12] דער ענין פון בירור לשונות אוה"ע).

ולפני זה - זאל מען זאגן "לחיים", "לחיים ולברכה", לחיים טובים וארוכים" (מיט די פארשידענע גירסאות בזה, נהרא נהרא ופשטי'), ומתוך שמחה - וואס איז פורץ כל הגדרים, כולל - די גדרי הגלות,

און מ'וועט גיין "מחיל אל חיל", "עד יראה אלקים בציון", און ווי עס שטייט אין קאפיטל פז אין תהלים [פון דוד המלך "נעים זמירות ישראל"[13], און מ'זאגט אין דעם "יהי רצון" - "שתהא נחשבת לנו אמירת מזמורי תהלים אלו כאילו אמרם דוד מלך ישראל בעצמו זכותו יגן עלינו"] - "ולציון יאמר איש ואיש יולד בה והוא יכוננה עליון",

אלס נשמות בגופים, לאורך ימים ושנים טובות.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

---

12) משפטים עז, ד ואילך. 13) ש"ב כג, א. וראה שהש"ר פ"ד, ד (בתחלתו).

הנחת הת' בלתי מוגה

ט. איידער מ׳וועט זינגען די ניגונים (שיבנה ביהמ״ק און דער ניגון בשפת מדינה ההיא), כנ״ל - איז מען מעורר (נאכאמאל) וועגן אמירת ושתיית לחיים, בפרט שטייענדיק בסמיכות צו פורים קטן, וואס דעמולט דארף זיין דער ענין השמחה, ביז אין אן אופן פון ״עד דלא ידע״,

און פון דער שמחה איצטער בשבת בזמן רעוא דרעוין - זאל מען ממשיך זיין בזה אויך במוצאי שבת, סעודתא דדוד מלכא משיחא, וועו עס הויבט זיך שוין אן פורים קטן עצמו, ומוסיף והולך ואור, ומוסיף והולך לחיים - בכל עניני חיים.

און לאחרי דער ריבוי פון מעשינו ועבודתינו במשך אלע יארן, ובאופן פון ״די והותר״ [ע״ד לשון הכתוב בנוגע לנדבת המשכן[14], וואס איצטער האלט מען בא די פרשיות וואו עס רעדט זיך וועגן דעם - תרומה ותצוה, און דערנאך אין ויקהל ופקודי, ביז סיומו - ״וכבוד ה׳ מלא את המשכן גו׳ כי ענן ה׳ על המשכן גו׳״] - דארף שוין קומען די גאולה, ויבנה ביהמ״ק במהרה בימינו, מקדש אד׳ כוננו ידיך, אבער ניט בלשון עתיד - נאר תיכף ומיד ממש.

[הש״צ שי׳ ניגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

אח״כ ניגנו (הש״צ התחיל) ״ניע ניעט ניקאווא״].

——— * ———

14) ויקהל לו, ז.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג ח"חנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ תשא,
כ׳ אדר ראשון
ה׳תשמ״ט

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ תשא, כ' אדר ראשון ה'תשמ"ט.

א. ס'איז באוואוסט דער ווארט פון דעם אלטן רבי'ן (איבער-געגעבן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר)[1] אז "מען בעדארף לעבן מיט דער צייט", דאס מיינט "אז מ'דארף לעבן מיט פרשת השבוע, ניט נאר לערנען די פרשת השבוע יעדן טאג, נאר לעבן מיט איר".

דאס הייסט, אז הגם א איד באקומט חיים גשמיים (בדרך הטבע) דורך עסן און טרינקען וכו', דארף ביי אים צוקומען לעבן, ביז באופן עיקרי (ביז אין גשמיות'דיקן לעבן, נוסף צו חיים רוחניים) דורך לעבן מיט דער פרשת השבוע בתורה - תורת חיים - וואס ער לערנט.

דערפון איז אויך מובן, אז אין תורה עצמה - וויבאלד אז זי אנטהאלט א ריבוי פרשיות - איז דורך יעדער פרשה (וועגן בתורה וואס א איד לערנט, קומט ביי אים צו א נייע הוספה וחידוש אין זיין לעבן און עבודה (אין צוגאב צו דער חיות פון לעבן מיט די פריערדיקע פרשיות).

עד"ז איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו אונזער פרשה, כי תשא - און נאך מיט א ספעציעלע הד-גשה בדבר:

פ' כי תשא קומט נאך כו"כ פרשיות אין וועלכע עס ווערן אנגעזאגט א ריבוי הוראות און מצוות, ועאכו"כ די פרשה פון מתן תורה, וואו עס שטייען די עשרת הדברות, וועלכע זיינען כולל כל התרי"ג מצוות און אויך די ז' מצוות דרבנן[2], ביז - כל התורה כולה[3], און דערנאך די ריבוי דינים אין פ' מש-פטים, און דערנאך דער ציווי אויף עשיית המשכן וכו' אין פ' תרומה ותצוה.

אעפ"כ, קומט צו בפ' כי תשא א <u>חידוש</u> אין דעם לעבן און עבודה פון א אידן, א חידוש אפילו לגבי שלימות העבודה בקיום התומ"צ ווי געגעבן גע-ווארן בא מתן תורה!

און ווי ס'איז אונטערשטראכן גלייך בתחלת הפרשה (און - שם הפרשה) - "כי תשא את ראש בני ישראל", אז עס קומט צו א <u>נשיאות ראש</u> ביי אידן[4]. דאס הייסט: ניט קוקנדיק ווי הויך אידן זיינען געווען ביז דעמ-ולט, כולל אז בא זיי, בא יע-דערן פון זיי, איז שוין פאראן (ע"פ תורה) א ראש אף די פליי-צעס - ווערט אויפגעטאן אין דער פרשה אז "<u>תשא</u> את ראש" (אפילו זייער ראש, ועאכו"כ

---

1) "היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך.

2) כנגד התר"ך אותיות בעשרת הדברות (ראה תורה שלימה יתרו במילואים ס"א. וש"נ. וראה גם קונטרס משיחת ש"פ מקץ שנה זו ס"ט).

3) שקלים פ"ו ה"א.

4) וראה תנחומא פרשתנו ג, שאמר הקב"ה למשה, כשם שאתה עומד עכשיו ונותן להם פרשת שקלים ואתה זוקף את ראשן, כך בכל שנה ושנה שקוראין אותה לפני, כאילו אתה עומד שם באותה שעה וזוקף את ראשן.

אלע אנדערע חלקים, וועלכע זיינען למטה און נעמען זיך מן הראש) תשא צו נאך א העכערע דרגא.

ועד כדי כך אז די גמרא זאגט[5]: ״אמר משה לפני הקב״ה, רבש״ע במה תרום קרן ישראל, אמר לי׳ בכי תשא״, ״אם באת לשאת ראשם בהגבהה קח מהם כופר לצדקה״[6]. ד.ה. אז אע״פ וואס בא משה מצד עצמו איז א שאלה ״במה תרום״, זאגט אים דער אויבערשטער די עצה לזה, דורך ״כופר לצדקה״.

ב. דארף מען פארשטיין:

וואס איז דער חידוש אין פ׳ שקלים (בפ׳ כי תשא) לגבי מתן תורה, ביז אז דורך דעם ווערט אויפגעטאן א נשיאות ראש אין אידן אפילו לגבי דער תכלית העלי׳ שלהם בא מתן תורה[7] (לפני זה) - ווען זיי זיינען געווארן ״ממלכת כהנים וגוי קדוש״[8], און ס׳איז געווארן ״אתה בחרתנו מכל העמים ורוממתנו מכל לשון״[9] וכו׳ וכו׳[10]?

לכאורה וואלט מען געקענט זאגן אז אין דעם איז טאקע באשטאנען שאלת משה ״במה תרום קרן ישראל״, לאחרי ווי זיי זיינען געשטאנען בתכלית העילוי בא מתן תורה, און דער אויבערשטער האט אויף דעם געענטפערט (אז דאס איז ״בכי תשא״, דורך ״קח מהם כופר לצדקה״) - אבער דאמאלסט וואלט געדארפט זיין די שאלה ניט ״במה״ נאר מיט א לשון אז זיי זיינען שוין בנשיאות ראש וקוממיות וכיו״ב.

ובמענה הקב״ה עצמה - איז ניט מובן:

דער ענין פון צדקה איז א דבר שכלי וואס איז געווען אויך פאר מתן תורה[11], און אויך בא בני[12] נח[13], אין דעם

---

5) ב״ב י, ב.

6) פרש״י שם.

7) לכאורה הי׳ אפשר לומר, ש״תשא את ראש בנ״י״ ושאלת משה ״במה תרום קרן ישראל״ הוא - נשיאת ראשם לאחרי הירידה ע״י חטא עה״ד (כפירוש חז״ל (ירושלמי שקלים פ״ב סוף ה״ג. תחנומא פרשתנו י-יא) שמחצית השקל הי׳ תיקון על חטא העגל. וראה פי׳ הרי״ף בעין יעקב ב״ב שם), ולא לגבי המצב בעת מתן תורה. אבל אין לומר כן לפי פירוש הפשוט בכתוב (וכפירוש רש״י) ש״כי תשא את ראש״ הוא בנוגע למנין בנ״י, או תרומת האדנים בנדבת המשכן. וכן משמע גם מפשטות לשון הגמרא בב״ב שם (שלא נזכר ע״ד חטא העגל).

8) יתרו יט, ו.

9) תפלת מוסף דיו״ט. וראה מג״א או״ח סי׳ ס סק״ה. שו״ע אדה״ז שם סעיף ד.

10) ובזה תומתק שאלת משה ״במה תרום קרן ישראל״ - לאחרי תכלית העילוי שלהם במ״ת.

11) וכמ״ש באברהם - ״לעשות צדקה ומשפט״ (וירא יח, יט).

12) ועד שאנשי סדום נענשו על שלא קיימו צדקה - ״זה הי׳ עון סדום גו׳ ויד עני ואביון לא החזיקה״ (יחזקאל טז, מט). וראה בארוכה לקו״ש ח״ה ע׳ 155 ואילך.

13) ואף שיש הפרש בין צדקה שלהם וצדקה של בנ״י, ד״כל טיבו דעבדין האומות לגרמייהו עבדין וכדאיתא בגמרא (ב״ב י, ב) ע״פ (משלי יד, לד) וחסד לאומים חטאת שכל צדקה וחסד שאומות העולם עושין אינן אלא להתייהר כו׳״ (תניא ספ״א) - הרי בנוגע לעני המקבל אין לו חילוק

איז תלוי קיום וישוב העולם - "לשבת יצרה"[14]. נאכמער: צדקה איז א חלק פון טבע הבריאה - ניט נאר דער טבע פון מין המדבר, נאר אויך פון בעלי חיים[15] - אז ער איז חס ומרחם על בניו, און אויך אויף אנדערע כו'.

ועאכו"כ לאחרי מתן תורה ווען ס'איז צוגעקומען מצות צדקה וגמילות חסדים, דער תוקף פון א ציווי בתורה און ניט נאר א דבר שבשכל און בטבע הבריאה), און ווי ס'איז שוין אנגעזאגט געווארן (בפ' משפטים, נאך פאר פרשתנו) "אם[16] כסף תלוה את עמי את העני גו'"[17].

שטעלט זיך לויט דעם די שאלה: וואס איז דער אויפטו פון נתינת מחצית השקל (בפרשתנו) אלס "כופר לצדקה", אז דוקא דאס טוט אויף דער "תרום קרן ישראל"[18]?

ג. ויש לומר הביאור בזה ע"פ דברי רז"ל[19] (געבראכט בפרש"י) אויפן פסוק[20] "זה יתנו..מחצית השקל" - "הראה לו (הקב"ה למשה) כמין מטבע של אש ומשקלה מחצית השקל ואמר לו כזה יתנו".

דורך באווייזן א "מטבע של אש" און זאגן "זה יתנו", האט דער אויבערשטער אויפגעטאן און געגעבן כח און מגלה געווען אז דער מחצית השקל וואס אידן וועלן דעמולט געבן (און דאס ווערט נמשך במצות מחצית השקל בכל הדורות) איז ניט סתם נתינת הצדקה דורך א מטבע גשמית, נאר א "מטבע של אש", ד.ה. אז די "מטבע של אש" וואס דער אויבערשטער האט באוויזן משה'ן - איז "זה יתנו" בני ישראל, מטבע כזה ממש[21].

ובעבודת האדם מיינט דאס, אז די נתינה פון מחצית השקל איז

בכוונת הנותן. ועד שהמאבד סלע ומצאה עני כו' קיים מצות צדקה - ספרי תצא כד, יט).

14) ישעי' מה, יח. וראה לקו"ש שם ע' 159 הערה 63.

15) מלבד העורב שהוא אכזרי בטבע (ירושלמי פאה פ"א ה"א).

16) כב, כד. - וכל אם ואם שבתורה רשות חוץ מג' וזה אחד מהן (פרש"י שם).

17) נוסף על זה שצדקה שקולה כנגד כל המצוות (ב"ב ט, ב), והיא עיקר המצוות מעשיות כו' (תניא פל"ז).

[ולהעיר שכיבוד אב ואם שבעשרת הדברות תוכנו - גם חסד].

18) בחדא"ג מהרש"א ב"ב שם איתא, שע"י נדבתם למשכן נתרוממו ישראל מכל האומות שירדה השכינה בישראל, וכמבואר גם במדרש (תנחומא פרשתנו ה). אבל הא גופא צריך ביאור: מהו החידוש בצדקה זו (של מחציה"ש) שדוקא על ידה נתרוממו ישראל שירדה השכינה בישראל, למעלה גם ממצבם במתן תורה (כנ"ל בפנים), דמסתבר לומר שגם בעצם הצדקה הי' חידוש ועילוי (נוסף על העילוי במטרת הצדקה - לנדבת המשכן).

ועוד: הלימוד מדברי הגמרא הוא, בנוגע לגודל הענין הצדקה בכלל (ולאו דוקא לנדבת הנשכן), שעי"ז "תרום קרן ישראל".

19) שקלים פ"א ה"ד. תנחומא פרשתנו ט. נשא יא. במדב"א פי"ב, ג. (וראה לקו"ש חט"ז ע' 381. וש"נ). - נתבאר לקו"ש ח"א ע' 178 ואילך. ח"ג ע' 923 ואילך. חט"ז שם ואילך. חכ"ו ע' 229 ואילך.

20) פרשתנו ל, יג.

21) ראה לקו"ש חכ"ו ע' 232.

ניט סתם נתינה לצדקה, נאר דאס איז מיט א קאך און פייער (אש שבנפשו), מיט א חיות והתלהבות, פול מיט ווארעמקייט און לעבעדיקייט, אזוי אז די מטבע אליין ווערט א פייערדיקע (מטבע של אש), דורכגענומען מיטן אש פון נפשו האלקי[22].

ועפ״ז ווערט אויך זיין מובן דער חידוש אין דער נתינה פון ״כופר לצדקה״ (דורך דעם מחצית השקל) לגבי צדקה וואס קומט מצד שכל (צוליב ישוב העולם) און טבע הבריאה, אדער אפילו צדקה ע״פ ציווי התורה שלפני זה - ווייל די נתינה איז געווען ניט סתם צדקה (מצד שכל וטבע הבריאה אדער אפילו ציווי התורה), נאר א נתינה פון א ״מטבע של אש״.

ד. ווערט מען דאס פארשטיין בהקדים דעם תוכן הענין פון ״מטבע של אש״ און אזא וואס ״משקלה מחצית השקל״:

״מטבע של אש״ איז א חיבור פון צוויי זאכן וועלכע זיינען הפכיים ממש:

אש האט ניט קיין (באשטימטע) צורה[23]. אלע דברים גשמיים האבן א צורה מסויימת, חוץ פון אש - פייער - וואס אע״פ אז אויך אש איז א דבר ״גשמי״ וועלכן מען זעט מיט פליישיקע אויגן[24], האט ער ניט קיין צורה קבועה[25], ער האלט אין איין פלאקערן און בייטן זיין צורה.

דאקעגן מטבע (עפר[26] הכסף וכיו״ב) - נוסף צו דעם וואס ער האט א צורה - איז חשיבות המטבע תלוי (אויך ע״פ דין) אין דער צורה שבו[27].

נאכמער: די ״מטבע של אש״ האט אויך געהאט א משקל (״משקלה מחצית השקל״), וואס דאס איז נאכמער מדגיש די הפכיות'דיקייט פון אש:

אש האט ניט קיין משקל[28]. אדרבה: אש טיילט זיך אויס פון די אנדערע ג׳ יסודות, עפר מים

22) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 925. חט״ז ע׳ 390 ואילך.

23) ומ״ש הרמב״ם (הל׳ יסוה״ת רפ״ד) שהד׳ יסודות (כולל אש) מחובר ״מגולם וצורה״ - היינו צורה כללית (בנוגע לאש).

24) ועד, שבפרט זה הוא ״גשמי״ יותר מהרוח, שאינו נתפס בראות כ״כ (סידור עם דא״ח רעג, ג. ד״ה כבוד מלכותך תרס״א) - ואעפ״כ דוקא האש אין לו צורה קבועה משא״כ הרוח, כבהערה הבאה.

25) משא״כ מים, אף שהוא ניידי - הרי כשמשימים אותם בכלי, נעשה ציור זה (של הכלי) בהמים שבהכלי. ועד״ז ברוח, דכשהאויר נמצא בכדור נופח נעשה ציור זה בהאויר.

26) יסוד הכי נמוך (ובעפר גופא, במעמקי האדמה - ראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 231, 233) - קצה ההפכי מיסוד האש, שהוא יסוד הגבוה ונעלה (רמב״ם שם ספ״ג ורפ״ד. וראה במדב״ר פי״ד, יב. זח״ב כג, סע״ב ואילך. וכן ברוחניות: עפר כנגד עולם העשי׳, ואש כנגד עולם האצילות (לקו״ת שה״ש ד, ד. אוה״ת יתרו ע׳ תתכו. ד״ה זה היום תר״ס. והר סיני תרס״ב קרוב לתחלתו. וראה ע״ח שער דרושי אבי״ע פ״א).

27) ראה ב״מ מה, ב וברש״י ד״ה משום דדעתי׳. וראה שם מד, א וברש״י ד״ה אסימון.

28) סידור וד״ה כבוד מלכותך שם.

ורוח, דערמיט - וואס די אנ-דערע יסודות זיינען יורד למטה[29], מצד זייער **כובד** וואס דעריבער האבן זיי א **משקל** (א וואג וואס שלעפט אראפ דעם וואגשאל), און אפילו רוח (וואס איז עולה ויורד) - בלייבט בעיקר במקומו על כדור הארץ[30].

משא״כ אש איז ניט בלויז בלי משקל (כנ״ל), נאר ער איז עולה ונסתלק למעלה[31], עד כדי כך אז עס פאדערט זיך א השתדלות מיוחדת (דורך א קנייטל וכיו״ב) אז דער אש זאל בלייבן (האבן אין וואס צו זיך אנ-האלטן) למטה[32].

וואס דאס (עליית והסתלקות האש **למעלה**) איז צוליב דעם וואס ער ציט זיך שטענדיק צו ארויסגיין פון זיך און גיין צו העכער פון זיך, ווייל אמיתית ענינו איננו ניט צו בלייבן שטיין אין זיין מציאות, נאר אדרבה, ארויסגיין פון זיין מציאות און נכלל ווערן אין זיין מקור למעלה[33].

[און אע״פ אז אש האלט זיך למטה אן אין דעם דבר הנאחז, און ווערט ניט נסתלק למעלה[34] - פונדעסטוועגן ווי דער אש געפינט זיך **למטה** ציט ער זיך שטענדיק **ארויף**][35].

---

29) כמפורש ברמב״ם שם (ה״ב) בנוגע למים ועפר. וכמאחז״ל (בנוגע למים) מים יורדים ממקום גבוה למקום נמוך.

30) ואפילו עלייתו (שהוא עולה ״למעלה כלפי הרקיע״ - רמב״ם שם), דוגמת האש - אינו כמו עליית האש, שהרי העלי׳ שבאש הוא באופן שנסתלק ולא לירד למטה כלל, והרוח אינו עולה למעלה לגמרי אלא מתפשט לצדדין בשטח רחב, וגם יורד למטה כו׳ (ד״ה נר חנוכה תרס״ו). וראה ד״ה רשפי׳ תרצ״ז, שרוח אין לו טבע העלי׳ כלל, ואדרבה הוא בטבע הירידה.

31) ראה תניא רפי״ט. במדב״ר שבהערה 26.

32) ועד שאפילו כאש __נסי__ - צריכים לעצים, שעל ידם נאחז האש למטה, כמ״ש בהפטרה דשבת זה (מלכים א יח, לח. וראה בהפסוקים לפנ״ז), ובכ״מ. ולהעיר גם מהסנה, שהי׳ בוער באש של מעלה שאינה אוכלת (שמו״ר פ״ב, ה), ומ״מ הי׳ זה נאחז עכ״פ בסנה.

33) וראה בארוכה לקו״ש ח״ו ע׳ 112. וש״נ.

34) וראה ד״ה נר חנוכה תרס״ו שם, שזהו לא רק מצד הדבר הנאחז, אלא מצד הרוח שפועל בו היפך טבעו, עיי״ש. ולכאורה יש לומר, שכן הוא (קצת) גם מצד האש עצמו (ענין הא׳ שבו) - ראה הערה הבאה.

35) דהיינו - ב׳ ענינים באש: (א) כפי שהוא א׳ מד׳ היסודות שנבראו ביחד __בכדור הארץ__. ומצד זה גם האש שנאחז בהפתילה כו׳ אינו נסתלק (כטבעו*) למעלה מן כדור הארץ, ע״ד שאר היסודות שאינם מסתלקים למעלה, אלא נמשכים למטה. וא׳ מהטעמים לזה**

---

*) ומ״ש בהמשך תרס״ו שם שזהו __היפך__ טבעו (וראה גם אוה״ת קרח ע׳ תשח), ה״ז מפני שלולא דבר הנאחז ולולא הרוח - האש עולה ונסתלק למעלה. ועצ״ע.

**) דלכאורה - מכיון שהרוח והאש (וגם המים) קלים מן (עפר) הארץ, למה אינם מסתלקים מכדור הארץ? דאף שנבראו ביחד עם הארץ, הרי __לאחרי זה__ - הי׳ להם להסתלק מן הארץ. ואין לומר שזהו בדרך נס, שאם כן הי׳ צ״ל מפורש [כמפורש בנוגע לירידת המים בתחלת הבריאה - דמכיון שמים קלים מעפר, ובטבעם לעלות למעלה מן העפר, וכפי שהי׳ בתחלת הבריאה ״מים במים והארץ שקועה במים״ (ב״ר פ״ה, ב. שמו״ר פט״ו, כב), לכן הוזקק למאמר (נס) מיוחד ״יקוו המים גו׳ ותראה היבשה״ (בראשית א,ט), ״לרוקע הארץ על המים״ (תהלים קלו, ו. וראה ד״ה

וואס דאס איז מתאים מיט דעם ערשטן ענין הנ״ל אין אש, אז ער האט ניט קיין צורה - ער בלייבט ניט שטיין אין זיין מציאות, און ציט זיך שטענדיק צו העכער פון זיך, ביז צו נכלל ווערן אין זיין מקור למעלה.

ויש לומר, אז דער ענין אין אש למטה (אז ער העט ניט קיין צורה און איז עולה למעלה) - און ווי דאס איז אין דעם "(מטבע של) אש" וואס דער אויבערשטער האט באוויזן - שפיגלט אפ דעם ענין למעלה וואס איז העכער פאר כל ציור ומדידה והגבלה[36].

ולאידך גיסא - דאס וואס ער האט באוויזן דוקא א "מטבע (של אש)", וועלכע האט א צורה און א משקל (מצד הכובד והמשיכה למטה), באווייזט אז דער ענין שבאש שלמעלה מכל ציור, פאר-בינדט זיך דוקא מיט א צורה און א משיכה בטבע למטה (אויך פון דעם אש), כדלקמן.

ה. עפ״ז וועט מען פארשטיין דעם אויפטו פון נתינת מחצית השקל אלס "כופר לצדקה", וועל-כער האט אויפגעטאן דעם "תרום קרן ישראל" ("תשא את ראש בני ישראל"), העכער נאך פון מתן תורה - ווייל די נתינה האט זיך אויסגעטיילט דערמיט וואס דאס איז געווען א "מטבע של אש":

אין מעשה הצדקה זיינען פאראן כמה אופנים:

צוליב א מדה טובה בטבע האדם (אדער בטבע הביצל חי), אדער מצד דעם וואס ד'אס לייגט זיך ביי אים בשכל, אז דורך דעם איז ישוב העולם (כנ״ל) - דער-יבער גיט ער צדקה[37].

ועאכו״כ בנוגע צו א אידן, וועלכע זיינען בטבעם רחמנים וגומלי חסדים (וביישנים)[38].

א העכערן אופן: צוליב דעם וואס דער אויבערשטער האט אנ-געזאגט אין תורה אז מ'דארף

- כי "הכל הי׳ מן העפר" (כל הד׳ יסודות), וטבע כל דבר שנמשך לשרשו, לכן כל הד׳ יסודות מושכים ל(שרשם ב)כדור הארץ [וכמו זרוק חוטרא באוירא אעיקרא קאי (ב״ר ספנ״ג). וראה רד״ה ויגש תרס״ו], מצד כח המושך שבארץ (אלא שיש חילוק בתוקף המשיכה בהתאם לכובד היסודות: עפר (הכבד מכולם) - נופל למטה, מים - יורדים למטה, רוח - מתפשט לצדדים (ואינו פורח מעל כדור הארץ), ואש עולה למעלה (אבל אינו נסתלק מכדור הארץ).

(ב) ענין מיוחד באש - כפי שהוא שונה ומובדל משאר היסודות שבכדור הארץ (ראה אוה״ת קרח שם). ומצד זה אין לו צורה ועולה למעלה (ובלי דבר הנאחז נסתלק האש) - מצד הרוחניות שבו (העדר המציאות), ורוצה להיות בבחי׳ העדר המציאות (שבפרט זה האש אינו דומה לשאר היסודות). והמדובר בפנים הוא בנוגע לענין הב׳ שבאש. ועצ״ע.

36) ענין הב׳ שבאש - כבהערה הקודמת.

לרוקע בדרמ״צ קסג, א), כי טבע חמים לעלות ממעל לארץ (מצו״ד שם)]. ועצ״ע.

---

37) ובזה גופא וכמה דרגות: בלי שום פני׳; מצד איזה פני׳ - משום נשיאת חן אצל המקבל הצדקה, או מקבל טובה ממנו; לגרמייהו עבדין (כנ״ל הערה 13); המאבד סלע כו׳ (כנ״ל שם).

38) יבמות עט, א.

געבן צדקה. וואס דאס איז שלא בערך העכער - להבדיל - פון נתינת הצדקה מצד החיוב בשכל אדער מצב טבע האדם. פונדעסט-וועגן, אויך אין דער דרגא פון נתינת הצדקה איז שייך א ציור, א מדידה והגבלה[39].

לדוגמא: ער איז מקיים די מצוה (פון צדקה) צוליב שכר[40], ובזה גופא - שכר גשמי (כדי שיחי' בני[41], וכיו"ב), אדער שכר רוחני (אכילת השכר בעוה"ב[42], וכיו"ב).

אדער נאך העכער: ער איז מקיים די מצוה שלא על מנת לקבל פרס, אדער אפילו על מנת שלא לקבל פרס[43] - אבער דאס גופא איז זיין כוונה, **דערפאר** וואס ער **וויל** מערניט ווי מקיים זיין די מצוה בקבלת עול, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער אנגעזאגט.

באופן אחר קצת: ער טוט עס ווייל ער (מאכט א **חשבון** בשכל אז ער) איז בטבע א "קבלת עול'ניק"[44] (א פאלגער), און ער וויל און האט הנאה פון מקיים זיין דעם אויבערשטן'ס רצון, מצד דעם וואס זיין **טבע** איז צו מקיים זיין רצון ה'[45], ווייל דער טבע פון נפש האלקית איז צו זיין פארבונדן מיט זיין שרש - אלקות.

וואס הגם אז דאס אלץ איז שלא בערך העכער פון עבודה שלא לשמה (על מנת לקבל פרס וכיו"ב, כבאופנים הנ"ל) - איז דאס אבער סו"ס פארבונדן מיט א סיבה, מיט א "דערפאר" (**דערפאר** וואס ער וויל באקומען קיום רצון השם וכיו"ב), במילא איז דער קיום המצוה פארבונדן מיט עפעס-וואס א ציור והגבלה - אפגעמאסטן צו דעם טעם און סיבה (אדער דער ציור הטבע פון נה"א) פארוואס ער איז מקיים די מצוה.

תכלית השלימות פון דער עבודה פון א אידן [ובאמת קען מען אפילו ניט זאגן דעם לשון "תכלית השלימות", ווייל דאס גופא ווייזט אז דאס איז פאר-בונדן מיט א ציור - א תואר וציור של שלימות עכ"פ], איז ווי דער רמב"ם שרייבט[46], אז

39) לא מיבעי מצד הדרגא בתורה שניתנה לעשות שלום **בעולם** (שיעור היומי ברמב"ם - סוף הל' חנוכה, וסיום ספר זמנים), כולל ע"י צדקה וגמ"ח שנוגע לישוב העולם, גם לב"נ* (ובכללות - מצוות שכליות, משפטים ועדות) - אלא גם בדרגת התורה שלמעלה מעולם (ובכללות - חוקים שלמעלה משכל), שייך ג"כ לקיים מצוות אלו מפני טעם כו', כדלקמן בפנים.

40) ולמטה מזה - מפני יראת העונש.

41) פסחים ח, סע"א. וש"נ.

42) ריש מס' פאה.

43) כב' הגירסאות במשנה אבות פ"א מ"ג (ראה מחז"ו. פרש"י (וכ"ה בפירושו על הש"ס - ע"ז יט, א). ועוד. וראה מאירי. מד"ש. תויו"ט) - נתבאר בהמשך וככה תרל"ז פט"ו. וראה ס' ביאורים לפרקי אבות שם (ע' 21).

*) אף שלא ניתנה תורה לחם (סנהדרין נט, א), מ"מ חחידוש דתורח (שניתן במ"ת) פעל בכל חעולם, גם בב"נ (שנתבטל חגזירת דעליונים לא ירדו למטח כו'), לדוגמא - בענין קידושין ואיסור קדשח שנתחדש במ"ת (שבתחלת ספר נשים), שעי"ז נעשח שלום בעולם - נתבאר בארוכח בחתוועדות.

44) ראה סה"מ תשי"ד ע' 5.

45) ראה רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

46) הל' תשובה רפ"י.

ער זאל טאן די עבודה ״לא מפני דבר בעולם ולא מפני יראה הרע ולא כדי לירש הטובה״, אפילו ניט ״כדי שאזכה לחיי עולם הבא״, אע״פ וואס דאס איז אן ענין הכי נעלה, צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה[47] - אבער ער וויל דאס האבן צוליב טבע הנפש האלקית וואס וויל נהנה זיין מזיו השכינה שבעוה״ב - איז דאס אלץ פארבונדן מיט טבע שלו (של נפש האלקית), און מיט א חשבון בשכל פון נפש אלקית, ובמילא - איז דאס פארבונדן מיט א ציור,

נאר די עבודה דארף זיין, ווי דער רמב״ם איז מסיים - ״אלא עושה האמת מפני שהוא אמת״, ניט צוליב א טעם, אפילו ניט צוליב דעם טעם אז דאס איז ניט צוליב א טעם, נאר ער טוט דאס מצד זיין עצם פארבונד מיט דעם אויבערשטן, בדוגמא כביכול צו ״כמצות רצונך״[48], בפירושו - אז ער איז מקיים א מצוה ווי דער אויבערשטער איז דאס כב־יכול מקיים (בלי שום ציור ונטי׳ והגבלה וכו׳ ח״ו)[49], אבער דאס איז ניט דער טעם אויף זיין עבודה (מצד דעם וואס ער איז פארבונדן מיט דעם אויבערשטן), נאר דאס קומט אזוי ארויס בדרך ממילא (בלי שום התבוננות והרגש בדבר), כדלקמן.

ו. ויש לומר אז דאס איז דער אויפטו פון נתינת ״כופר לצדקה״ מיט א ״מטבע של <u>אש</u>״:

כשם ווי אש האט ניט קיין צורה, און איז שטענדיק עולה למעלה (צו העכער פון זיך) - אזוי איז די נתינה לצדקה - אויפן העכסטן אופן: מיט א ברען און קאך ניט צוליב טבע המדות, ניט נאר צוליב טעם ודעת, ניט נאר צוליב שכר (אפילו ניט שכר רוחני), ניט נאר נוסף אויף זיין טבע פון קבלת עול צו מקיים זיין רצון ה׳ - ניט צוליב קיין ענין וטעם - נאר ער איז דאס מקיים בפשטות באופן פון א ״(מטבע של) אש״, שלמעלה מכל ציור והגבלה[50].

לאידך גיסא: די נתינת הצדקה באופן של אש (למעלה מציור) איז א ״<u>מטבע</u> של אש״, אז (ער ווערט ניט נתעלה למעלה מעלה אין דעם אש אלקי, נאר) דאס נעמט דורך זיין מציאות, ביז אז דאס ווערט <u>זיין ציור וטבע</u> (מטבע אויך פון לשון טבע[51]),

---

47) ברכות יז, א. רמב״ם שם פ״ח ה״ב.

48) תפלת מוסף.

49) היינו, ע״ד שקיום המצוות של הקב״ה, שהוא למעלה מכל ציור והגבלה כו׳ (באופן שאין שייך אפילו השלילה בזה), הוא בלי שום טעם וסיבה (כי ה׳ אינו עילה מאיזה עלול שקדם לו ח״ו - אגה״ק ס״כ), כן ניתן הכח מה׳ לישראל כביכול, לקיים המצוות מעין ובדוגמת זה. אלא השלימות ד״כמצות רצונך״ תהי׳ לע״ל, ומעין זה - שייך גם בזמן הזה.

50) ענין הב׳ שבאש (כנ״ל הערה 35), משא״כ קיום התומ״צ מצ״ע (כפי שניתנה במ״ת), אפילו כשהוא בחיות והתלהבות (של אש) - יש לו קשר עם העולם (כענין הא׳ שבאש, כנ״ל שם).

51) ראה גם לקו״ש ח״א ע׳ 180.

ביז אז דאס האט אויך ״משקל״, וואס ווערט נמשך (מצד הכובד) בטבעו למטה (אין וועלט), ד.ה. ניט דורך שולל זיין מציאותו, נאר דאס ווערט זיין טבע, זיין ״מטבע״; אבער אין אן אופן פון ״מטבע של אש״: ניט צוליב הרגש הטבע שלו, נאר ע״ד ״כי מטא למודים מנפשי׳ כרע״[52], אן א התבוננות והרגש וכו׳ - ווייל זיין ״מטבע״ - זיין טבע וצורה - איז ״של אש״ - שלמעלה מצורה - ער טוט עס ״מנפשי׳״ - ב׳ הפכים בבת אחת.

ולהוסיף, אז דער משקל המטבע (של אש) איז ״מחצית השקל״ דוקא (ניט קיין שקל שלם) - ווארום זיין נתינת הצדקה (והמשכה למטה - משקל) דארף זיין באופן אז ער איז נאר ווי א ״מחצית״, וואס דאס באווארנט אז דאס זאל זיין ״אש״ בשלימות, אן קיין פני׳ וציור (ווייל באווארענען ישות - מאי קמ״ל), ובאופן אז ער ציט זיך שטענדיק העכער, ניט ווי א ״שקל שלם״, וועלכער האלט שוין ביי א געוויסע שלימות, וואס יעדער שלימות איז אויך א מדידה והגבלה (בערך צו שלימות שלמעלה מכל ציור).

ז. עפ״ז איז פארשטאנדיק דער ענטפער פון דעם אויבערשטן צו משה, אז דורך נתינת ״כופר לצדקה״ ווערט אויפגעטאן ״תרום קרן ישראל״, העכער פאר ״ראש בני ישראל״ (וואס איז געווען אויך פריער), און העכער אפילו

52) ירושלמי ברכות פ״ב סוף ה״ד. תוד״ה עיון - שבת קיח, ב. וראה בהנסמן לקמן הערה 71.

פאר דער עלי׳ וואס האט זיך אין זיי אויפגעטאן בא מ״ת:

נתינת הצדקה באופן פון ״מטבע של אש״ טוט אויף א חי-דוש אין דער עבודה פון אידן ווי ס׳איז געווען פריער, כולל ווי זיי זיינען געשטאנען בא מתן תורה - ווייל מצד מתן תורה אליין, קען די עבודה בתומ״צ זיין מיט א חשבון וטעם בשכל (כולל - דעם חשבון אז ער וויל עס טאן בקבלת עול, נעשה ונשמע), פארבונדן מיט עפעס א ציור; משא״כ די עבודה אין אן אופן פון ״אש״[50] באווייזט אז דאס איז ניט צוליב א טעם בשכל אדער מצד טבע הבריאה, און אפילו ניט (א חשבון) צוליב דעם רצון וקבלת עול צו מקיים זיין רצון ה׳, נאר באופן שלמעלה מכל ציור, און דאס נעמט דורך זיין ציור (מטבע),

וואס דעריבער טוט דאס אויף א חידוש אין דעם מצב ועבודה פון אידן (אויך פון דעם קאפ פון דעם אידן) ווי זיי זיינען געווען ביז דעמולט, אז אלע זייערע ענינים ווערן דערהויבן (״תשא״) צו א העכערער ״דרגא״ (כביכול - ווייל באמת איז ניט שייך זאגן אויף דעם ״דרגא״ ועלי׳ מחיל אל חיל, וואס דער עצם תואר באדייט שוין א ציור), אזוי אז זייער עבודה (בכל התומ״צ שניתנו במ״ת) ווערט בדוגמא צו א נתינה לצדקה פון ״מטבע של אש״ (ווא-רום צדקה איז שקולה כנגד כל המצוות, און דאס איז ״עיקר מצוות המעשיות״[53]).

53) כנ״ל הערה 17.

וע"פ הנ"ל יש להוסיף דעם טעם פארוואס דער ענין פון "תרום קרן ישראל" דריקט זיך אויס דוקא במצות צדקה: צדקה בטהרתה הייסט אז ער האט (פילט) ניט קיין סיבה וחיוב[54] (מצד הטבע או השכל, וי"ל אפילו ניט מצד דעם געפיל אז ער איז מחוייב בזה מצד הציווי בתורה) צוליב וואס ער גיט, ווייל אויב ער גיט מצד א טעם איז דאס ניט קיין צדקה בטהרתה, נאר צוליב דעם חיוב[55].

און פון צדקה ווערט דאס נמשך אין כללות עבודתו, בכל המצוות - אז ער טוט זיי אלע באופן של צדקה בטהרתה, ביז אז דאס ווערט אזוי נמשך אויך אין זיין עבודה בדברי רשות ובעניני העולם (כדלקמן).

ח. דערפון האט מען אויך א הוראה נצחית בכל הדורות - ניט נאר בדור ההוא (דור משה), און בזמן הבית ווען מ'האט געגעבן מחצית השקל בפועל, נאר בכל השנים,

ובמיוחד ובגלוי - שטייט דאס בהדגשה ווען מ'לייענט בתורה פ' כי תשא, [ועאכו"כ בשבת פרשת שקלים (דעם קומענדיקן שבת), ווען מ'לייענט די פרשה[56] אלס[57] זכר לנתינת מחצית השקל (באחד באדר[58]) במקדש] - ווען מ'דארף דערמיט לעבן (כנ"ל ס"א),

אז בשבת זה קומט צו א חידוש אין דעם לעבן (ביז בחיים גשמיים) פון יעדן אידן, אז עס ווערט "תשא את ראש בני ישראל"[59], דורך דעם וואס ביי איד קומט צו א חידוש בעבודתו (לגבי זיין עבודה לפנ"ז):

נוסף צו המובן ופשוט אז ער איז מקיים כל החיובים בתומ"צ, ובאופן של מהדרין ומהדרין מן המהדרין, ווייל אזוי האט דער אויבערשטער אנגעזאגט בתורתו - קומט צו אז די אלע ענינים ווערן געטאן באופן פון "מטבע של אש", בלי טעם וסיבה (כולל אויך ניט צוליב דעם וואס ער וויל מקיים זיין וואס ער האט ערשט געהערט בקריאת התורה), נאר באופן של "אש", למעלה מציור, אבער דאס נעמט אים דורך, אז ער ווערט א "מטבע של אש" - ומנפשי' כרע.

און די הוראה בזה (פון דברי הקב"ה למשה "במה תרום קרן ישראל") - איז ניט נאר ווי מ'זאל אויפהויבן קרן ישראל, נאר אויך אז מ'דארף דאס טאן, און ווי טוט מען דאס - דורך "כופר לצדקה", באופן פון א "מטבע של אש".

---

54) ואולי י"ל שזהו הטעם (פנימי) שקיום מצות צדקה הוא גם בלי כוונה, עד שהמאבד סלע כו' קיים מצות צדקה (כנ"ל הערה 13), אף שאין בו שום כוונה ורצון (ואדרבה - רצון להיפך).

55) ראה גם לקו"ש ח"א ע' 182.

56) משנה וגמרא מגילה כט, א ואילך. רמב"ם הל' תפלה פי"ג הכ"ג. טושו"ע או"ח סתרפ"ה ס"א.

57) ראה חינוך מצוה קה.

58) שקלים פ"א מ"א. מגילה שם, סע"א. רמב"ם שם פ"א ה"ט.

59) ראה לעיל הערה 4.

ט. עפ״ז איז אויך פארשטאנדיק, אז אע״פ וואס די הוראה הנ״ל שטייט בגלוי אין דעם שבת - איז דאס אבער ניט מוגבל נאר צו דעם טאג, אדער צו אנדערע טעג כיו״ב, נאר דאס איז שייך צו אלע זמנים, און צו אלע מענטשן, און צו אלע פרטים ופרטי פרטים בחיי יום יום פון א אידן,

כמובן מזה גופא וואס דאס רעדט זיך וועגן אן עבודה שלמעלה מכל ציור און וואס האלט אין איין שטרעבן העכער און העכער (כמו אש), איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז די עבודה קען ניט זיין פארבונדן מיט נאר א געוויסן טאג און א געוויסן מעמד ומצב (א ציור מסויים), נאר אז דאס איז שייך אלעמאל און אין אלע מצבים און ביי אלע אידן,

און אין אן אופן אז עס מאנט זיך שטענדיק עולה זיין אין דעם ״תשא את ראש״ בלי הפסק, ווייל אין דער רגע וואס ער בלייבט שטיין במצבו הקודם, דעמולט איז דאס שוין א ציור מסויים פון זיין מצב הראש, און ס׳איז שוין ניט ״תשא את ראש!

ובפשטות:

אויב ער איז מקיים דעם ״זה יתנו״ צוליב א געוויסן טעם (טבע אדער ציווי) - איז דאס אפגעמאסטן לויט די פאדערונגען און תנאים פון דעם טעם: בזמן החיוב (צדקה קודם התפלה וכיו״ב); אין דעם פאל וועגן ער איז מחוייב בזה, לדוגמא - ווען אן עני קומט און בעט בא אים צדקה; ווען ער לערנט און לייענט וועגן דעם אין תורה (בפ׳ כי תשא ובפ׳ שקלים); וכיו״ב.

בשעת ער גיט צדקה בטהרתה, באופן פון א ״מטבע של אש״ (זיין ציור וטבע איז באופן שלמעלה מציור) - נעמט עס דורך בכל הזמנים והמצבים: ער ווארט ניט אויף זמן החיוב, און ווארט ניט אז אן עני זאל אים קומען בעטן צדקה וכו׳, נאר בכל יום ויום (ובמשך כל היום כולו), סיי בא זיך אין דער היים, סיי אין ביהכנ״ס וביהמ״ד, סיי ווען ער גייט ארויס אין וועלט און אין א וועלטישן (וואכדיקן) טאג - ״יצא אדם לפעלו ולעבודתו״[60] - איז בכל פעולה ופעולה שלו טוט ער צדקה בטהרתה,

ד.ה. אז אפילו אויב אן עני המקבל קומט ניט צו אים בעטן, זוכט ער אים אויס, און אפילו אויב ער טרעפט ניט קיין מקבל, אדער יענער פארשטייט ניט אז ער איז אן עני (כפשוטו אדער עני בדעת[61]) - ווארט ער ניט אויף קיין זאך (נאר - ״חטוף ואכול חטוף ושתי״[62]) ער מאכט פון יענעם אויף א מקבל און גיט אים צדקה (בגשמיות אדער ברוחניות), ביז אז ער מאכט אויף פון יעדער זאך אין וועלט אז דאס זאל ווערן זיינער א

60) ל׳ הכתוב - תהלים קד, כג.
61) ראה נדרים מא, א.
62) ראה עירובין נד, א. וראה מכתב כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע - נדפס במבוא לקונטרס ומעין ע׳ 22. אגרות קודש שלו ח״א ע׳ רסו.

מקבל (דורך דעם וואס ער טוט דערמיט א מצוה אדער מאכט דער-פון תשמישי קדושה ומצוה, וואס דורך דעם איז ער ממשיך קדושה אין דער זאך), ביז אז - ער מאכט פון יענעם אויך אויף א ״מטבע של אש״, ביז באופן פון ״שליח עושה שליח״[63], פירות ופירי פירות עד סוף העולם[64].

וביחד עם זה איז דאס באופן פון א ״מטבע של אש״, ניט אז ער גיט יענעם פייער, וואס וועט אים ״פארברענען״ ח״ו (רוב טובה שאינה יכול לקבל[65]), און ניט ער מאכט יע-נעם ״ארויפפליען״ מיט אים מיט דעם אש אלקי בסערה השמימה, נאר ער גיט דעם ״אש״ אפגע-מאסטן לויט דעם ציור וטבע (מטבע) המקבל, שיכול לקבל; און ניט אז ער פילט דערביי אז ער טוט יענעם א טובה וואס ער לאזט זיך צו אים אראפ, נאר די ״מטבע״ איז מיט א ״משקל״, וואס בטבעו ווערט נמשך למטה.

און די עבודה איז שייך, כאמור, צו אלעמען, אנשים נשים וטף (ניט קוקנדיק אויף דעם חילוק אין זייער ציור כו׳); אויך א קינד קען מען מסביר זיין אז ער דארף געבן צדקה ווי א ״מטבע של אש״ - צדקה בטהרתה, בפעולה שלו, און ניט ווארטן דוקא ביז א קינד וועט קומען צו אים בעטן, נאר אויס-זוכן קינדער וועלכע דארפן אנ-קומען צו זיין הילף, אדער מאכן פון זיי מקבלים, כנ״ל.

י. די הוראה איז ספעציעל בהדגשה שטייעדיק אין חודש אדר (ראשון), בתוך השלשים יום פאר חג הפורים, וואס דעמולט האט מען א חיוב מיוחד במצות צדקה - משלוח מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים[66], ביז אין אן אופן פון ״כל הפושט יד נותנים לו״[67].

האט מען די הוראה נוספת בזה, אז מ׳דארף ניט ווארטן ביז עס וועט זיין דער ״יד״ און דער ״פושט יד״ אליו, נאר מ׳זוכט אויס דעם ״פושט יד״, און טאמער יענער ווייסט ניט אז עס דארף זיין ״פושט יד״, מאכט ער פון יענעם אויף א יד המקבל און א יד פשוטה[68], און - ״נותנים לו״.

און דערפון ווערט עס אזוי נמשך אין אלע מצוות וענינים פון פורים, ובנקודה כללית - די עבודה פון מסירת נפש[69]

63) ל׳ חז״ל - קידושין מא, א. וש״נ. וראה קונטרס משיחת ש״פ בשלח סי״ג.

64) ע״ד האש - ש(גם קצת אש) הולך ומתפשט בלי שום הגבלות (וגם לא נחסר באש הראשון - כמדליק נר מנר).

65) ראה תענית כג, א.

66) אסתר ט, כב.

67) רמב״ם הל׳ מגילה פ״ב הט״ז. טושו״ע או״ח סתרצ״ד ס״ג.

68) ע״ד שאינו יודע לשאול - את פתח לו (מכילתא ס״פ בא. נוסח הגדה של פסח).

69) ויש לומר דוגמא לזה גם אצל הקב״ה כביכול (משום מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, מה שהוא עושה הוא אומר לישראל לעשות - תהלים קמז, יט. שמו״ר פ״ל, ט) - בשיעור היומי ברמב״ם: השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו.

ועפ״ז יומתק: א) מה שנקבע ראי׳ זו בדיני ״הלכות״ התורה (ולא מסתפקים בשאר הראיות, מדין זה עצמו דנר ביתו ונר חנוכה - נר ביתו קודם, וממ״ש דרכי דרכי נועם וכל נתיבותי׳ שלום), אף שידוע גודל הענין ד(מחיית) שמו

(״עד[70] דלא ידע״[71]), וואס אמיתית מס״נ איז למעלה מכל ציור וטעם[72], ובאופן אז דאס ווערט נמשך און נעמט דורך דעם ציור האדם און אלע זיינע פרטי כחות, וכללות העבודה בתומ״צ שלו.

יא. ובהמשך לזה איז כאן המקום צו מעורר זיין כאו״א בכל מקום ומקום - צו אנהויבן מאכן די פאסיקע הכנות צו ״מבצע פורים״, אז מ׳זאל זען אז יעדער איד זאל מקיים זיין די מצוות פון פורים, און צו-שטעלן (די וואס דארפן דערצו אנקומען) - כל צרכי החג דפורים, און בכלל - וויפל א איד פארמאגט, קען ביי אים אלעמאל צוקומען אין דער עבודה פון פורים, ובערך לזה (וואס ביי אים קען צוקומען) דארף ביי אים זיין דער ״פושט יד״ און ״נותנים לו״.

יב. ויהי רצון אז דורך די החלטות בכל זה - וואס דער אויבערשטער איז ״יראה ללבב״[73] - זאל ער שוין גלייך אפצאלן דער שכר [אע״פ וואס די עבודה איז לשמה, שלא על מנת לקבל פרס[74], כנ״ל בארוכה], ביז דעם שכר העיקרי - די גאולה האמיתית והשלימה,

וואס דעמולט וועט זיין די שלימות העבודה פון ״מטבע של אש״ - ״כמצות רצונך״, ביז אז ס׳וועט אזוי אויך ווערן בכל העולם כולו, אז נוסף צו די שלימות פון עולם וטבע העולם, אלה תולדות השמים והארץ

ומלאה הארץ דיעה את ה׳ כמים לים מכסים[78]: עס וועט זיין א מציאות פון ים (ע״ד מציאות המטבע), אבער דאס וועט זיין אינגאנצן מכוסה ובטל צו די מים, מי הדעת הטהור[79] - ידיעת ה׳,

ומתוך שמחה וטוב לבב, טוב לב משתה תמיד[80].

* * *

של הקב״ה, ה׳ אחד ושמו אחד. ב) בקשת משה בפרשתנו ״מחני נא מספרך גו׳״, אף ששכינה מדברת מתוך גרונו, ומציאותו של משה נתאחד עם מציאות הבורא, ואם כן: היתכן שוויתר גם על כבודו של הקב״ה ע״י מחני נא מספרך? אלא זהו דוגמת ענין המס״נ דהשם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו, ובנדו״ד - מחני נא (מס״נ שלו מצד עצם התקשרות משה עם ישראל, שלמעלה מתומ״צ - ראה לקו״ש חכ״א ע׳ 174 ואילך) כדי לעשות שלום בין הקב״ה וישראל (שמחשבתן קדמה לכל דבר, גם למחשבתה של תורה). ואכ״מ.

70) מגילה ז, ב. שו״ע או״ח סתרצ״ה ס״ב. ועוד.

71) וראה קונטרס משיחת תענית אסתר ופורים תשמ״ח ס״ד ובהערה 48 - שעד דלא ידע הוא ע״ד מנפשי׳ כרע. עיי״ש.

72) ולכן לא נאמר מפורש בתושב״כ - ראה בארוכה הערה בסה״מ תש״ט ע׳ 121 ואילך.

73) שמואל א טז, ז.

74) והעבודה בבירורים האחרונים בגלות - הוא רק הסרת המעכב (ולא ע״מ לקבל שכר הגאולה), וכשבטלה הסיבה נתבטל המסובב במילא, עד שמגלים בגלות (גולה) האל״ף דאלופו של עולם, ונעשה בדרך ממילא גאולה.

75) בראשית ב, ד.

76) ראה ב״ר פי״ב,ו. פי״ג, ג. פי״ד, ז.

77) רות ד, ח.

78) ישעי׳ יא, ט. רמב״ם סוף הל׳ מלכים.

79) רמב״ם סוף הל׳ מקוואות.

80) משלי טו, טו. וראה רמ״א או״ח סו״ס תרצז. וחותם שו״ע חאו״ח.

בס"ד. שיחת ש"פ תשא, כ' אדר ראשון ה'תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחה א'

[בענין נתינת צדקה מפני טבע המדות]:

א. אפילו נתינת הצדקה צוליב טבע החסד, קען אויך זיין א נתינה גדולה, ניט נאר די מחסורו[1], וואס דאס איז כולל (פאר אזא וואס דאס איז מחסורו) חמשים איש רצים לפניו, און ווי דער רמב"ם שרייבט[2] אז עס זיינען פאראן אזוינע וואס האבן א טבע של עשירות, במילא איז בא זיי מחסורו מער ווי ע"ד הרגיל, איז נוסף לזה דארף אויך זיין דער לעשרו.

דאס איז אבער ניט געענוג. ביי א א איד דארף זיין נאכמער. אבער ניט צוליב הטעם וחשבון ווייל ביי א אידן איז ניטא קיין געענוג, נאר העכער פאר דעם גאנצן ענין פון געענוג און ניט געענוג - ביז אז די נתינת הצדקה שלו איז - "מטבע של אש", ניט צוליב א טבע אדער א טעם וכו'.

[בענין שכל פעולותיו של יהודי דארף ער לעבן - בחיי יום יום - עם הענין ד"מטבע של אש"]:

און דאס מיינט בפשטות - אין זיינע חיים גשמיים, וואס דאס הויבט זיך אן בעיקר מיד כנשיער משנתו, ווען ער האט חיות בשלימות ובגלוי, משא"כ בשעתן שלאפן איז דאס א שלאפעדיקע חיות - דארף יעדע פעולה שלו זיין אן ענין של צדקה, וצדקה בטהרתה.

ב. ויה"ר אז מ'זאל דאס טאן בפשטות ובפועל. כולל די פעכולות אלס הכנה צו פורים, כנ"ל.

און דורך דער החלטה בדבר וועט דער אויבערשטער שוין אפצאלן דעם שכר, ביז דער שכר העיקרי - גאולה האמיתית והשלימה.

ובפרט אז מ'שטייט אין חודש אדר - וועט זיין דער "מסמך גאולה לגאולה"[3]. והגם אז דאס גייט בפשטות אויף גאולת פורים באדר שני - איז אבער מעין זה פאראן אויך אין פורים קטן באדר ראשון, ובפרט אז מ'האט דאס אויסגענוצט מיט א שטורעם וכו'.

ובפרט - אין א שנה מלאה, א שנה תמימה, וכל זה - אין אן אופן פון שנת הארבעים.

---

112) וי״ל ש״משנכנס אדר״ כולל גם שבת מברכים אדר, שבו מתחילה כבר ה״כניסה״ דחודש אדר, ועד ע״י המשכת הברכה בכל החודש.

113) להעיר גם שענין ההוספה מודגש ביום השבת באופן של כפל — ״כל עיסקא דשבתא כפול, עומר כפול קרבנו כפול כו׳״ (מדרש תהלים צב, א. וראה לקו״ת בשלח בתחלתו. ובכ״מ).

114) ברכות כח, א. וש״נ.

כולל בענין השמחה שפורצת גדר[115], הרי בודאי שהיא באופן ד"ילכו מחיל אל חיל", עד ש"יראה אל אלקים בציון"[116], "והוא יכוננה עליון"[117].

וכל ענינים אלו — בתכלית השלימות, כמודגש במיוחד בְשנה זו, שנת העיבור[118], שהיא "שנה[119] תמימה"[120].

יב. ויה"ר שע"י ההחלטה טובה לעסוק בענין ד"ויקהל משה" בכלל, ובפרט בנוגע לענין השקלים וענין השמחה — הרי, כיון ש"ה' יראה ללבב"[121], נותן תיכף את השכר[122]:

"ויקהל" האמיתי ע"י הקב"ה, "ואתם[123] תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[124], "קהל גדול ישובו הנה"[125] — לארצנו הקדושה, לירושלים עיר הקודש ולבית המקדש,

ובאופן ש"באחד באדר" דשנה זו ישמיעו על השקלים כפשוטו ממש — להביא מחצית השקל עבור קרבנות ציבור שיקריבו בביהמ"ק השלישי,

ואז יהי' גם "מרבין בשמחה" בתכלית השלימות — "שמחת עולם על ראשם"[126].

וכן תהי' לנו — תיכף ומיד *ממש*, בעיצומו של יום השבת, ובפרט ב"רעוא דרעוין"[127], וכמודגש גם בקריאה שקורין בתפלת מנחה — שלאחרי ובסמיכות[128] ל"ויקהל"[129] באים תיכף ל"אלה פקודי המשכן משכן העדות", "משכן משכן, שני פעמים, רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין"[130], "נתמשכן" (משכון) דייקא,

---

115) ראה בארוכה סה"מ תרנ"ז ס"ע רכג ואילך. ועוד.

116) תהלים פד, ח.

117) שם פז, ה.

118) להעיר, שגם בשנת העיבור מודגש ענין של אחדות — ההתאחדות דשנת הלבנה עם שנת החמה, מעין ודוגמת והכנה להיעוד "והי' אור הלבנה כאור החמה" (ישעי' ל, כו).

119) בהר כה, ל. ערכין לא, א — במשנה. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פי"ב ה"ה.

120) נוסף לכך שאדר שני ופורים גדול באים לאחרי ההכנה דאדר ראשון ופורים קטן, כנ"ל הערה 1.

121) ש"א טז, ז.

122) ראה תענית ח, ב. שו"ע או"ח סו"ס תקעא.

123) ישעי' כז, יב.

124) ולא רק ע"פ דיבורו, אלא באופן ש"אוסף . . בידים" — "גדול יום קיבוץ גליות ובקושי כאילו הוא עצמו צריך להיות אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו" (פרש"י נצבים ל, ג).

125) ירמי' לא, ז.

126) ישעי' לה, יו"ד. נא, יא.

127) שבו מודגש ביותר הענין ד"יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים" (ראה המשך תרס"ו בסופו).

128) ובפרט להדעה שדורשין סמוכים לא רק במשנה תורה, אלא בכל התורה כולה (ראה ברכות כא, ב. וש"נ).

129) ובפרט "ויקהל" בשלימותו — כבשנה זו, שקורין ויקהל בפ"ע (משא"כ כשקורין ויקהל-פקודי כשהן מחוברין, ש"ויקהל" אינו אלא חצי סדרה), ובמילא, גם הענין ד"פקודי" (החל מהקריאה במנחת שבת) הוא בשלימותו.

130) פרש"י עה"פ.

שהקב״ה מחזירו בשלימות בביהמ״ק השלישי, ״מקדש אדנ-י כוננו ידיך״[131], ״בנינא דקב״ה״[132], וביחד עם זה נעשה ע״י עבודתם של ישראל, ״מעשה צדיקים״[133] (ע״ד המבואר בפרשת השבוע ע״ד מלאכת המשכן).

ובפרט לאחרי שישנו הענין ד״תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם״ (בקריאת פ׳ שקלים), שכל בנ״י, האנשים והנשים והטף (לא רק ״מבן עשרים שנה ומעלה״), עומדים בתוקף ד״יוצא צבא״ (בעלי כח[134]) ב״לגיון של מלך״[135], לבושים ב״בגדי שרד״ מצוחצחים[136], ומוכנים לביאת משיח צדקנו, ותיכף ומיד — מכריזים ומראים באצבע ״הנה זה בא״!

ואז יהי׳ גם מנין בנ״י (״כי תשא גו׳ לפקודיהם״) בתכלית השלימות — מנין העשירי ע״י הקב״ה בעצמו[137], וכן שירה העשירית[138], כאמור, ״מרבין בשמחה״ בתכלית השלימות, ״שמחת עולם על ראשם״.

---

131) בשלח טו, יז.

132) זהר ח״א כח, א. ח״ג רכא, א.

133) ראה קונטרס משיחות ש״פ תצוה הערה 137.

134) להעיר גם ממ״ש (ישעי׳ מ, לא) ״וקוי ה׳ יחליפו כח״ — שגם מי שנתעייף ונחלש כו׳, ״מחליף״ את הכח שלו עם ובכחו של הקב״ה כביכול, ובקנין ״חליפין״ — יכולים ליתן דבר הכי קטן (אפילו פחות משוה פרוטה — אם יש לו תורת כלי (רמב״ם הל׳ מכירה פ״ה ה״ו)) ולקבל דבר הכי גדול, כחו של הקב״ה, כביכול, ״מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה״, כולל גם ״הגדושה״, כמ״ש בסידורו של הבעש״ט.

135) פרש״י במדבר א, מט — בנוגע לשבט לוי, שנימנים מבן חודש למעלה, ויתירה מזה — מן הבטן (שם ג, טו). ולהעיר מרמב״ם סוף הל׳ שמיטה ויובל: ״לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש כו׳ אשר נדבה רוחו אותו כו׳״.

136) כולל גם צחצוח הכפתורים — ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

137) יל״ש ר״פ תשא.

138) מכילתא בשלח טו, א.

בס"ד. שיחת ש"פ ויקהל, פ' שקלים, מבה"ח אדר שני תשמ"ט.

הנחת התי' בלתי מוגה

השלמות לשיחות א' וב'

[בענין גודל השמחה בפורים, "עד דלא ידע"]:

א. אין די אנדערע ימים טובים, "מועדים לשמחה", איז די שמחה געווען בהגבלה, ביז אז "חייבים ב"ד להעמיד שוטרים ברגלים שיהיו מסובבין ומחפשין בגנות ופרדסים כו'", אז די שמחה זאל זיין במדידה והגבלה[1].

[בענין השמחה בשבת זו - לא רק ההחלטה בזה, אלא המעשה בפועל]:

ווי עס שטייט אין תניא[2], אז דורך אלע כוונות - ווי גרויס און הויך זיי זאלן זיין - איז מען ניט יוצא די מעשה המצוה.

[בשיחה ב', ע"ד "ויקהל" שהי' ממחרת יוהכ"פ]:

ב. ד.ה. אז מ'האט בכח צו מקהיל זיין אידן ביז אז זיי זאלן שטיין אין דער דרגא פון "ממחרת יוהכ"פ" - א מצב פון תכלית השלימות לאחרי שלימות עבודת התשובה וגמר הכפרה ביוהכ"פ. כמובן פון דעם וואס די גמרא זאגט[3] אז בבא בן בוטא האט געבראכט אן אשם תלוי בכל יום חוץ פון מחרת יוהכ"פ. ועד כדי כך איז די שלימות העבודה ממחרת יוהכ"פ, אז נשיא דורנו האט געפרעגט בא זיין פאטער, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע[4]: וואס יעצט? אין וואס באשטייט די עבודה איצטער, ווארום מחרת יוהכ"פ האט מען שוין דערגרייכט שלימות העבודה.

* * *

ג. מ'האט פריער גערעדט אז מ'גייט באלד לייענען פ' פקודי, וואס פקודי (ענין המנין) איז מרמז אויך אויף מנין בני ישראל, ביז דער מנין העשירי וואס וועט זיין לע"ל ע"י הקב"ה.

דערפון איז דער לימוד, אז יעדער איד דארף זיך אוועקשטעלן ווי א יוצא צבא פון דעם אויבערשטן, וואס עבודתו הכללית איז - מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים, וואס דאס איז שייך צו אלע אידן, אנשים נשים וטף, ניט נאר צו א בן עשרים לכח (וועלכער איז א יוצא צבא לישראל בפשטות[5]) - וואס דאס איז נוגע צו דין עונשין בב"ד שלמעלה[6], און ניט נאר צו בן שלש עשרה, וואס איז נוגע לחיוב מצוות[7] בב"ד שלמטה, נאר דאס (די עבודה פון צבא ה'

---

1) טושו"ע ושו"ע אדה"ז או"ח סו"ס תקכט. 2) רפל"ח. 3) כריתות כה, א. 4) סה"מ תש"ט ע' 42. 5) במדבר א, ג ובפרש"י. 6) במדב"ר פי"ח, ד. הובא בפרש"י קרח טז, כז. וראה שבת פט, ב. ירושלמי בכורים פ"ב ה"א. 7) אבות ספ"ה.

צו מאכן א דירה בתחתונים) איז נוגע צו אלע אידן, כולל אויך א תינוק שנולד, וואס גלייך ווי ער ווערט געבארן פארבינדט מען אים מיט עניני תורה - ״שיר המעלות״, און א מזוזה וכו׳, ובפרט אז ער איז געבארן געווארן בטהרה.

און אפילו אויב עס פעלט ביי איינעם אין שמירת טהרת המשפחה - איז עכ״פ מכאן ולהבא היט מען דאס אפ בשלימות. ובפרט אז מ׳האט אויף דעם א כח מיוחד דורך החלטת הרבים, וועלכע האט א ספעציעלן שטארקערן כח (ווי החלטת היחיד) צו פועל׳ן אויף א יחיד, ובמכ״ש וק״ו פון תפלת היחיד וואס פועל׳ט אויף א יחיד, עאכו״כ תפלת הרבים והציבור [ובמכ״ש פון דעם פתגם הידוע[8] אז בשעת צוויי אידן טרעפן זיך איז דאס צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הבהמית [ווייל אין אדם חוטא ולא לו[9], כמדובר כמ״פ], עאכו״כ ווען מ׳האט א כח הרבים והציבור, א סך מער ווי צוויי נפש האלקית].

ובפרט אז נוסף צו דעם וואס די תפלה אליין איז א תפלת ציבור, און עס דארף זיין ״אל תפרוש מן הציבור״[10], און דעריבער איז דער נוסח התפלה בלשון רבים - קען מען אבער מתפלל זיין אויך פאר אזא צו וועמען מ׳האט ניט קיין אהבה - איז נוסף צו די תפלה אליין, האט מען אויך (לפני זה) די הקדמה און דער יסוד התפלה פון ״הריני מקבל עלי מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך״, אז מ׳האט ליב יעדן אידן, בכל קצוי תבל, אויך אזא וועמען מ׳האט קיינמאל ניט געטראפן אדער געזען, און מ׳ווייסט ניט ווער ער איז, מערניט וואס מ׳ווייסט וועגן זיין מציאות.

[ויש לקשר זה אויך מיט דעם ענין פון ״ויקהל״ בפרשתנו - אז מ׳איז מקהיל און מאחד אלע אידן צו וועמען מ׳קען דערגרייכן (ע״י הקול שלו), כמדובר לעיל בארוכה].

דעריבער איז מובן, אז תפלת הרבים ובפרט מיט דער הקדמה פון ״ואהבת לרעך כמוך״ - פועל׳ט אויך אויף א יחיד וואס געפינט זיך בנפרד ערגעץ וואו בקצוי תבל אין רשות היחיד, אין א מקום רחוק ברוחניות, אדער אפילו רחוק בגשמיות (וואס דאס גופא גיט אן ארט אויף נחלש ווערן אין עניני יהדות) - אז מכאן ולהבא זאל אויך ער ווערן א שומר תומ״צ וכו׳.

---

8) לקו״ד ח״ב שנ, ב. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב ע׳ עג. ״היום יום״ כ׳ טבת. 9) ב״מ ה, ריש ע״ב. 10) אבות פ״ב מ״ד.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ד. כאן המקום צון מזמין זיי די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח

- וואס (משקה) איז מעורר לעבעדיקייט און מרץ אז מ׳זאל ניט קענען רוען בנוגע צו אלע ענינים פון אידישקייט, תורה עבודה וגמילות חסדים. ובפרט אין א בית שמגדלין בו תורה ומגדלין בו תפלה[11] ומגדלין בו גמילות חסדים, וביום השבת (ווען נתינת צדקה בפשטות איז אסור) - דורך געבן אן עצה טובה אדער אכילה ושתי׳, כולל דער גרעסטער ענין פון אהבת ישראל (כ״ק אדמו״ר שליט״א אמר בחיוך): אז ער נעמט זיין אייגענעם גלעזל משקה, און פראוועט ״מסירת נפש״ און גיט דאס אפ א צווייטן! -

זאלן זיי ארויפגיין למעלה, און דאס זאל בא זיי פועל׳ן אן עלי׳ אמיתית אין אלע ענינים פון אידישקייט,

און זיי זאלן מזמין זיין דעם קהל, עכ״פ כו״כ אלס באי כח פון דעם קהל.

און דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו ״קהל גדול ישובו הנה״[12], דורך דעם וואס מ׳איז מבטל סיבת הגלות - פירוד הלבבות[13], ווערט בטל דער מסובב - גלות, און עס קומט די גאולה,

און מ׳איז מכריז: הנה משיח בא, באופן אז מראה באצבעו ואומר זה - אט דא איז אריין משיח צדקנו, און אלע גייען מיט אים, ״עם ענני שמיא״[14], אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, לקדש הקדשים,

והקיצו ורננו שוכני עפר[15], ומשה ואהרן עמהם[16], מיט אלע ענינים הקשורים בזה,

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

[בשיחה ד׳, בהמשך להכח של כאו״א מישראל להיות יוצא צבא ה׳, ואפילו מי שנתעייף ונחלש כו׳, הרי ״וקוי ה׳ יחליפו כח״, ״מחליף״ את הכח שלו עם כחו של הקב״ה כביכול]:

ה. דאס הייסט, אז נוסף צו דעם וואס ״הקב״ה עוזרו״ בנוגע לכל

---

11) מגילה כט, א. 12) ירמי׳ לא, ז. 13) יומא ט, א. 14) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 15) ישעי׳ כו, יט. 16) ראה תוד״ה אחד - פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

עניני עבודה, עאכו״כ בנוגע צו ענינים וואס זיינען ניט אזוי פארבונדן מיט בחירת האדם - ווי בריאות גשמית, און פרנסה, בני חיי ומזוני רויחי - האט מען אויך דעם "יחליפו כח" הנ״ל.

און דאס גיט נאכמער כח צו א אידן ער זאל קענען אויפטאן שליחותו, כולל - צו משפיע זיין אויף בני ביתו וכו׳, ביז צו אלע אידן צו וועמען ער קען דערגרייכן, ביז צו כלל ישראל. ביז - צו אויפטאן דעם ענין פון גאולת ישראל, כפס״ד הרמב״ם[17] אז לעולם יראה אדם את עצמו שקול ואת כל העולם כולו שקול, וע״י מצוה אחת מכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות, ומביא לו ולהם תשועה והצלה (מיט אלע ענינים ופרטים שבזה), בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו.

ו. דערפאר וועט מען מסיים זיין מיט זינגען דעם ניגון "שיבנה ביהמ״ק", און דער ניגון הידוע בשפת המדינה, ולפני זה - זאגן "לחיים", "לחיים ולברכה", "לחיים טובים ולשלום" (כל אחד ואחת לפי מנהגו - נהרא נהרא ופשטי׳), און דערנאך - וועט מען מאכן א ברכה אחרונה, און נאך לפני זה - זאל שוין קומען די גאולה, אזוי אז מ׳וועט קענען מכריז זיין: הנה דוד מלכא משיחא בא, תיכף ומיד ממש.

לאחרי אמירת לחיים והניגונים - אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

17) הל׳ תשובה פ״ג ה״ד.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

•

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל, וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ"י שליט"א, קוממיות לארצנו הקדושה, ושנזכה בקרוב ממש לביטול גזירת "מיהו יהודי", ושיתקיים דידן נצח בכל, עד לדידן נצח הכללי – התגלות מלך המשיח – נאו!

נדפס ע"י

משפחת נמדר

הכתובת לחשיג "התוועדויות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 32 כפר חב"ד טל. 0-3-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש"פ פקודי
ה'תשמ"ט



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי

"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה

שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ

שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ פקודי, ד' אדר שני ה'תשמ"ט.

א. דעם שבת האט מען מסיים געווען דעם ספר שני פון חמשה חומשי תורה - ספר שמות.

יעדער סיום אין תורה און אין קדושה בכלל דארף ארויסרופן בא דעם אידן (המסיים) א התעוררות מיוחדה צו מאכן א חשבון צדק און א סך-הכל פון זיין עבודה אין דער פאריקער תקופה, ווי אויך זיך צוגרייטן צו דער נייער שטופע (שלב) אין דער עבודה, וועלכער הויבט זיך איצטער אן, בנדו"ד - די התחלה פון ספר ויקרא.

ווי מ'זעט דאס אין די סיומים פון פארשידענע תקופות אין דעם לעבן (און עבודה) פון אידן: בסוף השנה - קומט חודש אלול, וועלכער איז דער חודש החשבון[1] פון דעם פארגאנגענעם יאר, ווען א איד דארף מאכן א חשבון הנפש און א סך הכל פון זיין אויפפירונג במשך דעם יאר, און אויך מאכן די פאסיקע הכנות צו דעם נייער יאר; באם סוף פון יעדן חודש - איז ערב ראש חודש (וועלכער ווערט אנגערופן "יום כפור קטן"[*1]) א פאסיקע צייט צו מאכן דעם חשבון פון דער עבודה במשך דעם חודש, און זיך צוגרייטן צו דעם נייעם חודש; ערב שבת[2] (און אויך - שבת[*2]) איז דער זמן פון חשבון הנפש און מאכן א סך-הכל פון דער וואך, און הכנה צו דער נייער וואך[3]; ביז אז בכל יום - איז דער זמן לזה בסוף היום, בקריאת שמע שעל המטה, איידער "בידך אפקיד רוחי".

דערפון איז פארשטאנדיק, אז אזוי איז אויך בשעת מ'איז מסיים א תקופה אין (לעבן מיט) תורה[4] - א ספר שלם בתורה[*4], וואס יעדער ספר בתורה איז א באזונדער[5] ענין[*5] (ווי מ'זעט

---

1) ראה ספר המאמרים אידיש ע' 75, 78, 129. וראה לקוטי מהרי"ל הל' ימים הנוראים. ל"ת להאריז"ל עה"פ (תצא כא, יג) ובכתה גו' ירח ימים. טואו"ח ר"ס תקפא. לקו"ת ד"ה אני לדודי. וראה לקו"ש חי"ט ע' 590 (ועוד) בהערה ד"ה חודש אלול.

*1) ראה אוה"ת בא ע' רנג. ועוד.

2) ראה אגה"ת ספ"י (בלילה) "לפני יום השבת".

*2) אותיות תשב (אלא שהתשובה דשבת (עצמו) היא תשובה עילאה, הבאה לאחרי ההקדמה דתשובה תתאה לפני השבת) - אגה"ת שם.

3) שמתברך מיום השבת (זח"ב סג, ב. פח, א).

4) כפתגם אדה"ז הידוע: מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע ("היום יום" ב' חשון. ס' השיחות תש"ב ע' 29 ואילך).

*4) ובפרט (ע"פ מנהג ישראל) שבסיום הספר מכריזים "חזק חזק ונתחזק" - ראה לקו"ש חכ"ה ע' 474. וש"נ.

5) היינו, אף שסיפור המאורעות בכל הספרים הם המשך אחד, מ"מ כל ספר הו"ע בפ"ע ויש בו תוכן מיוחד ששונה משאר הספרים. ולהעיר מהכלל (פסחים ו, ב. וש"נ) שאין מוקדם ומאוחר בתורה (אבל כן הוא גם בספר אחד עצמו). וראה גיטין ס, א. - אבל בכל פעם יש טעם ע"ז (ראה של"ה תב, ב).

*5) כנראה מדיוק חלוקת ספרים

עס בפשטות אויך פון דעם תוכן פון יעדער ספר)[6] - איז זיכער[7] א זמן המתאים צו מאכן א חשבון הנפש און א סך-הכל פון דעם אינהאלט פון דעם ספר, זיין הוראה און עבודה, און זיך צו-גרייטן צו די נייע קומענדיקע עבודה אין דעם ספר חדש.

יעדער זאך אין תורה איז בתכלית הדיוק. דעריבער איז מובן, אז דער (תוכן פון דעם חשבון וסך-הכל בסיום ספר שמות און די הכנה צו דער עבודה שלאחרי זה, איז אנגעוויזן אין דעם חלק בתורה גופא וואס מ'-לייענט און מ'לערנט בסיום ספר שמות - פרשת פקודי (וואס זיין תוכן <u>גלוי</u> איז - <u>חשבון וסך-הכל</u>), און דערנאך - בתחלת ספר ויקרא, פרשת ויקרא. ווי ווי-טער ערקלערט.

ב. אין ספר שמות (ווערלכער איז א גאנצער באזונדער ספר בתורה, כנ"ל) שפיגלט זיך אפ כללות עבודת האדם[8], מתחלתה ועד סופה:

די התחלה פון דעם ספר איז "ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה", די ירידה אין גלות מצרים[9], וואס דאס באדייט (בעבודת האדם) - כללות ירידת הנשמה (בני ישראל) אין דעם (מצרים, לשון) מיצר הגוף ומי-צר העולם הזה הגשמי והחומרי.

ובהמשך לזה[9*] - ווענגן די שבירה און בירור פון (קליפת) מצרים דורך די עשר מכות, וואס דאס גייט אויף דער כללות הע-בודה פון מברר ומזכך זיין - אויסאיידלען - גשמיות וחומ-ריות העולם; ביז - דאס ברענגט צו יציאת מצרים, באפרייט ווע-רן פון דעם עול השעבוד פון די מיצרים וגבולים פון וועלט,

---

בחז"ל - ראה הערות הבאות. וראה שבת קטז, א. ולהעיר מגיטין שם. רמב"ם הל' ס"ת פ"ז הי"ד-ט"ז. וראה שם פ"ח - החלוקה להי ספרים. וראה סוטה לו, ריש ע"ב בנוגע ל"חומש שני" (שמות) ו"חומש פקודים" (במדבר); ושם מ, ב (במשנה). ע"ז כה, א בנוגע לספר בראשית (ספר הישר). ועוד.

6) ראה ב"ר פ"ג, ה (וראה שם פס"ד, ח): ה' פעמים כתיב כאן אורה כנגד חמשה חומשי תורה כו', ספר בראשית שבו נתעסק הקב"ה וברא את עולמו כו', ספר ואלה שמות שבו יצאו ישראל מאפילה לאורה כו', ספר ויקרא שהוא מלא הלכות רבות כו', ספר במדבר שהוא מבדיל בין יוצאי למצרים לבאי הארץ כו', ספר משנה תורה שהוא מלא הלכות רבות כו'.

7) ובמכ"ש וק"ו מהחשבון בסיום תקופות הנ"ל <u>בזמן</u> העולם (בסוף שנה, סוף חודש וכו'), עאכו"כ בסיום ספר <u>בתורה</u> - שהיא מקור כל הדברים שבעולם, אסתכל באורייתא וברא עלמא (זח"ב קסא, ריש ע"ב), ובשביל התורה נברא כל העולם (פרש"י ר"פ בראשית).

8) לאחרי ספר בראשית - שתוכנו בעיקר ע"ד הבריאה (לפני שנתגלה בה כוונת בריאתה בשביל התורה ובשביל ישראל - ראה לקו"ש חט"ז ע' 478), וע"ד עבודת האבות, דאף שהיו למעלה מעולם, הרי עבודתם היתה <u>הכנה</u> - מעשה אבות סימן לבנים - לעבודת הבנים (ראה לקו"ש ח"ו ע' 238), שהתחלתה היא בעיקר בספר שמות*, שבו ע"ד יצי"מ (לידת עם ישראל) ומתן תורה וכו' (כדלקמן בפנים). וראה תו"ח (לך פד, א ואילך ח"ש קלה,ב ואילך) שספר בראשית הוא "שרש ומקור למצות שיכתבו בס' שמות ושאר הספרים".

9) משא"כ אצל האבות לא הי' שייך גלות - ראה לקו"ש ח"ו שם.

*9) בפרשיות וארא בא ובשלח.

*) ובלשון רש"י (ר"פ בראשית), שהתחלת התורה היא ע"ד "כח מעשיו הגיד לעמו" ("בראשית ברא אלקים גו'"), ואח"כ ע"ד חמצוות, (החל מ)"החודש הזה לכם" (שבספר שמות).

אלס הכנה צו[10] - "תעבדון את האלקים על ההר הזה"[11], מתן תורה[12], וואס דעמולט איז בטל געווארן די גזירה פון עליונים לא ירדו למטה ותחתונים לא יעלו למעלה[13], ואני המתחיל - וירד ה' על הר סיני און האט געגעבן תורה ומצוות, צוזאמען מיט דעם כח צו מאכן פון דער גשמיות'דיקער וועלט (א חפצא של) קדושה, און אויספירן תכלית בריאת כל העולמות - צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים.

ביז - די שלימות בזה[14] דורך "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[14*], אז אידן האבן געמאכט א משכן פארן אויבערשטן, אנהויבנדיק דורך זייער עשי' ומלאכה פון ברענגען נדבות המשכן, פון דברים גשמיים שבעולם ("זהב וכסף ונחושת גו'"), אז מ'זאל דערפון מאכן דעם משכן פארן אויבערשטן, ווי דערציילט בפרטיות אין דעם המשך פון ספר שמות[15] (ובפרט - בסיומו) וועגן דעם ציווי אויף עשיית המשכן וכלי המשכן, און דערנאך וועגן דער עשי' בפועל.

ג. דערנאך קומט מען צום סיום ממש פון ספר שמות - פ' פקודי, וואו עס רעדט זיך בפרט וועגן דעם חשבון און סך-הכל פון דער עבודה פון "ועשו לי מקדש"[15*]

- וואס דערביי זעט מען בפשטות ובגלוי ווי דער ענין פון חשבון וסך-הכל בסיום התקופה (ספר שמות) בתורה איז אונטערגעשטראכן אין דעם חלק התורה בסיום ספר זה (כנ"ל סוס"א) -

ווי אנגעוויזן אויך אין דעם נאמען פון דער פרשה (וועלכער דייט אן אויף'ן תוכן כל הפרשה) - "פקודי", ווי רש"י איז דאס מפרש: "בפרשה זו נמנו כל משקלי נדבת המשכן לכסף ולזהב ולנחשת ונמנו כל כליו לכל עבודתו". דאס הייסט: "פקודי" איז לשון מנין וחשבון, און "פקודי המשכן" איז דער חשבון וסך-הכל פון נדבות המשכן וכל כליו לכל עבודתו, ווי אויס-

10) וגם גלות מצרים (בתחלת ספר שמות) היא הכנה למ"ת, כמבואר בכ"מ (תו"א עד, א. ועוד) שגלות מצרים הי' "כור הברזל" (ואתחנן ד, כ) שעל ידו נתברר ונזדכך ישראל, ועל ידם - נזדכך העולם, ועי"ז נעשה ההכנה להגילוי דמתן תורה כו'.

11) שמות ג, יב. וראה תו"א סז, סע"ב. וראה בארוכה לקו"ש ח"א ע' 265 ואילך. ח"ו ע' 239.

12) בפרשת יתרו. ובהמשך לזה - הדינים בפ' ואלה המשפטים (מה הראשונים מסיני אף אלה מסיני. וגם בסיום הפרשה - ע"ד מתן תורה).

13) תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג. ועוד.

14) כדאיתא במדרש (במדב"ר פי"ג, ב. פי"ב, ו. ובכ"מ) "אימתי שרתה השכינה בארץ ביום שהוקם המשכן", שאז נשלמה המשכת השכינה בארץ שהתחילה במתן תורה, כי במ"ת הי' בעיקר הגילוי מלמעלה, ושלימותה היא כשנעשה ע"י עבודת המטה דוקא - "ועשו לי מקדש גו'" (ראה בארוכה לקו"ש חכ"א ע' 150 ואילך. וש"נ).

*14) תרומה כה, ח.

15) בפרשיות תרומה, תצוה, תשא ויקהל.

*15) ויש לומר שיש בזה גם חידוש לגבי העבודה ד"ועשו לי מקדש" בפרשיות שלפנ"ז (לפני החשבון וסך-הכל) - ראה לקמן ס"ו.

פירלעך אויסגערעכנט בהמשך הפרשה.

קומט אויס, אז אין פ' פקודי, בסיום ספר שמות - מאכט מען דעם חשבון וסך-הכל פון כללות העבודה וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעם ספר (אנ-הויבנדיק פון "אלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה", יצי"מ, מתן תורה, וואס די שלימות פון דעם אלעם איז): "ועשו לי מקדש", בכדי עס זאל זיין "ושכנתי בתוכם", א דירה לו יתברך בתחתונים.

און דערפון האט מען דעם לימוד און הוראה בנוגע צו דער עבודה פון א אידן אין "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", בתוך כל אחד ואחד[16] - אז האלטנדיק בא דעם סיום התקופה בתורה (ווען מ'פארענדיקט ספר שמות), דארף א איד מאכן און אפגעבן "פקודי המשכן" - א חשבון וסך-הכל פון כללות עבודתו אין געבן און אפגעבן (לנדבת המשכן), און מאכן פון אלע זיינע גשמיות'דיקע זאכן א משכן ומקדש פארן אויבערשטן, א דירה לו יתברך - א חשבון צדק ווי און אין וואס פאר אן אופן ער האט זיך אין דעם אויפגע-פירט.

און דאס דארף זיין אין אן אופן פון "אלה פקודי"[17], "אלה" לשון גילוי - א קלארן און דייטלעכן חשבון, וועלכן מ'זעט בגלוי און מ'קען אויף דעם אנווייזן באצבעו ואומר (זה, ובלשון רבים -) "אלה פקודי המשכן", פון דעם משכן לה' וואס דער איד האט געמאכט.

ד. ובפרטיות יותר - ווי פאר-שטאנדיק פון דיוק לשון רש"י, "בפרשה זו נמנו כל משקלי נדבת המשכן לכסף ולזהב ולנחשת ונמנו כל כליו לכל עבודתו":

דער חשבון אין דער עבודה הנ"ל (פון "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם") דארף זיין פון "כל משקלי נדבת המשכן", פון אלע נדבות וועלכע אידן גיבן אפ צו דעם משכן,

וואס זיי טיילן זיך "לכסף ולזהב ולנחשת": כללות חיי (ועבודת) האדם, אזוי ווי כלל-ות העולם וסדר השתלשלות (כל העולמות) טיילן זיך אויף דריי דרגות: עידית (חלק הכי מובחר) - זהב[17*], בינונית - כסף, און זיבורית (חלק התחתון) - נחשת. ובסגנון אחר: ראש, תוך און סוף.

ובעבודת האדם: צדיק בי-

---

16) ראשית חכמה שער האהבה פ"ו קרוב לתחלתו (ד"ה ושני פסוקים). אלשיך עה"פ תרומה כה, ח קרוב לסופו (ד"ה עוד יתכן) של"ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו, ב.

17) ולהעיר שכן נקראת הפרשה ("אלה פקודי") בסדור הרס"ג (סדר קריאת התורה) וברמב"ם (ב"סדר תפלות" שלו (בסו"ס אהבה) בסופו).

*17) ובזה גופא - עידית שבעידית, זהב טהור (שהי' במשכן).

נוני[18] ורשע[19]. ובעולמות: בריאה יצירה ועשי'[20].

ואע״פ אז די דריי באוויזן אויף דריי באזונדערע סוגים צווישן אידן (און אין עולמות), איז אבער פארשטאנדיק אז יעדער סוג (אויך א צדיק) האט אין זיך בפרטיות אויך די דריי דרגות פון ״זהב״ ״כסף״ און ״נחשת״ (עידית, בינונית וזיבורית) לויט זיין ערך: מצד זיין עבודה אין וועלט (וואו עס געפינען זיך די אלע דריי דרגות), און אויך אין זיין עבודה פרטית[21]: דער חלק העבודה מיט זיינע כחות נעלים, די עבודה מיט די כחות בינונים, און די עבודה מיט די כחות תחתונים.

און וויבאלד אז כללות חיי האדם וסדר השתלשלות טיילט זיך אין די דריי סוגים - דעריבער זיינען זיי כולל די עבודה פון ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, אז א איד זאל אפגעבן (מנדב זיין) פון זיינע ״זהב״ ״כסף״ און ״נחושת״ פאר דעם משכן לה׳. און דערנאך - מאכן דעם חשבון וסך-הכל בזה - ״נמנו כל משקלי[22] נדבת המשכן לכסף ולזהב ולנחשת״.

ה. דערנאך איז רש״י ממשיך - ״ונמנו כל כליו לכל עבודתו״:

אין דער עבודה פון ״ועשו לי מקדש״ - ובהמשך לזה אין דעם חשבון וסך-הכל פון דער עבודה - איז ניט גענוג (מאכן דעם חשבון נאר פון) די ״נדבת המשכן״ פון זהב וכסף ונחושת - די נדבות וואס ער גיט אפ פון זיין רכוש (זיינע כחות און געלט וכיו״ב וועלכע דער אויבערשטער האט אפגעגעבן ברשותו), אבער אים איז ניט נוגע וואס מ׳טוט מיט די נדבות (ער פארלאזט זיך אז א צווייטער וועט מאכן דעם חשבון בנוגע לזה),

נאר עס דארף זיין אויך ״נמנו כל כליו״ - ער דארף מאכן א חשבון אויך בנוגע די

---

18) ועפ״ז אולי יש לומר הטעם פנימי* שרש״י מקדיש כסף לפני זהב - היפך סדרם בהמשך הפרשה (ועד״ז לעיל בהציווי - תרומה כה, ג; ויקהל לה, ה. וכן בההבאה - שם, כב-כד. וראה גם תשא לא, ד. ויקהל לב, לד), והיפך דרגת חשיבותם - כי ״מדת הבינוני היא מדת כל אדם ואחרי׳ כל אדם ימשוך״ (תניא רפי״ד). ועצ״ע.

ומה שבתניא מקדים הביאור דדרגת צדיק (ורשע) (כפ״י-יא) לפני דרגת בינוני (כפי״ב ואילך) - יש לומר, כי זה נוגע לשלימות הבנת דרגת הבינוני. ואכ״מ.

19) ראה ברכות ז, ב. וראה תניא פ״א. פ״י ואילך.

20) ראה אוה״ת משפטים (ע׳ א׳קכח ואילך), שהם כנגד צדיק בינוני ורשע.

21) ואפילו כפי שהוא בדרגא הכי נעלית - ביוהכ״פ (אחת בשנה) - ישנם כמה דרגות ביום זה עצמו - חמש תפלות וכו׳. ועד״ז בנדו״ד - בחודש אדר, שבו בריא ותקיף מזלי׳ של ישראל [וכפרט שהוא שנה מעוברת, שנה תמימה, המורה על שלימות ותמימות העבודה, כמדובר כמ״פ במשך השנה] - ישנם דרגות בחודש זה עצמו: ימי הפורים, ושאר ימי החודש וכו׳.

*) הטעם ע״פ נגלה - ראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 276 הערה 28.

22) והדיוק ב״משקלי נדבת המשכן״ הוא - עצם העשי׳ (ולא רק הכוונה), ש״משקל״ מורה על חומר וכמות הדבר (ולא (כ״כ) הצורה ואיכות) - ראה לקו״ש חכ״ו ע׳ 279.

כלים וואס מ׳מאכט פון (דעם זהב וכסף ונחשת) פאר דעם משכן, די ״כלים״ וואס ער מאכט פון זיך אליין [כמבואר בספרים אז יעדערער פון די כלי המשכן איז דא אין עבודת האדם (דער מזבח - כנגד הלב, וכיו״ב)] און פון זיין חלק בעולם - אלס הייליקע כלים פארן מקדש לה׳ (שבכל אחד ואחד).

און נאכמער : מ׳קען מיינען אז ס׳איז געגוג דער חשבון פון די כלים וואס מ׳מאכט פון די נדבות (אבער בנוגע צו אויס-נוצן די כלים **בפועל** - איז א באזונדער חשבון דורך אן אנ-דערן). איז רש״י מוסיף ״(כל כליו) **לכל עבודתו**״: נוסף אויף דעם חשבון פון די כלים, דארף אויך זיין דער חשבון בנוגע דער **עבודה בפועל** מיט די כלים (וואס דעמולט איז דא דער ״ושכנתי בתוכם״), ווי דער-ציילט בארוכה אין דער פרשה (אויך) די עבודות בפועל מיט די כלי המשכן - ״ויתן[22*] את השולחן גו׳ ויערוך עליו ערך לחם גו׳, וישם את המנורה גו׳ ויעל הנרות גו׳, וישם את מזבח הזהב גו׳ ויקטר עליו קטרת וגו׳״.

ולהוסיף (ע״ד ובלשון החסיד-ות), ע״פ המבואר בלקו״ת פר-שתנו[23] - אז די צוויי ענינים ״אלה פקודי המשכן, משכן העדות״, גייט אויף ו״ה (והנגלות) און י״ה (הנסתרות), אויך - מצות עשה ומצות לא תעשה. דאס הייסט - אז ״כל עבודתו״ פון א אידן (וואס זיין נשמה איז כולל אין זיך[23*] אלע אותיות פון שם הוי׳[24]) איז כולל די עבודה בבחי׳ ו״ה - ״עסק התורה והמצוות״ בפועל, און בבחי׳ י״ה - בחכמה ובינה[25]. ובכללות - עבודה גשמית (ווי ער איז פון - עובדי ה׳ בגופם), און עבודה רוחנית (עובדי ה׳ בנש-מתם).

ו. ויש לומר, אז נוסף צו דעם וואס ״אלה פקודי המשכן״ (בסיום ספר שמות) באדייט דעם חשבון וסך-הכל פון דער עבודה פון ״ועשו לי מקדש״ (וואס ווערט דערציילט אין די פריער-דיקע פרשיות) - קומט דורך דעם צו אויך א חידוש אין דעם עצם עבודה פון ״ועשו לי מקדש״. וואס דעריבער איז דוקא אין דער פרשה - לאחרי החשבון והסך-הכל ווערט דערציילט ווע-גן הקמת המשכן **בפועל**, דורך וועלכע עס ווערט דורכגעפירט השראת השכנה למטה (״ושכנתי בתוכם״):

בשעת מ׳האט נאר דעם ציווי אויף נדבת ועשיית המשכן וכלי המשכן און אויך די עשי׳ בפועל, און ס׳איז נאך ניטא דער חשבון וסך-הכל פון ״אלה פקודי המשכן״ - זיינען אלע

*22) פרשתנו מ, כב ואילך.

23) ד, ג ואילך. ז, א.

*23) כמ״ש כי חלק הוי׳ עמו, שנשמת האדם היא חלק הוי׳ ב״ה (אגה״ת פ״ד. וראה לקו״ת ר״פ ראה. ובכ״מ).

24) שבהן כלולות כל העשר ספירות, וכל סדר ההשתלשלות (ראה אגה״ת שם).

25) אגה״ת שם בסוף הפרק.

פרטים אין משכן אזוי ווי בא-זונדערע חלקים, וואס ווערן נאך ניט פאראייניציקט אלס איין משכן לה׳ (״ועשו לי מקדש״ לשון יחיד); בשעת אבער ״נמנו - אין איין סך-הכל - כל משקלי נדבת המשכן לכסף ולזהב ולנחשת ונמנו כל כליו לכל עבודתו״, האט דאס פאראייניציקט אלע טיילן און פרטים פון דעם משכן, אז די אלע פרטים זיינען א טייל פון איין משכן להשם.

דער ענין אין עבודה: ״פקודי המשכן״ (וואס איז מאחד אלע פרטים אין איין מנין) באדייט די עבודה מצד יחידה שבנפש, וואס איז איין זאך מיט יחיד שלמעלה*[25], וואס דורך דעם איז מען מגלה דעם פארבונד פון אלע פרטים און אלע כחות הנפש - זהב כסף ונחשת, און ״כל כליו לכל עבודתו״ - מיט יחידו של עולם, אזוי אז דאס איז איין משכן אויף וועלכן דער אויבער-שטער - ה׳ אחד - זאגט ״ושכנתי בתוכם״.

ביז אז מ׳טוט אזוי אויך אויף בכל העולם כולו ובכל סדר השתלשלות - וועלכע טיילן זיך אויף די דריי דרגות פון זהב וכסף ונחשת, אז די גאנצע וועלט און גאנץ סדר השתלשלות, בכל הדרגות שבהם (זהב וכסף ונחשת, וכל כליו וכל עבודתו) - מלמעלה מעלה עד אין קץ ביז למטה מטה עד אין תכלית - ווערט פאראייניציקט בגלוי (אלה) מיט יחידו של עולם, אזוי אז עס ווערט א דירה (לשון יחיד) לו יתברך.

ולאידך גיסא: בכדי מ׳זאל קענען ציילן (פקודי), דארף זיין ניכר די אויסגעטיילטקייט פון יעדער זאך בפ״ע, דוקא דע-מולט איז זיי שייך ציילן. דאס הייסט: די אחדות וואס ווערט אויפגעטאן דורך דעם ציילן (אז אלע זאכן זיינען א טייל פון איין סך-הכל), איז ניט מבטל די מציאות הפרטים, נאר אדרבה - דאס נעמט זיי דורך, אז נוסף צו דעם וואס מ׳האט איין משכן (וועלכער באשטייט פון א ריבוי חלקים), ווערט נמשך א חשיבות וקדושה מיוחדת אין יעדער כלי לעצמו (נוסף צו דער קדושה כללית אלס טייל פון קדושת המשכן בכלל)[26].

דאס הייסט, אז יחידה ויחידו של עולם (איז ניט שולל מציאות הפרטים, נאר) דאס ווערט נמשך און נעמט דורך אלע פרטים ופרטי פרטים, ווי זיי שטייען אין זייער ציור.

און דאס איז אין אן אופן פון ״אלה פקודי המשכן״, אז דאס ווערט נמשך בגלוי (אע״פ וואס יחידה מצ״ע איז בהעלם).

*25) לקו״ת ראה כה, א. וראה ע״ח שער דרושי אבי״ע פ״א. וראה ברכת ערב יוהכ״פ תשמ״ו בתחלתו. וש״נ.

26) ראה בארוכה לקו״ש חכ״א ע׳ 252 ואילך, שזהו החידוש דפ׳ פקודי, שנוסף להציווי כללי של עשיית מקדש בכלל (הכולל ריבוי פרטים), נעשה חשיבות גם בכל פרט ופרט. ועיי״ש, שי״ל שזהו ההוספה ברמב״ם (סהמ״צ מ״ע כ), שלאחרי שכתב שכל כלי המשכן הם ״מחלקי המקדש והכל יקרא מקדש״, מוסיף ״וכבר ייחד הציווי בכל חלק וחלק״.

און בגלוי אין אלע פרטים ופרטי פרטים.

ויש לומר, אז דאס (דער גי-לוי פון יחידו של עולם אין די פרטים) איז אויך נרמז אין דעם ווארט "אלה (פקודי המשכן)": "אלה" איז בגימטריא ל"ו[27], און צוזאמען מיט די דריי אות-יות (א' ל' ה') - איז דאס ל"ט[28], און מיט דעם כולל - מ"ם. וואס דאס איז מרמז אויף די "ארבעים מלאכות חסר אחת"[29] האסורות בשבת. וכידוע דער דיוק בזה[30], פארוואס שטייט "ארבעים מלאכות חסר אחת" און ניט "ל"ט מלאכות"? איז איינער פון די ביאורים בזה[31]: עס שטייט ארבעים פעמים מלאכה אין תורה, נאר די מלאכה הארבעים - דער "אחת" - האט מען "מתיר" געווען, בכדי אז א איד זאל דאס משלים זיין דורך זיין עבודה[31*].

ובסגנון אחר: די וועלט מצ"ע איז באשאפן געווארן אין אן אופן פון "ארבעים מלאכות חסר אחת" - די מלאכות שבעולם טיילן זיך אויף ל"ט - דארטן איז "חסר" דער גילוי השייכות פון די מלאכות העולם מיט דעם "אחת", יחידו של עולם[32]. און א איד דורך זיין עבודה דארף מגלה זיין אין די ל"ט מלאכות דעם "אחת".

ויש לומר, אז דאס איז אויך דער אויפטו פון "אלה פקודי המשכן", אז דורך מאכן דעם חשבון וסך-הכל (אחת) פון כל נדבת המשכן בכסף וזהב ונחשת (עניני העולם) וכו' אלס א משכן אחד פאר ה' אחד - טוט מען אויף דעם גילוי פון "אחת" אין די ל"ט מלאכות שבעולם (וועלכע מ'לערנט אפ פון די ל"ט מלאכות אין משכן[32*]),

---

27) ראה גם לקו"ת פרשתנו ז, א. אוה"ת שם ע' ב'רלג. ד"ה אורח תרס"ט. וכל העם תרצ"ט.

28) פירוש ר' מיוחס - הובא בתו"ש ויקהל אות ט' בהערות. ולהעיר מירושלמי שבת פ"ז ה"ב שגם שם למדין ל"ט מלאכות מ"אלה" (ודלא כבבבלי (שבת ע, א. וכ"ה בבמדב"ר פכ"ח, כא) שלמדין מ"אלה הדברים"].

29) שבת עג, א במשנה.

30) תויו"ט שבת שם.

31) וראה גם אוה"ת ויקהל ע' ב'פט ואילך. ד"ה ארבעים מלאכות תר"ל (ס"ע רמה ואילך. ע' רנד). סד"ה וביום השבת עת"ר.

*31) וע"ד הביאור במאחז"ל (ר"ה כא, ב. ושי"נ) "נ' שערי בינה נבראו בעולם וכולן ניתנו למשה חסר אחד", שע"י עבודת משה השלים ה"אחד" (ראה ד"ה חמשים שערי בינה תרנ"ג).

32) וזה ש"אלה" (גם דפ' ויקהל) עם הכולל בגימטריא ארבעים (כנ"ל בפנים) - אף שהמלאכות בעולם הם רק ל"ט - יש לומר, כי הכוונה דבריאת העולם היא שישראל ימשיכו בו ה"אחד". ולכן כשמצטרפים ל"אלה" (ל"ט המלאכות דעולם) את ה"כולל", הכוונה והתכלית שלהם, היא בגימטריא ארבעים. אלא שבתחלה, הכוונה והתכלית דהעולם היא בהעלם, והגימטריא של האותיות ד"אלה" (הפרטים שבעולם) הוא ל"ט. ובכדי שבהפרטים דעולם (התחלקות ופירוד) יהי' בגילוי ה"אחד", הכוונה והתכלית שלהם, הוא ע"י העבודה ד"אלה פקודי המשכן".

*32) וראה לקו"ש ח"א ע' 193, שלימוד הל"ט מלאכות בעולם שרשם הוא מל"ט מלאכות שבמשכן, כדי ליתן כח להמשיך קדושת הל"ט מלאכות שבמשכן לה' בל"ט מלאכות שבעולם - ע"י גילוי יחידו של עולם (אחת) בל"ט מלאכות שמצ"ע מחולקות הן. וראה גם קונטרס משיחת ש"פ ויקהל שנה זו. ולהעיר מהטעם שמלאכת ההוצאה היא הנקודה ועיקר של כל הל"ט מלאכות - כי הוכן

אזוי אז עס ווערט ״אלה״ (עם הכולל) בגימטריא ארבעים.

וכל זה - בכחו של משה - ״אשר פוקד על פי משה״, ועד״ז בעבודת כאו״א - דורך דער משה שבקרבו[33], וואס איז מושל ושולט און פועל׳ט אויף אים ביז אין זיין עבודה בפועל.

ז. ועפ״ז איז אויך מובן די הוספה פון און אין ״אלה פקודי המשכן״ (בסיום ספר שמות) לגבי אלע פרשיות בספר זה שלפנ״ז, אנהויבנדיק פון התחלת הספר - ״ואלה שמות בנ״י הבאים מצרימה״:

עולם מצ״ע איז אין אן אופן פון ״מצרימה״, מיצר וגבול, וואס איז ״חסר אחת״[33*]. דוקא דורך דער עבודה פון אידן בספר שמות בכלל, ובפרט לאחרי מ״ת ביז זייער עבודה בעשיית המשכן, ביז שלימותה - ״אלה פקודי המשכן״ (ווען מ׳פאר-איינציקט אלע פרטים אין משכן, כנ״ל), זיינען זיי משלים דעם ״אחת״, און זיינען מגלה דעם פארבונד פון די עניני העולם מיט יחידו של עולם.

ח. דערמיט איז אויך מובן, אז לאחרי וואס ס׳איז דא דער ״אלה פקודי המשכן״ (די התאחדות פון כל נדבת המשכן וכל כליו לכל עבודתו - קען דערנאך זיין הקמת המשכן בפועל, כהמשך הפרשה[34]: ״ויהי בחודש הראשון באחד לחודש הוקם המשכן״.

ובעבודה רוחנית: חודש ניסן בכלל איז פארבונדן מיט ״ניסי ניסים״[35] - א גילוי שלמעלה ממדידה והגבלה (ובספירות - בחי׳ הכתר), די דרגא פון דער ״אחת״ (מלאכה הארבעים)[36]. ובחודש ניסן עצמו - ״באחד לחודש״, וואס אותו יום נטל עשר עטרות[37] - אין בחי׳ כתר (עטרה) עצמו - עשר עטרות.

ביז - כהמשך וסיום הפרשה[38] - ״ויכס הענן את אוהל מועד וכבוד ה׳ מלא את המשכן״ [כולל, בעבודה - ״מלא את המשכן״ (ושכנתי בתוכם) בתוך של כאו״א], וואס דאס איז א גילוי פון ״בחי׳ הכתר כמו שהוא במהותו ועצמותו״[39], און דערפאר ״ולא[40] יכול משה לבוא

כל המלאכות היא - לגלות שכל העולם רשות אחת היא, ליחידו של עולם (ראה תו״א צט, ד. לקו״ת תזריע כא, ג. וראה לקו״ש חי״א ע׳ 68 ואילך).

33) תניא פמ״ב. ע״פ ברכות לג, ב.

33) ולהעיר שגם התחלת הספר היא בתיבת ״ואלה״ (״אלה בתוספות וא״ו), הייו שבתחלת העבודה ניכר בגילוי ל״ט - אלה, דה״אחת״ היא עדיין בהעלם, ונתגלה ע״י ״אלה פקודי״ המשכן״.

34) מ, יז.

35) ראה ברכות נז, רע״א ובחדא״ג מהרש״א.

36) שהוא ע״ד גילוי שער הנו״ן (ראה לעיל הערה *31) - שקאי על ספירת הכתר.

37) פרש״י ר״פ שמיני. ועוד.

38) מ, לד.

39) לקו״ת ויקרא א, ב.

40) פרשתנו שם, לה.

---

*) אלא שאעפ״כ, גם בחתחלת חספר [מכיון שענינו הוא עבודת חבנים, חכנח למ״ת ולמשכן, ראח לעיל חערח 8] - הוא למעלח מהעולם כמו שהוא מצד עצמו. ולכן חתחלתו הוא ״ואלח״ - אלח דתוספות וא״ו.

אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן גו״.

ט. בשעת מ׳דערגייכט דעם סיום הספר - לאחרי וואס מ׳האט שוין געטאן די עבודה פון כל ספר שמות, ביז דעם סיום שבזה - ״אלה פקודי המשכן״, דער חשבון וסך-הכל, פון דער גאנצער עבודה (אזוי ווי מ׳טוט עס בא דעם סיום פון יעדער תקופה אין לעבן, כנ״ל ס״א), און אויך הקמת המשכן בפועל - קען מען מיינען, אז דערמיט האט מען שוין פארענדיקט, און איצטער קען מען זיך ״אפרוען״.

אויף דעם האט מען דעם לימוד פון דעם לעצטן פסוק ופרש״י בסיום הפרשה והספר - אז דער סיום וסך-הכל דארף ארויסרופן נאך א העכערע עלי׳, א נייער שלב אין זיין עבודה [אזוי ווי יעדער סיום אין תורה און קדושה, איז ניט נאר א סוף פון דער פריערדיקער מדריגה, נאר דאס איז אויך א הכנה, וועלכע ברענגט צו א העכערע נייע מדריגה[41]]:

בסיום הפרשה (לאחרי וואס די תורה דערציילט אז ״לא יכול משה לבוא אל אוה״מ כי שכן עליו הענן גו״) שטייט[42]: ״ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם גו׳, כי ענן ה׳ על המשכן יומם גו׳ לעיני כל ישראל בכל מסעיהם״.

דארף מען פארשטיין[43]: וואס איז די שייכות צווישן דעם סדר המסעות (אז דוקא ״בהעלות הענן גו׳ יסעו גו״) מיטן תוכן הפרשה דא, וואו עס רעדט זיך גאר וועגן דער השראת השכינה אין משכן[44]?

וועט מען דאס פארשטיין לויט דברי רש״י בסיום הפרשה: ״בכל מסע שהיו נוסעים הי׳ הענן שוכן במקום אשר יחנו שם, מקום חנייתן אף הוא קרוי מסע כו׳, לפי שממקום החני׳ חזרו ונסעו לכך נקראו כולן מסעות״.

די תורה איז מוסיף וועגן דעם ענין המסעות (לאחרי וואס עס רעדט זיך וועגן השראת השכינה במשכן) בכדי לערנען, אז אפילו בחנייתן, און א חני׳ ע״פ תורה, ביז אז ״כמאן דקביע להו דמי״[45], און נאכמער - ״הי׳ הענן שוכן במקום אשר יחנו שם״ (ביז בחי׳ הכתר במהותו ועצמותו) - וואלט לכאורה געקענט זיין א קס״ד, אז מ׳קען דערביי בלייבן רוען און שטיין, ווארום מ׳האט דער-גרייכט תכלית השלימות; לערנט תורה, אז (אויך בשעת החני׳ זאל מען וויסן אז) דערנאך וועט זיין ״ובהעלות הענן גו׳ יסעו גו״, עס דארף ווייטער זיין א נסיעה ועלי׳ צו א נאך העכערע מדריגה.

41) ולכן בסיום תושב״כ (בשמח״ת) ״מתכיפין התחלה להשלמה״. וכן נוהגים בסיום הש״ס וכיו״ב. וכנוסח סיום הש״ס - ״הדרן עלך כו״.

42) מ, לו ואילך.

43) ראה גם לקו״ש חט״ז ע׳ 457 ואילך.

44) ענין זה שייך לכאורה בפ׳ בהעלותך ששם מסופר בארוכה אודות סדר המסעות.

45) עירובין נה, ב.

און נאכמער: עד כדי כך פא-דערט זיך דער ענין הנסיעה, אז אויך "מקום חנייתן אף הוא קרוי מסע, לפי שממקום החני' חזרו ונסעו לכך נקראו כולן מסעות": אויך בשעת די חני' עצמה - און בכל החניות ("כולן") - א חני' קטנה אדער א חני' גדולה, אפילו די חני' אחרונה מעבר לירדן, מיט וועל-כע עס האט זיך געענדיקט די מסעות אין מדבר, און איצטער באזעצט מען זיך שוין אין ארץ ישראל, ארץ נושבת[45*] - דארף א איד פילן "שממקום החני' חזרו ונסעו", ביז אז די חני' עצמה "קרוי מסע", ווייל זי (איז ניט נאר אן אפרו, א סוף, נאר) זי באקומט דעם אינהאלט פון א נסיעה (צו גיין העכער).

און דער טעם אויף דעם איז - ווארום דאס איז "חנייתן", א חני' פון א אידן - וואס ביי א איד מאנט זיך אז ער זאל שטענ-דיק זיין א מהלך, מחיל אל חיל, ביז - בהליכה אמיתית וועלכע איז שלא בערך.

דערפון איז אויך דער לימוד בחיי יום יום פון א אידן: אפילו בשעת א איד רוט זיך אפ - און ע"פ תורה דארף זיך א איד מזמן לזמן אפרוען[46] - דארף ער בשעת מעשה וויסן און פילן אז דערפון דארף זיין "חזרו ונסעו", נאך העכער, ביז אז אין דער חני' עצמה איז נרגש אז דאס איז א (חלק פון דער) נסיעה[47].

י. דערפון איז אויך פארשטאנ-דיק בנוגע צו דער עבודה בסיום ספר שמות:

לאחרי וואס מ'האט פארענדיקט די עבודה פון עשיית והקמת המשכן, כולל דעם חשבון וסך-הכל ("אלה פקודי המשכן") וואס קומט בסיום תקופה זו, און ס'איז שוין אויך געווארן "כבוד ה' מלא את המשכן" - קומט גלייך דער לימוד, אז צו-זאמען דערמיט דארף מען דערביי ניט בלייבן רוען (חני'), נאר עס דארף גלייך זיין א מסע צו נאך א העכערן, נייעם שלב ומד-ריגה - א נייער ספר אין תורה (ספר ויקרא). און נאכמער: דער ענן ה' אליין איז "מכריח" און שטופט אידן צו גיין העכער - "ובהעלות הענן גו' יסעו".

ווי ס'איז געווען אין דעם המשך המאורעות גופא: צוליב דעם וואס "כבוד ה' מלא את המשכן" איז "לא יכול משה לבוא אל אוהל מועד כי שכן עליו

---

*45) בשלח טז, לה.

46) וכנראה בפועל בטבע בני אדם, שצריכים לנוח בכל יום (ובפרט לאחרי יגיעה גדולה).

ובפרט ע"י השינה - דבר המוכרח ע"פ טבע (עכ"פ בתוך שלשה ימים - ראה רמב"ם הל' שבועות). וראה רמב"ם הל' דיעות (פ"ד ה"ד), ש"די לו לאדם לישן כו' שמונה שעות".

47) להעיר מסיפור ופתגם הרב המגיד: אין דער היים איז גאר אנדערש, ולכן הנהגתו ואופן דירתו בעוה"ז היתה באופן עראי, כמו באמצע הדרך (לקו"ד ח"ב ריד, א. עיי"ש). וראה אוה"ת וישלח רכט, ב (ועד"ז שם וישב רסז, א) מכד הקמח ערך גר: וכשם שגולה מעירו לעיר אחרת יקרא גר כן מצינו שהצדיקים נקראים גרים, לפי שאין מחשבין העוה"ז לכלום ואין דירתן אלא עראי.

הענן״, ווארום ״שכן עליו הענן״ איז ״המשכת והשראת אור א״ס ממקום עליון ונורא מאד שנאמר בו ישת חשך סתרו כו׳ שלא שייך בו שום גילוי השגה כו׳״[48];

דערנאך - אין התחלת ספר ויקרא - איז געווען אן עלי׳ צו נאך א העכערע מדריגה, אז דורך ״ויקרא אל משה״ - האט די קריאה אויפגעטאן אז ער זאל (קענען) אריינגיין אין אוהל מועד[49], און מקבל זיין דעם גילוי אויך פון בחי׳ ישת חושך סתרו, פון ספירת הכתר, וואס אויף דעם איז מרמז דער אל״ף פון ויקרא (אל״ף אותיות פלא - בחי׳ כתר), עכ״פ ווי דאס שטייט אין אן ״אל״ף זעירא״[50].

ויש לומר, אז דאס ווערט דערנאך א כלי צו מקבל זיין אויך פון כתר במהותו ועצמותו[51].

און די כלי לזה איז דורך דעם וואס בא משה׳ן איז צוגעקומען (לאחרי השלימות שלו של הקמת המשכן) דער תכלית הביטול (אז ״לא יכול לבוא״), בבחי׳ אל״ף זעירא, ביי אים איז געווען א ״לב נשבר ונדכה״ און ער איז ״צוגעקומען צו דער העכסטער דרגא פון ענוה, (דערפאר) שטייט ויקרא מיט אן אל״ף זעירא״[52]. און דעריבער איז דאס - דער ״דכא ושפל רוח״ - געווען די כלי אויף ״מרום וקדוש אשכון״[53] - עצם הכתר[54], מרחב העצמי[55], וואס איז אויך ווי א נקודה (זעירא), למעלה מגילוי והתפשטות[56].

יא. דערפון איז אויך דער לימוד בנוגע צו יעדער איד׳ן - ווארום ״התורה היא נצחית ושייך בחינות אלו גם עכשיו״[57], ובפרט מצד ״בחי׳[58] אתפשטותא דמשה בכל דרא (ש)היא בחי׳ הביטול שיש בכל אדם שהוא מבחי׳ משה״ - אז דורך עסק

48) לקו״ת ר״פ ויקרא (א, א).

49) תנחומא ר״פ ויקרא (א׳ וח׳). זהר שם (ג, ב). תנחומא בהעלותך ו. ועוד. וראה לקו״ת שם פ״ב (א, ב).

50) הארת כתר כמו שנמשך למטה על ידי צמצום - לקו״ת שם, סע״ב.

51) שהרי אל״ף זעירא (״שהוא בחי׳ אלף ופלא ממש כמו האלף רברבא כו׳ והוא בחי׳ יחיד ממש אלא שצמצם שכינתו כו׳״ - אוה״ת ויקרא ע׳ ריח ואילך) ״הוא הארה והמשכה שמבחי׳ כי שכן עליו הענן דישת חושך סתרו (לקו״ת שם ספ״ג - א, ד). וראה לקו״ת שם (סע״ב), ש״נמשך לו הארה שעל ידי זה יוכל אחר כך לבוא אל אוהל מועד אשר שכן עליו הענן״ - והרי (בפשט״מ) ענן זה הוא אותו הענן שלא יכול לבוא אליו קודם הקריאה.

52) תורת אדה״ז - נדפסה בס׳ השיחות ה׳ש״ת ע׳ 68. הובא ונתבאר בלקו״ש חי״ז ע׳ 1 ואילך.

53) ישעי׳ נז, טו.

54) ע״ד הדרגא העליונה שבשער הנו״ן, פנימיות הכתר (ראה אוה״ת שם ע׳ ריז), שלמעלה מהדרגא בשער הנו״ן ששייך למ״ט שערים (ראה לקו״ת במדבר יב, א ואילך). ואף שנתבאר לעיל, שע״י ״אלה פקודי״ מגלים בחי׳ ״אחת״ (שחסר מהבריאה), היינו שער הנו״ן - הרי מובן שגם בהדרגא עליונה בשער הנו״ן עצמה ישנם כו״כ מדריגות.

55) ראה גם שיחת יום ג׳, אדר״ח אדר שני ס״ז.

56) ע״ד הענין ד״מטבע של אש״, צדקה בטהרתה, שהיא למעלה מכל גדר ציור כו׳ - כמשנ״ת לעיל (קונטרס משיחת ש״פ תשא שנה זו).

57) לקו״ת שם רפ״ד (א, ד).

58) שם (ב, א).

בלימוד התורה - ״ממשיך[59] מבחי׳ המקיף דישת חשך סתרו שהוא חשך והעלם להיות נמשך בבחי׳ אור וגילוי, וע״ז נאמר ותורה אור, להיות אור א״ס שורה למטה כמו למעלה כו׳, שמעצמיות המקיף מאיר הארה גדולה ועצומה בבחי׳ פנימית כו׳״.

ובפשטות: יעדער איד (דורך דעם משה שבקרבו) בכל זמן ובכל מקום, אויך בזמן הגלות[60], האט בכח אז צו אים זאלן נתגלה ווערן די העכסטע גילויים. ואין הדבר תלוי אלא ברצונו - צו אראפנעמען דעם הסתר פון דעם נה״ב[61], דורך צוגעבן אין זיין עבודה בתורה ומצוות - איז דער אויבערשטער צו אים מגלה די העכסטע ענינים [און ס׳איז ברור אז בכל מסיבה פון א ריבוי אידן - זיינען פאראן כמה וכמה וועלכע האבן גילויים הכי נעלים], און אפילו אויב מ׳פילט דאס ניט[62] - איז דאס ניט משנה די מציאות[63], ביז אז דאס פועל׳ט אויף אים אויך בגשמיות.

- דער אויבערשטער זאל העלפן, אז בא יעדער איד זאלן נתגלה ווערן די גרעסטע גילויים, ביז אין זיין חכמה בינה ודעת, און אין זיינע מדות, ביז אין מחשבה דיבור ומעשה, און מ׳זאל זוכה זיין דאס אויך פילן - אפילו אויב מ׳פארשטייט עס ניט, כידוע אז לפעמים פילט מען אז מ׳ווערט אויפגעהויבן צו א הויכע מדריגה און מ׳פארשטייט ניט ווי מ׳איז ״געקומען״ אהינצו לאחרי וואס מ׳האט דערצו ניט געהאט הכנות - א גילוי ואתעדל״ע מבחי׳ מקיף דמקיף (שלמעלה אפילו מאתדעל״ע הבאה ע״י אתעלד״ת), מעין, אדער עכ״פ ע״ד דער גילוי פון ״ויקרא אל משה״[64].

יב. לאידך גיסא דארף מען באווארענען, אז לאחרי וואס מ׳באקומט אין דעם ספר חדש בתורה (ספר ויקרא) אזא גילוי נעלה פון ״ויקרא אל משה״ וואס ערמעגלעכט אז מ׳זאל קענען אריינגיין אין אוהל מועד הערן

---

59) שם (א, ד ואילך).

60) ואדרבה: בזמן חושך הגלות (ובפרט בעקבתא דמשיחא) נותנים מלמעלה כחות נפלאים, כדי לעמוד נגד הגזירות כו׳ שבגלות. ובפרט בדורות האחרונים, שכבר נגמרו לגמרי כל הגזירות (״ולא יהי׳ עוד״ - שערי תשובה (לאדהאמ״צ) ח״א ה, ב), וישנם רק הכחות נעלים והעליות (שבאו ע״י הירידות).

61) וראה לקו״ת שם (ב, א).

62) וע״ד כמה סיפורי מחז״ל - שהיו כו״כ שנתגלה אליהם אליהו ולא ידעו מזה (עד לאחר זמן).

63) וע״ד המשל הידוע מהחכמים היושבים בעגלה, דאף שהסוס טראכט האבער, ובעל עגלה טראכט ע״ד פרנסתו ופרנסת ב״ב - אין זה משנה אמיתית הכנה והענין שבדברי החכמים היושבים בתוך העגלה (ראה שיחת ליל ש״ק פ׳ תשא תרפ״ח (נדפסה בהוספות לסה״מ תרפ״חס״ע רג ואילך. וראה שיחת ש״פ וארא תשמ״א. ועוד).

64) ראה אוה״ת ויקרא שם. ד״ה ויקרא תרע״ת. תש״ה. *64) והלימוד בזה הוא בהדגשה בריש ספר ויקרא (שבו נאמר ע״ד ההפסקות ליתן ריוח להתבונן) - שנקרא ״ארי״, ״שהוא חמור שבספרים״ (תוד״ה סיפרא - ברכות יח, ב), ומ״מ בכחו להבין ולהשיג זה בשכלו, ע״י ההפסקות כו׳.

דבר ה' (די נסיעה וואס לאחרי החני', ביז אז דער מקום החני' קרוי מסע) - קען מען זיך "פארלירן" מתוך התפעלות והת-להבות, און מיינען אז ס'איז געווען מ'זאל נתעלה ווערן הע-כער, און דערביי ניט האבן קיין חני'.

אויף דעם האט מען דעם לימוד פון פרש"י אויף "ויקרא אל משה", אז עס זיינען געווען הפסקות. "ומה היו הפסקות משמשות, ליתן ריוח למשה להת-בונן בין פרשה לפרשה ובין ענין לענין [און רש"י איז מוסיף א לימוד דערפון לכאו"א!], ק"ו להדיוט הלומד מן ההדיוט":

אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן משה רבינו, ווי ער הערט און לערנט תורה פון דעם אויב-ערשטן, און נאך אין א דרגא פון אוהל מועד (גילוי מבחי' ישת חשך סתרו) - מאכט דער אויבערשטער ניט קיין נס, אז משה זאל קענען אלץ קולט זיין אן קיין הפסקה, נאר ער מאכט הפסקות אין דעם דיבור [און אזוי ווערט עס באופן נצחי], כדי "ליתן ריוח למשה להתבונן בין פרשה לפרשה", ער זאל ניט אוסגיין פון התפעלות, און אויך ניט מיינען אז ער דארף דאס ניט פארשטיין <u>בהבנתו והשגתו</u> (און דער עיקר איז נאר דער גילוי פון דבר ה'), נאר ער דארף זיך זעצן בהתיישבות להתבונן אין דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט כדי ער זאל דאס פארשטיין און דאס זאל ביי אים אפלייגן און נקלט ווערן אין <u>זיין</u> שכל. ביז אז תורה נקראת על שמו. און ערשט דערנאך - קומט נאך א דיבור.

"ק"ו להדיוט הלומד מן ההדיוט": אמאל צוליב דער געש-מאק און די קדושה פון א פירוש נפלא אין תורה, קען מען מצד רוב התפעלות נתבלבל ווערן און ניט משים לב זיין (כדבעי) צו געהעריק פארשטיין דעם ענין.

ועי"ד דער פתגם וואס מ'דער-ציילט בשם חסיד, א משכיל אין חסידות, וואס אמאל לערנענדיק א מאמר חסידות, האט ער מרוב ההתפעלות א געשריי געטאן (בלי שום קשר צו דעם לימוד לפניו ולאחריו): הייליקע ווערטער. ניט פארשטאנדיק!...

דארף מען וויסן, אז דאס זיינען הייליקע ווערטער, אבער צוזאמען דערמיט - נאכדעם וואס מ'האט דאס געגעבן א אידן (בכלל כל התורה של הקב"ה - וואס איז מצ"ע ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים - אבער "נתן <u>לנו</u> את תורתו"), וועלכער איז אויך באשאפן געווארן מיט שכל - האט ער בכח[64*] און האט דעם חיוב (בפרט בנוגע צו תושבע"פ[65]) צו זיך אפשטעלן (ניתן ריוח) און צו הארעווען און פארשטיין מיט <u>זיין</u> שכל די (הייליקע) ווער-טער וואס ער לערנט. ובפרט ווי חב"ד מאנט - אז מ'זאל פאר-שטיין א זאך בחכמה בינה ודעת.

---

65) ראה הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב.

ומובן, אז דערביי איז ניט געגוג ער זאל אפלערנען דעם ענין, און דערנאך זאגן א קא-פיטל תהלים אז דאס זאל נקלט ווערן ביי אים, נאר דער עיקר דארף זיין - די יגיעה בפועל, און דעמולט האט מען די הב-טחה[66]: יגעתי ומצאתי[67].

און די הוראה איז בהדגשה בנוגע צו מחנכים ומלמדים: מ׳זאל ניט יוצא זיין מיט אפ-לערנען אן ענין מיט דעם תל-מיד, און זיך פארלאזן אז דער אויבערשטער וועט ממלא זיין משאלות לבבו און ער וועט עס אליין דורכהארעווען און פאר-שטיין, נאר מ׳דארף לייגן ספע-ציעלע אכט צו לערנען מיט דעם תלמיד אין דעם בעסטן אופן ביז אז ער זאל דאס קענען פארשטיין בשכלו הוא, דורך לערנען אין אן אופן פון ״ליתן ריוח להת-בונן בין פרשה לפרשה ובין ענין לענין״ - א לימוד אין אן אופן פון ״ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם״, ״כשולחן הערוך ומוכן לאכול״[68] (אזוי אז דאס ווערט דם ובשר כבשרו ברוח-ניות, ביז - בגשמיות[69]).

יג. דער סיכום מכל הנ״ל בנו-גע לפועל:

שטייענדיק אין דעם שבת ווען מ׳איז מסיים (בציבור ובברכה לפני ולאחרי׳ ובאמירת אמן) א ספר בתורה (שמות), און מ׳הויבט אן לייענען (בתפלת מנחה) א נייעם ספר (ויקרא) - איז א פאסיקע צייט פאר יעדערן (סיי דער וואס איז בדרגת זהב, אדער כסף אדער נחשת[70]) צו זיך ארייננטראכטן און מאכן א חשבון צדק און סך-הכל פון זיין עבודה במשך דער פארגאנגענער תקופה, ובכללות - די עבודה פון ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״, מאכן פון אלע טיילן פון זיין לעבן א משכן להשם, וואו דער אויבערשטער רוט.

און ניט נאר א חשבון בנוגע צו זיינע נדבות לצדקה פאר גוטע זאכן, נאר אויך בנוגע די כלים וואס ער מאכט פון זיין אייגענעם לעבן פאר דעם משכן לה׳, און נאכמער - אויך די עבודה בפועל מיט די כלים, כנ״ל בארוכה.

און ער שטעלט זיך דערביי ניט אפ, נאר ער מאכט שוין די הכנות, און דערנאך איז ער נתעלה בפועל, צו שטייגן העכער און העכער אין זיין עבודת ה׳ פון ״ועשו לי מקדש״, ביז אז ער ״גייט אריין״ בפנימיות אין דעם אוהל מועד (בכח האתעדל״ע של ויקרא אל משה) - דורך זיין עסק בלימוד תורת ה׳,

וביחד עם זה - איז ער מפ-

---

66) מגילה ו, ב.

67) וע״י יגיעה זו - אפשר להגיע להשגה שלא בערך ליגיעתו (ע״ד המציאה בערך להיגיעה להגבי׳ אותה).

68) ר״פ משפטים ובפרש״י.

69) כידוע (והובא במאמרי חסידות) מחכמת הרפואה, שע״י העסק ויגיעה במושכלות בהבנה והשגה, נעשים קמטים (קנייטשן) במוח הגשמי, ועי״ז נתגדל ונתרחב שטח מוח הגשמי, ומאפשר לו להשיג מושכלות עמוקות יותר כו׳.

70) ובפרט שע״י המנין (פקודי) משתווים כל הנמנים, שכל א׳ מהם נמנה כאחד, לא פחות ולא יותר (ע״ד העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט).

סיק[71] בין פרשה לפרשה, ליתן ריוח להתבונן און פארשטיין מיט זיין שכל וואס ער לערנט, אזוי אז ער איז קולט בפנימיות די גילויים[72].

וכשם ווי דער "אלה פקודי המשכן" דארף זיין בנוגע צו די אייגענע עבודה, אזוי דארף מען אויך משתדל זיין זיך אז אנ-דערע זאלן מאכן דעם חשבון וסך-הכל בנוגע צו זייער עבודה פון "ועשו לי מקדש", ביז אז ממנה אורה יוצאה לכל העולם - מ'פועל'ט בכל העולם כולו (דורך משפיע זיין ביז אויך אויף אוה"ע בנוגע צו די שבע מצוות בני נח).

יד. ס'איז פארשטאנדיק אז דאס איז ספעציעל נוגע בענין שהזמן גרמא - שטייענדיק אין חודש אדר שני, בתוך השבועיים פאר פורים - אז מ'זאל מאכן די אלע פאסיקע הכנות צו פורים, כולל - לערנען די הלכות פורים, און אויך - די דרושי פורים (בתורת החסידות), ובאופן של הבנה והשגה (כנ"ל), ביז אליבא דנפשי', אז דאס זאל פועל'ן אויף דעם לומד ביז אין מעשה בפועל.

און אויך - די השתדלות בנוגע צו אנדערע: זעען אז יע-דער איד ביז בכל קצוי תבל (בגשמיות אדער ברוחניות) זאל האבן כל צרכי החג און מקיים זיין אלע מצוות פון פורים: מקרא מגילה, משלוח מנות איש לרעהו, מתנות לאביונים, סעודת פורים, שמחת פורים וכו'.

און מענין לענין - איז דאס אויך מעורר אויף דעם ענין הצדקה בכלל (וואס דאס איז דער תוכן פון כמה מצוות דפורים), אז במשך חודש אדר במיוחד זאל מען נאכמער מוסיף זיין אין צדקה.

טו. ויהי רצון, אז דורך די אלע הוספות הנ"ל אין מעשינו ועבודתינו[71*], זאל מען שוין גלייך זוכה זיין צו "הוקם המשכן", ובנדו"ד - דער ביהמ"ק השלישי, צוזאמען מיט דער גי-לוי פון משכן משה, און דער אומקערן פון דעם "מקדש (ראשון ושני) שנתמשכן בשני חורבנין" (כנרמז אין "המשכן משכן - שני פעמים")[72], ומשה ואהרן עמהם[73],

און מ'וועט לערנען "תורה חדשה מאתי תצא"[74] פון אוהל מועד, באופן של ראי'[75], און צוזאמען דערמיט - בהבנה והשגה אין די פרטים וכו',

און מ'וועט עולה זיין, גיין - "מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון"[76].

71) ולהעיר ששבת זו (בין פ' שקלים ופ' זכור) נקראת "שבת הפסקה" (ראה אנציקלופדי' תלמודית ערב ארבע פרשיות בסופו. וש"נ). וראה שיחת ש"פ תרומה תש"מ.

72) ומובן, שלאחרי זה שגילויים אלו נתפסים בפנימיות, ישנם דרגות נעלות יותר שהן בבחי' מקיף, וכן

*71) ראה תניא רפל"ז.

למעלה מעלה (ראה לקו"ת ואתחנן ד"ה וידעת).

73) פרש"י ריש פרשתנו.

74) ראה תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.

75) ישעי' נד, א. ויק"ר פי"ג, ג.

76) ראה לקו"ת צו יז, א. ועוד.

און דאס אלעם - תיכף ומיד ממש, אזוי אז עס ווערט ״מיסמך גאולה לגאולה״[77], אבער אין א פארקערטן סדר: פריער קומט די גאולה האמיתית והשלימה, און (דאס איז ״מיסמך״ צו) דערנאך גאולת פורים תשמ״ט, אז מ׳פראוועט א פרייליכן און פייער׳דיקן פורים, און דערנאך - גאולת פסח, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[78], נפלאות אפילו בערך צו די נפלאות ביציאת מצרים[79],

ומתוך שמחה וטוב לבב, ושמחת עולם על ראשם[80].

77) תהלים פד, ח. וראה ברכות בסופה.

78) מגילה ו, סע״ב.

79) מיכה ז, טו.

135) להעיר ממארז״ל (ר״ה ג, רע״א. ושי״נ. פרש״י וירא יח, טו. חיי שרה כד, לג) ״כי משמש בד׳ לשונות״ — די״ל, שרומז לכל פרטי העבודה שנחלקים (בכללות) לד׳, כנגד ד׳ עולמות אבי״ע וד׳ אותיות שם הוי׳, ועד״ז בישראל, שנוסף לכך שבכאו״א מהם יש ד׳ אותיות שם הוי׳ (אגה״ת פ״ד. ובכ״מ), נחלקים הם (בכללות) לד׳ סוגים (ראה זיק״ר פ״ל, יב), ועד״ז בנוגע לגאולה — ענין הלידה, ע״י יחוד זו״נ ואו״א — ד׳ אותיות שם הוי׳ — בתכלית השלימות).

136) ב״ר ופרש״י ר״פ נח.

137) סוטה מו, סע״א.

138) לקו״ד ח״ד תשמו, א. סה״ש תש״א ס״ע 45 ואילך.

139) בראשית א, כח.

140) ראה לקו״ת ויקרא ב, ג. ובכ״מ.

141) כולל גם העילוי דלעתיד לבוא ש״נקבה תסובב גבר״ (ירמי׳ לא, כא).

142) ר״ה יא, רע״א. שמו״ר פט״ו, יא.

143) מיכה ז, טו.

144) ״נפלאות״ גם לגבי הנסים דיצי״מ (ראה אוה״ת נ״ך עה״פ (ע׳ תפז. ושי״נ)) — ״נסי נסים״.

145) נוסח הגש״פ — מפסחים קטז, ב (וראה תוס׳ שם).

146) ובאופן שאין צורך להמתין ללידה ט׳ חדשים, ואפילו לא ט׳ שעות (כמו הלידה דלעתיד לבוא — ראה יהל אור ע׳ תריט) או ט׳ רגעים — ״לא עיכבן כהרף עין״ (מכילתא ופרש״י בא יב, מא).

147) תהלים פז, ה. — המזמור שמסיימים בי״א ניסן דשנה זו, שנת הארבעים (ראה בארוכה קונטרס משיחות ש״פ בשלח שנה זו ס״ח).

בס"ד. השלמות לשיחת ש"פ שמיני, פ' החודש, כ"ה אדר שני ה'תשמ"ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

[בהמשך להחידוש בעבודה שצ"ל ביום ההולדת וכו']:

א. און מ'דארף אויף דעם ניט קיין איבעריקע הסברה, ותן לחכם ויחכם עוד[1], ועוד ועוד [וכמדובר לעיל אז אין בלי גבול זיינען פאראן דרגות זו למעלה מזו, אנהויבנדיק ווי דאס איז אין תורה, ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים[2]] - א טייל דערפון האט מען דער-מאנט, עכ"פ בקיצור, ונוסף לזה זיינען דא די ענינים וואס מ'-ווייסט אליין פון דעם וואס שטייט אין ספרים, וואס יעדערער האט ענינים וועלכער ער ווייסט במיוחד.

[בנוגע גילוי התורה חדשה לע"ל]:

ומעין זה - האט מען איצטער, כידוע אז בערב שבת איז "טועמי' חיים זכו" פון די מאכלי שבת[3], ובפרט אז אין דעם ערב שבת הגאולה גופא - שטייט מען ביום השבת.

[בענין "אשה כי תזריע" שכולל כל הד' סוגים של עבודה]:

וואס יעדער איד דארף מקיים זיין אלע דרגות וסוגים בעבודה, כמובן פון פס"ד אדה"ז בהל' תלמוד תורה[4].

[בהמשך להוספה בלימוד התורה, כולל בלימוד הרמב"ם]:

ומתוך שמחה דוקא, וואס דאס טוט אויף הרחבת השכל בלימוד התורה - כמבואר בכ"מ[5] אז "האומר מילתא דבדיחותא לפקח דעתו ולשמח לבו לה' ותורתו כו' וכמו שעשה רבא לתלמידיו[6] שאמר לפני-הם מילתא דבדיחותא תחלה ובדחי רבנן" [ואע"פ אז דאס רעדט זיך וועגן דרגת לימוד התורה ומילתא דבדיחותא בערכו של רבא (ותל-מידיו), כידוע גודל מעלתו לגבי אנדערע אמוראים - לערנט מען אבער דערפון אף בנוגע צו דער שמחה ובדיחותא להצליח בלימוד התורה בא יעדער איד בערך לדרגתו].

[סיום שיחה ג' - בהמשך לסיום על ספר קדושה להרמב"ם]:

וממשה ועד משה לא קם כמשה, ביז מ'איז זוכה צו הקיצו ורננו שוכני עפר[7], ומשה ואהרן עמהם[8], און אויך דער רמב"ם עמהם, און

---

1) משלי ט, ט. 2) איוב יא, ט. 3) ראה לקו"ש חט"ו ע' 282. וש"נ. 4) פ"א ס"ד. 5) תניא פ"ז. 6) פסחים קיז, א. 7) ישעי' כו, יט. 8) ראה תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.

אלע נשמות, כולל די וואס זייער יום הולדת איז ביום זה, אדער אין אנדערע ימים, ותיכף ומיד ממש.

* * *

[בשיחה ד׳ - לאחרי ההתעוררות ע״ד הענינים שהזמן גרמא - מעות חטים וכו׳, ובאופן של שליח עושה שליח, נרות להאיר]:

ב. כאן המקום אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח אין צו-זאמענהאנג מיט פארשידענע פעולות בקשר מיט א חנוכת הבית אדער סיומים בתורה וכיו״ב - זאלן ארויפגיין אויבן און מבאר זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און מזמין זיין די נוכחים כאן (אדער די וועלכע מ׳וועט זיי דאס איבערגעבן), ובדברים היוצאים מן הלב, וואס זיי זיינען פועל פעולתם, ובפרט אז ממנו יראו וכן יעשו, נוסף על זה וואס דאס פועל׳ט אויף אים אליין זעענדיק די פעולה אויף די שומעים - אז עס זאל צוקומען אין די אלע פעולות, באופן פון מוסיף והולך ואור.

ביז מ׳וועט זוכה זיין צו דעם גילוי פון דעם ״אור החמה יהי׳ שבעתיים כאור שבעת הימים״, ובעבודה - אז אין דער משפיע (חמה) דארף זיין שבעתיים לגבי דער גילוי וואס ער וויל אויפטאן אין דעם מקבל (לבנה), און דער משפיע איז דאך א מקבל ומושפע פון מי שלמעלה ממנו, א.א.וו.

און דאס איז נאכמער מוסיף אז עס זאל זיין דער גילוי האור בפועל בגאולה האמיתית והשלימה,

אמן כן יהי רצון (כסיום הרגיל בכ״מ),

און מ׳גייט אלע צוזאמען, בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנות-ינו, אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ״ק השלישי, ולקדש הקדשים, תיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ג. ס׳איז רגיל צו מסיים זיין מיט זינגען דעם ניגון ״שיבנה בית המקדש במהרה בימינו״.

ויה״ר שיבנה במהרה בימינו ממש, ובאופן פון לא עכבן כהרף עין, בגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

לאחרי הניגון אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---- * ----

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-9606887-0

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
TEL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

שיחת
ש״פ תזריע, ג׳ ניסן
ה׳תשמ״ט

•

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א

מפתח

בס"ד. משיחת ש"פ תזריע, ג' ניסן ה'תשמ"ט.

א. אזוי ווי חודש ניסן איז דער ראש און ראשון פון אלע חדשים פון דעם גאנצן יאר, "החודש הזה לכם ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה"[1] - איז פארשטאנדיק, אז דער חודש אנטהאלט ספעציעלע אנווייזונג-ען וואס זיינען אויך א גרונט - יסוד צו דער עבודה פון א אידן אין דינען דעם אויבערשטן במשך אלע חדשים פון דעם יאר (חדשי השנה).

איינע פון די הויפט-אפלער-נונגען קען מען ארויסנעמען פון דעם נאמען פון דעם חודש - "ניסן"[2] (וואס א נאמען פון א זאך בלשון הקודש באווייזט אויף זיין אינהאלט[3]):

די גמרא זאגט[4] אז א ווארט מיט צוויי נוני"ן - ווי דער ווארט "ניסן" - באווייזט אז "נסי נסים נעשו לו", "נוני"ן הרבה נסים רבים". וואס דאס איז מתאים מיט דעם תוכן פון חודש ניסן[5] - וואס דעמולט האט דער אויבערשטער ארויסגענומען אידן פון מצרים מיט נסים ונפ-לאות[6],

ביז אז (ראש) חודש ניסן - דער "חודש הגאולה"[7] - איז דער "ראש חדשים" און "ראשון" פון כל חדשי השנה בנוגע צו הנהגה נסית[8], די איבערנאטירלעכע אויפפירונג פון דעם אויבערשטן מיט אידן (משא"כ חודש תשרי איז דער אנהויבס און "קאפ" פון יאר בנוגע צו הנהגה טבעית),

ווי ערקלערט אין ספרים[9] בביאור מאמר חז"ל[7] "משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה", אז "בחר הקב"ה בעולמו" איז פארבונדן מיט דער נאטירלעכער אויפפירונג וואס איז איינגעשטעלט געווארן אין דער וועלט (און דער "ראש" פון דער הנהגה איז אין חודש תשרי), און "בחר ביעקב ובניו"

---

1) בא יב, ב.

2) ואף ששמות החדשים עלו בידם מבבל (ירושלמי ר"ה פ"א ה"ב. ב"ר פמ"ח, ט) הרי נזכרו ניסן וכו' במג"א. ויתירה מזו הרי דרז"ל טס בכתפי פת באפריקי (סנהדרין ד, ב - הובא בפרש"י עה"ת ס"פ בא). וראה כתובות י, סע"ב. וראה לקו"ש חכ"ג ע' 214 ואילך.

3) ראה שעהיוה"א פ"א.

4) ברכות נז, רע"א ובפרש"י.

5) ראה לקח טוב עה"פ החודש הזה לכם: ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

6) תפלת נשמת. רמב"ם הל' חמץ ומצה רפ"ז. וראה ואתחנן ד, לו: במסות באותות ובמופתים. ובכ"מ.

7) שמו"ר פט"ו, יא.

8) ראה חדא"ג מהרש"א שבת פז, ב בענין שר"ח ניסן הוא "ראשון לחדשים" - "שהוא חודש מיוחד לעשות בו נסים".

9) עקידה פ' בא עה"פ החודש גו' (שער לח). הובא ונת' באוה"ת בראשית יח, ב ואילך. רד"ה החודש תרנ"ד. תרס"ו. תרע"ח (דפ' החודש). ועוד. וראה לקו"ש חי"ז ע' 148 ואילך.

איז פארבונדן מיט דער הנהגה נסית וואס דער אויבערשטער טוט צוליב אידן,

און דער "ראש" פון דער הנ-הגה איז "החודש הזה לכם" - חודש ניסן, דער חודש הגאולה, ווען דער אויבערשטער האט אויסגעלייזט אידן פון (פאר-שקלאפונג און קנעכטשאפט צו) מצרים מיט נסים גלויים[10], א גאולה וואס איז געווען אומ-מעגלעך ע"פ טבע[11];

וואס דאס (יציאת מצרים) בא-דייט אין א ברייטערן זין - די באפרייאונג פון אידן (אלע אידן און יעדער איד בפרט) פון באגרענעצונגען (מצרים, וגבול-ים[12]) פון טבע העולם, דורך "כל הנסים האלו (מיט וועלכע) הוציאנו מעבדות לחירות"[13].

און אין נסים גופא - ניט בלויז מיט איין נס, נאר מיט "נסים" לשון רבים, און נאכמער - "נסי נסים", ויש לומר אז דאס איז כולל אלע סוגי נסים[14], און: נוסף צו א ריבוי נסים בכמות, אויך - אז יעדער נס איז אין אן אופן פון "נסים" - נס בתוך נס.

ב. דער אונטערשייד צווישן טבע און נס איז פארשטאנדיק פון זייער אפטייטש:

טבע איז פון לשון "טבעו בארץ שערי'"[15] (אירע טויערן זיינען איינגעשלונגען געווארן אין דער ערד). דער ג-טלעכער כח וואס פירט אן מיט דער הנ-הגה אין וועלט איז דארט בא-האלטן[16] ("איינגעשלונגען"), אזוי אז אויבנאויפיק זעט אויס ווי עולם כמנהגו נוהג.

נס איז לשון רוממות והתנש-אות[16*], כמ"ש "ארים נסי"[17], "כמו הנס על ההרים" 18 (א פאן וואס פליט אין דער הויך, אויף די בערג). אין הנהגה נסית איז דער כח פון דעם אויבערשטן אנ-טפלעקט. ביז (אנטפלעקט ניט נאר על פני הארץ, היפך פון "טבעו בארץ", נאר נאכמער -) אז מ'זעט ווי דאס איז על ההרים, וואס א הר איז למעלה פון שטח הארץ (והולך ונתגדל, בבחי' צומח שבארץ[19]), און א נס איז על ההרים - העכער פאר די בערג, וואס דאס באדייט דער

10) ששקולה יצי"מ כנגד כל הנסים (מכילתא ופרש"י ר"פ יתרו).

11) כי לא הי' עבד יכול לברוח ממצרים (מכילתא יתרו יח, יא. הובא בפרש"י שם, ט).

12) ראה תו"א עא, ג ואילך. ובכ"מ.

13) הגדה של פסח - מפסחים קטז, ב במשנה.

14) ראה מכתב י"א ניסן תשל"ח (הגדה של פסח עם לקוטי טעמים כו' - קה"ת, תשמ"ז - ע' תרצא).

15) איכה ב, ט.

16) ראה אוה"ת שה"ש ע' שיד ואילך. ד"ה קטנתי תרע"ח. פדה בשלום תרח"צ. ובכ"מ.

16*) ראה אוה"ת שה"ש ע' כט. בשלח ע' תרסה. סהמ"צ להצ"צ עג, א. ובכ"מ.

17) ישעי' מט, כב.

18) סהמ"צ שם - ע"פ לשון הכתוב (ישעי' ל, יז) כתרן על ראש ההר וכנס על הגבעה (כלונס גבוה שנותנין בראש הגבעה - רש"י שם). וראה ב"ב רפ"ה (עג, א): את התורן ואת הנס. וראה אוה"ת שה"ש שם.

19) ראה קונטרס משיחת ש"פ בהו"ב תשמ"ז. ושנ"נ.

גילוי אלקות וואס איז העכער פאר די באגרענעצונגען פון דער נאטירלעכער אויפפירונג אין וועלט - די הנהגה וועלכע איז נתחדש געווארן בחודש ניסן, ביז אין אן אופן פון ״נסי נסים״, אין נס על ההרים גופא - נסים על גבי נסים, דרגא למעלה מדרגא.

ג. די צוויי אופני הנהגה זיינען אויך פאראן ביי א אידן: אן אויפפירונג לויט זיין טבע ורגילות [ובכללות יותר - א הנהגה אונטערגעוואר- פן לויט די חוקי הטבע פון וועלט], ער דינט דעם אויבער- שטן לויט זיינע נאטירלעכע גע- וואוינהייטן ווי ער איז גע- בארן געווארן - ער לערנט תורה ווייל ער איז א מתמיד בטבע, גיט צדקה ווייל ער איז א גומל חסד בטבע, וכיו״ב. וואס דעמ- ולט איז מעגלעך אז זיין **עבודה** איז אין אן אופן פון ״טבעו בארץ״, ווייל בגלוי זעט זיך ווי דאס קומט פון זיינע תכונ- ות ע״פ טבע (און באגרענעצט לויט חוקי הטבע שבעולם), און דערפאר הייסט אזא דרגא ״לא עבדו״[20].

עבודה, אמת׳ע עבודה - וואס דעמולט רופט מען אים ״עובד אלקים״[20] - איז בשעת ער איז משנה רגילותו, און טוט אן עבודה למעלה מדרך הטבע[21] (אפילו פון הרגל שנעשה טבע שני) שלו, און רעכנט זיך נייו מיט די ח[illegible] שבעולם (- [illegible] הנהגה נסית על ההרים בערכו), כמבואר אין תניא[22] בדברי הגמרא[23] אז ״עובד אלקים היינו מי ששונה פרקו מאה פעמים ואחד ולא עבדו היינו מי ששונה פרקו מאה פעמים בלבד, והיינו משום שבימיהם הי׳ הרגילות לשנות כל פרק מאה פעמים, ולכן זאת הפעם המאה ואחת היתרה על הרגילות שהורגל מנעריו שקולה כנגד כולן ועולה על גביהן ביתר שאת וביתר עז להיות נקרא עובד אלקים״.

דערפון איז מובן, אז לאחרי ווי לימוד מאה פעמים ואחד ווערט זיין רגילות - פאדערט זיך (בכדי ער זאל אנגערופן ווערן אן ״עובד אלקים״) אז ער זאל משנה זיין מרגילות זו און לערנען מאה פעמים ושתים, און אזוי דרגא אחר דרגא, נס למעלה מנס - ״נסי נסים״ - כידוע[24] אז אויך אין נסים זיינען פאר- אן דרגות (במכ״ש פון דעם וואס אין טבע זיינען פאראן דרגות) - ווארום נאכדעם ווי זיין פריערדיקע עבודה (וועלכע איז געווען מערער פון זיין **דע- מולט׳דיקע** טבע) ווערט זיין רגילות, ווערט דאס שוין א חלק פון (זיין) **טבע**, כידוע תורת הבעש״ט[25] אז ״ענין הנס הוא

---

20) מלאכי ג, יח.

21) ראה תו״א יט, סע״ב ואילך.

22) פט״ו.

23) חגיגה ט, ב.

24) ראה ד״ה שמח תשמח תרנ״ז (ע׳ רנב). ד״ה צו העת״ר (המשך תער״ב ח״ב ע׳ תתקכא). ד״ה ועתה תרע״ח (ע׳ רכב). לקו״ש ח״ו ע׳ 373.

25) כתר שם טוב סי׳ קיט. סי׳ רנו.

שנתחדש הדבר בפעם הראשון על הטבע נק׳ נס ואח״כ נעשה זה טבע ג״כ״, און דעריבער דארף דערנאך זיין נאך א העכערער חידוש בעבודתו - ע״ד ״נסי נסים״ (וואס איז אזוי ווי א נס על ההרים בערך צו דער נס שלפנ״ז וואס איז שוין געווארן טבע ורגילות), סיי א חידוש בכמות (לימוד פרקו איין מאל מער פאר זיין רגילות), און סיי באיכות (נס בתוך נס).

ד. און דאס איז דער אויפטו פון חודש ניסן, אלס ״ראש חדשים ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ אין דער הנהגה פון ״נסי נסים נעשו לו״:

אין חודש ניסן הויבט זיך אן א נייער יאר[26] און א נייער סדר אין דער עבודה פון הנהגה נסית - און בחודש ניסן בכל שנה קומט אין דעם צו א חידוש לגבי דעם חידוש פון חודש ניסן אין אלע פריערדיקע יארן [ווארום אויך אין נסים און אין שינוי הרגילות זיינען פאראן דרגות, כנ״ל] - אז ניט קוקנדיק ווי גוט די עבודה פון א אידן איז געווען ביז דעם חודש ניסן, אז זי איז געווען בתכלית השלימות אליבא דאמת [וכל ישראל בחזקת כשרות[27], אז אזוי איז טאקע געווען], באקומט ער איצטער נייע איבערנאטירלעכע כחות צו זיך אויסלייזן און ארויסגיין פון די באגרענעצונגען (מיצרים וגבולים) פון זיין ביז-איצט-יקע טבע ורגילות, אפילו טבע ורגילות של קדושה, און דער-גרייכן און אויפטאן אויף גאר א נייעם אופן, מיט א למעלה מדרך הטבע׳דיקע הנהגה (בערך צו זיין הנהגה ביז דעמולט), און במילא - מיט למעלה מדרך הטבע׳דיקע הצלחה.

ביז אז ער קען איצטער אויפ-טאן זאכן וואס ביז דעם חודש ניסן האט ער אויף דעם געדארפט אנקומען צו נסים.

און דאס ווערט דער ״ראש״ פון זיין הנהגה במשך פון ״כל חדשי השנה״ - צו זיך אויפפירן אויף אן איבערנאטירלעכן אופן, און אין דעם גופא - שטייגן אלץ העכער און העכער.

ה. ובעומק יותר:

דער אויפטו פון הנהגה נסית ביי א אידן בחודש ניסן איז אז ער גייט ארויס פון זיין טבע ורגילות (ניט אונטערגעווארפן די חוקי טבע העולם בכלל), אבער דאס בלייבט ניט פאר אים א חידוש ופלא (אזוי ווי א צו-געגעבענע זאך וואס איז העכער פאר זיין מציאות), נאר נאכמער - אז דאס גופא (די הנהגה למעלה מדרך הטבע) ווערט זיין מציאות והנהגה טבעית (״החודש הזה לכם גו׳ ראשון הוא לכם לחדשי השנה״)[28]:

26) ראה ר״ה בתחלתה.

27) רמב״ם הל׳ קידוש החודש פ״ב ה״ב.

28) ראה סד״ה החודש ה׳ש״ת ש״ראשון הוא לכם לחדשי השנה״ מוסיף שבישראל (לכם) ״גם בחדשי השנה שהוא הארה האלקית שנמשכה בעולם בלבושי הטבע כו׳ יהי׳ החודש הזה שהוא החודש של

דער ביאור אין דעם:

דער ״בחר ביעקב ובניו״ בשעת יציאת מצרים (און די שלימות הבחירה אין אידן בשעת מתן תורה[29]) האט אויפגעטאן אז א איד בתולדתו וטבע יצירתו איז העכער פאר טבע הבריאה, ניט אונטערוואָרפן תחת חוקי הטבע (ווי אומות העולם) [וכמאחז״ל[30] ״אין מזל לישראל שנאמר[31] כה אמר ה׳ גו׳ מאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה, הם יחתו ולא ישראל״]; די בחירה פון דעם אויבערשטן אין אידן בא מתן תורה האט זיי אויפגעהויבן העכער פאר הגבלת טבע העולם - ״אתה בחר־תנו מכל העמים ורוממתנו מכל הלשונות״[32], ״והייתם לי סגולה מכל העמים״[33], און נאכמער: ״ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש״[34]:

א כהן איז א משרת ועבד לה׳[35]. און עבד מלך מלך[36]. איז כשם ווי סדר (טבע) המלך איז העכער פאר טבע, און דער־פאר איז דער דין[37] אז ״המלך פורץ גדר״ (און ביי אים איז דאס ניט קיין ענין של פריצת גדר, נאר א סדר הרגיל) - אזוי ווערט אויך בא דעם עבד מלך.

על אחת כמה וכמה ווען דער ״מלך״ איז דער אויבערשטער, וואס ער איז העכער לגמרי פון די חילוקים צווישן טבע ונס (כדלקמן) - איז דורך דעם וואס אידן זיינען געווארן בא מ״ת[38] זיינע ״כהנים״ ועבדים (און דערצו נאך - ״ממלכת כהנים״[39]), ווערט עבד מלך מלך - ישראל וקוב״ה (ע״י אורייתא) כולא חד[40], אזוי אז זייער טבע איז למעלה מטבע.

די הסברה אין דעם:

דאס וואס נס און טבע זיינען צוויי באזונדערע הנהגות - איז נאר מצד דער בריאה און די גדרי הבריאה. אבער מצד דעם אויבערשטן - וועלכע האט בא־שאפןביידע אופני הנהגה, איז ניטא קיין אונטערשייד צווישן טבע און נס[41] - ביידע נעמען

גאולה שהוא למעלה מהטבע, והיינו שגם בטבע (חדשי השנה) יהי׳ נרגש האלקות הבלתי מתלבש בטבע (ניסן)״.

29) ראה שו״ע אדה״ז או״ח ס״ס ס״ד. וראה לקו״ש שמות תשמ״ז ס״ה ובהערות שם.

30) שבת קנו, ב.

31) ירמי׳ י, ב.

32) תפלת מוסף דיו״ט.

33) יתרו יט, ה.

34) שם, ו.

35) לשון כהונה שירות הוא (פרש״י תצוה כח, ג).

36) ספרי דברים א, ז. וראה שבועות מז, ב.

37) רמב״ם הל׳ מלכים פ״ה ה״ג.

38) ובהכנה לזה - ביציאת מצרים, כמ״ש ״בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה״ (שמות ג, יב ובפרש״י).

39) נוסף על זה שישראל עצמם בני מלכים הם (שבת סז, א. וש״נ. זח״א כז, ב), ויתירה מזה - מלכים הם (ברכות ט, ב. הקדמת תקו״ז (א, ב). וראה שבת נט, ב).

40) זח״ג עג, א.

41) וכמבואר בכ״מ שבאמת טבע הוא במדרגת נסים רבים מתמידים ותכופים זה לזה (שו״ת חכם צבי סי״ח. אוה״ת תהלים (יהל אור) ע׳ קנד. נ״ך ע׳ תתקעז. שה״ש ע׳ שיד ואילך. המשך מים רבים תרל״ו ע׳ יז. ד״ה קטנתי תרע״ח.

זיך פון דעם בורא עולם און אונטערשייד. דער חילוק איז נאר מצד די נבראים[42] (אז אין טבע שטייט דער כח אלקי בהתלבשות ובהעלם, און אין א נס שטייט עס בגלוי) - כתורת הבעש״ט הנ״ל, אז דער חילוק צווישן נס און טבע איז נאר דעם ערשטן רגע ווען דאס ווערט נתחדש, אבער לאחרי זה (ווען דאס ווערט א דבר הרגיל בא דעם מענטשן)[43] ״נעשה זה טבע ג״כ״[44].

און וויבאלד אז א איד איז פארבונדן מיט דעם אויבערשטן - ״ואתם תהיו <u>לי</u>״, אלס אן עבד לה׳ - ״ממלכת כהנים״, איז עבד מלך מלך (ישראל וקוב״ה כולא חד), און אויך ביי אים ווערט אויפגעטאן, אז זיין <u>טבע</u> גופא איז למעלה מטבע, אזוי אז דאס איז גאר ניט קיין פלא וחידוש ביי אים (אזוי ווי דאס איז קיין חידוש ניט בא דעם אויבערשטן, כביכול[45]), דאס גופא (הנהגה למעלה מדרך הטבע) איז זיין טבע ורגילות (דער חידוש איז נאר לגבי די נבראים מצד גדרי הבריאה, כנ״ל).

די כוונה איז אבער אז א איד זאל דאס מגלה זיין דורך זיין <u>עבודה</u> (אע״פ וואס איצט איז דאס זיין טבע מצד תולדתו בלי שום עבודה) - וואס דאס טוט ער אויף דורך דעם, וואס געפינענדיק זיך אלס א נשמה בגוף אין עולם הזה הגשמי, א גוף און א וועלט וואס איז אונטערגעווארפן תחת חוקי הטבע (און לגבי די וועלט איז א נס א דבר חידוש ופלא) - זאל ער באווייזן אז אין זיין עבודת ה׳ רעכנט ער זיך ניט מיט חשבונות הטבע, און פירט זיך אויף למעלה מדרך הטבע, ניט אין אן אופן אז דאס איז בא אים א חידוש ופלא, נאר דאס איז איצט זיין הנהגה <u>הרגילה</u> ע״פ <u>טבע</u> שלו, אזוי אז ער פארלאזט זיך און בויט זיין הנהגה לכתחילה אויף נסים, מצד דעם וואס זייענדיק א איד איז דאס (נס

פדה בשלום תרח״צ. וראה לקו״ת ראה כב, ג).

42) ועפ״ז יש לתווך בין תורת הבעש״ט (שבפנים) והמבואר בכ״מ (ראה סד״ה החודש תרס״ו. ועוד) שהנהגה נסית והנהגה טבעית יש לכל א׳ מהם שרש מיוחד באלקות: טבע הוא מכח הגבול שבא״ס (ממכ״ע), ונס - מכח הבלתי בע״ג (סוכ״ע) - כי: מצד סדר השתלשלות והבריאה הם ב׳ קוים; אבל מצד כח ויכולת שלמעלה מהבריאה ובפרט למעלה מזה ש״כשם שיש לו כח בבל״ג כך יש לו כח בגבול״ (עבוה״ק שער א פ״ח) - הם (לא ב׳ קוים, אלא) ענין אחד, וגם כח הגבול (טבע) הוא חלק מכח הבל״ג (נס) (ראה דרושי חגה״ש העת״ר. תש״ה). ולכן, מצד העצמות, גם כפי שהם נעשים ב׳ קוים שונים, הרי לאחרי שהנהגה נסית נעשה סדר תמידי - ה״ז בחי׳ הטבע. וענין הנס הוא המשכה נעלית יותר של כח הבלי גבול.

43) ולהעיר ממחז״ל (ב״ר פנ״ט, ה) ״משה ניסן של ישראל..ומי הוא ניסו של משה הקב״ה״. היינו, שלגבי ישראל, בחי׳ משה הוא נס, ולגבי משה הרי הבחינה שלו עצמה הוא טבע שלו, וניסו של משה הוא הקב״ה (ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 225).

44) ראה גם ד״ה ויהי ביום השמיני תש״ד פ״, שטבע עצמו הוא למעלה מהטבע, אלא מפני הרגילות אין מרגישים זאת.

45) ומה שאמרו חז״ל (סוטה ב, א. פסחים קיח, א) שקשה (לפני <u>הקב״ה</u>) לזווגן (וכיו״ב) כקרי״ס - כי ״זהו היפך הסדר דהשתלשלות״ <u>שקבע הקב״ה</u> (שער האמונה לאדהאמ״צ פל״ב. ובכ״מ).

גופא זיין טבע.

[און הגם אז ס׳איז א כלל אז ״אין סומכין על הנס״[46] - איז דאס בנוגע צו א א זאך וואס איז א נס בערכו; אבער בשעת דער נס ווערט זיין טבע, ווי דאס איז ביי א איד (ובפרט בחודש ניסן) בעניני טוב קדושה ועבודת ה׳ בתומ״צ (און דער נס שבזה איז נאר בערך צו אוה״ע און גדרי הבריאה) - קען און (אדרבה -) דארף ביי אים זיין ״סומכין על הנס״, כולל מיט דעם פירוש סומכין בכל כחו ווי דער דין איז בא קדשים[47] - און אידן זיינען דאך בטבע א ״גוי קדוש״];

וביחד עם זה - בלייבט ער ניט דערביי, נאר לאחרי ווי די הנהגה נסית ווערט זיין טבע, שטייגט ער נאך העכער צו א הנ-הגה נסית (בערך צו זיין איצט-יקע טבע), און מאכט אז דאס גופא זאל אויך ווערן א חלק פון זיין הנהגה טבעית, און אזוי נס למעלה מנס (נסי ניסים), דרגא למעלה מדרגא.

ו. ויש לומר, אז יעדן יאר בחודש ניסן (בדוגמא צו דעם ערשטן מאל ווען ״בחר ביעקב ובניו״) קומט צו א נייער, העכערער חידוש[48] (״החודש הזה לכם״) אין די ״נסי נסים נעשו לו״ וועלכע ווערן א חלק פון דער טבע פון אידן, אזוי אז די עבודה פון אידן בדרך הטבע במשך חודש ניסן און במשך די חדשי השנה הבאה (וועלכע זיינ-ען כולל אויבנאויפיק (לעיני אוה״ע) נאטירלעכע און גע-וויינלעכע וואכעדיקע טעג) זאלן זיין למעלה מדרך הטבע אפילו לגבי דעם ״טבע״ פון אידן במשך כל השנים שלפני זה (וואס איז אויך למעלה מדרך הטבע פון הנהגת העולם).

דאס הייסט בפשטות: די ענינ-ים וואס ביז איצטער וואלט ער (לדעתו) געדארפט אנקומען צו נסים בכדי זיי דורכפירן - איז דעם חודש ניסן באקומט ער דעם כח זיי דורכפירן בדרך הטבע שלו, אזוי אז דאס איז פאר אים א הנהגה רגילה בלי שום פלא והתפעלות[42] (דער פלא איז נאר ביי אנדערע וואס זיינען געב-ונדן צו הנהגת העולם), און דאס רופט ביי אים ארויס צו נוצן זיינע כחות צו ארויסגיין אפילו פון אט דער רגילות און דערגרייכן נאך א העכערן חידוש אין זיין עבודה, און - דאס זאל ווערן א חלק פון זיין גע-וויינלעכע הנהגה.

און אזוי גייט ער מחיל אל חיל מיום ליום ומרגע לרגע - אנהויבנדיק (און - זיכער) אין

---

46) פסחים סד, ב. זח״א קיא, ב. וראה שם רל, ב.

47) חגיגה טז, ב. רמב״ם הל׳ חגיגה פ״א ה״ט. הל׳ מעה״ק פ״ג הי״ג.

48) ע״ד המבואר באגה״ק סי״ד בנוגע לראש השנה (בחודש תשרי), שבכל ר״ה ״יורד אור חדש עליון יותר שלא הי׳ מאיר עדיין מימי עולם אור עליון כזה״. ויש לומר, שכ״ה (ובמכ״ש וק״ו) בחודש ניסן שהוא ״ראשון״ להנהגה נסית, שכל ענינו של נס הוא חידוש.

חודש ניסן (דער חודש הגאולה) עצמו, און אזוי אויך - אין די טעג שלאחר זה פון אלע חדשי השנה.

ז. דערפון איז פארשטאנדיק די הוראה פאר א איד שטייענדיק איצטער באם אנהויבס פון חודש ניסן פון א נייעם יאר (במנין חדשי השנה):

יעדער איד דארף מכריז זיין - "אויסשרייען" - דורך זיין הנהגה בפועל - לכל העולם כולו: אז מכאן ולהבא - פון דעם נייעם "החודש הזה" - פירט ער זיך אויף אין זיין גע-וויינלעכן טאג-טעגלעכן לעבן אין אן איבערנאטירלעכן אופן, א הנהגה נסית (בערך צו זיין הנהגה - די העכסטע דרגות שבה - אין די פאריקע יארן), אזוי אז אלע באי העולם זעען בעיני בשר, מיט זייערע פליישיקע אויגן, און שטייען דערפון בהתפעלות - אז דא איז א איד וואס זיין נאטירלעכע אויפפיר-ונג איז למעלה מדרך הטבע (שלהם), און פאר אים (דער איד) איז דאס גאר אן התפעלות, נאר (בלשון הקודש) - טבע, ובלשון העולם - א נארמאלע הנהגה, ובלשון פון עמא דבר - אז אנדערש קען גאר ניט זיין!

ביז אז פאר דעם אידן איז די הנהגה טבעית פון <u>עולם</u> אין אן אופן פון "<u>טבעו</u> בארץ" - <u>בא-האלטן</u>[49], וואס שטייט ביי אים בגלוי - באופן פון "ארים נסי" על ההרים (ועאכו"כ על פני הארץ) - איז הנהגה נסית!

ח. בשעת מ'פרעגט בא דעם אידן: ווי קען זיין אז א בשר ודם - אין א גשמיות'דיקן קער-פער, וועלכער איז לכאורה גע-בונדן צו חוקי הטבע - זאל קע-נען זיך אויפפירן העכער פון טבע, און <u>דאס</u> איז זיין הנהגה טבעית?

ענטפערט ער: ער איז געבארן געווארן א איד (ניט בבחירתו), מיט א נשמה וואס זי איז חלק אלוקה ממעל ממש, און אלס א טייל פון דעם אידישן פאלק, וועלכער איז "ממלכת כהנים וגוי קדוש" פון טויזנטער יארן צוריק (בא מתן תורה), און דאס איז ניט א זאך וואס בלייבט בעבר (צוריק), נאר דער "צו-ריק" ציט זיך שטענדיק דורך דעם קשר תמידי ונצחי ואמיתי[50] וואס יעדער איד האט מיט מתן תורה[51] און מיט די אידן אין אלע פריערדיקע דורות - אזוי אז יעדער איד בכל זמן ובכל מקום, איז א טייל פון "ממלכת כהנים וגוי קדוש", און ווי-באלד אז עבד מלך מלך, וישראל וקוב"ה כולא חד - האט ער דער-פון דעם כח, אז זיין טבע איז העכער פאר טבע, אזוי אז דאס איז גאר קיין פלא ניט, כנ"ל

49) ראה המשך תער"ב ח"ג ריש ע' א'רכג, שמפרש טבע מלשון העלם גבי <u>האדם</u> (שלא ניכר ונרגש טבע מדותיו).

50) והרי מדת האמת (מדתו של יעקב, שכל הנשמות כלולות בו) היא בריח התיכון המבריח מן הקצה אל הקצה (ראה תניא פי"ג), בכל הדרגות ובכל הדורות כולם.

51) ובפרט שכל נשמות ישראל היו במעמד הר סיני (פדר"א פמ"א. שמו"ר ספכ"ח. תנחומא פקודי ג. ועוד).

בארוכה.

און הגם אז מ׳שטייט אין חוץ לארץ און אין זמן הגלות, ווען "אותותינו לא ראינו"[52] (ניט ווי בזמן הבית ווען עס זיינען געווען נסים גלויים) - איז אדרבה: דער מטה מטה ביותר איז פארבונדן מיט דער גבוה גבוה ביותר[53]. ובנדו״ד: די נסים וועלכע זיינען בזמן הגלות (ויש לומר - אויך דער כח אז א איד זאל זיך אויפפירן אין א הנהגה נסית), ווען אין בעל הנס מכיר בנסו[54], זיינען נסים גבוהים ביותר - נאך העכער פאר די נסים בזמן הבית[55]!

דערפון איז פארשטאנדיק די געוואלדיקע כחות וואס מ׳גיט אידן דוקא אין זמן הגלות, ועאכו״כ אין עקבתא דעקבתא דמשיחא, ווען אויך מצד __הטבע__ (טבע הזמן דשיתא אלפי שנין דהוה עלמא[56]) איז שוין "כלו כל הקצין"[57], און מ׳האלט א זמן קצר ממש פאר דער גאולה [נוסף צו דעם וואס כוונת כל הגלות (גולה) איז בכדי מגלה זיין אין איר דעם אל״ף פון אלופו של עולם. און דערפון זאל ווערן "גאולה"[58]].

על אחת כמה וכמה (אז נוסף צו דעם זמן עצמו, קומט דאס) לאחרי דער ריבוי העבודה פון אידן במשך די אלע דורות (ובאופן פון יגיעה, וואס דאס אליין ברענגט שוין "ומצאת"[59], מציאה שלא בערך להיגיעה), ומתוך מסירת נפש שלמעלה מדרך טבע העולם, ובזה גופא - איז צוגעקומען א חידוש בחודש ניסן מדי שנה בשנה, שוין טויזנטער יארן זינט דעם ערשטן מאל ווען ס׳איז געזאגט געווארן "החודש הזה לכם" - וואס דורך דער עבודה האט מען שוין אויסגע-לייטערט און אויסגעאיידלט גש-מיות (און עאכו״כ מבטל געווען חומריות העולם, דורך הגברת הצורה על החומר), און געמאכט פון גשמיות רוחניות - איז __בודאי ובודאי__ אז איצטער איז גאר לייכט פאר א אידן צו טאן זיין עבודה למעלה מדרך הטבע, און נאך אין א העכערן אופן ווי אין די אלע דורות ביז איצטער.

ט. אין איינפאכע ווערטער:

יעדער איד דארף מכריז זיין בכל העולם כולו, דורך בא-ווייזן א דוגמא חי׳ אין זיין הנהגה בפועל וואס זאל אפ-קלינגען און זיך אנהערן איבער די גאנצע וועלט [נוסף צו דעם וואס ער איז דאס מכריז מיט א

52) תהלים עד, ט.

53) ראה שערי אורה נח, א ואילך. סה, א ואילך. ובכ״מ.

54) נדה לא, א. וראה רד״ה לעושה נפלאות תש״ד.

55) ולהעיר מהמבואר בכ״מ במעלת הנסים המלובשים בטבע לגבי נסים גלויים (ד״ה דרש עולא תרנ״ח. ששת ימים תרס״ח. המשך תער״ב ח״א ע׳ רעת. ח״ב ע׳ א׳קפח. ועוד).

56) ר״ה לא, א.

57) סנהדרין צז, ב.

58) ראה לקו״ת בהעלותך יב, ג. ובכ״מ.

59) מגילה ו, ב.

געשריי בכח הדיבור[60] שלו] - אז זייענדיק א איד, פירט ער זיך אויף געוויינלעכערהייט אין אן אויסערגעוויינלעכן אופן וואס איז העכער פון דרך הטבע (פון הנהגת העולם), און וויפל ער האט אויפגעטאן ביז איצטער - איז מכאן ולהבא (פון דעם נייעם חודש ניסן) טוט ער נאך מער אויסערגעוויינלעכע זאכן!

ובפשטות: יעדער מענטש האט זאכן וועלכע ער האט ביז איצטער ניט געוואלט אונטערנעמען טראכטנדיק אז ער האט ניט די כחות בדרך הטבע דאס דורכצופירן. צי אין שיעורים בלימוד התורה, צי אין שיעורי צדקה (מעשר אדער חומש אדער נאכמער דערפון), צי אין עבודת התפלה, ועד״ז אין זיין עבודה פון כל מעשיך לשם שמים און בכל דרכיך דעהו.

קומט איצטער א נייעם יאר (ראש וראשון לחדשי השנה) און לערנט אים, אז יעצט איז א העכסט-פאסיקע צייט צו אננעמען אויף זיך נייע טעטיקייטן וועלכע זיינען ביז איצטער אפשר ניט געווען בכחו (און ער וואלט דערביי געדארפט אנקומען צו א נס), און ער וועט אין דעם זיכער מצליח זיין ובדרך הטבע!

60) שהרי כל א׳ בודאי מנצל בפועל הכחות שהקב״ה נותן לו, כולל כח הדיבור [עם כל הפירושים שבזה, כולל - כח כנגד הכ״ח עתים, וכיו״ב], ועיקר - להוציא כח הדיבור ושאר הכחות שלו מן הכח אל הפועל.

י. בהתאם מיט דעם ״כלל גדול בתורה״ פון ״ואהבת לרעך כמוך״[61] - איז אין צוגאב צו אליין טאן אין דער ריכטונג, דארף מען אויך זעען משפיע זיין און איינווירקן אז אנדערע אידן זאלן זיך אזוי אויפפירן.

ובפרט שטייענדיק אין די שלשים יום קודם חג הפסח, און דערצו נאך - לאחרי ר״ח ניסן, בתוך השבועיים קודם החג [וואס דעמולט איז אפילו לדעת רשב״ג[62] דארפן זיך אנהויבן די הכנות החג]: ניט קוקנדיק וויפל ״מעות חטים״ מ׳האט שוין געגעבן און אויפגעטאן מיט אנדערע אידן - דארף מען איצטער (נאך ר״ח ניסן) צוגעבן אין דעם ביז באופן נסי בערך צו די פריערדיקע נתינה, אנהויבנדיק פון ״עניי עירך״ - ביז צו מאכן זיי אויס עניים, סיי בגשמיות - דורך געבן מעות חטים, און כל צרכי החג (מצה שמורה וכו׳), און ניט נאר ״די מחסורו״ נאר אויך ״אתה מחוייב לעשרו״, און כולל עניים בדעת (אין עני אלא בדעת[63]) - מאכן זיי עשירים בדעת (אין לימוד התורה וכו׳), אזוי אז דאס וואס בערכם איז ביז איצטער געווען א נס (שלא בערכם), זאל בא זיי ווערן זייער טבע ורגילות - ״כשולחן הערוך ומוכן לאכול לפני האדם״[64],

61) קדושים יט, יח ובתו״כ שם.
62) פסחים ו, סע״א.
63) נדרים מא, א.
64) ל׳ רש״י ר״פ משפטים.

ביז אז דאס ווערט דם ובשר כבשרו - א חלק פון זיין מציאות, שלו ממש (ניט נאר נקראת על שמו).

וכח הרבים מסייע, אז אפילו אויב ס׳איז דא א איד וואס ביי אים שטייט נאך ניט בגלוי דער ״החודש הזה לכם״, ״נסי נסים נעשו לו״ - טוט אין אים אויף דאס וואס ביי אנדערע אידן איז אזא מצב, ווארום ״כל ישראל ערבים זה לזה״[65], כולל דער פירוש ״ערבים״ מלשון עירוב (צוזאמענגעמישט), ומתוך ״ערבים״ מלשון עריבות (זיסקייט), בדרכי נועם ובדרכי שלום, מתוך אהבת ישראל.

*

יא. דער ענין איז אויך פארבונדן מיט פרשת השבוע - מיט וועלכע מ׳דארף איצטער לעבן - ״אשה כי תזריע וילדה זכר״:

יעדער איד איז בדוגמת אן ״אשה״ צו דעם אויבערשטן[66] (כביכול), ווארום ער איז מקבל פון דעם אויבערשטן אלע זיינע צרכים, ועאכו״כ דעם כח אויף זיין עבודה בטוב וקדושה. ביז אז דער אויבערשטער זאגט צו אידן ״ואתם תהיו <u>לי</u>״, ישראל וקוב״ה כולא חד (כנ״ל) - כביכול ״והיו לבשר אחד״[67].

וואס דאס גיט א אידן דעם כח אז <u>בטבע</u> ואתעדל״ת שלו זאל זיין ״(אשה כי) <u>תזריע</u> (און תיכף ומיד, בלי הפסק) <u>וילדה</u>״ - ״תולדותיהם[68] של (ועמך[69] כולם) צדיקים מעשים טובים״, און אין אן אופן פון ״<u>זכר</u>״, די עבודה איז א בת קיימא[66] (מעין דעם שיר לשון זכר, בגאולה שאין אחרי׳ גלות[70]), ביז אז - איש דרכו לכבוש[71], א קיום נצחי וואס איז כובש און מאכט איבער די וועלט. ד.ה. אז זיין אתעדל״ת (וטבע) שלו, ווערט אין אן אופן שלמעלה מטבע - ״וילדה זכר״, וועלכע טוט אויף א המשכה שלמעלה מסדר השתלשלות, אן אתעדל״ע שלמעלה מאתדעל״ע הבאה ע״י אתעדל״ת[*71], ביז - המשכת העצמות, און ניט נאר אז דאס קומט אלס א מסובב פון זיין עבודה, נאר זיין עבודה גופא (בטבע שלו) איז יולדת זכר, מצד דעם וואס ישראל וקוב״ה כולא חד[72].

*

יב. אין חודש ניסן עצמו איז דער ענין הנ״ל נאכמער בהדגשה ביום ג׳ בניסן[73] - ווען מ׳זאגט דעם נשיא לבני זבולון, כידוע דער מנהג פון אמירת הנשיא מר״ח ניסן ואילך, ״לקרוא פ׳ הנשיא שהקריב בו

65) שבועות לט, א. וש״נ.
66) ראה לקו״ת ריש פרשתנו.
67) בראשית ב, כד.

68) ב״ר ופרש״י ר״פ נח.
69) ישעי׳ ס, כא.
70) מכילתא בשלח טו, א. תוס׳ פסחים קטז, ב. וראה אוה״ח ריש פרשתנו.
71) קידושין לה, א.
*71) ראה לקו״ת שה״ש כד, א.
72) ראה בארוכה ד״ה אשה כי תזריע תשכ״ה (קונטרס ב׳ ניסן שנה זו).
73) דתלתא זימני הוה חזקה בימי חודש ניסן, שענינו ״ניסי ניסים״.

ביום״[74]:

אע״פ וואס אידן טיילן זיך בכללות אויף צוויי סוגים - יששכר וזבולון, יושבי אוהל (בדוגמת הנהגה נסית) און בעלי עסק (בדוגמת הנהגה טבעית - מסחר בעניני עולם), איז די עבודה פון זבולון שייך צו יעדער איד (אויך צו די וואס זיינען בדרגת יששכר), וכמבואר בתניא[75] אז אויך יושבי אוהל זיינען מחוייב בצדקה וגמ״ח (וואס שלימותו איז דוקא פון ממון משלו).

ובפרט ע״פ הידוע, אז דער עיקר שלימות פון לימוד התורה לשמה (כולל הפירוש - לשם התורה ממש) בטהרתה וועט זיין ערשט לע״ל (משא״כ בזמן הזה איז דער לימוד ע״פ רוב מיט פניות של קדושה עכ״פ. אדער נאכמער - שלא לשמה[76]). במילא קומט אויס, אז בזמן הזה זיינען (רוב) אידן שייך בעיקר צו עבודת זבולון.

על אחת כמה וכמה ווען מ׳שטייט אין יום שלישי בניסן, ווען מ׳זאגט דעם נשיא לבני זבולון - שטייט זיכער בהדגשה די עבודה פון זבולון בא יעדער איד (אויך די וואס זיינען בדרגת יששכר) - ניט לגריעותא ח״ו, נאר למעליותא:

ענינו פון זבולון איז - ״שמח זבולון בצאתך״, ״הצלח בצאתך לסחורה״[77]. ובעבודת כאו״א - גייט דאס אויף דער ירידה (יציאה) פון דער נשמה למטה אין עלמא דפרודא פון איר שרש למעלה (״טהורה היא״). די כוונה פון דער ירידה איז - טאן די עבודה פון זבולון - ״עוסק בפרקמטיא״, די יציאה לסחורה, וואס אין דעם באשטייט כללות עבודת כל אדם: צו מאכן א ״מסחר״ פון כל עניני העולם און זיי ״איינהאנדלען״ פאר דעם אויבערשטן[78], און דורך דעם איבערמאכן דעם שוק (מארק פלאץ) ורשות הרבים (וואו מ׳-

---

74) שו״ע אדה״ז או״ח סתכ״ט סט״ו. משל״ה מס׳ פסחים קמ, ב. וראה קונטרס משיחת ש״פ ויקרא תשמ״ז בתחלתו. וש״נ.

ולהעיר שאדה״ז בסידורו לא הביא מנהג זה [להעיר שיש עוד ענינים שלא הביא בסידורו, אף שנוהגים כן. ואכ״מ]. וגם לאחרי שהוסיפו זה בסידור תורה אור ותהלת ה׳ (וכן בעוד סידורים) - הוסיפו זה בסוף הסידור, לאחרי התפלות, וגם שם - רק נסמן על זה בהערה בשוה״ג להקריאות של ימי חנוכה (שגם קריאות אלו הן הוספה לאחר זמן), ואח״כ ההוספה - של ״יהי רצון״ (שאומרים אחרי הנשיא).

ואולי מפני זה נעשה חלישות ר״ל בקיום מנהג זה דאמירת הנשיאים (ובפרט בנוגע לאמירת ה״יה״ר״, שאף שהובא עד״ז בספרי גדולי ישראל*, לא נזכר זה בשו״ע, כמו אמירת הנשיא שהובא בשו״ע אדה״ז כנ״ל). ומצוה לחזק המנהג, ובאופן של חמורין עלי וחביבין עלי כו׳, עד לחביבות של מנהג ישראל (ע״ד המבואר בנוגע למנהג הקפות בשמח״ת - לקו״ת סוכות פ, ג).

75) אגה״ק ס״ה (קט, א).

---

*) מקדש מלך לזח״ג קצו, ב. ס׳ קב הישר פפ״ח. וראה ״היום יום״ א ניסן.

---

76) עד שלעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה כו׳ (פסחים נ, ב. וש״נ).

77) ברכה לג, יח ובפרש״י.

78) ראה סהמ״צ להצ״צ מצות לדון במו״מ.

פירט דעם מסחר) אז דאס זאל ווערן א רשות היחיד, ליחידו של עולם. און דורך דער עבודת המסחר למטה ווערט אויפגעטאן א ״ריוח״ (ווייל ״זבון וזבין תגרא איקרי״ בתמי׳[79]) - ירידה צורך עלי׳, די ירידת ויציאת הנשמה למטה ברענגט אן עלי׳ צו אן ארט וואס איז העכער פון דעם ארט פון וואנעט זי האט יורד געווען.

[און די עבודה איז אויך ביום השבת (די קביעות פון ג׳ בניסן בשנה זו): הגם אז שבת איז ניט קיין יום המעשה (מסחר)[80] - איז אבער דעמולט דא די עבודה פון ״מסחר״ פארן אויבערשטן בענינים (ומעשים) המותרים בשבת, ובכללות - בעניני קדושה, תורה ותפלה, ואדרבה: דער ״מסחר״ בשבת איז מסחר ומלאכת שמים].

און אין דער עבודה הנ״ל פון ״זבולון״ האט מען דעם לימוד בהדגשה פון חודש ניסן בכלל: ווי א איד שטייט אלס ״זבולון״ אין טבע העולם, פארנומען מיט עובדין דחול - מאכט ער דערפון אלעם א ״מסחר״ פאר דעם אויבערשטן; אין זיין הנהגה טבעית הערט זיך ווי דאס איז א הנהגה שלמעלה מעולם - א רשות היחיד, ליחידו של עולם, ביז מ׳באקומט דערפון די ״ריווחים״ פון ברכת ה׳, ״וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה״, עאכו״כ אין ״כל אשר תעשה״ פארן אויבערשטן.

79) ב״מ מ, ב.

80) ובלשון הקבלה והחסידות: עליית העולמות מעולם המעשה לעולם המחשבה (ראה אוה״ת בראשית . ועוד).

*

יג. נאך אן ענין אין דעם שבת איז דאס וואס זי קומט למחרת ב׳ ניסן, דער יום ההילולא פון דעם רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע (ווען כל עבודתו אשר עבד כל ימי חייו שטייט בגלוי[81]) און יום התחלת הנשיאות פון בנו ממלא מקומו - כ״ק מו״ח אדמו״ר[82], נשיא דורנו.

איינער פון די ענינים עיקריים פון דעם רבי׳ן (רש״ב) נ״ע איז - די התייסדות פון ישיבת תומכי תמימים, פריער - אין איין ארט, דערנאך (לאחרי הגלויות שבזה) האבן זיך פאנ-אנדערגעשפרייט אפטיילונגען פון דער ישיבה איבער דער גאנ-צער וועלט[83].

דער אויפטו פון דער ישיבה איז - א מקום פון לימוד נגלה דתורה ופנימיות התורה (און ווי זיי זיינען א תורת אחת, ״תורה תמימה״[84]) בקביעות ובהתיישבות[85] (אע״פ וואס אויך פאר דעם האט מען געלערנט נגלה און חסידות, אבער ניט אין דעם אופן של קביעות והתיישבות ממש

81) אגה״ק סכ״ח.

82) ראה קונטרס ב׳ ניסן שנה זו בסופו.

83) כמה מהם - בשינוי שם קצת, אבל תוכן ואופן הנהגת הישיבה ואופן הלימוד הוא ברוחה של תומכי תמימים.

84) ראה ״התמים״ חוברת א ע׳ כד [יג, ב] ואילך. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״י ע׳ ד. ע׳ שסח. וראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 314.

85) ראה גם לקו״ש שם.

וואס איז געווארן דורך התייס־דות הישיבה). וכמובן ופשוט (און מ'זעט במוחש) ווי לימוד התורה (נגלה וחסידות) אין א ישיבה - טוט אויף פי כמה וכמה אין די תלמידי הישיבה, און דורך זיי (לאחרי חתונתם) - אין בני ביתם, און אלע זייערע מושפעים - בנוגע צו זייער גאנצע עבודה (אויך לאחרי ווי זיי גייען ארויס מכותלי הישיבה), בלימוד התורה ובקיום המצוות בהידור, מתוך יראת שמים וחסידות, און אויך - אין כל מעשיך יהיו לשם שמים און בכל דרכיך דעהו, כולל ועיקר - צו טאן אין די אלע ענינים מתוך מסירת נפש, פון יוצאי למלחמת בית דוד[86], באופן שלמעלה מדרך הטבע.

עאכו"כ לאחרי וואס ס'איז דורך אזויפיל יארן זינט התייסדות הישיבה, און אפילו אויב עס זיינען אמאל געווען מניעות ועיכובים בקשר להישיבה (ובפרט במדינה ההיא) - וואס באמת איז דאס אויך געווען בדרך נסיון, שברובו אין לו ממש (איז בלויז א דמיון) - זיינען שוין איצטער ניטא קיי־נע מניעות, און נאכדעם וואס רבותינו נשיאינו (דער מייסד הישיבה, און דער מנהל פועל שלה - עד היום הזה, באופן נצחי) האבן דורכגעטראטן די וועג דורך התייסדות והנהלת הישיבה, און נאך דעם ריבוי הלימוד והעבודה וואס איז גע־ווען אין דער ישיבה במשך כל השנים זינט התייסדותה - איז איצטער נאך לייכטער אויספירן רצון מייסד ומנהל הישיבה, בלי שום מניעות ועיכובים, נאר ואדרבא - באופן של הוספה על גבי הוספה, אין אלע ענינים וואס די ישיבה דארף אויפטאן, ובכללות - הפצת התורה והיהד־ות, ובמיוחד - הפצת המעינות חוצה.

עס איז כדאי, אז די אלע וואס האבן געלערנט (אדער לער־נען איצטער) אין דער ישיבה (אדער די וואס האבן ניט גע־קענט אליין לערנען מסיבות שאינן תלויות בהן, אבער זיי האבן געשיקט זייערע קינדער און קינדס-קינדער דארט לער־נען) , און בני ביתם ומושפעים שלהם - זאלן נעמען א מינוט (און "מער" דערפון) און זיך אריינטראכטן אין דעם וואס די ישיבה האט געווירקט אויף אים, און דארף אויף אים ווייטער ווירקן - בחיזוק בלימוד התורה, נגלה און פנימיות התורה, וקיום המצוות בהידור, ועבודת התפלה, און כל מעשיך לשם שמים און בכל דרכיך דעהו.

ובפרט אז מ'שטייט בתחלת שנת השבעים זינט ב' ניסן תר"פ, דער יום ההילולא ויום התחלת הנשיאות הנ"ל. און אויך - בשנת הארבעים פון תש"י[87].

86) כשיחה הידועה של מייסד הישיבה (אדמו"ר נ"ע) לתלמידי הישיבה - שמח"ת תרס"א. נדפסה בס' השיחות תש"ב ע' 141 ואילך. לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך.

87) ראה קונטרס משיחת ש"פ בא וש"פ

זיכער איז איבעריק צו מסביר זיין בארוכה אין וואס דארף באשטיין די התבוננות; יעדערער וואס האט נאר אן אנונג אין דעם וואס תומכי תמימים דארף אויפטאן - פארשטייט דאס אליין, און אויב ער דארף מער ביאור - קען ער זיך ווענדען צו א צווייטן וועלכער וועט עס אים מסביר זיין.

יד. דאס אלעם גיט נאכמער צו אין די מעשינו ועבודתינו פון אידן במשך כל הדורות, וועלכע האט פארלייכטערט די וועג פאר אונזער עבודה איצטער (כנ״ל ס״ח), ובמיוחד - דורך הפצת המעינות חוצה ע״י גילוי תורת החסידות און התייסדות ישיבת תומכי תמימים בפרט,

וכשיפוצו מעינותיך חוצה - האט מען די הבטחה (פון משיח צדקנו) אז דעמולט ״אתי מר״ דא מלכא משיחא[88], בגאולה האמיתית והשלימה,

וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[89], ויש לומר אז דאס איז כולל דעם פירוש - אז דער אויבערשטער באווייזט די נפלאות וועלכע אידן טוען, ביז ״אראנו נפלאות״ כפשוטם - די נפלאות של הקב״ה, נפלאות אפילו בערך צו די נפלאות ביציאת מצרים[90],

און מ׳איז מסיים די אלע ״מסחרים״ בזמן הזה און מ׳קלייבט צוזאמען אלע ״ריווחים״, אנהויבנדיק פון ״עולמך תראה בחייך״[91] איצטער נשמות בגופים, ביז - עולם הבא בפשטות, בחייך תראה,

והקיצו ורננו שוכני עפר[92], און די מייסדי הישיבה - דער בעל ההילולא און כ״ק מו״ח אדמו״ר - בתוכם,

און מ׳גייט אלע צוזאמען אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, לביהמ״ק השלישי תיכף ובטוב בחודש ניסן, און מ׳פראוועט דארט חג הפסח, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים[93].

בשלח שנה זו.

88) אגה״ק דהבעש״ט הידועה - נדפסה בכתר שם טוב בתחלתו. ובכ״מ.

89) מיכה ז, טו.

90) אוה״ת עה״פ שם.

91) ברכות יז, א.

92) הגש״פ ברכת ״אשר גאלנו״, מפסחים קטז, ב במשנה.

בס״ד. השלמות לשיחות ש״פ תזריע, ג׳ ניסן ה׳תשמ״ט.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[בענין הגאולה העתידה - בהמשך להמדובר ע״ד ישיבת תומכי תמימים כו׳]:

א. און מ׳וועט דעמולט זוכה זיין צו תורה חדשה מאתי תצא. וואס מעין זה האט מען איצטער - טועמי׳ חיים זכו[1], כולל די ענינים בפנימיות התורה וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט מגלה געווען.

[בענין ג׳ בניסן]:

ולהעיר אז דאס איז פארבונדן מיט מתן תורה וואס איז געווען ״ביום השלישי״[2], וביום השבת - לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה[3].

[בענין שטבע בנ״י מתולדותם הוא למעלה מן הטבע]:

נוסף לזה וואס אידן זיינען געבארן געווארן מיט דער טבע (של נפש האלקית, ביז אויך פון נה״ב) פון ביישנים רחמנים וגומלי חסדים[4], ר״ת גבר[5] און ר״ת בשר[6] - זיינען זיי געבארן געווארן אויך מיט א טבע פון למעלה מדרך הטבע.

[בענין ההכרזה וגעשריי של יהודי בכל העולם]:

און אפילו לאחרי וואס ער גיט איין מאל א געשריי - גיט ער נאך א געשריי, און נאך א געשריי. און בשעת מ׳פרעגט ביי אים: וואס איז דער געשריי נאכאמאל, האסט דאך שוין געשריען נעכטן און אייער-נעכטן? ענטפערט ער, אז דאס איז ניט די זעלבע געשריי, נאר א נייע געשריי, ווארום וויבאלד אז דער פריערדיקער געשריי (למעלה מן הטבע) איז געווארן זיין טבע, פאדערט זיך א נייע געשריי, ארויס פון זיין איצטיקער טבע!

[בנוגע להוספה בסידור ע״ד המנהג דאמירת הנשיאים]:

בשלמא בנוגע צו די קריאות פון חנוכה - איז וויבאלד אז דאס איז אן ענין שבציבור, וועט דער גבאי אויף דעם דערמאנען; אבער אמירת הנשיאים איז ע״י **היחיד**, במילא קען אין דעם ווערן א חלישות.

[בענין נשיא לבני זבולון בג׳ ניסן]:

וואס דאס קומט לאחרי דער נשיא פון ב׳ ניסן - ״ביום השני הקריב נתנאל בן צוער נשיא יששכר״[7]. וכידוע דער מאמר ד״ה זה[8]

---

1) ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 282. וש״נ. 2) יתרו יט, טז. 3) שבת פו, ב. 4) יבמות עט, א. 5) מגלה עמוקות אופן יא בסופו. של״ה חלק תושב״כ שמות שז, א. ועוד. 6) ראה קונטרס משיחת ש״פ משפטים שנה זו ס״ח. 7) נשא ז, יח. 8) דשנת תרפ״ה.

בקשר מיט דער יום הילולא פון ב׳ ניסן. און אויך דער מאמר מיט דער התחלה פון דעם רבי׳ן מהר״ש[9], לכתחילה אריבער.

[בענין עבודת המסחר דזבולון לעשות רשות היחיד מרשות הרבים]:

ועד״ז אין אידן גופא - צו מאחד זיין אלע פרטים וחילוקים צווישן אידן, וואס יש ששים ריבוא נשמות לישראל, און די ששים ריבוא כללים טיילן זיך אויף ששים ריבוא ניצוצות פרטיות וכו׳ (כמבואר בתניא[10]) - איז מען זיי אלע מאחד מיט דעם אויבערשטן, ישראל וקוב״ה כולא חד.

[בהמשך הענין דעבודת זבולון]:

ב. ובפרט אז מ׳האט אויף דעם אויך דעם כח הציבור פון ברב עם, וואס דאס גיט צו נאכמער אין דער עבודה הנ״ל.

דערפאר איז כאן המקום, אז די וואס האבן צוגעשטעלט אויבן משקה המשמח, זאלן אויך אליין ארויפגיין אויבן, און מכריז זיין לפני כל עם ועדה וועגן וואס עס רעדט זיך.

ויה״ר אז מהם יראו וכן יעשו רבים. ובפרט אז אויך די עסקנים וועלן צוגעבן בהחלטות טובות צו מוסיף זיין אין זייער עסקנות און סחרה׳ריי (עבודת זבולון), בזמן המתאים ובמקום המתאים.

ומתוך שמחה, וואס איז פורץ אלע גדרים, נוסף אויף דער פריצת גדר פון כח הציבור, און פריצת גדר בהנהגת המלך (כנ״ל).

און מ׳וועט גיין מיט אלע מסחרים און מיט אלע ריווחים - אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

ג. לאחרי וואס דער גאנצער עולם וועט מכריז זיין ״עד מתי״ - וועט מען מסיים זיין, כרגיל, מיט זינגען דעם ניגון ״שיבנה בית המקדש״. ויה״ר אז פון דעם זאל גלייך זיין יבוא ויתגלה דער ביהמ״ק השלישי, העומד בנוי ומשוכלל למעלה[11] מאז ותמיד, דא למטה; ירושלים של מעלה - אין ירושלים של מטה, און דער ביהמ״ק של מעלה אין דעם ביהמ״ק של מטה, מקדש אד׳ כוננו ידיך[12], ומתוך שמחה וטוב לבב.

און דערנאך זאל מען זינגען א ניגון שמח, א ניגון פון שמחת

---

9) תרכ״ט. 10) פל״ז. 11) רש״י ותוס׳ סוכה מא, סע״א. 12) בשלח טו, יז.

תורה. ויה״ר אז דאס זאל זיין א הכנה צו דער שמחה חדשה פון לימוד תורתו של משיח און לימוד תורה חדשה, ולא עכבן אפילו כהרף עין[13], תיכף ומיד ממש.

[הקהל שי׳ הכריז ״עד מתי״ (כמה פעמים). אח״כ צוה כ״ק אדמו״ר שליט״א להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. אח״כ צוה לנגן ניגון שמח״ת (ניגון הקפות דאביו רלוי״צ ז״ל). ובאמצע הניגון עמד כ״ק אדמו״ר שליט״א מלא קומתו, ורקד על מקומו בחוזק.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה. ויה״ר אז עס זאל שוין זיין די ״ברכה אחרונה״ אויף דעם גלות, בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש].

---*---

13) מכילתא ופרש״י בא יב, מא

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

הנחת הת׳ בלתי מוגה

•

הבהיר י״א ניסן ה׳תשמ״ט

יום הולדת כ״ק אדמו״ר שליט״א

לאורך ימים ושנים טובות ובריאות

•

יה״ר אשר השי״ת יחזק את בריאות כ״ק אדמו״ר שליט״א ויצליחו בהצלחה רבה ומופלגה בכל ענייניו ופעולותיו הק ויוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה במהרה בימינו ממש.

■

נדפס ע״י

הרה״ת ר׳ **יוסף יצחק**

ומשפחתו שיחיו

שניאורסאהן

הכתובת לחשיג ח״חנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 0-3-9606887

בחו״ל: AAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213
EL. (718) 774-6448 FAX# (718) 774-7FAX (329)

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

וב״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי' מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי' מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי' מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי' מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי' גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט״א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ״ק אדמו״ר זי״ע